STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06525

IN YENE TEG

Ben Gold

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בען גאָלד / אין יענע טעג

בען גאָלד

אין יענע טעג

נאָוועלע

בען גאָלד בוך־קאָמיטעט

Ben Gold

IN YENE TEG

IN THOSE DAYS

Copyrigt © 1970
BY BEN GOLD
New York, N.Y.

363

Published by **BEN GOLD BOOK COMMITTEE**

בען גאָלד בוך־קאָמיטעט

א. ווייס, פּאָרזיצער

א. האַרטינסטיין, וויצע־פּאָרזיצער

מערי פליישמאַן, פינאַנץ־סעקרעטאַר

ווערא טעפּט, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר

דזשעק און סאָניע שניידער

בעלאַ גאָלדווירט

מעקס נון

לואיס ווייס

מאָרי בראַון

ענאַ באָגדאַנסקי

טשאַרלי און בעסי נעמעראָף

דאָרא ברעסלער

אסתר גרינבערג

אַלעקס רובינסטיין

משה גאַרפּין

סעם רעזניק

דזשימי לאַפּענאַ

לילי קעלערמאַן

אסתר גראָסמאַן

רוט סטרים

בעקי פרידמאַן

אַדרעס פון פינאַנץ־סעקרעטאַר:

MARY FLEISCHMAN, *Recording Secretary*

642 East 34th St., Brooklyn, N.Y. 11203

געווידמעט

צו די פּראָגרעסיווע נאָדל־טרייד אַרבעטער, וואָס האָבן אויפגעשטורעמט די אַרבעטער־באַוועגונג מיט זייערע מוטיקע און אומדערמידלעכע מאַסנקאַמפּן צו באַפרייען די טרייד־יוניאָנס פון קאָרופּציע און גענגסטעריזם, קעגן רעאַקציע, פאַשיזם און אימפּעריאַליסטישע מלחמות, — פאַר פּראָגרעסיווע טרייד־יוניאָנס און פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַמעריקע, און צו זייערע איבערגעגעבענע פירער:

דזשעק שניידער

אירווינג פּאָטאַש

מאַרי בראַון

י. רעזניק

אברהם ווייס

לואי ווייס

טשאַרלי נעמעראָף

אַלעקס קאַלקין

עדי סטאַרק

סעם לייבאָוויץ

סעם ליפּצין

יוסף ראַפּאַפּאָרט

מערי פליישמאַן

מאַניע פּוירלמאַן

סערע דאָרנער

מאיר זאַקהיים

כבוד זייער אָנדענק!

מאָריס לאַנגער, דערמאָרדעט פון גענגסטערס

דזשאָו קליינמאַן און מאָריס דזשעלין, געפאַלן אין שפּאַניע

יוסף באָרוכאָוויטש

ד. ה. קאָהן

באַרנעט קופער

מאָריס קאָהן

מאָריס פינטשעווסקי

מאָריס טעפּט

פרענק בראַנסטאָן

איזידאָר מאָסקאָוויץ

זאַנוויל וואָלין

איזידאָר וויסבערג

ראָוז וואָירטיס

פעני גאָלאָם

מנשה סוראָף

אסתר פּאָלאַנסקי

פעני וואַרשאַפסקי

מ. גראָס

יאַנקל גאָלדמאַן

עליאָס מאַרקס

ווינער

ענאַ טאָמאָס

דזשוליוס פליים

איידאַ ראָטשטיין — און פיל רענק און פאַילער.

בען גאָלד

ערשטער
טייל

גאָדל נאָטע־באַנצעס

פּערעלע, די יונגע, שיינע רביצין, — דאָס צווייטע ווייב פון דעם שטאָ־טישן רב ר׳ ברוכל, — האָט מיט גענייטע הענט ארומגעטאַפּט דאָס שייטל אויף איר קאָפּ, האָט אין איינוועגס אַ גלעט געטאָן דאָס פּנים, און דערנאָך אַראָפּ־געצויגן דאָס סאַטינענע רעקעלע, וואָס האָט אָנגעשטייפט איר פולן בוזעם און דערגייכט כמעט ביז אירע היפּשע היפטן.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט די קליינע, אָבער פאַר איר וויכטיקע הכנות, האָט זי פאָרזיכטיק און שטיל געעפנט די טיר פון דעם גרויסן, פיר־עקעכדיקן צימער, וואו רב ברוכל איז געזעסן פאַרטיפט אין דעם אָפענעם ספר, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויף דעם קיילעכדיקן טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ זויבער־ריינעם ווייסן טישטוך, און זיך שטיל אַריינגעשלייכט אין צימער.

— ברוכל ! — האָט זי כמעט אַ פאַרשולדיקטע, וואָס זי שטערט דעם רב אין זיין לערנען, ארויסגעשעפּטשעט.

דער רב איז געבליבן ווי פריער פאַרטיפט אין דער קאָמפּליצירטער, פּילפּולדיקער פּאָלעמיק פון די תנאים. די רביצין האָט דרייסטער, אויף אַ ביסל אַ העכערן טאָן, אַ זאָג געטאָן :

— ברוכל, גאָדל נאָטע־באַנצעס איז געקומען זען דעם רב.

רעב ברוכל האָט ארויסגעהויבן דעם קאָפּ פון ספר. זיין צאַרט, בלאַס פּנים האָט זיך פאַררויטלט. זיינע בלויע, מילדע אויגן האָבן אַ בליץ־געטאָן, ווען ער האָט דערזען די רביצין. מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים האָט ער ארויסגעציילט די ווערטער :

— גאָדל נאָטע־באַנצעס ? ווער איז דער ייִד, האַ ?

די רביצין האָט זיך דערפילט דערמוטיקט, ווייל ערשטנס האָט זי גוט באַמערקט ווי דעם רבס פּנים האָט אויפגעלויכטן ווען ער האָט זי דערזען, און צווייטנס, האָט אַ געפיל פון הנאהדיקן שטאָלץ אַ קוועל געטאָן אין איר, וואָס דער הויך־געלערנטער און קלוגער רב, וואָס ווייסט און פאַרשטייט אַלעס און קאָן אַלעמען אין שטאָט ; ער, וואָס שמ׳ט מיט זיין גאוניש׳ן זכרון, דאַרף זיך ביי איר נאָכפרעגן, — האָט זי שוין מיט איר נאַטירלעכער מעלאָדישער שטים אַ זאָג געטאָן גלאַט אַזוי, ווי איר ענטפער וואָלט געווען אַן אומוויכטיקע קלייניקייט :

— דער גאָדל נאָטע־באַנצעס איז אַ „מענטש״ ביי רעב וועלוועלען. ער לאַטעט, דוכט זיך, זעק ביי רעב וועלוועלען.

— פּערעלע לעבן, קרוין מיינע, זאָלסט מיר געזונט זיין, — האָט דער

רב שטיפעריש, מיט אַ דין שמייכעלע, אַ זאָג געטאָן:

— וואָס, איך בעט דיך, ווייס איך וועגן לאַטעז זעק, האַ? און וואָס, איך בעט דיך, פאַר אַן עצה קאָן איך אים געבן וועגן פאַרלאַטען אַ לעבעדיקן זאַק, האַ?

— אַ געזונט אויף דיין קלוגן קאָפּ, — האָט די רביצין מיט אַן איידל שמייכעלע ווי אַרויסגעזונגען, — דער ייד איז געקומען צום רב מסתם וועגן אַ וויכטיקן ענין, און ניט, חלילה, פרעגן ביים רב אַן עצה וועגן לאַטען זעק.

— האָסט אים געפרעגט, פערעלע וועגן וואָס פאַר אַן ענין ער וויל מיך זען?

— ניין, ברוכל, כ'האָב אים גאָרניט געפרעגט. ער איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין אַ דערשלאָגענער, און ווי יעדער אָרעמאַן הכנעהדיק מיך גע־פרעגט צי ער מעג זען דעם רב. דאָס אַלעס. גלייב מיר, ברוכל, אַז ער איז זיכער ניט געקומען צו רעדן מיט דיר וועגן לאַטען זעק.

— נו, מילא, אַז דו, פערעלע לעבן, זאָגסט, גלייב איך דיר, זאָל ער אַריינקומען, — האָט דער רב געזאָגט מיט דער זעלבער זיכערקייט אין קול, ווי ער וואָלט פּסקענען אַ שאלה וועגן כשר און טריף.

ווען גאָדל האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון רבס צימער, איז ער גע־בליבן שטיין ווי אַ דערשראָקענער. די שאַפעס מיט ספרים, דער רב מיט זיין שיינעם, איידעלן פּנים, זיין ווייסע, לאַנגע, געקרייזלטע באָרד, דער אָפענער ספר אויפן קיילעכדיקן טיש, דאָס שניי־ווייסע טישטוך, — אַלץ אין רבס צימער האָט ביי גאָדלען אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ. גאָדל האָט דערפילט, אַז ער האָט פּלוצים אַריבערגעשפּאַנט פון זיין פּראָסט־וואָכעדי־קער וועלט, אין אַ וועלט פון יום־טוב און הייליקייט, וואָס איז פאַר אים אינגאַנצן אַ פרעמדע וועלט.

— נו, גאָדל נאָטע־באַנצעס, וואָס ביזטו געבליבן שטיין ביי דער טיר?

— האָט ער דערהערט דעם רבס ווייכע, פריינטלעכע שטים, — קום נע־ענטער, נעם אַ בענקל און זעץ זיך.

דעם רבס פריינטלעכע שטים, זיין ווענדונג צו אים ווי צו אַן אייגענעם, האָט באַרואיקט גאָדלען. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגערוקט אַ בענקל פונקט אַנטקעגן רב און זיין גרויסער, געזונטער קערפּער האָט זיך דרך־ארצדיק אַרונטערגעלאָזט אויפן בענקל.

— איז וואָס, גאָדל, האָט דיך געבראַכט צו מיר? — האָט רעב ברוכל אַ פרעג געטאָן. ער האָט אָנגערירט דאָס בלעטל פון ספר, וואָס איז פאַר אים געלעגן אָפן מיט די שפּיץ פינגער, אַ קוש געטאָן די פינגער און עס פאַרמאַכט.

גאָדל האָט מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט אַלע באַוועגונגען פון רב. ווען דער ספר איז שוין געלעגן אַ פאַרמאַכטער, האָט ער זיך אַ רוק געטאָן אויפן בענקל נעענטער צום טיש און אַרויסגעברומט מיט זיין טיפער, באַסאָווער שטים:

— רבי!

גאָדל האָט זיך ווי דערשראָקן פון זיין אייגענעם שווערן קול וואָס האָט זיך עפּעס ניט אַריינגעפּאַסט אין רבס צימער, — איז ער שטיל געבליבן אויף אַ רגע און האָט דערנאָך אויפסניי אָנגעהויבן אויף אַ שטילערן קול:

— וואָס ס'האָט מיך געבראַכט צום רבין? — מיין צעלעכערטער דאָך האָט מיך געבראַכט צום רבין.

רעב ברוכל, כאָטש ער איז געווען געוואוינט צו פאַרשידענע פאַר־פּלאָנטערטע ענינים און טענות, איז דאָך געבליבן אַביסל פאַרחידושט. מיט איבערטריבענעם געדולד האָט ער רואיק און געלאָסן אַ פרעג געטאָן:

— וואָס אַ שטייגער מיינסטו דערביי, גאָדל? דערצייל, גאָדל, פונעם אָנהייב, אַזוי אַז מיר זאָלן קלאָר פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין.

— זייער גוט, רבי, פון אָנהייב, זאָל זיין פון אָנהייב, — האָט גאָדל פרייער גענומען רעדן. — דער רבי ווייסט מסתם, אַז מיין עלטערער ברו־דער שמעון־דוד איז אין אַמעריקע. ווי קומט מיין שמעון־דוד קיין אַמע־ריקע? ווערט מסתמא דער רבי פרעגן. איז די מעשה אַזוי: מיין טאַטע, נאָטע־באַנצעס, עליו־השלום, האָט געדינט ביי רעב וועלוועלען, — ביי די פערד איז ער געווען. וועגן פערד האָט מיין טאַטע פאַרשטאַנען מער ווי די אויסגעשטודירטע דאָקטוירים. האָט מיין טאַטע גענומען צו זיך מיין עלטערן ברודער שמעון־דוד, הייסט עס, און אים געלערנט די סודות, פונקט ווי מיין זיידע האָט געלערנט דעם טאַטן.

— ווען מיין טאַטע איז, נעבעך, אַוועקגעפאַלן, געשטאָרבן הייסט עס, האָט מיין שמעון־דוד איבערגענומען, האָט אַכטונג געגעבן אויף די פערד, און איז אויך געווען רעב וועלוועלעס שמייסער, געפירט הייסט עס, ר' וועלוועלען אין שטעט און דערפער, וואו ר' וועלוועלע האָט זיינע מסחרים.

— האָט אַזוי פּאַסירט, אַז שמעון־דוד האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינע פייגע־לאה, וואָס איז געווען אַ דינסט ביי ר' וועלוועלען. ר' וועלוועלע האָט זיי געגעבן צוויי הונדערט רובל מזומן אַלס חתונה מתנה, און באַלד נאָך דער חתונה זענען שמעון־דוד מיט זיין שיינער פייגע־לאה אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

— זיי מיר מוחל, גאָדל, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָט דאָס אָבער צו טאָן מיט דיין צעלעכערטן דאַך, און מיט דיין קומען צו מיר? — האָט

דער רב אין אַ פריינטלעכן טאָן איבערגעשלאָגן גאָדלען.

— אַט וועגן דעם רעדט מען דאָך, — האָט גאָדל געענטפערט, — אין אַמעריקע איז שמעון־דוד געוואָרן אַ גביר, אַ מיליאָנער.

— אַזוי גאָר ?! — האָט רעב ברוכל אַ זאָג געטאָן אַן אויפגעלייגטער.

— טאַקע אַ מיליאָנער ? אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער ?

— יאָ, רבי, אַן אמתער מיליאָנער. ער פאַרמאָגט לאַנד, אַ סך לאַנד, פעלדער און וועלדער, און פערד און בהמות, און הייזער און שטאַלן — אַן אמתער גביר. וויל, הייסט עס, מיין שמעון־דוד, אַז איך זאָל מיט מיין פאַמיליע אַרויספאָרן צו אים קיין אַמעריקע. אָבער צוליב וואָס, רבי, דאַרף איך אַמעריקע ? מיין עלטסטע שיינע און געראָטענע טאָכטער, גאָלדעלע, איז אַ נייטאָרין, אַ פאַרדינערין, און דאַרף שוין צו מיר ניט אָנקומען, און מיין עלטסטער זון, נאָטקע, — ער הייסט נאָך מיין טאַטן, — איז אַ בעקער און שטייט שוין אויף אייגענע פיס, און מיין מיזיניק יאַנקעלע, ער איז קוים זעבצן יאָר אַלט, קלוג און געלערנט, רבי, אַרבעט ער שוין ביי ישראל־לייב קאַוואַל, און ער לעקט פון אים די פינגער. ער איז שוין כמעט אַ פאַלנער באַלמעלאָכע ; איז צו וואָס, רבי, דאַרף איך אַמעריקע ?

דער רב איז געוואָרן אַביסל אומגעדולדיק. ער האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף דער פאַרענטשע פון זיין געבעטן שטול און טרוקן אַ זאָג געטאָן :

— דאָס אַלעס, גאָדל, איז טאַקע זייער פיין, אָבער וואָס ווילסטו פון מיר ? און וואָס האָט דאָס אַלעס צו טאָן מיט דיין דאָך ?

— אַט וועגן דעם רעדט מען דאָך, — האָט גאָדל אַ ברום געטאָן. — האָב איך, רבי, געשריבן צו מיין ברודער שמעון־דוד קיין אַמעריקע, אַז פאָרן פאָר איך ניט אין ערגעץ, נאָר אַזוי ווי מיין דאָך איז צעלעכערט ווי אַ צעלעכערטער זאַק, און ווען עס רעגנט מוזן מיר אונטערשטעלן די מולטער, די מאַקערטעס, שיסלען, טעפ און די קעסלען, — אָבער עס העלפט ניט, עס גיסט פון אַלע זייטן, עס רינט פון די ווענט, און אין שטוב איז אַ מבול. איז אויב, הייסט עס, מיין שמעון־דוד קאָן און אויב ער וויל, זאָל ער מיר שיקן געלט אויף אַ נייעם דאָך. און נעכטן, רבי, האָב איך באַקומען פון מיין ברודער פון אַמעריקע צוויי הונדערט רובל מזומן געלט פאַר אַ נייעם דאָך.

רעב ברוכל האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אַריינגערעדט צו גאָדלען :

— נו, איז זיך טאַקע זייער גוט. באַשטעל־זשע דיר אַ טעסלער צו לייגן אַ נייעם דאָך, איך בין דאָך ניט קיין טעסלער.

— לאַנג לעבן זאָל דער רבי, — האָט גאָדל אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַרציק־באַסאָווע געלעכטערל, — נו, אַוודאי, אַוודאי איז דער רבי ניט קיין טעס־

לער. דער רבי איז אַ רבי, זאָל לעבן, און באַשטעלן וועל איך טאַקע לייזערן, דעם טעסלער. אָבער כ׳האָב עפּעס מורא.

— פֿאַרוואָס? — האָט דער רבי געפֿרעגט מיט אויפֿריכטיקן חידוש.

— ווייל... ווייל... רבי, לייזערן קאָן איך, ווי איך קאָן מיינע אייגענע צען פֿינגער. ער איז שוין איינמאָל אַ קאַנאַריק! פֿאַרשטייט איר מיך, רבי, דער דאָזיקער לייזער וועט זיך ניט רירן פֿון אָרט ביז וואַנען איך וועל ניט אָפּציילן אַ פּעטן אַדערויף, און אַזוי גיך ווי ער וועט אַראָפּלאָזן די קלינגערס אין קעשענע, וועל איך בלייבן מיטן אַלטן, צעלעכערטן דאַך. אַט וועגן דעם רעדט מען, רבי.

— האָט דאָך אָבער גאָט מיך באַגליקט מיט אַ ווייב אַ חכמת, זאָגט זי מיר, מיין חוהלע, זאָל געזונט זיין, דו, גאָדל, גיי אַוועק צום רב רעב ברוכל, לייג איין ביי אים די צוויי הונדערט רובל און זאָל לייזער ממזר, דאָס הייסט, לייזער טעסלער, וויסן, אַז ער האַנדלט ניט מיט גאָדל נאָטע־באַנצעס, דער זאַק־לאַטוטניק, נאָר אַז ער האַנדלט מיט דעם רב. מיט דעם רבין וועט ער קיין פֿוילע שטיק ניט פּראָווען. ווען ער וועט לייגן דעם דאַך, וועט ער קריגן זיין געלט פֿון דעם רב. אַ קלוגע יידענע, מיין חוהלע, רבי, אַ מאַנסבילשן קאָפּ טראָגט זי אויף די פּלייצעס. און איך וויל, חלילה, ניט אומזיסט, רבי. פֿאַר אייער טירחה וועל איך באַצאָלן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

גאָדל האָט אַרויסגעשלעפּט אַ שוואַרץ בייטעלע פֿון דער קעשענע, האָט געעפֿנט דעם שלאָס, אַרויסגעצויגן פֿון בייטעלע דריי זילבערנע רובל און זיי אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.

— דאָס, רבי, — האָט גאָדל געזאָגט מיט אַ ניגון, — איז אַן אַדערויף, און דאָס איבעריקע וועל איך דעם רבין באַצאָלן פֿאַר זיין טירחה ווען און וויפֿל דער רבי וועט הייסן.

די טיפֿע קנייטשן אויף דעם רבס שטערן און אַרום די אויגן האָבן זיך אַביסל אויסגעגלעט. ער האָט לייכט אָפּגערוקט די דריי זילבערנע רובל צו גאָדלען. ער האָט זיך נעענטער צוגערוקט צום טיש און האָט מיט אַ קלאָרער און קלינגענדיקער שטים גערעדט צו גאָדלען ווי צו אַ נאָענטן פֿריינט:

— וואָס איז די איילעניש מיט געלט? כ׳האָב דאָך דערווייל נאָך גאָר־ניט געטאָן פֿאַר דיר. האָסט נאָך גענוג צייט צו באַצאָלן, ווי דו זאָגסט, פֿאַר מיין טירחה. אָבער פֿאַרוואָס, גאָדל, ווילסטו איינלייגן ביי מיר די צוויי הונדערט רובל? עס וואָלט דאָך, דוכט זיך מיר, גלייכער געווען, אַז דו זאָלסט איינלייגן דאָס געלט ביי דיין באַלעבאָס, ביי רעב וועלוועלען, ער זאָל פֿאַר דיר דורכפֿירן דעם גאַנצן מיסחר מיט דעם טעסלער.

גאָדל האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, זיין פּנים איז פֿינצטער געוואָרן

און ער האָט מיט ווייטיק גערעדט צום טיש, אויסמיידנדיק דעם רבס בליקן:

— מיין באַלעבאָס, רעב וועלוועלע, איז עפּעס ברוגז אויף מיר . . . שוין איבער אַכצן יאָר מיט זיבן חדשים אַז ער האָט ניט אַרויסגערעדט מיט מיר קיין איין וואָרט . . . אַז איך באַגעגן אים אַמאָל און איך זאָג אים: „גוט מאָרגן!" — ענטפערט ער מיר ניט. רעבע, — האָט גאַדל ווייטער גערעדט מיט טיפן פאַרדרוס, — ס'ליגט מיר ווי אַ שטיין אויפן האַרצן. כ'האָב קיינעם דאָס ניט דערציילט, אַפילו ניט מיין אייגן ווייב, מיין חוהלע ווייסט ניט דערפון. ס'איז מיר אַ ווייטיק און אַ בזיון. מיין ווייב האָט מיך אויך געשיקט צו רעב וועלוועלען, האָב איך איר געזאָגט, ניין, איך גיי ניט צו אים. ס'איז שיעור ניט געקומען צו אַ קריגערייַ. זי זאָגט: „גיי צו רעב וועלוועלען", און איך זאָג: „ניין, און איינמאָל ניין". „נו, — האָט זי געזאָגט, — ווילסט ניט גיין צו דיין באַלעבאָס, טאָ גיי צו רעב ברוכל".

רעב ברוכל האָט אַריינגענומען זיין ווייסע, געגרייזלטע באָרד אין זיין האַלב־פאַרמאַכטער האַנט און אַריינגעגראָבן זיינע אויגן אין גאַדלס פּנים. אין צימער איז געוואָרן זייער שטיל.

— ברוגז גאָר! פאַרוואָס זענען צוויי ייִדן ברוגז?

די מעשה מיט דעם צעלעכערטן דאַך איז אים טאַקע פרעמד און ניט צום האַרצן, אָבער אַ ברוגז צווישן ייִדן — דאָס טאָר ער ניט דערלאָזן; שלום דאַרף הערשן צווישן ייִדן! און ער האָט געפרעגט גאַדלען:

— מיט וואָס, אַ שטייגער, האָסטו זיך פאַרזינדיקט ביי רעב וועלוועלען, האַ? ווייסן ווייסטו דאָך מסתמא, אַז רעב וועלוועלע איז אַ פרומער ייִד, אַ בן־תורה, אַ בעל־צדקה, פירט געשעפטן מיט שררות, אַ ייִד מיט אַ גאָלדן האַרץ און מיט אַ גרויסן נאָמען, כן ירבו!

— און ווי אַזוי, גאַדל, האָסטו אָפּגעציילט, אַז פּינקטלעך אַכצן יאָר מיט זיבן חדשים רעדט ניט רעב וועלוועלע צו דיר? האָסט פאַרשריבן ערגעץ אין אַ ספר, האַ? אדרבא, דערצייל, לאָמיר הערן. נעם אַרונטער דעם שטיין פון דיין האַרץ, גאַדל, שעם זיך ניט, דערצייל.

גאַדל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דעם רבס וואַרעם קול האָט אים גע־גלעט. „נעם אַרונטער דעם שטיין פון דיין האַרץ", האָט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי אַ באַפעל פון רב, אָבער גלייכצייטיק אויך ווי אַ בקשה, צו אים, צו גאַדלען, און ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

— אָט וועגן דעם, רעבע, רעדט מען דאָך. אַ שטיין איז ביי מיר אויפן האַרצן! זאָל איך אַזוי ניט וויסן פון אַ בייזער וועטשערע, ווי איך ווייס ניט מיט וואָס כ'האָב זיך פאַרזינדיקט אַנטקעגן מיין באַלעבאָס, רעב וועל־וועלע. איך בין אים ערלעך און געטריי, אַזוי זאָל מיר נאָך דער אייבער־

שטער העלפן צו זען נחת אין מיינע קינדער. און אוודאי, רעבע, ווייס איך, אז רעב וועלוועלע איז א גרויסער ייד, וואס דען, איך ווייס ניט? און פון וואנען איך ווייס, פרעג דער רעבע, — אז ס'איז פונקט אכצן יאר מיט זיבן חדשים, אז רעב וועלוועלע איז ברוגז און רעדט ניט מיט מיר? איז אט־וואס, רעבע: פונקט מיט אכצן יאר צוריק און זיבן חדשים, זאגט מיר פערטעלע — ער איז א 'מענטש' ביי רעב וועלוועלען, ביי די פערד איז ער. זאגט ער מיר: „גאדל, דער באלעבאס וויל דיך זען ביי זיך אין קאבינעט". האב איך אפגעוואשן די הענט און דאס פנים, אפגעווישט די שטיוול, פאר־קעמט די טשופרינע און די בארד, אנגעטאן מיין רעקל און כ'גיי צום באַ־לעבאס. עס קלאפט מיר א צאן אז א צאן, ווייל וואס א שטייגער פארא געשעפטן האב איך מיט רעב וועלוועלען . . .

— איך גיב אן עפן די טיר פון רעב וועלוועלעס קאבינעט. דער באלע־באס זיצט ביים שיינעם פאלירטן שרייבטיש. ביכער און פאפירן ליגן אויפן טיש. ס'שטייט א גרויס טינטערל און א גלעזערנע פושקע אנגעפילט מיט פארטיקע פאפיראסן. די קני האבן זיך ביי מיר געבויגן ווען כ'האב דערזען ר' וועלוועלען זיצן ביים טיש.

— קום אהער, גאדל, — האט רעב וועלוועלע מיך א רוף געטאן, — נעם א בענקל, זעץ זיך. נו, אז רעב וועלוועלע הייסט, האב איך זיך אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די מיט בלויען פליוש באדעקטע בענקלעך און איך ווארט. רעב וועלוועלע האט פאררויכערט א פאפיראס, צוגערוקט די גלעזערנע פושקע מיט פאפיראסן צו מיר, און גיט א זאג: „נעם, גאדל, פאררויכער. ס'איז גוטע פאפיראסן". נו, אז רעב וועלוועלע הייסט, פאלג איך און איך פאררויכער.

— „גאדל, — זאגט צו מיר דער באלעבאס, — ווען איך האב דיך אריינ־גענומען צו מיר, ביזטו געווען א שנעק פון א יאר עלף אדער צוועלף, ביזט געווען א קיילעכדיקער יתום, ניט קיין טאטן און ניט קיין מאמען.

— „אמת, באלעבאס לעבן, אמת", — האב איך קוים ארויסגערעדט.

— „נו, ביי מיר האסטו גערייניקט דעם הויף, גערייניקט די שטאלן, ביזט געגאנגען א גאנג און זיך אויסגעלערנט לאטען זעק. האסט זיך, דאנקען גאט, זייער וואויל אויסגעפאשעט ביי מיר אויף קעסט, הא, גאדל?"

— „אמת, באלעבאס, — האב איך געענטפערט, — כ'בין געבליבן א יתום, איז פריער גאט און דערנאך איר, רעב וועלוועלע, האבן מיך געשטעלט אויף די פיס".

— „דערנאך ביזטו אוועק אויף סלוזשבע. און ווען דו ביזט צוריק גע־קומען, האט דיין פלאץ ביי מיר געווארט אויף דיר. ביזט שוין אזוי פאר־

וואַליע 27 אָדער 28 יאָר אַלט. איך, פון מיין זייט", — האָט ווייטער גע־רעדט דער באַלעבאָס, און איך, רעבע, בין געזעסן ווי אַ פאַרמשפּטער, ווייל כ'האָב נישט אָנגעהויבן וויסן וואוהין דער באַלעבאָס צילעוועט. „כ'האָב גע־טאָן מיין פליכט צו דיין טאַטן, וואָס האָט כל ימיו געדינט ביי מיין טאַטן און דערנאָך ביי מיר; און צו דיין ברודער שמעון־דוד, וואָס האָט געדינט ביי מיר, ביז ער איז אַוועק קיין אַמעריקע. איצט, גאַדל, איז צייט, אַז דו זאָלסט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית. דו הערסט, גאַדל, שוין צייט, זאָג איך דיר, אַז דו זאָלסט חתונה האָבן, ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך מיט אַ ווייב, מיט קינדער און אַ היים, פאַרשטייסט, גאַדל?"

רעב ברוכל, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי צוגעשמידט צום בענקל און געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס גאַדל האָט אַרויסגערעדט, האָט אַ הנאהדיקן זיפץ געטאָן און שטיל ווי פאַר זיך אַליין אַרויסגערעדט:

— אַ גרויסער ייד, רעב וועלוועלע, אָבער טאַקע גאָר אַ גרויסער ייד. דער רבונו של עולם זאָל אים העלפן וואו ער וועט זיך קערן און ווענדן.

— נו, איז וואָס ווייטער, גאַדל?

— האָב איך געוואָלט, רעבע, עפּעס זאָגן, אָבער ס'האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון, די צונג האָט זיך מיר צוגעקלעפּט צום גומען און די טרערן האָבן מיך געוואָרגן אין האַלדז, אַז רעב וועלוועלע זאָל זיך פאַר מיר אַזוי זאָרגן, ווי אַן אייגענער טאַטע; אַז ער זאָל זיך אַזוי זאָרגן פאַר מיין לעבן — אויף דעם האָב איך זיך גאָר נישט געריכט.

— „איז אַט־וואָס, גאַדל", — גיט דער באַלעבאָס אַ זאָג צו מיר, — „די מויד חוה, וואָס איז אין קיך קענסטו דאָך. איר מאַמע האָט געדינט ביי מיין מאַמען, און ווען זי איז געשטאָרבן, האָט מיין מאַמע אַריינגענומען די יתומה און שוין 15 יאָר ווי זי דינט ביי אונדז. די מויד איז אַ גוטע באַ־לעבאָסטע, קאָכט און באַקט און ראַמט. בקיצור, דו מיט חוהן זענען אַ גוטער זיווג. ביזט מסכים, גאַדל?"

— „אָבער, באַלעבאָס לעבן, ווער ווייסט צי חוה וועט איינגיין אויפן שידוך?" — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— „וועגן דעם זאָלסטו זיך נישט זאָרגן.. אַז איכ'ל היישן, וועט מיט גאָטס הילף זיין אַ שידוך", — האָט רעב וועלוועלע געזאָגט מיט אַ שמייכל. ער האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע מיט די גלעזערנע טירן אַ פלאַש מיט צוויי זילבערנע בעכער, האָט אָנגעגאָסן די כוסות. מיר דערלאַנגט איין בע־כער, דעם צווייטן פאַר זיך און מיך אַ פרעג געטאָן ווי אַן אייגענער טאַטע:

— „נו, גאַדל, זאָלן מיר טרינקען צו אַ מזל־טוב!"

— רעבע, איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַ הייסע פרייד האָט מיך אַרומ־

געבאַפּט, אַזאַ גליק ! די שיינע, שטאָלצע און קלוגע חוה זאָל חתונה האָבן מיט מיר, מיט גאַדלען, דעם לאַטוטניק פון זעק. רעבע, כ׳האָב געמיינט ס׳איז בלויז אַ זיסער חלום, אָבער כ׳האָב געהערט דעם באַלעבאָס קול: „נו, גאַדל, טרינקען מיר צו אַ מזל־טוב !" כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם בעכער מיט קאָניאַק און כ׳האָב ווי אויסגעזונגען: „מיט מזל זאָלט איר לעבן, רעב וועלוועלע!"

— בקיצור, רעבע, מיט אַ חודש שפּעטער האָב איך מיט חוהלען חתונה געהאַט און רעב וועלוועלע האָט אונדז געגעבן דרשה־געשאַנק איינע פון זיינע שטיבער, און מיר וואוינען טאַקע אין יענער שטוב, וואו מ׳דאַרף איצ־טער לייגן אַ נייעם דאַך.

— אַ גרויסער ייד, רעב וועלוועלע, — האָט דער רב ווידער באַמערקט.

— יאָ, רעבע, אין זיבן חדשים נאָך דער חתונה האָט מיין חוהלע געבוירן אונדזער עלטסטע טאָכטער, די שיינע, געראָטענע גאָלדעלע. ווען מיין טאָכטער איז געבוירן געוואָרן, האָט דער באַלעבאָס מיך ווידער אַריינגע־רופן אין קאַבינעט, ווידער געטרונקען מיט מיר „לחיים", מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן מזל־טוב און מיר דערלאַנגט אַ גאָלדענעם פּעראַל, אַ מתנה. און פון דעמאָלט אָן האָט ער מיט מיר קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ברוגז ! ער מיידט מיך אויס, רעבע. ווען מיינע זין זענען געבוירן גע־וואָרן, האָט ער מיר קיין מזל־טוב ניט געוואונטשן, ניט געטרונקען מיט מיר „לחיים" און קיין מתנות ניט געגעבן. ברוגז און פּאַרטיק ! איז פון וואַנען, רעבע, ווייס איך, אַז עס איז פּונקט אַכצן יאָר מיט זיבן חדשים, אַז מיין באַלעבאָס איז ברוגז מיט מיר, ווייל מיין בת־יחידה, גאָלדעלע, איז היינט געוואָרן אַכצן יאָר מיט זיבן חדשים, און דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט מיט מיר גערעדט, איז געווען פּונקט אין דעם טאָג ווען מיין ערשט קינד, מיין טאָכטער גאָלדעלע, איז געבוירן געוואָרן.

רעב ברוכל האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן זיין צערודערטקייט. מיטביידע הענט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אין די הילצערנע אָרעמס פון זיין שטול און האָט זיך אין מיר טיפער אַריינגעקוקט. דערנאָך האָט ער מיט ביידע הענט אַ גלעט געטאָן זיין לאַנגע באָרד. פאַרטיק געוואָרן מיט דער באָרד, האָט ער מיט ביידע הענט אַ קרייזל געטאָן זיינע פּיאות און אַראָפּגערוקט זיין סאַמעטענע יאַרמולקע. זיין פּנים איז געוואָרן צונטער־רויט, זיינע בלויע אויגן האָבן געשפּריצט פייער. דערנאָך האָט ער פאַרפלאָכטן די פינגער פון ביידע הענט. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט גערעדט צו זיינע פאַרפלאָכטענע הענט, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש:

— נו, מילא, ברוגז איז ברוגז! ער וועט זיך איבערבעטן ווען די צייט וועט קומען; און אויב ניט איז אויך ניט קיין גרויסער אומגליק! ברוגז... הא? אי, אי! — האט דער רב געזיפצט.

— הערסטו, גאָדל, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט ער פּלוצים אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און צוריק אויפגעפלאָכטן די פינגער. ער האָט שטרענג אַריינגעקוקט גאָדלען אין פּנים אַריין. — יאָ, גאָדל, ביזט גערעכט, וואָס דו האָסט פאַר קיינעם זיך ניט באַקלאָגט וועגן זיין ברוגז מיט דיר. זאָל דאָס בלייבן צווישן אונדז ביידע. זאָל אים דער באַשאַפער פון דער וועלט משפּטן, פאַרוואָס ער איז דיך אַזוי מצער; האָסט עס ניט פאַרדינט, גאָדל. און דו הערסט, גאָדל, איך פּסקן, — האָט דעם רבס קול זיך געהויבן העכער, — יאָ, איך פּסקן, אַז דו ביסט אַן אמתער ייד, מיט אַ גוט האַרץ, און איך ווינטש דיר מיט דיין ווייב און קינדער אריכת־ימים, אַז איר זאָלט ניט וויסן פון קיין צער, און אַז דו מיט דיין ווייב זאָלן דערלעבן צו פירן אייערע קינדער צו דער חופּה!

— און איצט, גאָדל, וואו האַלטן מיר מיט דיין דאַך, הא?

לעיזקע

לייזער טעסלער, וואָס מ'האָט גערופֿן ל ע י ז ק ע, איז שוין לאַנג ניט דער וואָס אַמאָל, אָבער אַפֿילו איצט האָט מען נאָך אַלץ מורא אים אָנצורירן. דאָס שטעטל האָט ניט פֿאַרגעסן ווי אַזוי לעיזקע האָט זיך אָפּגערעכנט מיט בולקע דעם פֿערד־הענדלער. לעיזקע האָט געדעקט אַ דאַך ביי בולקען. בולקע איז פֿון די פֿאַרשוינע, וואָס איז געוואוינט, אַז מ'זאָל אים פֿאָלגן. אין שטעטל האָט מען מורא פֿאַר בולקעס מויל און נאָך מער פֿאַר זיינע פֿויסטן. צוליב אַ קליינִיקייט האָט בולקע אַ פּראַסק געטאָן לעיזקעס אַ לערן־יינגל. לעיזקע איז דעמאָלט געזעסן אויפֿן דאַך און געקלאַפּט טשוועקעס אין די שינדלען. ער האָט געהערט בולקעס געוואַלדן און האָט געזען ווי בולקע האָט דערלאַנגט דעם לערן־יינגל. ער איז אַרונטער פֿון דאַך אויף דעם לייטער ווי אַ קאַץ און אַ געשריי געטאָן: „בולקע! מיינע אַרבעטער פּאַטשט מען ניט, וועסט חרטה האָבן, בולקע!" בולקע האָט אַרויסגעשאָסן אַ הירזשענדיקן געלעכטער: „איך האָב געהערט פֿון דיר, — האָט בולקע געזאָגט לאַכנדיק צו לעיזקען: — „פֿאַרענדיק דעם דאַך און דערנאָך וועל איך דיך לערנען אַביסל דרך־ארץ; בולקען סטראַשעט מען ניט!"

אָבער דער דאַך איז שוין געבליבן האַלב־אָפֿן. בולקע איז געלאָפֿן צו לעיזקעס באַלעבאָס, צאָדעק זאַאיקע, געשריען און זיך געבעטן: — „געוואַלד, איך בין אומגליקלעך. דער רעגן דערטרינקט מיין הויז. כ'האָב דאָך באַצאָלט פֿאַר אַ גאַנצן דאַך, ניט פֿאַר אַ האַלבן". צאָדעק איז געווען צווישן צוויי פֿייערן — ער האָט מורא געהאַט פֿאַר בולקען, ער האָט אָבער אויך ניט געוואָגט דערצאָרענען לעיזקען.

— ר־ר־ראַטעווע, לעיזקע, פּ־פּ־פֿאַרענדיק ב־ב־בולקעס דאַך! ער איז אַ מ־מ־מערדער, איז ער, ב־ב־בולקע.

לעיזקע האָט אים אַלעמאָל געענטפֿערט:

— צאָדעק, מיינע אַרבעטער פּאַטשט מען ניט און איך האָב ניט מורא פֿאַר צען בולקעס.

דאָס שטעטל האָט געקאָכט, מען איז אַלע טאָג געלאָפֿן קוקן צי בולקעס דאַך איז שוין פֿאַרענדיקט און געזען, ווי בולקעס הויז קוקט אויס מיט דעם האַלבן נייעם דאַך און דער צווייטער העלפֿט פֿון דעם אַלטן, צעלעכערטן דאַך, ווי עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישע חיה.

בולקע איז שוין גרייט צו דערלאַנגען לעיזקען און אים צווינגען מיט זיינע פֿויסטן צו פֿאַרענדיקן דעם דאַך, נאָר ער האָט זיך איבערלייגט: „זאָל ער צוערשט ענדיקן און דערנאָך. . ." חוץ דעם האָבן בולקעס פֿריינט אים פֿאַר־

טרויִט, אַז לעיזקע איז אַ געפּערלעכער יונג, אַ שטיק פֿייער, אַ ברען, אַז אמתער מענטשן־פרעסער . . .

עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן. בולקע האָט זיך געמוזט אַנטשולדיקן פֿאַר דעם געפּאַטשטן לערן־ייִנגל, און ערשט דעמאָלט האָט לעיזקע פֿאַרענדיקט דעם דאַך. בולקע האָט געקריצט מיט די ציין — און דאָס שטעטל האָט זיך געקאָכט . . .

דאָס שטעטל מוז אָנקומען צו לעיזקען. אַפֿילו פֿון די דערבייאיקע שטעטלעך קומט מען צו לעיזקען װעגן אַ װיכטיק שטיקל אַרבעט. לעיזקע איז אַ מייסטער, ער איז אַ טעסלער, אַ סטאָליער, אַ שניצער, אַ פֿאַרבער און קאָן אויסגעצייכנט יעדן טייל פֿון זיין אַרבעט. אַז לעיזקע מאַכט אַ שאַפֿע, איז דאָס אַ קונסטװערק; און אַז לעיזקע מיט זיינע אַרבעטער פֿאַרענדיקן אַ הויז, שטייען רעדלעך מענטשן און באַװאונדערן זיין מלאכה. די אַרבעטער האָבן ליב לעיזקען פֿאַר זיין פֿריינטלעכער באַציאונג צו זיי און באַװאונדערן זיין טאַלאַנט. אין שטעטל האָט מען דרך־ארץ אַפֿילו פֿאַר לעיזקעס אַרבעטער . . .

איצט רופֿט מען אים מיט דעם חשובן נאָמען: לעיזקע טעסלער. אַמאָל אָבער האָט מען אים גערופֿן לעיזקע ממזר. ער איז דעמאָלט געװען אַ װילדער, אומגעצוימטער בחורל און איז געװען פֿאַרװיקלט אין בלוטיקע געשלעגן. פֿאַר דער מינדסטער באַליידיקונג, פֿאַר אַ קרום װאָרט, האָט לעיזקע זיך געװאָרפֿן מיט זיינע פֿויסטן, אַפֿילו װען זיין קעגנער איז געװען שטאַרקער פֿאַר אים.

לעיזקעס פֿריינט זענען געװען די װילדע און הפֿקרדיקע חברה אין שטעטל. מיט זיי פֿלעגט ער נאָך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן טרינקען אין װיינשענק ביי אברהם־כאַנצעס ביז שיכּרות. דערנאָך פֿלעגן זיי זיך אַרויסלאָזן איבערן שטעטל שפּעט ביינאַכט, װען דאָס שטעטל איז געשלאָפֿן און אָפּטאָן װילדע זאַכן. ניט צוליב געלט, נאָר גלאַט אַזוי, צוליב „שפּאַס", פֿלעגן זיי גאַנץ אָפֿט אויסברעכן אַ לאָדן און אויסליידיקן אַ שניטקראָם, אַ לעדער־געשעפֿט מיט פֿאַרטיק־געמאַכטע שטיװל, און אַריבערטראָגן די סחורה אין אַ צװייטער קראָם, און ס'האָט געטראָפֿן, אַז מ'האָט אַמאָל גאָר געפֿונען די גנבֿהשע סחורה ביים רבֿ, רעב יאָסעלע, אויפֿן גאַנעק. און אַמאָל האָבן זיי אַרויסגעפֿירט פֿרויקע באַלעגאָלעס פֿערד פֿון זיין שטאַל און זיי אַריינגעפֿירט אין נחמן פּראַצענטניקס הויף, און פֿרויקע האָט װאָכן לאַנג געשריגן, אַז דער פּראָצענטניק האָט אַרויסגעגנבֿעט זיין פֿערד.

לעיזקעס באלעבאס, צאדעק זאאיקע, וואלט שוין לאנג פטור געווארן פון לעיזקען, אבער ער האט פשוט ניט געקאנט זיך באגיין אן זיינע גאלדענע הענט. צאדעק זאאיקע האט געוואוסט, אז דער יונגער לעיזקע איז שוין איצט א בעסערער באלמעלאכע פון אים, וואס איז שוין דרייסיק יאר טעס־לער און סטאליער.

— דו, מ־מ־ממזר, א ר־ר־רוח אין דיינע ביינער, — פלעגט צאדעק, אן אנגעצונדענער פון כעס, זיך צעשרייען אויף לעיזקען,—וו־וו־ווען וו־ווען וו־ווען וו־וועסטו שוין ווערן א מ־מ־מענטש ? מ־מיינסט, כ'וויים ניט מיט וועמען דו ש־שר שלעפסט זיך ארום, הא ? מיט שיכורים, א פייער אין זייערע ק־ק־קישקעס! זיי וועלן דיך פארפירן אין דר'ערד אריין. וו־וועסט פ־פ־פוילן אין טורמע, וועסטו פוילן, דו מ־מ־מזר !

לעיזקע פלעגט לאכן. אויף צאדעקן איז ער קיינמאל ניט געווארן ברוגז. צאדעק האט געמעגט שרייען אויף אים און אפילו אים באליידיקן — צא־דעק האט געמעגט . . . לעיזקעס געלעכטער פלעגט נאך מער אויפרעגן צאדעקן, דעמאלט פלעגט ער כאפן א האמער, א זעץ־טאן אין א ברעט און ארויסלויפן פון דער מייסטערסקאיע ווי אן אפגעבריטער.

דערנאך פלעגט לעיזקע ארבעטן חדשים לאנג טאג און נאכט און מ'האט אים ניט געקאנט אפרייסן פון דער ארבעט. ער פלעגט מאכן שרייבטישן מיט סעקרעטנע שופלאדן, קאמאדן מיט אויסשניצונגען אויף די טירן און שופלאדן, טירן מיט סעקרעטנע שלעסער און פארשידענע סאפעס און בענקלעך. צאדעק און די ארבעטער זענען געווארן לעיזקעס ארויסהעלפער און האבן געטאן וואס לעיזקע האט געהייסן.

— א ש־ש־שמאלץ גרוב, — האט צאדעק גערעדט צו זיין ווייב, — וו־וו־וואס וו־וו־ווייסטו ? די ג־גאנצע וועלט פ־פ־פארמאגט ניט אזוינס! כ'זאג ד־ד־יר, אז די אלע אינזשינערן און אר־אר־ארכיטעקטורס, ווייסעך וואס! דער מ־מ־מזר ט־טרייסלט זיי ארוים פון ארבל. א ש־ש־שמאלץ גרוב, זאג איך דיר !

לעיזקעס ווילדע יוגנט האט זיך גיך אויסגעברענט און ער איז פלוצים געווארן א דערוואקסענער. עפעס מאדנע געפילן צעציטערן אים, צווימען אים און געוועלטיקן איבער אים. עפעס א ניי, פרעמד געפיל האט זיך איינ־געגראבן אין אים, א געפיל פון בושה פאר זיינע יוגנט־זינד, א געפיל פון חרטה פאר זיין אויפפירונג. אבער גלייכצייטיק האט אויך א געפיל פון שטאלץ פאר זיין קינסטלערישער ארבעט זיך צעגליט אין אים — און פלוצים האט ער אנגעהויבן דערפילן א ווארעמע און זיסע הנאה פון די

שבחים, וואָס ער קריגט פאַר זיינע אויסגעאַרבעטע שטיקער מעבל.

לעיזקע ווייסט, אַז עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט, נאָר ער ווייסט ניט ווען און ווי אַזוי די פּלוצימדיקע ענדערונג איז אויסגעוואַקסן אין אים. עפּעס אַן אינעווייניקסטער כוח האַלט אים איין, צווינגט אים צו זיין באַשיידן און העפלעך צו אַלעמען. ער פילט אַז עפּעס אַ נייער, אַן אַנדערער לעיזקע האָט אַן זיין וויסן זיך אַרויסגעשיילט, בלויז אין אַ קורצער צייט. ער מיידט איצט אויס זיינע געוועזענע פריינט. ער שיכורט מער ניט. עס געפעלט אים וואָס מען באַציט זיך צו אים מיט רעספּעקט און אָנערקענונג. ער פילט אַז יענער ווילדער, יונגער לעיזקע ממזר האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן, און דער נייער לעיזקע, לעיזקע טעסלער, דער מייסטער מיט די גאָלדענע הענט, האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ, און דער נייער לעיזקע הייבט אים אַן געפעלן . . .

כמעט יעדעס מאָל ווען ער פאַרענדיקט אַ גוט־אויסגעאַרבעט שטיק מעבל און די אַרבעטער לויבן זיין אַרבעט, טראַכט ער מיט טיפן פאַרגעניגן פון יענעם גליקלעכן טאָג, ווען ער איז צופעליק אַריין אין צאַדעק זאַאיקעס סטאָליאַרניע, און ער קוקט מיט ליבשאַפט אויף זיינע טייערע פריינט : דעם האַמער, דלאָטע, די זעג און הובעל, וואָס האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט פון זיין שווערער לאַגע אין וועלכער ער האָט זיך געפונען פון קינדהייט אָן.

ער קאָן ניט און ער וויל ניט פאַרגעסן, אַז ער און זיין שוועסטער, סאָרקע, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט יונה שוסטער, זענען געבליבן קיילעכדיקע יתומים, ווען זיי זענען נאָך געווען קליינע קינדער. זיין באָבע, די גוטע און ליבע עטיע־מעניע, די סאַרווערין, האָט גענומען ביידע יתומים צו זיך אין דער קליינער הייזקע, און אויף אירע עלטערע יאָרן געמוזט ווערן זייער מאַמע. לעיזקע וויל ניט פאַרגעסן, אַז ווען ניט זייער ווייטער קרוב, דער גוטהאַרציקער אברהם־כאַנצעס, דער וויינשענקער, וואָלטן זיי געליטן הונגער און קעלט. ער געדענקט ווי וואָוועע, וואָס האָט געדינט ביי אברהם־כאַנצעס אין וויינשענק, פלעגט עטלעכע מאָל אַ וואָך ברענגען דער באָבען טעפּ מיט געקאָכטע פלייש, אַ קויש מיט ברויט און קיכלעך. אַמאָל פלעגט ער אויך ברענגען פיש, און שטיל זאָגן דער באָבען : „די באַלעבאָסטע האָט געשיקט״. גאַנץ אָפט פלעגט ער דערלאַנגען דער באָבען אַ רובל און אַ זאָג טאָן מיט אַ מונטערער שטים : „און דאָס האָט דער באַלעבאָס געשיקט״.

סאָרקעלע, דאָס שוועסטערל, איז געווען אַ שטיל קינד. זי האָט געפאָלגט דער באָבען און איר געהאָלפן וואַשן דאָס געפעס און ראַמען די קליינע, פינצטערע און פייכטע צימערלעך. אָבער ער, לעיזקע, איז געווען אַ ווילד בחורל. אום ווינטער פלעגט ער פאָלגן דער באָבען און גיין אין דער תלמוד־

תורה, אָבער קוים האָט זיך באַוויזן די ליבע, וואַרעמע פרילינג־זון, איז געוואָרן אויס תלמוד־תורה. אומזיסט פלעגט די באָבע זיך בעטן ביי אים ער זאָל גיין לערנען און זיך ניט וואַלגערן אין די גאַסן. אומזיסט זענען געווען אירע טרערן: די גאַסן זענען ליכטיקער און לופטיקער ווי די תלמוד־תורה; אין די גאַסן זענען ניטאָ קיין ווענט און קיין טירן.

און נאָך שענער ווי די פרייע גאַסן זענען די הויכע בערג, וואָס גאַרטלען אַרום דאָס שטעטל. יעדער באַרג — אַ ריז. דערגרייכסט דעם שפּיץ באַרג, קאָנסטו דערלאַנגען צום הימל. קוקסט אַרונטער — גרינע לאָנקעס, פלאַך און גלאַט ווי אַ טיש. קיילעך, ווי מוראַשקעס די גרוים. פון באַרג קוקן אויס די הייזער ווי קליינע שטיבעלעך מיט דעכעלעך. אַפילו די גרויסע, הויכע שול. מיט דעם גרינעם דאַך, ווערט אַ פּיצל שולעכל. דערנאָך קייקלסטו זיך אַראָפּ פון באַרג, — אַראָפּ, אַראָפּ פליסטו אָן פליגל, — אַ מחיה

יעדער טאָג — וואַרעמער און ליכטיקער. אין די סעדער, אויף די ביימער, וואַקסן שוין גרינע עפּעלעך מיט רויטע בעקעלעך, און קליינע, קיילעכדיקע, גרינע ווייַנשעלעך ווי גלעקעלעך, און באַרעלעך — באַלד וועלן זיי ווערן גרעסער און זאַפטיקער. דעמאָלט — קריך אַריבער דעם פּלויט און אַלע ביימער זענען דיינע . . . לייג אָן פולע קעשענעס . . .

און דער טייך איז ווי אַ שפּיגל: ווילסטו, שווים אויפן וואַסער, אונטערן וואַסער — און דערנאָך צעלייג זיך אויף דעם גרינעם, ווייכן גראָז און וואַרעם זיך אויף דער זון. דערנאָך — מאַך מיט איין שטיינדל צוויי, דריי, און אַפילו פיר קאַטשקעלעך איבערן וואַסער. אַזוי זומער נאָך זומער, ביז יענעם גליקלעכן טאָג . . .

לעיזיקע פאַרגעסט ניט יענעם טאָג . . . אַלץ וואָס איז געשען אין יענעם טאָג איז פריש אין זיין זכרון: ער שפּאַצירט איבער די גאַסן פון זיין שטעטל, ביז ער קומט אָן אין זיין באַליבטער קאָוואַליעשער גאַס. די פייערלעך אין די קוזניעס פלעגן אים שטענדיק דערפרייען. די גרויסע לעדערנע בלאָז־זעק האָבן ביי אים אַלעמאָל אַרויסגערופן גרויסן נייגער. אַ שטיק אייזן — רויטער פייער אויף דער קאָוואַדלע. איינער, מיט דעם גרויסן האַמער, און דער צווייטער, מיט דעם קלענערן האַמער: איינס, צוויי, איינס, צוויי, קלאַפּ! קלאַפּ! האַ! האַ! פייער־פונקען שפּריצן.

און אָט איז די סטאָליאַרניע. די טירן זענען ברייט צעעפנט. אינעווייניק — טישלעך, בענקלעך, טירן און פענצטער. די אַרבעטער זענען פאַרטיפט אין זייער אַרבעט. זעגן זינגען און שפּרינגען הין און צוריק אַרויף און אַראָפּ. האַמער־קלעפּ הילכן. איינער הובליעוועט אַ ברעט — אַ פּאָר מיט

דעם הובעל איבער דער לענג פון דער ברעט, און פון דעם הובעלס אָפּענעם מויל קרייזלט זיך אַרויס אַ צונג, ברייטע דורכזיכטיקע, געקרייזלטע הובּ־לעווקע. וואָס מער דער הובעל גליטשט זיך איבער דער ברעט, אַלץ גלאַ־טער, שענער און גלאַנציקער ווערט די ברעט.

צאַדעק זאַאיקע, דער באַלעבאָס פון דער סטאָליאַרניע, באַמערקט: אַ יונג בחורל, פון אַ יאָר עלף, אָדער צוועלף, הויך־געוואַקסן, מיט געדיכטע שוואַר־צע האָר און שוואַרצע אויגן, מיט אַ קליין קאַרטאָפל־נעזל, שטייט ווי פאַר־גליווערט. ער האַלט ביידע הענט פאַרלייגט אויף הינטן און קוקט מיט פאַרגאַפטן נייגער, ווי דער אַרבעטער הובלעוועט די ברעט. דאָס בחורל געפעלט אים, צאַדעקן.

— דו, ג־ג־גרויסער באָ, באָ, באָכ־כע־כער, ור־ווילסט אַרבעטן ביי מיר? ור־וואָס ביזטו, אַ סטאָליער? אַ ש־שניצער? צי אַ ט־ט־טעסלער? וויפל ווילסטו אַ וואָך? ב־ביזט אַ באַל־מעלאָכע, צי מ־מ׳דאַרף דיך לערנען, האַ?

— נו, וואָס ש־שווייגסטו? ק־קענסט ניט רעדן? ב־ביזט אַ שטומער, האַ?

לעיזקע האָט זיך הילכיק צעלאַכט. ער האָט באַטראַכט דעם הויכן, ברייט־פּלייציקן ייִדן מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס רעדט ווי אַ קינד.

— נו, ור־וואָס זאָגסטו? ביזט אַ ב־באַלמעלאָכע, צי איך דאַרף דיך לערנען?

אַ באַליידיקטער האָט לעיזקע אַרויסגעשאָסן:

— איך בין ניט קיין שטומער. איך קאָן רעדן בעסער ווי דו, און אַז וועסט מיר ווייזן ווי אַזוי צו מאַכן אַ טישל, אַ בענקל, אָדער עפּעס אַנ־דערש, וועל איך אַלץ מאַכן בעסער פון דיר.

צאַדעק האָט זיך צעלאַכט:

— אַזוי ג־גאַר! אר־וואַ! — ער האָט אויסגעטרייסלט דאָס זעגעכץ, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן אין זיין באָרד, דערנאָך האָט ער אַרויסגענו־מען אַ גרויסן עפּל פון זיין קעשענע און דערלאַנגט לעיזקען.

לעיזקע האָט געביסן דעם עפּל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עמעצער וועט אים צונעמען ביי אים.

— ווי הייסטו, און וועמענס ייִנגל ביזטו? — האָט אים צאַדעק גע־פרעגט.

— איך הייס לעיזקע. און קיין מאַמען האָב איך ניט, און קיין טאַטן אויך ניט, און מיין באָבען רופט מען עטיע־מעניע, די סאַרווערין. קאָנסט זי? אַלע קאָנען זי.

— הייסטו, הייסט עס, לעיזקע. ווייסטו ור־וואָס, לעיזקע, קום אַ־אַריין

מ־מאָרגן, עמיר זען צי דו ב־ב־ביסט אַזאַ גרויסער מאַכער ווי דו זאָגסט.

— וועסט מיר מאָרגן אויך געבן אַן עפּל?

צאַדעק לאַכט: — כ׳וועל דיר געבן צוויי עפּל.

לעיזקע האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז געקומען גאַנץ פרי צו דער אַרבעט. ער זעגט, הובעלט, בויערט לעכער אין ברעטלעך מיט דעם עקבויר. צאַדעק לערנט אים און לעיזקע הערט זיך צו צו אים און פאָלגט אים.

עס געדויערט ניט לאַנג און לעיזקע מאַכט שוין טישעלעך, בענקעלעך, וויגעלעך און ליאַלקעס, און ער פאַרבט זיי מיט רויטער, גרינער, געלער און שוואַרצער פאַרב.

— ווּ־וואָס זענען דאָס פאַר אַ ל־ליאַלקעס? — פרעגט אים צאַדעק.

— דאָס איז מיין באָבע עטיע־מעניע, און דאָס איז מיין שוועסטערל סאָרקע, און דער־אָ מיט דער לאַנגער שוואַרצער באָרד — דאָס ביזטו!

צאַדעק לאַכט: —נו, און די ליאַלקע מיט דער לאַנגער נאָז?

— דאָס איז בראַנצי, די מכשפה, וואָס פאַרקויפט בייגל אין מאַרק און שלאָגט מיט אַ שטעקן, ווען מען גנבעט ביי איר בייגל.

צאַדעק פאַרקויפט די אַלע צאַצקעס וואָס לעיזקע מאַכט. יעדע וואָך מאַכט לעיזקע אַלץ שענערע צאַצקעס און צאַדעק קריגט פאַר זיי אַלץ העכערע פרייזן.

— הערסט, רעבל, — פאַרטרויט צאַדעק זיין ווייב, — ער איז אַ כישוף־מ־מ־מאַכער. גאָלדענע הענט פאַרמאָגט ער, דער לעיזקע! ווּ־ווייזסט אים איינמאָל און ער קען שוין . . . כ׳האָב אַזאַ לערניינגל נאָך קיינמאָל ניט געהאַט . . . ער וואַקסט אַ מ־מ־מייסטער! גאָלדענע הענט, מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס

ביסלעכוויז האָט לעיזקע זיך אַריינגעגליטשט אין צאַדעקס און רעבלס הויז. די קינדערלאָזע, גוטהאַרציקע פּעטע רעבל איז געווען זיכער, אַז גאָט האָט איר צוגעשיקט לעיזקען צו שטילן איר לעכצנדיק האַרץ נאָך אַ קינד; און צאַדעק האָט אין לעיזקען דערטאַפּט אַן אמתן מייסטער און אַ קוואַל פון וואַקסנדיקער הכנסה. זיי האָבן אים געהאָדעוועט, געשוכט און געקליידט ווי אַן אייגענעם זון.

ווינטער און זומער, פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט איז לעיזקע געווען פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. אַ ברענענדיקע אַמביציע, וואָס גיכער צו באַהערשן אַלע פאַזן פון דער אַרבעט, האָט אים געיאָגט. צאַדעק און די אַנדערע אַרבעטער פלעגן באַוואונדערן זיין געדולד, זיין אַרבעטזאַמקייט און זיינע פייאיקייטן.

בלויז לעיזקעס פריינט, און זיינע ווילדע שטוקעס אין שטעטל, פלעגן

באַאומרואיקן צאַדעקן. ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, מיט בייזן און מיט גוטן אים אָפּצורייסן פון זיינע שלעכטע פריינט און אים פירן אויפן גלייכן וועג.

און ווען צאַדעק האָט באַמערקט די פּלוצימדיקע ענדערונג אין לעיזקעס אויפפירונג און באַנעמונג, איז זיין רעספּעקט צו לעיזקען דעם נייעם מענטשן און צו דעם מייסטער, וואָס ער, צאַדעק, האָט אויסגעפורעמט מיט אַזויפיל מי, שטאַרק געשטיגן. פּונקט ווי רעבילס צאַרטע ליבע איז געוואַקסן צו לעיזעקן — איר "בן־יחיד".

לעיזקע האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן. נאָך זייער יונג, איז ער שוין אָבער געווען הויך, ברייט־פּלייציק, מיט לאַנגע אָרעמס און שטאָלענע מוסקולן. זיינע געדיכטע שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן און ווייסע, גלייכע שטאַרקע ציין, האָבן באַשיינט זיין קיילעכדיק, חנעוודיקן פּנים.

איצט האָבן שוין אַלע וואָס האָבן אים געקאָנט, געקוקט אויף אים מיט רעספּעקט, און געקאָנט האָבן אים גאָר אַ סך מענטשן פון שטעטל, וואָס האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען: "לעיזקע מיט די גאָלדענע הענט".

ביי צאַדעקן זענען לעיזקעס גאָלדענע הענט געווען אַ קוואַל פון פאַרדינסטן, וואָס זענען געשטיגן יעדע וואָך און האָבן פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן און דערקוויקט זיין נשמה.

ווען לעיזקע איז אַוועק אין "סלוזשבע", איז צאַדעקס און רעבילס הויז ליידיק געוואָרן. אַן אומעט האָט געטרויערט אין יעדן צימער.

צאַדעק איז אַרומגעגאַנגען אַן אַנגעכמורעטער. פאַר דער קלענסטער קלייניקייט פּלעגט ער זיך בייזערן און גוואַלדעווען אויף זיינע אַרבעטער:

— אַז לעיזקען טויגט איר אויפן פייער, — פּלעגט ער זידלען די אַרבעטער.

— גולמס זענט איר, מיט ליימענע הענט. איר מאַכט דאָך מיך אומגליקלעך! — אַן אַן אויפהער פּלעגט ער מורמלען צו זיך — די רעכטע האַנט מיר אָפּגעשניטן, אַ כאַליערע אויף פּאַניען!

מוטערלעכע זאָרג און פיינלעכע בענקשאַפט האָבן געגנאָגט רעבלס האַרץ. יעדן פרימאָרגן פּלעגט זי זיך שטיל אַריינשאַרן אין לעיזקעס צימער און געקוקט אויף לעיזקעס בילד, וואָס איז געשטאַנען אַזויף דעם קאַמאָד, וואָס לעיזקע האָט געמאַכט. זי פּלעגט גלעטן דעם קאַמאָד, דריקן זיין בילד צו איר צעווייטיקט האַרץ און זיך באַגיסן מיט הייסע טרערן.

ניט איין מאָל, גרייטנדיק דעם טיש פאַר וועטשערע, פּלעגט זי אַוועקשטעלן טעלער, לעפל, גאָפּל און מעסערס און אַ וויין־גלאָז אויפן טיש, לעבן דעם בענקל וואו לעיזקע פּלעגט זיצן, און כאַפּנדיק זיך וואָס זי טוט, אַרויס־

לאָזן אַ ווייטיקדיקן געשריי: — אוי, ווי איז מיר, וואָס טו איך? — און אויף גיך אַראָפּכאַפּן די איבעריקע טעלער פון דעם טיש.

יעדן פרייטיק אוונט, ווען זי האָט געבענטשט ליכט, פלעגט זי פאַרדעקן איר פּנים מיט ביידע הענט, און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און ציטערדיקער שטים אַרויסשעפּטשען איר געבעט: „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, ברענג אים צוריק צו מיר אַ געזונטן, ווי דו האָסט געבראַכט יצחקן צוריק צו שׂרהן פון דער עקדה" — און הייסע טרערן פלעגן רינען איבער איר פּנים.

צוריק פון סלוזשבע

ווען לעיזקע איז אַהיים געקומען פון סלוזשבע, איז ביי צאַדעקן און רעבל געווען אַ גרויסער יום־טוב. איצט האָט שוין רעבל געוויינט פון פרייד. אין הויז איז ליכטיק געוואָרן. אַ שטילע פרייד האָט זיך צעזונגען אין רעבלס האַרץ. אַ זיס, צופרידן שמייכעלע האָט געשוועבט אויף אירע ליפּן.

— האָסט זיך זייער גוט אויסגעפּאַשעט אויף פּאַניעס ק־ק־קאַשע מיט די חזירישע גריוון, — האָט צאַדעק גוטמוטיק אַריינגעזאָגט לעיזקען.

רעבלס פּנים האָט געשיינט פון נחת: — ס׳זאָל אים קיין בייז אויג ניט שאַטן, — האָט זי גיך אונטערגעזאָגט.

— ביזט עפּעס אַ מבין ווי זי ציטערט איבער דיר, לעיזקע. מיין רעבל איז פאַרליבט אין דיר, לעיזקע.

— דער וויין, צאַדעק, דער וויין רעדט אין דיר! — האָט רעבל כּלומרשט זיך געבייזערט.

— אַלע מאָל ווען דו נעמסט אַן איבעריק גלעזל וויין, רעדסטו פּאַר פייער און פּאַר וואַסער...

לעיזקע האָט אָנגעגאָסן די ליידיקער גלעזער. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ נייעם גאַרניטור פון גרויען געוואַנט. אונטער דעם צעשפּיליעטן רעקל האָט ער געטראָגן אַ גלאַנציקע זיידענע רובאַשקע, מיט אַן אַראָפּגעלייגטן קאָלנער. זיינע שטיוול מיט לאַקירענע כאָליעוועס, האָבן געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל. זיין טשופּרינע איז געווען שיין געשוירן און פאַרקעמט אַרויף צו דער פּאַטילניצע. זיינע אויגן האָבן געפינקלט. די ליבע, וואָס די צווייי, שוין־ניט צו־יונגע מענטשן האָבן אים אַזוי אָפנהאַרציק אַרויסגעוויזן, האָט אים געוואַרעמט. ער האָט געשלונגען רעבלס געבראָטנס מיט אַפּעטיט און געגאָסן אין זיך איין גלאָז וויין נאָך דער צווייטער און גערעדט מיט האַרץ:

— איר זענט ביי מיר מיינע טאַטע־מאַמע, כ׳האָב געבענקט נאָך אייך די גאַנצע צייט, ווי מען בענקט נאָך אייגענע טאַטע־מאַמע.

רעבל האָט זיך צעוויינט פון גרויס פאַרגעניגן. אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט געווישט די אויגן מיט דעם ווייסן פאַרטוך און ניט אויפגעהערט צו כליפּען. איר גרויסער בוזעם האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ פון איר שווערן אָטעמען.

— אָט האָסטו דיר גאָר אַ געוויין, — האָט צאַדעק אַ ברוגזער זיך באַקלאָגט. — נו, קאָן מען רעדן מיט ווייבער? רעבל, דו פאַרשטערסט די שמחה. וויש אויס די אויגן, הער אויף צו וויינען, טרינק אַ גלעזל וויין און

האָב הנאה פונעם לעבן; ער איז דאָך שוין דאָ צוריק, — וואָס־זשע דאַרף מען וויינען?

רעבל האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל, איז האַסטיק צוגעגאַנגען, כמעט צוגעלאָפן צו לעיזקען, אַרומגענומען זיין קאָפּ מיט אירע פעטע אָרעמס. זי האָט אים אַ הייסן קוש געטאָן אין שטערן און איז אַנטלאָפן אין קיך אַריין. צאַדעק האָט געשמייכלט:

— זעסט, לעיזקע, — האָט ער שטיל געזאָגט, — אָט דאָס איז זי! אַ ווארעם האַרץ, מיט אַ וואַרעמער נשמה, אַ לעבן אויף איר! זי האָט דיך אמת ליב, טאַקע ווי אַן אייגענע מאַמע. די דריי יאָר וואָס דו ביזט געווען אויף סלוזשבע, איז זי מיר, נעבעך, קראַנק געווען, ניט געשלאָפן דורך די נעכט, זיך געזאָרגט וועגן דיר, געציילט די טעג ווען דו וועסט שוין קומען צוריק. אַ מאַמע, אַ מאַמע איז זי דיר, ווי איך בין אַ ייִד!

לעיזקע האָט ראַפּטאָם אַרויסגעמאַרשירט פון הויז. ער האָט זיך גע־שעמט, אַז צאַדעק זאָל זען ווי די טרערן פילן אָן זיינע אויגן. צאַדעק איז אים נאָכגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער קוים געקאָנט אַרויסברענגען די ווערטער — וואוהין גייסטו, ל־ל־לעי־זערקע?

— איך וויל אַביסל זיין מיט זיך אַליין. איך וויל זיך אויסטשוכען פון דעם אַרמיי־לעבן. עס איז מיר דאָרט געווען שווער, זייער שווער. איך וויל איצט זיין אַ פרייער מענטש פאַר אַ שטיקל צייט, פריי פון פליכטן און זאָרגן. איך וויל פאַרזוכן דעם טעם פון זיין אַ פרייער מענטש, פאַרשטייסט צאַדעק? דערנאָך וועל איך קומען צו דיר, פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך נעמען צו דער אַרבעט. עס וועט ניט דויערן לאַנג ביז די הענט וועלן זיך ביי מיר פאַרבענקען נאָכן האַמער, נאָכן הובעל און נאָך דער זעג. פאַר־שטייסט צאַדעק?

צאַדעק האָט פאַרשטאַנען.

— נו, גוט, נו, גיי, גיי דו זיך אויס, ווער אויס סאָלדאַט. ווער צוריק אַ פרייער מענטש. גיב אַ לעב, אָבער כאַפּ ניט איבער די מאָס. נאַ! — ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין קעשענע אַ זשמעניע מיט פּאַזיטלער און אַריינגערוקט אין לעיזקעס קעשענע. — נו, נו, גיי הוליע אַביסל, אָבער געדענק, כאַפּ ניט איבער די מאָס.

לעיזקע איז אַוועק צו זיין שוועסטער וואָס האָט חתונה געהאַט מיט יונה שוסטער, און וואָס האָט שוין געהאַט צוויי קינדער.

סאָרקע האָט אַ קוויטש געטאָן ווען זי האָט דערזען לעיזקען. זי האָט אים געהאַלדזט און געקושט, ווי ער וואָלט צוריק געקומען פון יענער וועלט.

יונה מיט לעיזקען זענען ניט געווען קיין פרעמדע צווישן זיך. סאָרקע האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אייגענע־געבאַקענע פלעצלעך און קיכלעך. ווען לעיזקע איז געוואָרן מיד פון שמועסן און דערציילן, און הערן וואָס יונה און סאָרקע דערציילן, האָט ער זיי געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איבערגעלאָזט פינף רובל אַ מתנה פאַר די קינדער.

לעיזקע איז אַרויס אין גאַס און איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרכישופטער. די וואַרעמע פרילינג־נאַכט האָט אים צערטלעך אַרומגעכאַפּט. הויך, איבער דעם בלוי־בלויען הימל האָט זיך געגליטשט אַ האַלבע לבנה. דאָס ווייכע ווינטעלע האָט צעטראָגן זאַפטיקע ריחות פון די סעדער, וואו די עפּל־ און וויינשל־ביימער זענען געשטאַנען איינגעהילט אין בלומען. דאָס שטעטל איז געשלאָפן. די ביינאַכטיקע שטילקייט האָט זיך געסודעט מיט דעם שטילן וואַרעמע ווינטעלע . . . לעיזקע האָט אַריינגעצויגן די פאַרפּאָרמירטע לופט אין זיינע לונגען און זיך איינגעהערט צו דעם ריטמישן קלאַפּן פון זיין האַרץ.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט דעם טיפן פאַרגעניגן צו זיין אַ פרייער מענטש, אַ באַפרייטער פון באַפעלן, פון אַרמיי־דיסציפּלין, פון זאָרג, פון איילן זיך צו דער אַרבעט, פון פליכטן, און — ער איז אין דער היים, אין זיין שטעטל! אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זיין גאַנצן קערפּער. אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין זיין האַרץ. אַ מאָדנע מונטערקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט, און אַ ריזיקע קראַפט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין זיינע שטאָלענע מוסקולן.

ער האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן און געסלעך. יעדע גאַס איז אים געווען טייער און ליב. דריי יאָר האָט ער געוואַרט אויף דעם טאָג צו קומען אַהיים, אַ פרייער און אַ באַפרייטער; איצט איז ער אין דער היים.

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז ער אַוועק אין דער בעסטער אכסניה אין שטעטל. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. דער משרת לייבצע, וואָס האָט געדינט ביי שעפּטלען אַ סך יאָרן, האָט געעפנט די טיר, צוערשט בלויז אַ שמאָלן שפּאַלט, דערנאָך — ברייטער. לעיזקע האָט געקענט לייבצען; וועמען האָט ער דען ניט געקענט אין שטעטל! — אָבער לייבצע, וואָס האָט פאַרבראַכט כמעט זיין גאַנצן לעבן אין שעפּטלס אכסניה, האָט לעיזקע ניט געקענט. אַ פאַרשלאָפענער, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער אַריינגעפירט לעיזקען אין אַ לאַנגן, שמאָלן צימער. אין צימער — אַ ברייט בעט, אַ טיש, צוגערוקט צום איינציקן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום גרויסן הויף פון דער אכסניה. דאָס פענצטער איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ שווערן פאַרהאַנג, וואָס איז אַמאָל געווען

בלויער סאַמעט, איצט, צוליב עלטקייט איז שוין געווען שווער צו באַשטי־
מען דעם קאָליר. אין צימער זענען אויך געשטאַנען צוויי בענקלעך, אַביסל
אָפּגערוקט פון טיש. אין ווינקל — אַן אַלטע קליידער־שאַפע, וואָס האָט
ניט דערלאָזט אַז אירע ביידע טירלעך זאָלן זיך פאַרמאַכן אינאיינעם. אויב
איין האַלבע טיר איז געווען פאַרמאַכט, האָט די צווייטע העלפט געמוזט
בלייבן אָפן, — אַזוי האָט די שאַפע געוואָלט.

אין אַ צווייטן ווינקל פון צימער, אויף אַ טישל, איז געשטאַנען אַן ערדע־
נע שיסל פון אַ בלאַס־רויטלעכן קאָליר, און אין דער שיסל — אַ בייכיק
קריגל פון דעם זעלבן מאַטעריאַל און קאָליר ווי די שיסל — אָנגעפילט
מיט וואַסער. אויף אַ צונויפגעלייגטן האַנטוך זענען געשטאַנען צוויי גלע־
זער, און אויף דער וואַנט — אַ פיר־עקעכדיקער שפּיגל. דאָס בעט איז גע־
ווען פאַרדעקט מיט אַ צודעק פון דעם זעלבן געוואַנט ווי דער פאָרהאַנג.
אַ פיר־עקעכדיקער ראָג פון האַרטן באָוול, געפאַרבט אין רויטע, שוואַרצע
און גרינע פאַרבן, איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן דיל.

— אויף דער וואָך, צי אויף איין טאָג ? — האָט לייבצע געפרעגט.

— אויף דער וואָך, — האָט לעיזקע געענטפערט.

— מיט אָדער אָן איבערבייסן ? צוויי גלעזער טיי, צוויי רייפטלעך
ברויט מיט פּוטער און מיט קעז. באַצאָלט פאַראויס.

— מיט איבערבייסן, — האָט לעיזקע געענטפערט, און ער האָט אים
באַצאָלט פאַר דער וואָך.

— אַכט אַזייגער איבערבייסן, — האָט לייבצע געזאָגט, און איז אַרויס
פון צימער.

לעיזקע האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל, עס אַריינגעהאַנגען אין דער שאַפע
און זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. אין דער אַכסניה איז געווען שטיל. ערגעץ
נאָענט האָט אַ הונט געבילט. דערנאָך האָבן עטלעכע הינט זיך צעהאַווקעט.
ערגעץ־וואו רעדן מענטשן זייער שטיל . . . דוכט זיך צאַדעקס שטים. אַ
האָן האָט זיך צעקרייט . . . לעיזקע האָט איינגעדרעמלט.

עמיצער האָט געקלאַפּט אין טיר. לעיזקע האָט זיך אויפגעזעצט, איז
געבליבן זיצן אויפן בעט, געריבן די אויגן מיט די קנעכל פון די פינגער.
ער האָט ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. מען האָט ווידער געקלאַפּט אין
דער טיר. אָ, יאָ, ער ווייסט שוין וואו ער איז ! ער האָט געעפנט די טיר.
די דינסט איז אַריינגעקומען. אויף אַ טאַץ האָט זי געטראָגן אַ גלאָז טיי,
און אויף אַ טעלער זענען געלעגן צוויי רייפטלעך שוואַרצע ברויט, באַ־
שמירט מיט פּוטער און קעז.

די דינסט האָט אַרויפגעשטעלט די גלאָז טיי מיט דעם טעלער ברויט

אויפֿן טיש און האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. אָבער זי האָט געמאַכט בלויז איין טראָט און איז געבליבן שטיין. האַרט ביי דער טיר איז געשטאַנען לעיזקע מיט די הענט אין די קעשענעס און האָט באַטראַכט דאָס מיידל. זי האָט געהאַט פלאַקסענע האָר, אַ שמאָלן שטערן, אַ שטאַרקע נאָז, אַביסל צו גראָבע, בלויע אויגן מיט אַ גרין פלעמל, היפּשע ברוסטן און גוט געבויט. זי האָט אויסגעזען אַ יאָר אַכצן אָדער ניינצן.

דאָס מיידל האָט אָפּגעמאָסטן לעיזקען פֿון די לאַקיר־גלאַנציקע שטיוול ביז צו דער שוואַרצער, געדיכטער טשופּרינע האָר. זי האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קני.

— איך דאַרף באַדינען די אַנדערע געסט, — האָט זי מיט אַ סאַמעט־גלאַטער שטים געלאָזט וויסן לעיזקען.

— נו, ווער האַלט דיך צו? — האָט לעיזקע ערנסט געפרעגט.

— גיי, זיי מוחל, אַוועק פֿון דער טיר, וועל איך קאָנען אַרויסגיין.

— דו וועסט צוריקקומען?

— נו, אַוודאי! כ'דאַרף דאָך צונעמען די גלאָז מיט דעם טעלער און אויפראַמען אייער צימער. די זייט צימערן געהערן צו מיר; די אַנדערע זייט, אַנטקעגן, געהערן צו אַן אַנדער מיידל, צו פרײַדקען.

— ווער איז שענער, דו אָדער פרײַדקע?

— אַוודאי בין איך שענער און ייִנגער.

לעיזקע איז אַוועק פֿון דער טיר און דאָס מיידל איז גיך אַרויס פֿון צימער.

לעיזקע האָט אָפּגעוואַשן ס'פּנים, פאַרקעמט די האָר און זיך גענומען צום איבערבייסן. ער האָט איינגעשלונגען די צוויי רייפטלעך ברויט, אויסגעטרונקען די טיי און איז געבליבן זיצן אויפֿן בענקל. ער האָט געטראַכט: „יאָ, צי ניין? זי, צי זאָל ער וואַרטן אויף עפּעס בעסערס?" ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. „נו, וואָס זאָגסטו, לעיזקע?" — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין אין געדאַנק, — „יאָ, צי ניין? באַשלים! זי וועט באַלד אַרײַנקומען . . ."

די טיר האָט זיך געעפנט. דאָס מיידל איז אַרײַן אין צימער מיט דער ליידיקער טאַץ אין דער האַנט. ער איז אויפגעשטאַנען פֿון בענקל, אָפּגעטראָטן פֿון טיש און איז געבליבן שטיין לעבן בעט.

זי האָט זיך ניט געאיילט. זי האָט אַוועקגעשטעלט די טאַץ אויפֿן טיש, אַרויפגעשטעלט די גלאָז אויף דער טאַץ. דערנאָך דעם טעלער אויף דער טאַץ, אַרײַנגערוקט דאָס בענקל אונטערן טיש, אָפּגעווישט דעם טיש, אַרויסגערוקט דאָס בענקל, דאָס אָפּגעווישט און ווידער אַרײַנגערוקט.

לעיזקע האָט איר געזאָגט: — האָסט פאַרגעסן מיר צו זאָגן דיין נאָמען.

— איר האָט מיך ניט געפרעגט.

— פרעג איך דיך איצט.

— מיין נאָמען איז מירקע ; געפעלט אייך מיין נאָמען ?

— און אַ חתן האָסטו שוין ?

— יאָ און ניין. ער וויל, איך וויל ניט ; צוליב וואָס פרעגט איר ?

— און ווען ווערסטו פּאַרטיק מיטן טאָג אַרבעט ?

— שפּעט. אַרום אַכט אַזייגער, נאָך דער וועטשערע און נאָכן וואַשן דאָס געפעס. צוליב וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן ?

— כ׳וועל וואַרטן אויף דיר ביים פּאַמיאַטניק, וועלן מיר אַביסל שפּאַצירן און רעדן.

— ער וועט אונדז ביידן דערהרגענען. נאָך וואָס זאָלט איר איינשטעלן ? כ׳בין ניט קיין גרויסע מציאה, איר קאָנט געפינען אַ שענערס פון מיר.

לעיזקע האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אַריינגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס אין דער גלאָז אַריין, איז צוגעגאַנגען צו מירקען, זי איינגעקלאַמערט אין זיינע שטאָלענע אָרעמס און איינגעגראָבן זיינע ליפּן אין אירע פולע רויטע, זאַפּטיקע ליפּן. דערנאָך האָט ער זי באַפרייט פון זיינע אָרעמס, אָנגעטאָן זיין רעקל, זיך געלאָזט צו דער טיר און האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער קליאַמקע. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מירקען און געזאָגט :

— ביים פּאַמיאַטניק, אַכט אַזייגער, — און איז אַרויס פון צימער.

מירקע איז געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידט צום דיל. זי האָט געפיבערט: „ביים פּאַמיאַטניק, אַכט אַזייגער" — האָט זי שטיל געמורמלט, „ביים פּאַמיאַטניק . . . כ׳וועל ניט זיין דאָרט . . . און פאַרוואָס ניט ? . . . ניין ! און אפשר . . ."

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט לעיזקע אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן פון שטעטל. ער האָט זיך געזען מיט פריינט און גלאָט באַקאַנטע. ביי צאַליק דעם שניידער האָט ער באַשטעלט צוויי גאַרניטורס. ער האָט געקויפט מתנות פאַר סאָרקען און פאַר זיין שוואָגער יונה. פאַר סאָרקען — סאַטינענע שטאָף פאַר אַ קלייד און אַ נייעם וואָלענעם שאַל. אַ זייגער מיט אַ קייטעלע — פאַר יונהן. ער האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט זיך ווידער שטעלן אַרבעטן, וועט ער פאַר זיין סאָרקען מאַכן אַ ניי בעט, אַ נייעם טיש, אַ שאַפע און בענקלעך און בעטלעך פאַר די קינדער.

די בחורים, זיינע אַמאָליקע פריינט, מיט וועמען ער פלעגט אַ הוליע־טאָן, זענען מער ניט געווען אין שטעטל. צוויי זענען געזעסן אין טורמע, איינער איז געשטאָרבן און די אַנדערע זענען ערגעץ פאַרשוואונדן און קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין זיי זענען אַהינגעקומען. ער האָט זיך צופעליק אויך

באַגעגנט מיט אייניקע פון די הויפּט־חברה פאַר וועמען מען האָט געהאַט דרד־ארץ אין שטעטל. ער האָט זיי כמעט אַלעמען געקענט איידער ער איז אוועק אויף סלוזשבע. ער האָט געוואוסט, אַז זיי זענען ביטערע יונגען און ער האָט זיך ניט געוואונדערט וואָס זיי זענען געוואָרן די „באַלעבאַטים" פון שטעטל.

די אוונטן האָט ער פאַרבראַכט מיט מירקען. יעדן אָוונט, אַכט אַזייגער, האָבן זיי זיך געטראָפן ביים פּאַמיאַטניק.

מירקע האָט זיך פאַרליבט אין לעיזקען מיט דעם גאַנצן פייער פון איר יוגנט, וואָס האָט שוין לאַנג געטליעט אין איר יעדן אבר. לעיזקע האָט אין איר צעפלאַקערט דאָס פייער. זי האָט געשטיפט, געלאַכט, געזונגען און געאַרבעט. אויף דער נאַכט — אָפּגעוואַשן, פאַרפלאָכטן די בלאָנדע האָר אין אַ צאָפּ, באַצירט מיט אַ בלויער לענטע, זיך אויסגעפּוצט אין איר שבתדיק קלייד און מיט גיכע שפּאַן זיך געאיילט צום פּאַמיאַטניק. יעדן אָוונט פלעגט איר מאַטערן די מורא: „אפשר וועט ער מער ניט קומען?" און ווען זי פלעגט אים דערזען פון דערווייטנס, פלעגט זי איינהאַלטן אירע טריט און ווישן די טרערן פון פרייד.

— וואָס וויינסטו? — האָט לעיזקע מיט געמאַכטער רואיקייט זי געפרעגט, ווען זי האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן אירע טרערן.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט ניט קומען, — האָט מירקע לאַכנדיק אַרויסגעבליפּעט, און אירע ווייסע ציין האָבן געפינקלט אין דער האַלב־פינצטערקייט.

— וועסט טאָקע וויינען ווען איך וועל דיך מער ניט וועלן?

— לעיזקע טייערער, עס וועט זיין דער סוף פון מיין לעבן.

— נו, אויב דו רעדסט אַזעלכע נאַרישע רייד, גיי איך שוין אַוועק.

— אוי, ניין! רייד איך שוין מער ניט, — און זי האָט זיך געטוליעט צו אים, אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט און זי באַדעקט מיט הייסע קושן. — אוי, אוי האָב איך דיך ליב, לעיזקע! מיין מאַמען און מיינע שוועסטערלעך האָב איך ליב, אָבער ניט אַזוי ווי דיך. האָסט אין מיר אָנגעצונדן אַ פייער וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן!

— וואָס דענקסטו, מירקע, — האָט לעיזקע זיך געמאַכט גלייכגילטיק, — איך בין עפּעס אַ לערן־ייִנגל? איך האָב שוין געהערט אַזעלכע שיינע „פּעסניעס". וועסט קריגן אַז אַנדער געליבטן, אַ שענערן, אַ רייכערן, וועסטו אים זינגען דיזעלבע „פּעסניע", וואָס דו זינגסט מיר.

— ניין, לעיזקע, מירקען קאָנסטו ניט, — האָט מירקע געזאָגט שטיל און טרויעריק. — איך האָב זיי אַלע געשיקט צו אַלדי רוחות. זיי האָבן מיך

ניט געקאָנט אַנרירן אַפילו מיט אַ פינגער. איך האָב געזאָגט דער „קוקלע״ אפשר צען מאָל, אַז ער קאָן מיך צעשניידן אויף שטיקער, וועל איך ניט גיין מיט אים. כ׳האָב געוואָרט אויף דיר, נאָר דו, און קיין אַנדערער קיינמאָל ניט! וועסט זען! . . .

— נו, אויב אַזוי, מירקע, זאָלסטו געדענקען, אַז איך האָב פיינט אַז מען מישט זיך אין מיינע געשעפטן, און זאָלסט ניט פרעגן קיין פראַגעס, זאָלסט הערן, זען און שווייגן. און נאָך אַ זאַך: כ׳האָב ליב צו זיין אַ פרייער, אַז קייטן, פאַרשטייסט, מירקע, אַ פרייער מענטש האָב איך ליב צו זיין!

— קאָנסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר, לעיזקע, פאַר דיר וועל איך גיין אין פייער און אין וואַסער — און קיין קייטן טו איך ניט אָן אויף דיר.

ער האָט אַריינגענומען איר פנים אין ביידע הענט און געקושט אירע ליפן. מירקעס אויגן האָבן געגלאַנצט פון גליק.

אברהם כאַנצעס

אין אַן אָוונט, נאָכדעם ווי ער האָט שפּאַצירט מיט מירקען אויף דעם פעלד אַרויס פון שטעטל, אַרום דעם קלויסטער און אַרום דעם קריסטלעכן בית־עולם, איז לעיזקע אַוועקגעגאַנגען צו אברהם כאַנצעס, זיין איינציקער קרוב אין שטעטל, וועמען ער האָט ליב געהאַט ווי אַן עלטערן ברודער.

אברהם כאַנצעס וויינשענק איז געשטאַנען כמעט ביים עק פון שטעטל. די ברייטע, לאַנגע טרעפּ האָבן געפירט צו דער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט אין אַ לאַנגן און ברייטן צימער, וואָס איז אין די אָוונטן געווען באַלויכטן דורך צוויי בליי־לאָמפּן, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע. אינמיטן פון דעם גרויסן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער קיילעכדיקער טיש אַרומגעשטעלט מיט באַקוועמע בענקלעך. ביי ביידע זייטן פון די ווענט זענען געשטאַנען קליינע פיר־עקעכיקע טישלעך מיט בענקלעך און ביי דער וואַנט, וואו דער צימער האָט זיך געענדיקט, איז געשטאַנען אַ לאַנגער פיר־עקעכדיקער טיש מיט בענקלעך. דער צימער איז געווען דער טרונק־זאַל.

אין זיין וויינשענק האָט אברהם כאַנצעס געקעניגט שטיל און באַשיידן. אַ ריז, איבער זעקס פוס הויך, זיין גרויסער קאָפּ באַדעקט מיט קורץ־געשוירענע האָר און גראָבע, רויטע וואָנצעס, פינקלענדיקע, גרינלעכע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעלאָנצט פון זיין קיילעכדיקן, פעטלעכן פּנים; אויסגעצויגן גלייך ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, מיט ברייטע פּלייצעס און לאַנגע הענט ווי אייזערנע שטאַנגען, פלעגט ער געמיטלעך, מיט געמאָסטענע טריט אַרומגיין אין זיין גרויסן טרינק־זאַל פון טיש צו טיש און שמועסן מיט זיינע פריינט און באַקאַנטע, וואָס פלעגן אים אויפנעמען מיט העפלעכער היימישקייט און פריינטלעכן, כמעט־איבערטריבענעם רעספּעקט.

אין די יונגע יאָרן, איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט כאַנצען, די איין־און־איינציקע טאָכטער פון דעם תבואה־סוחר בערעלע „מיוחס״, איז אברהם געווען איינער פון דעם קליינעם קרייז לעבע־יונגען אין שטעטל. אַ לײדיקגייער, קיינמאָל ניט אַריינגעטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער, שטענדיק אויסגעפּוצט, האָט ער צוזאַמען מיט זיינע פריינט געטרונקען, געשפּילט אין קאָרטן, אַרומגעפאָרן אין די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך און זיך געלאָזט וואוילגיין.

— זאָל ער הוליען, — פלעגט זיין טאַטע, יאָשקע וויינשענקער, זאָגן זיינע פריינט, — איך פאַרמאָג ניט מער ווי איין זון. קיין פּרנסה פעלט מיר ניט. איך פאַרדין דאַנקען גאָט גענוג פאַר מיינעטוועגן און פאַר

זיינעטוועגן. ער וועט נאָך צייט האָבן צו טראָגן דעם יאָך. זאָל ער הוליען, כל־זמן ער איז יונג.

גאָר אַן אַנדערער מענטש איז אברהם געוואָרן נאָך זיין חתונה מיט דער שיינער און שטאַלטנער כאַנצע. אַזוי לאַנג ווי זיין פאָטער און מוטער האָבן נאָך געלעבט, איז ער געווען אַן אַרויסהעלפער ביי זיין טאַטן. נאָך זייער טויט איז ער געוואָרן דער באַלעבאָס פון דער וויינשענק.

כאַנצע האָט באַלעבאָטעוועט אין קיך. זי האָט באַשעפטיקט אַ קעכין און אַן אַרויסהעלפערין. אין משך פון בלויז אַ קורצער צייט זענען כאַנצעס געשמאַקע מאכלים באַרימט געוואָרן. הויך, שיין, מיט אַן אויסגעטאָקטער פיגור, אַן אויסגעפּוצטע יעדן טאָג אין אַן אַנדער קלייד, פלעגט זי מיט איר זיס־חנעוודיק שמייכעלע אָנפרעגן ביי די באַזוכער פון שענק, צי עס געפעלן זיי די מאכלים און זי פלעגט אָנקוועלן פון די קאָמפּלימענטן פון די עסערס, וואָס האָבן געשלונגען כאַנצעס געקעכצן, געבראָטנס און געבעקס מיט הנאהדיקן אַפּעטיט.

כאַנצעס וויכטיקייט אין וויינשעק איז געשטיגן. קיינער ווייסט ניט ווען און ווי אַזוי עס איז געשען, און ווער עס איז געווען דער ערשטער צו ענדערן דעם נאָמען פון אברהם־ י אָ ש ק ע ס וויינשענק אויף אברהם כ אַ נ ־ צ ע ס וויינשענק. אַז דעם ויסן פון אברהמען און פון כאַנצען האָט דאָס שטעטל באַשלאָסן, אַז די שיינע כאַנצע זאָל פאַר איר בריהשאַפט באַלוינט ווערן מיט יורשדיקער אָנערקענונג.

אברהם כאַנצעס וויינשעק איז שטענדיק ציכטיק, זויבער־ריין. די טישן זענען שטענדיק פאַרדעקט מיט ריינע ווייסע טישטעכער. גלעזער, טעלער און שיסלען פינקלען פון ריינקייט. אין גרויסן טרינק־זאַל איז שטענדיק שטיל. די קונים ביי די טישלעך שרייען ניט, טומלען ניט, — און אויב עמיצער פון די טרינקער האָט אַריינגעגאָסן אַן איבעריקן כוס, וואַקסט באַלד לעבן אים אויס דער ריז אברהם כאַנצעס. זיין מעכטיקער אָרעם גאַרטלט פריינטלעך אַרום דעם פאַרשניאַשקעטן, און אין איין מינוט איז שוין יענער אין דרויסן.

אין אברהם כאַנצעס וויינשענק, אויב עמיצער פאַרלירט אַ ווערטפולע זאַך: אַ זייגערל, אַ גאָלדן פינגערל, אַ זילבערנע טאַבאַטשניצע, קריגט ער דאָס צוריק אַזוי גיך ווי עס ווערט געפונען. אין דעם וויינשענק קאָן מען איבערלאָזן אַ בייטעלע מיט געלט אויפן טיש — קיינער וועט דאָס ניט נעמען; עס וועט אומגעקערט ווערן צו דעם וואָס האָט עס געלאָזט.

ביי אברהם כאַנצעס קריגט מען דעם בעסטן ווייַן און דאָס געשמאַקסטע צובייסן, — געבראָטענע גענדז און קאַטשקעס, לעבערלעך און געפילטע

העלדזלעך, קאָטלעטן, פאַרפרווירענע קעלבערנע פיס, וואַרניטשקעס, וואַרע־ניקעס און קרעפּלעך, און וואָס ניט! מ׳קריגט דאָרט אויך אייגענע־געזייער־טע אוגערקעס, טאָמאַטן און אַרבוזלעך.

די טיר פון אברהם כאַנצעס ווײַנשענק איז אָפן פאַר אַלעמען. ווער עס זאָל ניט זײַן, ווערט ער באַהאַנדלט מיט פריינטלעכן רעספּעקט. אײן געזעץ הערשט אין יענעם ווײַנשענק — „אָנשטענדיקע אויפפירונג״, — און קיינער וואַגט ניט פאַרברעכן דאָס געזעץ.

אין שטעטל איז ברייט באַוואוסט, אַז אברהם כאַנצעס איז באַפריינדעט מיט וויכטיקע מענטשן אין די הויכע פענצטער, איז שטענדיק גרייט צו טאָן אַ טובה, אַז ער איז אַ קלוגער מענטש, מיט וועמען מען קאָן זיך באַראַטן אין אַן עת־צרה; אַז ער וועט ניט קאַרגן קיין מי און אַפילו זײַן אייגן געלט, צו העלפן אַ פריינט, אָדער באַקאַנטן אין נויט. חוץ דעם איז אברהם כאַנ־צעס באַוואוסט אין שטעטל פאַר זײַן פיזישער גבורה.

שבת אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען אַלע טישן פאַרנומען אין אברהם כאַנצעס ווײַנשענק מיט די בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער: סטעל־מאַכערס, סטאָליאַרעס, קאָוואַליעס, שניידער, שוסטער, קלעזמער און אַנדערע.

אין די וואָכעדיקע טעג און אוונטן עסן און טרינקען אין אברהם כאַנ־צעס ווײַנשענק פערד־הענדלער, אַלערליי מעקלערס, קאָרטן־שפּילער, „בכבודיקע״ באַלעבאַטים, וואָס האַנדלען מיט „הייסער סחורה״ און די „קאָמפּאַניע״.

די „קאָמפּאַניע״ איז באַשטאַנען פון אַ קליינער גרופּע יונגע גיבורים פון דעם שטעטל, מערסטנס באַלמעלאָכעס, קאָוואַליעס און שלאָסערס. כאָטש זיי זענען געווען באַשעפטיקט די גרעסטע טייל פון יאָר, האָבן זיי זיך דאָך געניייטיקט אין זייערע „זײַטיקע פאַרדינסטלעך״. זייער נויט, זייער יאָגעניש נאָך „זײַטיקער פּרנסה״ און זייער דורשט פאַר מאַכט און אָנערקענונג, האָט זיי פאַראייניקט. דאָס שטעטל האָט מורא געהאַט פאַר זיי און זיי אויסגע־מיטן; זיי האָבן ניט מורא געהאַט פאַר קיינעם.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען לעיזקע האָט געעפנט די טיר פון אברהם כאַנצעס ווײַנשענק און איז אַרײַן אין דעם גרויסן העל־באַלויכטענעם טרינק־זאַל.

אברהם האָט אים באַגעגנט אין מיטן זאַל, אים אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס און כמעט ווי אויסגעשריען:

— לעיזקע ממזר, אַ רוח אין דײַן טאַטנס זונס לאָקשנברעט! ביזט שוין

דאָ איז דער היים אַ גאַנצע וואָך און באַהאַלטסט זיך ערגעץ אונטערן פּרי־פּעטשאָק!

— כאַנצעלע, — האָט אברהם פרייליך און באַפעלעריש אויסגעשריען, — קום נאָר אַהער און זע וואָס פאַר אַ טייערן גאַסט מיר האָבן!

אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ סיטינענעם קלייד מיט ברייטע פאַלדן אַרום אירע היפטן, אירע שוואַרצע, גראָבע צעפּ אויסגעלייגט ווי אַ בייגל אין מיטן קאָפּ, און אַרומגערינגלט מיט האַלב־קיילעכדיקע קעמעלעך, האָט כאַנצע מיט אייַלנדיקע טריט צוגעשוועבט צום גאַסט. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט ווען זי האָט דערזען לעיזקען. אירע אויסגעטאָקטע ליפּן האָבן זיך צעעפנט אין אַ צופרידענעם שמייכל: „אוי, לעיזקע!" — האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט אירע גרויסע הענט. זי האָט אים אַרומגעטאַפּט מיט אירע גרויסע אויגן: „זע נאָר, וואָס פאַר אַ קראַסאַוועץ ער איז געוואָרן!" זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים געקושט. אברהם איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, מיט די הענט אין די קעשענעס און הנאהדיק געשמייכלט אונטער זיינע גראָבע וואָנצעס.

לעיזקעס גיכע בליקן האָבן אויפגעכאַפּט וואָס ער האָט געפינט זיך אין דעם גרויסן זאַל. ביי די קלענערע טישלעך זיצן עטלעכע אומבאַקאַנטע וואָס טרינקען און רויכערן. ביים גרויסן טיש, ביי דער וואַנט, זיצן עטלעכע פון דער „קאָמפּאַניע". אויף די בענקלעך, מיט די פּלייצעס צו דער וואַנט, זיצן די קאַרטאָפליע־ברידערלעך, שמאָיע און שבתי; איינער ענלעך אויפן צווייטן. קליין־געוויקסיקע, ברייטע פּלייצעס, גרויסע קעפּ, גראָבע נעזן און גראָבע ליפּן. לעבן זיי זיצט מאָטיע די „קוקלע", וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מאַלפּע. לעבן אים — איצקע ציגיינער, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, שוואַרצע אויגן, אַ שוואַרצע הויט און אַ קיילעכדיק פּנים. אַנטקעגן זיי, ביי דער אַנדערער זייט פונעם טיש, זיצן דריי יונגען. פון זיי האָט לעיזקע בלויז איינעם געקאַנט: איינער פון זיינע אַמאָליקע פריינט, יאַסקע שמייסער, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן צווישן די גרויסע, צוליב זיינע „פאַרדינסטן" . . .

אברהם האָט לעיזקען אָנגענומען ביים אָרעם, אים צוגעפירט צום טיש און אַ פרעג געטאָן: „מיט די מענטשן קאָנסטו זיך?" „יאָ", — האָט לעיזקע געענטפערט, — „מ'קען זיך".

— זעץ זיך, לעיזקע, וועסטו ניט שטיין, — האָט די „קוקלע" מיט זיין הייזעריקער שטים געזאָגט. — לאָזט אים אַריין אינמיטן, ער איז דאָך אַ גאַסט ביי אונדז אין שטאָט.

בענקלעך האָבן זיך האַסטיק צערוקט. אַ ליידיק בענקל איז אויסגע־

וואַקסן. לעיזקע האָט זיך אָוועקגעזעצט פּונקט אַנטקעגן דער „קוקלע".

— וועסט שטעלן ווײַן, לעיזקע? ביזט דאָך אַ גאַסט! — האָט די „קוקלע" געפרעגט. — כ'האָב געהערט אַז ביזט אַנגעשטאָפּט, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

— מיט פאַרגעניגן, — האָט לעיזקע געענטפערט.

וואַווע, דער משרת, וואָס האָט געדינט ביים אברהמען שוין אַ לאַנגע צייט, איז אויסגעוואַקסן ביים טיש.

— ברענג עטלעכע פלעשער ווייַן, וואַווע, — האָט לעיזקע באַשטעלט.

— נומער דריי, וואַווע, — האָט אברהם געלאָזט פאַלן אַ באַפעל. וואַווע האָט געוואוסט, אַז אין פעסל נומער דריי אין קעלער געפינט זיך דער עלטסטער, בעסטער רויטער ווייַן, וואָס אברהם טרינקט מיט זיינע פריינט ביי וויכטיקע געלעגנהייטן.

וואַווע איז צוריקגעקומען מיט צוויי גרויסע פלעשער ווייַן און מיט אַ גלאָז פאַר לעיזקען. אברהם איז פאַרשוואונדן געוואָרן. לעיזקע האָט באַצאָלט וואַווען פאַר דעם ווייַן און אָנגעגאָסן די גלעזער. דער שטאַרקער ווייַן האָט געשמעקט מיט זאַפטיקע, צייטיקע וויינטרויבן פון די בעסאַראַביער קאָדרים (ווייַנגערטנער).

אַכט גלעזער ווייַן זענען געשטאַנען אָנגעפילט און געוואַרט. ביים טיש איז שטיל. מען האָט געהערט דער „קוקלעס" גיכן אָטעמען. קיינער רירט זיך ניט צו צו די גלעזער, וואָס פינקלען מיט דעם רויטן ווייַן. אַ מינוט, צוויי, דריי. קיין האַנט באַוועגט זיך ניט. די לופט אַרום דעם טיש איז געוואָרן וואַרעם, הייס, הייסער.

לעיזקע האָט גענומען זיין גלאָז ווייַן, פאַרזוכט, אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג און שטיל אַ ברום געטאָן: „ממ!". ער האָט אויפגעהויבן די גלאָז, באַטראַכט דעם שיינענדיקן טיף־רויטן קאָליר, און דערנאָך געזופּט פּאַוואָליע און אויסגעליידיקט די גלאָז, ווידער דאָס אָנגעפילט, ווידער אויסגעליידיקט און ווידער אָנגעפילט. אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון זיין זילבערנער טאַבאַטשניצע און פאַררויכערט.

נייגעריקע, דורשטיקע, וואָלפישע אויגן האַלטן נאָך זיינע באַוועגונגען. קיינער זאָגט גאָרניט. די גלעזער ווייַן שטייען. קיינער רירט זיך ניט צו צו זיי. . .

— לעיזקע, — האָט דער „קוקלעס" הייזעריקע שטים געבראָכן די שטילקייט, — מ'האָט דיר, דאַכט זיך, באַפוילן, אַז דו זאָלסט ניט קריכן אין פרעמדע ווייַנגערטנער, אַ יאָ?

לעיזקע האָט טיף אַריינגעצויגן דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס און דערנאָך

ארויסגעבלאָזן אַ זייל רויך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קליין, אָפּן זאַנטיקל.

— מיינסט דאָך מסתמא מירקען ? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן, גלייך ווי ער איז ניט געווען זיכער, וואָס מאַטיע די „קוקלע" האָט געמיינט.

— וועמען דען מיין איך, די רביצין ? — האָט די „קוקלע" ברוגז אַרויסגעהייזעריקט, — מאַכסט זיך געפּגרט ?

— מאַטיע, — האָט לעיזקע געזאָגט צו דער „קוקלע" מיט אַ פריינטלעכן טאָן, — מירקע איז אַן אָנשטענדיקע יונגע מויד. זי אַרבעט שווער צו העלפן איר מאַמען, דער אלמנה מיט די צוויי יינגערע שוועסטערלעך. אויב דו ווילסט וועל איך מער ניט זען מירקען, אָבער דו מוזט זי אויך צורו לאָזן ; ס'פעלט דיר, חלילה, ניט אויס קיין מוידן ! טו מיר צוליב און לאָז זי אָפּ. מיר זענען דאָך אַלטע פריינט.

— זינט ווען ביזטו עס געוואָרן מירקעס פאַרזאָרגער ? — האָט די „קוקלע" אַרויסגעכריפּעט. ביזט עטלעכע טעג אין שטאָט און מישסט זיך שוין אין פרעמדע געשעפטן. איז אַט־וואָס, לעיזקע. מאָרגן, אָבער ניט שפּעטער ווי מאָרגן, וועסטו זיך אַרויסציִען פון דיין צימער, און אַז דו וועסט באַגעגענען מירקען, זאָלסטו ווערן בלינד און זי ניט זען ; און אַז זי וועט דיך רופן, זאָלסטו ווערן טויב און ניט הערן, און געענדיקט אַ מעשה ! — מירקע איז טויט פאַר דיר, פאַרשטייסט וואָס מ'רעדט צו דיר ?

לעיזקע איז געזעסן רואיק, געשמייכלט און שפּאַטיש געקוקט אויף דער „קוקלע". זיין שמייכל האָט מאַטיען געשניטן ווי מיט אַ מעסער. ער האָט געפילט ווי לעיזקעס קאַלטבלוטיקער שמייכל און אָפּלאַכנדיקער בליק דערנידעריקט און באַליידיקט אים. דינע קנייטשעלעך האָבן באַדעקט זיין פּנים און זיין שטערן און האָבן אַרומגערינגלט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן. זיין כעס איז געשטיגן. זיינע בלויע ליפּן האָבן געציטערט.

— און נאָך אַ זאַך וויל איך דיר זאָגן, — האָט די „קוקלע" גערעדט צו לעיזקען מיט אַ פאַרשטיקטן הייזעריקן גרילץ, — דו דערציייל מיר ניט וועגן מירקעס אָנשטענדיקייט. און אויב דו קרייעסט וועגן אָנשטענדיקייט, קאָנסטו אַרויסגיין מיט מיר אין דרויסן, וועלן איך דיר עפּעס דערציילן וועגן דיין מאַמען !

אַ דונער האָט אַ קראַך געטאָן איבער לעיזקעס קאָפּ. פייערדיקע פונקען האָבן געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. דאָס בלוט האָט אים געבריט אין די אָדערן. הייסער, צעגאָסענער שטאָל האָט געברענט זיין גאַנצן קערפּער. זיין מעכטיקער ברוסטקאַסטן האָט זיך האַסטיק געהויבן. עס האָט אים אויסגעפּעלט לופט צו אָטעמען. ס'האָט אים געטריקנט אין מויל. ער האָט

אַ זופּ־געטאָן פֿון זיין גלאָז וויין, איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל און מיט צאָרן שטיל אַרויסגעברומט:

— קום, דו לויזיקע מאַלפּע, קום אַרויס און דערציילַ מיר עפּעס וועגן מיין מאַמען . . .

ביידע זענען האַסטיק אַרויס פֿון הויז, אַריינגעקירעוועט זיך אין דער ברייטער ליק (געסל), און זענען געבליבן שטיין אויף דעם ברייטן פּלאַץ הינטער אברהם כאַנצעס הויז. די האַלבע לבנה האָט בלאַס באַלויכטן דאָס טויט־שטיל ליידיק שטיק ערד, דאָ און דאָרט באַוואָקסן מיט גראָז. פֿון אונטער אַ שטיין האָט אויף אַ דין שטענגעלע אַרויסגעקוקט אַ בלימעלע מיט אַ געל פּנים, אַרומגערינגלט מיט ווייסע בלעטעלעך.

— מיך רופֿסטו לויזיקע מאַלפּע? דו, דו, ממזר!

אַ האָגל פֿון שטאָלענע פֿויסטן האָבן געהאַמערט איבער דער „קוקלעס" קאָפּ און פּנים. יעדעס מאָל וואָס מאָטיע די „קוקלע", דער באַרימטער שלעגער, האָט אַ פּאָר געטאָן מיט זיין לאַנגן, מעכטיקן אָרעם, איז לעיזקע אָפּגעשפּרונגען ווי אַ קאַץ, דערנאָך ווידער באַפֿאַלן זיין קרבן און געהאַמערט איבער אים אָן רחמנות. מאָטיע האָט דערפֿילט אַ שוואַכקייט אין זיינע לאַנגע שטאַרקע פֿיס. ער האָט דערפֿילט אַ ווייטיק אין קאָפּ און אין זיין געשוואָלענעם, מיט בלוט־פֿאַרגאָסענעם פּנים. ער האָט זיך אָנגעבויגן — דאָס איז געווען מאָטיעס באַרימטער קונץ — צו דערלאַנגען לעיזקען מיטן קאָפּ אונטערן האַרצן, אָבער לעיזקע איז געווען פֿלינקער פֿון אים. מיט זיין קני האָט לעיזקע אַ מוראַדיקן זעץ געטאָן אין מאָטיעס פּנים. די „קוקלע" האָט אַ קרעכץ געטאָן און איז געפֿאַלן צו דער ערד אַ באַוואוסטלאָזער.

לעיזקע האָט שווער געאָטעמט. ער האָט אַרויסגענומען זיין האַנטטיכל פֿון זיין קעשענע, אָפּגעווישט די האַנט פֿון מאָטיעס בלוט, דערנאָך פֿאַרקעמט די האָר און איז רואיק און געלאַסן צוריק אַריינגעגאַנגען אין וויינשענק, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט.

בלויז איין מינוט זענען מאָטיעס פֿריינט געבליבן זיצן דערשטוינטע, פֿאַרגליווערטע, און כמעט דערשראָקענע. זיי זענען געווען זיכער, אַז די „קוקלע" וועט צוריקקומען מיט זיין מאַלפּישן שמייכל . . . זיי האָבן זיך ניט געקאָנט גלייבן, אַז לעיזקע איז דאָ צוריק אַליין, און די „קוקלע" איז נישטאָ. זיי האָבן געקוקט אויף לעיזקען און זיך געוואונדערט, וואָס ער זעט אויס גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט אין דרויסן. פּלוצים, ווי אויף אַ באַפֿעל, האָבן זיי זיך אַלע מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן פֿון זייערע בענקלעך און זענען אַרויס אין גאַס מיט האַסטיקע טריט.

לעיזקע האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש. זיבן ליידיקע בענקלעך . . .

איינער אַליין זיצט ער איצט ביים לאַנגן טיש. די קנעבלעך פון זיין רעכטער האַנט „באַקלאַגן" זיך אויף דער „קוקלעס" האַרטע ביינער . . . רואיק, געמיטלעך ליידיקט ער אויס זיין גלאָז וויין און פילט ווידער אָן. דערנאָך פאַררויכערט ער אַ פּאַפּיראָס און שמייכלט, — ער וואָלט געגעבן צען פלעשער וויין אַ קוק צו טאָן אין דער „קוקלעס" מאַלפּיש אייגעלעך, אויב ער קאָן זיי איצט נאָך עפענען . . . .

אברהם כאַנצעס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן, ווי פון דער ערד אַרויס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פונקט אַנטקעגן לעיזקען, האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין, אַ זופּ געטאָן פון גלאָז און געקוקט אַ פאַרזאָרגטער אויף לעיזקען.

— ביזט ברוגז אויף מיר, אברהם? — האָט לעיזקע אים געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— דו ווייסט כאָטש וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן? — האָט אברהם אַרויסגעציילט זיינע ווערטער ערנסט־פאַרזאָרגט.

לעיזקע האָט געלאַכט:

— פון וואַנען זאָל איך ווייסן? אדרבא, דערצייל מיר, אברהם. איך בין זייער פאַראינטערעסירט: וואָס אַזוינס האָב איך אָפּגעטאָן?

— כ'האָב געזען מאָטיען . . . זיי האָבן אים אַוועקגעטראָגן אַ האַלבטויטן . . . ביזט אַרונטער פון זינען, לעיזקע? . . . איבער אַ מויד? וואָס ביזטו, אַ חדר־ייִנגל?

—ניין, אברהם, ניט איבער אַ מויד, — איבער מיין מאַמען! . . .

אברהם האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. אַ געדאַנק איז אים דורכגעפלויגן דורכן מוח: „לעיזקע איז אַביסל געררירט פון זינען" . . . שטיל, קוים וואָס לעיזקע האָט אים געהערט, האָט ער געפרעגט:

— איבער דיין מאַמען? האָסט געזען דיין מאַמען אין חלום?

לעיזקעס פּנים איז פאַרפרוירן געוואָרן.

— אברהם, — האָט לעיזקע געזאָגט מיט אַ קול פול מיט ווייטיק, — די מאַלפּע האָט באַליידיקט מיין מאַמען!

אברהם האָט אַרונטערגעלאָזט זיין גרויסן קאָפּ. ער האָט געדרייט אַ ליידיקע גלאָז צווישן זיינע גרויסע הענט הין און צוריק.

„אויב אַזוי, — האָט ער געטראַכט, — איז שוין עפּעס אַנדערש. אויב אַזוי האָט די „קוקלע" זיך כשר פאַרדינט די קלעפּ. איך אויף זיין אָרט וואָלט מסתמא געטאָן דאָסזעלבע וואָס לעיזקע האָט געטאָן, ווען מען וואָלט מיין מאַמען באַליידיקט".

לעיזקע האָט געשוויגן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אברהם קאָן ניט זיין

ברוגז אויף אים פאר באשיצן זיין מאמעס כבוד. דערצו איז דאך זיין מאמע געווען אברהם א נאענטע קרובה.

— האסט דאך אים געקאנט דערלאנגען „טרוקן", ניט מיט קיין געצייג!

— ניין, אברהם, ס'איז געווען אן געצייג. מיט מיינע נאקעטע הענט. ווער איז שולדיק, אז די מאלפע האט ווייכע ביינער? ער איז געמאכט פון ווייכן ליים, אבער א מויל האט ער א גרויס.

— נו, אויב ער האט באליידיקט דיין מאמען, האסטו אים אבער באליידיקט ביזן ביין ... ניט נאר האסטו אים ריכטיק צעקראַוואַשעט, נאר שטעל דיר שוין פאר וואס פאר אן אנזען ער וועט איצט האבן צווישן זיינע אייגענע חברה־לייט. ס'וועט ניט בלייבן קיין סעקרעט, מען וועט שוין קוקן אויף אים פון אויבן אראפ. אין צען מינוט האסטו פון אים געמאכט בלאטע. ווי מיינסטו, זיינע פריינט וועלן דיר דאס שענקען?

לעיזקע האט געשוויגן און געראַיכערט איין פאפיראס נאכן צווייטן.

— ווייסט וואס איך טראכט, — האט אברהם געזאגט, — אפשר קאן מען דאס אויסגלייכן און מאכן שלום. פאר דיין מאמעס כבוד האסטו זיך אנגענומען, איז גיב אים אפ די מויד און אוים מלחמה!

— ניין, אברהם, מירקע וועט ניט אריינפאלן צו דער מאלפע אין די הענט.

— וואס, ביזט פארליבט אין דער מויד?

— אביסל ...

— הא! רעד־זשע קלארע דיבורים! איז אט־וואס: איך זאג דיר, נעכטיק ביי מיר און מארגן ביינאכט וועלן מיר, דאס הייסט, איך און דו, און מאטיעס פריינט, זיך דורכרעדן ביי א גלעזל וויין און מ'וועט שוין געפינען א פארטל אויסצוגלייכן די גאנצע געשיכטע.

— אז איך וועל שלאפן דא, ביי דיר, וועל איך פארשלאפן ...

— וואס מיינסטו דערמיט? — האט אים אברהם געפרעגט.

— איך מיין, אז מארגן גאנץ פרי קאן נאך מירקע ניט סטייען, פשוט פארבלאנדזשעט ווערן ... מיינסט, אז איך וויים ניט מיט וועמען איך האנדל? ...

— ביזט א קלוגער ממזר, לעיזקע, אפשר שוין אביסל צו־קלוג. נו, קום אריין מארגן ביינאכט, וועלן מיר זען וואס מען קאן טאן מיט אייך, דערוואקסענע ממזרים מיט קינדערשן שכל, בהמות! ווילדע פערד! אבער דערווייל, לעיזקע, היט זיך אויפן וועג.

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט ווען לעיזקע איז ארויס פון אברהם כאנצעס הויז און זיך געלאזט גיין אהיים. ער האט זיך ארומגעקוקט

אויף אַלע זייטן. נאָך יעדן שפּאַן זיך ווידער אַרומגעקוקט. זיך איינגע־הערט אין יעדן שאָרך. אַרויס פון דער ליק . . . ער בלייבט שטיין. באַקוקט דעם פּלאַץ. רייז, שפּאַן נאָך שפּאַן . . . ווידער זיך אָפּגעשטעלט. פּלוצים, ווי פון דער ערד אַרויס זענען זיי אויסגעוואַקסן . . . ער האָט זיי דערקאַנט: די קאַרטאָפליע ברידערלעך, זיין אַמאָליקער פריינט יאָסקע שמייסער. דעם פערטן האָט ער ניט דערקאַנט. לעיזקע האָט זיך באַשיצט מיט זיין גאַנצן כוח. ער האָט געקלאַפּט אויף אַלע זייטן. אָבער פּלוצים — אַ זאַק איבער זיין קאָפּ און אַ מוראדיקער זעץ! דערנאָך קלעפּ, קלעפּ . . . ער איז געפאַלן אויף דער ערד און דערפילט אַ ווייטיק אין קאָפּ און אין זיין גאַנצן קערפּער. דערנאָך האָט ער שוין גאָרניט געפילט . . . טויט־שטיל אַרום אים . . . ער קאָן זיך ניט רירן . . . ער ווייסט ניט וואו ער איז . . .

אברהם האָט אים אַריינגעטראָגן אין זיין שלאָף־צימער. ער און כאַנצע האָבן אים אַרויפגעלייגט אויף איינעם פון די בעטן. אין אַ האַלב־באַוואוסט־לאָזן צושטאַנד האָט לעיזקע דערפילט, אַז מען ציט אַרונטער זיין רעקל, מען פאַרהייבט זיין רובאַשקע, זיין אונטער־העמד — און ווייכע, צאַרטע הענט טאַפּן אים די ריפּן. ער הערט עפּעס אַ שטים פון העט־ווייט: „ניין, ניט צעבראָכן!” ער פילט אַ קאַלטקייט איבער זיין פּנים, אויף זיין קאָפּ . . . גוט . . . ער הערט ווידער פון העט־ווייט אַ שטים, שטיל, זייער שטיל: „מ'וואָלט געדאַרפט רופן דעם פעלדשער” . . . שטיל . . . דערנאָך נאָך אַ שטים, אַ האַרטע: „אויב ער וועט דערלעבן ביז אין דער פרי, וועט מען שיקן נאָכן פעלדשער”. דערנאָך פילט ער שוין גאָרניט און ער הערט גאָר־ניט. שטיל . . . בלויז אין זיינע אויערן זשומען פליגן, שטעכן אים נאָדלען און אויף זיין קאָפּ ליגט אַ גרויסער שווערער שטיין און דריקט און קוועטשט אים . . .

כאַנצע איז ניט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט, געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן אויף זיין קאָפּ און אויף זיין פּנים. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך לעיזקע אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף. ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, נאָר כאַנצע האָט אים צוריקגעשטופּט: — „וואוהין קריכסטו?” ער האָט גע־וואָלט פרעגן וואו ער איז, נאָר פון זיינע געשוואָלענע ליפּן איז אַרויסגעקו־מען „בב־בין־ביניד” . . . כאַנצע האָט אַריינגעשטופּט צווישן זיינע ליפּן דאָס קיילעכדיקע פּיסקל פון אַ פלעשל און דאָס עטוואָס אונטערגעהויבן. דער בראָנפן האָט זיך צעגאָסן איבער זיינע ליפּן, געראונען איבער די קישן. ער האָט געעפנט דאָס מויל און דערפילט אַ שניידנדיקן ווייטיק אין זיינע קינבאַקן, אין זיינע אויערן און אַרום דער נאָז, אָבער ער האָט דאָרשטיק אַריינגעצויגן אין זיך דעם בראָנפן. דערנאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ

טיפֿן שלאָף. כאַנצע האָט אים איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, אַ בלאָז געטאָן אין בייכיקן גלעזל פֿון דעם לאָמפּ. זי איז אַרויס פֿון פֿינצטערן צימער און פֿאַרמאַכט די טיר.

אַרום אַכט אַזייגער אין דערפֿרי האָט לעזיקע זיך אויפֿגעכאַפּט. זיין קערפּער איז געווען הייס און פֿייכט אונטער דער קאָלדרע. ער איז געלעגן אין בעט און זיך געוואונדערט וואָס ער פֿילט ניט קיין ווייטיקן אין זיין קערפּער. ער איז ליכט אַרונטער פֿון בעט. צווישןביידע בעטן איז געשטאַנען אַ קליין טישעלע און אויף דער וואַנט איבערן טישעלע איז געהאַנגען אַ שפּיגל איינגעפּאַסט אין אַ ווייס אָפּגעפֿאַרבט רעמל. ער האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגל און דערזען אַ ניט־באַקאַנט פּנים, עפּעס יאָ און עפּעס ניט ענלעך צו דעם פּנים צו וועלכן ער איז צוגעוואוינט — עפּעס אַ גראָבע קאַרטאָפֿליע־נאָז, גראָבע אָנגעבלאָזענע ליפּן, אונטער די אויגן רעגנבויגנס, און דער שטערן איז אָנגעשוואָלן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: די שווערע לייוונט, אָדער די זעק וואָס זיי האָבן איבערגעצויגן איבער זיין קאָפּ און זיין פּנים, איז געווען זיין אומגליק, אָבער אויך זיין גליק. ווען ניט דער צודעק וואָלט פֿון זיין גאַנצן פּנים און זיין שטערן געוואָרן רויע פֿלייש. איצט איז דאָס בלויז געשוואָלן. עס וועט אָפּגיין. און יאָ, — גוט וואָס איך געדענק: יאָסקעלע שמייסער און די קאַרטאָפֿליע־ברידער, דער פֿערטער איז געווען אַ פֿרעמדער . . . מירן דיך געפֿינען, ברודערל . . . זאָרג זיך ניט. מירן זיך באַקענען . . . נאָר צייט און געדולד. לעזיקע בלייבט קיינעם ניט שולדיק . . . מירקע! אוי, מירקע! — האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח. ער האָט אויף גיך אַרויפֿגעשלעפּט זיינע שטיוול, זיינע הויזן און אָנגעהויבן זוכן זיין העמד און זיין רובאַשקע.

די טיר האָט זיך געעפֿנט. כאַנצע איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. זי האָט פֿאַרלייגט די הענט איבער איר בוזעם און געזאָגט מיט צופֿרידעטער איבערראַשונג:

— דאָס ביזטו עס, לעזיקע? ווער האָט דיך אַרונטערגענומען פֿונעם בעט? היינט ביזטו שוין ניט קיין קראַסאַוועץ; קוקסט אויס ווי אַ פֿאַרזעעניש.

— כאַנצע, כ׳וועל אייך ביידן, דיר און אברהמען אָפּדינען, אויב איך וועל לעבן. ווייסט אפֿשר וואו מיינע העמדער זענען?

— דיינע העמדער זענען געווען אויסגעווייקט אין דיין טריפֿהנעם בלוט, האָב איך זיי אויסגעוואַשן און אויפֿגעהאַנגען אויפֿן וואַרעמען אויוון טריקענען. און וואוהין לויפֿסטו עס מיטן געשוואָלענעם פּנים? זעסט דאָך אויס ווי עפּעס אַ פֿאַרזעעניש, מענטשן וועלן זיך דערשרעקן פֿאַר דיר. וואַרט

אויס, אייל זיך ניט. ווענסט גאָרניט אָנווערן. טרינק אַ גלעזל טיי מיט מיר און מיט אברהמען. מעגסט דאַנקען גאָט וואָס דו ביזט געבליבן לעבן.

אברהם האָט זיך אַריינגעשטעלט אין צימער.

— וואָס, דו לעבסט נאָך? כאַנצע, זע נאָר, ער לעבט דאָך! און איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט אָוועקפּגרן; האָסט מיך אָפּגענאַרט, מען קאָן דיר ניט טרויען, לעיזקע!

— איך וועל דיר אָפּדאַנקען, אברהם, — האָט לעיזקע מיט שווועריקייט אַרויסגערעדט מיט זיינע געשוואָלענע ליפּן.

— ניין, ס'טויג ניט, — האָט אברהם גערעדט, ניט קוקנדיק אויף לעיז־קען, — ביזט אַ ווילדער לאָשעק, אָן שכל. כ'האָב זיך געבעטן ביי דיר, אַז דו זאָלסט איבערנעכטיקן ביי מיר. איך האָב דיך געוואָרנט, אַז זיי וועלן דיר ניט שענקען, האָסטו מיך ניט געפאָלגט. שטעלסט אויף זיך צופיל! אַז אַקס האָט מער כוח ווי דו און שאַרפערע הערנער, אָבער מען קוילעט אים ווען ער ווערט ווילד און באַפאַלט מענטשן. כ'האָב מורא, אַז האָסט גאָרניט געלערנט פון נעכטן — לויפסט צו דער מויד! אַ־יאָ, לעיזקע? איך זע, אַז דו זוכסט זיך נייע צרות — וועסטו געפינען! געדענק, אַז אברהם האָט דיך געוואָרנט! כאַנצעלע, לאָז אים גיין, לאָז אים לויפן: ער'ט מיך ווערן. אוי וועט ער מיך ווערן!

לעיזקע איז געקומען אַהיים צו זיך אין צימער, זיך אויסגעטאָן און זיך אַריינגעלייגט אין בעט. זיין לאַנגער מעסער, אין לעדערנעם שייד, האָט ער אַרונטערגעלייגט אונטערן קישן. — ווער ווייסט, — האָט ער געטראַכט, — עס קאָן זיין, אַז ס'וועט זיך זיי פאַרגלוסטן אים אָפּצושטעקן אַ וויזיט ווען זיי וועלן אויסגעפינען, אַז ער לעבט נאָך.

ווען מירקע האָט אים דערזען, האָט אַ שטראָם טרערן זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן.

— מירקע, קום נאָר אַהער, — האָט לעיזקע מיט אַ שטרענגן טאָן באַ־פוילן.

זי איז צוגעקומען צום בעט, זיך געשטעלט אויף די קני און געקוקט אויף אים דורך אירע מיט טרערן־אָנגעפילטע אויגן.

— געדענקסט וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, — האָט לעיזקע אויף איר שטרענג געקוקט, — זאָלסט ניט פרעגן קיין פראַגן און זיך ניט מישן אין מיינע געשעפטן. אויב דו ווענסט ניט פאָלגן, קאָנסטו פאַרמאַכן די טיר אויף יענער זייט און פאַרגעס, אַז דו האָסט ווען עס איז געקאָנט אַ בחור מיטן נאָמען לעיזקע.

מירקע האָט געשמייכלט און געקושט זיינע הענט און ניט געקאָנט איינ־האַלטן אירע טרערן.

דריי טעג איז לעיזקע געלעגן אין בעט און ניט אַרויס אין גאַס. ער האָט באַשטעלט זיינע מאַלציַיטן אין דער אכסניה. מירקע האָט אים געקאָכט יאַיכעלעך, געפּרעגלט אייער אויף פּוטער און אים געבראַכט צוויי פלעשער וויין. זיין פּנים איז נאָך אַלץ געווען געשוואָלן. אַ שיסל מיט וואַסער איז געשטאַנען אויפן בענקל און אַ האַנטעך האָט זיך דאָרט געווייקט. לעיזקע האָט געוואַרט; ער האָט געוואוסט אויף וואָס ער וואַרט . . .

אויפן דריטן טאָג איז וואָווע, אַברהם כאַנצעס משרת, געקומען צו לעיז־קען און אים געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס וויל אים זען.

— זיי אַזוי גוט און העלף מיר זיך אויפזעצן, — האָט לעיזקע געבעטן וואָוועז, — אָבער זיי פאָרזיכטיק, וויַיל די ריפּן זענען מיר צעטראַסקעט.

וואָווע האָט אָפּגערוקט דאָס בענקל מיט דער שיסל, ער האָט אַרונטערגע־רוקט די האַנט אונטער לעיזקעס פּלייצע און האָט אים אונטערגעהויבן. לעיזקע האָט אַרויסגעקרעכצט:

— לייג מיר אונטער דאָס קישן . . . אָט אַזוי, וואָווע. אַ דאַנק דיר. ווער איז דאָרטן ביי אייך? — האָט לעיזקע מיט אַן אָנשטעל שוואַך און שטיל געפרעגט.

— איך ווייס ניט. דאַכט זיך, שמעיה, שבתי און יאָסל. די אַנדערע זע־נען זיך צעגאַנגען. — האָט וואָווע אומשולדיק געענטפערט.

— נו, זיי אַזוי גוט, וואָווע, און זאָג אברהמען, אַז ווען כ'וועל געזונט ווערן וועל איך קומען צו אים. זאָג אים דעם אמת. זאָג דעם אמת, אַז איך ליג אין בעט מיט צעטראַסקעטע ריפּן, מיט אַ געשוואָלן פּנים, און עסן קאָן איך ניט, וויַיל ס'איז מיר געשוואָלן אין האַלדז. ס'איז מיר שווער צו זיצן, וואָווע. לייג מיך צוריק אין בעט אַריין.

וואָווע האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ.

— אפשר, לעיזקע, רופן דעם פעלדשער? מען טאָר ניט פאַרלאָזן.

— גיי שוין, גיי, וואָווע. וואָס דענקסטו, איך ליג אין קינפּעט? אין עט־לעכע טעג אַרום וועל איך זיין ווי געווען. מעגסט זיין זיכער אין דעם.

ווען וואָווע האָט דערציילט אברהמען, אַז לעיזקע זעט אויס ווי אַ געשוואָ־לענער מת, האָט שעיה קאַרטאָפּליע זיך צעלאַכט אויפן קול:

— גלעזערנע ריפּן פאַרמאָגט ער, דער ממזר. גיבן האָט ער געקאָנט, נאָר נעמען קאָן ער ניט. זיי זענען אַלע אַזוי, די אויסגעפּוצטע ליאַלקעס!

יאָסקע שמייסער האָט געזאָגט, אַז צעטראַסקעטע ריפּן פאַרהיילן זיך ניט אַזוי זיך. אַ נאַראָווּיסטע פערד האָט מיך מיט עטלעכע יאָר צוריק אַראָפּ־

געוואָרפן, האָב איך צעטראָסקעט צוויי ריפּן, ביז איך אַרומגעגאַנגען אַרומ־געבונדן מיט אַ האַנטוך צוויי וואָכן און כ'האָב זיך ניט געקאָנט איינבייגן און ניט אויסגלייכן. אַ פּאַסקודנע זאַך — צעטראָסקעטע ריפּן.

— ס'איז אים נאָך אַלץ בעסער ווי מאַטיען. די „קוקלע" ליגט אין שטוב מיט אַ צעטראָסקעטער נאָז, אויסגעהאַקטע ציין און מיט קאַפּוויטיקן, אַז כ'וואָלט דאָס ניט געוואונטשן אַ הונט, — האָט שמעיה געזאָגט. — דער ממזר האָט אים ריכטיק צורעכט געמאַכט, אַ כאַליערע אויף אים!

אברהם האָט געריכערט. ער האָט אָפּגעטרייסלט דאָס אַש פון פּאַפּיראָס און געזאָגט:

— נו, וועלן מיר וואַרטן אויף אים. איך בין געווען זיכער, אַז כ'האָב אַ פּגר אויף די הענט. כ'האָב געמיינט, אַז איר האָט אים אונטערגעהאַקט די לונגען... ס'האָט געגאָסן בלוט פון זיין מויל און נאָז ווי פון אַ געקוילעטן חזיר. כאַנצע האָט שיעור ניט געחלשט ווען זי האָט אים דערזען. מילא, אבי ער איז געבליבן לעבן! כ'דענק, אַז שבת וועט ער קומען צו גאַסט. מאָרגן וועל איך אים צושיקן אַן אָפּגעבראָטענע קאַטשקע מיט אַ פלאַש רויטן וויין.

— שיק עס בעסער צו דער „קוקלע", — האָט שמעיה קאַרטאָפליע גע־בעטן.

— ניין, — האָט אברהם רואיק געזאָגט, — די „קוקלע" האָט ניט גע־טאָרט באַרעדן לעיזקעס מאַמע. די „קוקלע" האָט געדאַרפט וויסן, אַז אַ זון, וואָס ער אַליין זאָל ניט זיין, וועט פאַר זיין מאַמעס כבוד שניידן גאָרג־לען. אַ מאַמע איז אַ מאַמע, ניט קיין מויד!

בשעת אברהם און די דריי זענען געזעסן און געשמועסט געמיטלעך, זיך דערציילט אמתע און אויסגעטראַכטע מעשיות מיט איבערטרייבונגען און באַרימערייען, האָט לעיזקע זיך געאיילט דורכצופירן זיין פּלאַן.

ער האָט געעפנט זיין רענצל און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען זיינע בלויע, צעקנייטשטע אַרבעט־הויזן און זיינע אַלטע שטיול מיט די גראָבע זוילן און אייזערנע פּאַדקאָוועס. ער האָט אָנגעטאָן די הויזן, אַרויפגע־שלעפט די שטיול, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט זיין ברייטן, גראָבן לעדערנעם גאַרטל און אַריינגערוקט זיין מעסער אין ענגן שייד, אין דער לענג פון גאַרטל. ער האָט אַ ווייכן פּאַטש געטאָן איבערן מעסער און שייד און שטיל געזאָגט: „מיין פריינט, ווער ווייסט, אפשר וועסטו מיר צוניץ קומען?" ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ לאַנג העמד מיט ברייטע אַרבל פון גראָבן לייוונט, עס אַריבערגעשלעפּט איבערן קאָפּ און דאָס געלאָזט פריי פאַלן ביז די קני. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זיין אַלטע, גרויע קאַראַקולענע קוטשמע,

זי אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ און אַרונטערגעצויגן כמעט ביז איבער די אויערן. ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. זיך אָנגעבויגן און ווידער אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און איז אַ צופֿרידענער אַרויס פֿון צימער.

ער איז געבליבן שטיין אויף דער גאַס לעבן דער אכסניה. די קילע לופֿט האָט אים אָפּגעפֿרישט. ער האָט אַריינגעצויגן אַ פֿולן ברוסטקאַסטן קילע, פֿרישע לופֿט און אַרויסגעאָטעמט מיט טיפֿן פֿאַרגעניגן. ער האָט געטראַכט: „כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מיין גאַנץ לעבן ניט געפֿילט אַזוי דערפֿרישט, אַזוי געזונט, אַזוי שטאַרק, אַזוי מונטער און אַזוי זיכער. זאָל עס זיין צוליב דיר, מירקע? אָדער אפֿשר צוליב דיר, מיין טייערע מאַמע!"

אַנטקעגן אברהם כאַנצעס האָט געוואוינט חיים, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פֿעל. אַ גאַניק מיט הילצערנע שטאַכעטן, אָפּגעפֿאַרבט מיט בלויער פֿאַרב, האָט באַשיינט חיימס הויז. דאָרט, אויפֿן גאַניק איז לעיזקע געלעגן אויף דער הילצערנער באַנק און געהיט אברהם כאַנצעס טיר. ווען די טיר פֿון אברהמס ווייַנשענק האָט זיך געעפֿנט, האָט לעיזקע געזען, ווי די קאַרטאָפֿליע־ברידערלעך מיט יאַשקע שמייסער גייען אַרויס פֿון ווייַנשעק איינער נאָכן צווייטן און קירעווען זיך אַריין אין דער ברייטער ליק. די לאָמפּן איז אברהמס הויז זענען אויסגעלאָשן געוואָרן. ס'איז פֿינצטער געוואָרן אין גאַס. דאָס שטעטל איז פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף.

לעיזקע איז אַראָפּ פֿון גאַניק, אַריין אין דעם ליקל און שטיל, ווי אַ קאַץ, זיך געשאַרט ביי די ווענט.

ווען לעיזקע איז שוין געווען נאָענט לעבן זיי, האָט ער געשטעלט גיכע, לאַנגע שפּאַן און מיט זיין גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן מיט זיין פֿויסט שמעיה קאַרטאָפֿליע אין אויער אַריין. שמעיה האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפֿאַלן צוערשט אויף די קני און דערנאָך מיטן פּנים צו דער ערד.

ביידע, שבתי און יאַסקע, האָבן זיך האַסטיק אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו לעיזקען, אָבער לעיזקעס שטיוול מיט דעם גראָבן זויל האָט אַ קנאַק געגעבן איבער שבתיס ביין פֿון זיין פֿוס, אונטער דער קני. שבתי האָט זיך איינגעבויגן און זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים פֿוס־ביין, צו שטילן דעם שניידנדיקן ווייטיק.

לעיזקעס גראָבער זויל פֿון זיין שטיוול האָט אַריינגעקראַכט אין שבתיס פּנים. מיט אַ פֿאַרשטיקטן קוויטש איז שבתי געפֿאַלן, זיך אַ קייקל געטאָן אויף דער ערד ווי אַ קאַרטאָפֿל און איז געבליבן ליגן שטיל ווי אַ טויטער. דעם בלוטיקן נקמה־אַקט האָט לעיזקע דורכגעפֿירט מיט דער גיכקייט פֿון אַ שטורעם־ווינט.

יאַסקע שמייסער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פֿויער מיט דעם

העמד איבער די הויזן און מיט דער קוטשמע איבער די אויערן. ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן מיט זיין לינקער האַנט ביים גראָבן לייוונטענעם העמד און מיט דעם רעכטן פויסט געזעצט איבערן קאָפּ.

לעיזקע האָט דערטאַפּט יאָסקעס גאַרגל. יאָסקע האָט געכאַרכלט און מיט ביידע הענט געריסן לעיזקעס האַנט, צו באַפרייען דעם גאַרגל. לעיזקע האָט אים צוליב געטאָן און באַפרייט זיין גאַרגל, אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן זיינע פויסטן געהאַמערט איבער יאָסקעס קאָפּ, איבער זיין פּנים, איבער זיינע ריפּן, און — אַ פויסט ווי אַ שטאָלענער האַמער האָט אַ זעץ געטאָן אין יאָסקעס שלייף און ער איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, ניט ווייט פון זיינע פריינט, די קאַרטאָפליע־ברידערלעך. שמעיה קאַר־טאָפליע האָט זיך אַ ריר געטאָן. לעיזקעס שטיוול האָט אים ווידער איינגע־שלעפערט.

צוריק אין זיין צימער האָט לעיזקע גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פויער־שע קליידער און זיי צוריק פאַרשלאָסן אין זיין רענצל. ער האָט אָפּגעוואָשן די הענט און דאָס פּנים, פאַרקעמט די האָר און אָנגעטאָן אַנדערע קליידער. ער האָט אַרויסגעצויגן די לאַקירטע שטיוול, אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווייַן, אויפ־געהויבן אין דער הויך און שטיל געזאָגט: — „פאַר אַ גיכער באַגעגעניש מיט דעם פּערטן!" און אויסגעליידיקט די גלאָז וויין.

לעיזקע האָט זיך ניט געלייגט שלאָפן, כאָטש ער האָט געפילט אַ שווערע מידקייט אין זיין גאַנצן קערפּער. זיין פּנים איז ווידער געשוואָלן געוואָרן פון יאָסקעס קלעפּ. — „איצט שלאָפן, — האָט ער געטראַכט, — איז אַ גע־פאַר". ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן בענקל. דאָס מעסער איז געלעגן אויפן טיש.

„זיי וועלן זיכער קומען," — האָט ער געטראַכט, — „נאָך היינט ביי־נאַכט. זיי וועלן ניט וואַרטן. זיינע קרבנות וועלן זיך אויסשלאָפן, זיי וועלן קומען און קלאַפּן טרעוואָגע . . . זיי וועלן קומען נאָך היינט ביינאַכט — זיך אָפּצורעכענען. ער מוז זיין וואַך. ער מוז פאַרגעסן וועגן שלאָפן היינט ביינאַכט".

„פיר פון זייערע צעקאַרדאַשעוועט ! — דאָס איז שוין צופיל. די אַנדערע וועלן ניט שווייגן און וועלן ניט וואַרטן לאַנג. זיי מוזן פאַרשטיין, ווער עס האָט זיי אַזוי צעפּלאַכטן. אויב זיי קומען היינט ביינאַכט, וועט זיין אַ שחיטה. זיי וועלן קעמפן ווי לייבן. זיי וועלן פּרובירן מאַכן אַ סוף מיט אים". ער האָט אַ גלעט געטאָן דאָס מעסער — אויף לעבן און טויט וועט עס איצט זיין.

אַ האַלבע שעה, אַ שעה . . . לעיזקע זיצט און וואַרט. ער רויכערט. שוין

אויסגעטרונקען די דריטע גלאָז ווייַן. — מער טאָר מען ניט. ער מוז זייַן ניכטער! זייַן מוח — קלאָר, זייַן האַנט — זיכער און פלינק.

נו, מען קומט ניט. אפשר ניט היינט בייַנאַכט? אפשר גיין שלאָפן? האָ! ער הערט ווייכע טריט, זיי קומען נעענטער, נעענטער. מיטן מעסער אין האַנט שטייט לעיזקע בייַ דער טיר. מ׳גראַבלט די טיר.

— ווער איז?

— איך... מירקע.

זי איז אַרייַנגעפאַלן אין זייַנע אָרעמס, אַ וואַרעמע, אַ ווייכע, אַ טייל פון אים. זי האָט באַדעקט זייַנע אויגן, זייַנע באַקן, זייַנע ליפּן מיט וואַרעמע, הייסע קושן. ער האָט געטראַכט: — „אַזאַ איבערגעבענע, אויפריכטיקע, אמתע און פייַערדיקע געליבטע האָט ער צום ערשטן מאָל אין זייַן לעבן. אַ כאָליערע אויף די מאַלפּעס, וואָס ליגן אַרויף זייערע לאַפּעס אויף די מיר־קעס און דערטרינקען זיי אין זומפּ. אויסברענען, אויסקוילען דאַרף מען זיי". ער האָט זיך ניט אייַנגעהאַלטן און בייז אַ ברום געטאָן:

— אויסקוילען!...

— וואָס זאָגסטו, לעיזקע? בייַ וועמען ברענט פונעם קוימען?

לעיזקע האָט זיך צעלאַכט.

— פונעם קוימען! — האָט ער געזאָגט און נאָך מער זיך צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיקן געלעכטער. מירקע, קוקנדיק אויף לעיזקען, האָט אַרויסגע־שאָסן אַ געלעכטער.

מען מאַכט שלום

אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך אָפּגעגאָלט און זיך אויסגעפּוצט אין זיין שענסטן גאַרניטור מיט אַ רויטער רובאַשקע און האָט באַשטעלט אַ ספּעציעלן איבערבייסן: פיר אייער, אַ סך שוואַרצע ברויט מיט פּוטער און צוויי גלעזער טיי.

מירקע האָט, ווי אַלע פרימאָרגנס, געבראַכט זיין איבערבייסן אויף דער טאַץ, צו וועלכן לעיזקע האָט זיך צוגעכאַפּט מיט אַ וואָלפישן אַפּעטיט.

זי האָט אים באַטראַכט מיט ציטערדיקער נייגעריקייט, אַ גלעט געטאָן זיינע געדיכטע שוואַרצע האָר און געזאָגט:

— איר ווייסט, גאַספּאַדין לעיזקע, איר זענט ניט קיין מיאוסער בחור, נאָר אייער פּנים זעט אויס ווי געשוואָלן.

— טאַקע? — האָט לעיזקע געפרעגט, קייענדיק געשמאַק. קיין סך פון דעם נעכטיקן געשווילעכץ אויפן פּנים איז ניט געבליבן. ער האָט געפילט דערפרישט. אַ פרייד האָט אָן אויפהער געקוועלט אין אים אַ גאַנצן פרי־מאָרגן. ער האָט זיך געפרייט וואָס עס איז אים אַזוי גוט געלונגען נעכטן ביינאַכט זיין נקמה־אַקט אויף זיינע אָנגרייפער. עס איז געוואַקסן אין אים די זיכערקייט, אַז די „קוקלע" וועט שוין זיינע לאַפּעס ניט אַרויפלייגן אויף מירקען. ער האָט אויך אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער פאַראייניקטער „קאָמפּאַניע". „זיי זענען ניט געקומען", האָט ער געטראַכט מיט טיפער צופרידנקייט, „ווייל די גרויסע העלדן האָבן געכאַפּט אַ ציטער"...

— וואָס האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט? — האָט מירקע איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען, — גייסט אָנקוקן אַ כלה?

— האָסט געטראָפן, מירקע, — האָט ער איר געענטפערט כמעט מיט אַן ערנסטן טאָן, זופנדיק די הייסע טיי. — ווי דערנאָכסטו, כ'וועל איר געפעלן?

— קאָנסט אויספאָרן די גאַנצע וועלט, וועסטו קיין בעסערע און שענערע פון מיר ניט געפינען, — האָט מירקע קאָקעטיש געזאָגט.

— ווייסטו וואָס פריידקע האָט מיר דערציילט? ווילסט הערן?

— יאָ.

— אין נומער אַכט וואוינט דער אַגענט פון די זינגער ניי־מאַשינען. פריידקע באַדינט אים. האָט זי מיר דערציילט, אַז ער האָט איר צוגעזאָגט אַ שיינע מתנה, אויב זי וועט אויסאַרבעטן, אַז איך זאָל גיין מיט אים שפּאַצירן. ווייסט, לעיזקע, ער איז זייער אַ שיינער און ער איז רייך געקליידט.

— נו, פאַרוואָס גייסטו ניט? גיי מיט אים שפּאַצירן, מירקע, גיי געזונ־

טערהייט. אָבער דערנאָך, הערסטו, דערנאָך, זאָלסטו דיין פוס מער ביי מיר אין צימער ניט אריינשטעלן.

— ווייסט וואָס נאָך פריידקע האָט מיר דערציילט? — האָט מירקע ווייטער גערעדט, — זי האָט מיר דערציילט, אַז מאַטיע, די „קוקלע" איז זייער קראַנק און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער מוז האָבן אַן אָפּעראַציע, אויב ניט קאָן ער נאָך בלינד ווערן. און ווייסטו וואָס נאָך זי האָט מיר דערציילט? — אַז דו האָסט אים אַזוי צורעכט געמאַכט דערפאַר, וואָס ער האָט באַליידיקט דיין מאַמען.

— ווען האָט דיר פריידקע דאָס דערציילט?

— היינט אין דער פרי האָט זי מיר דאָס דערציילט. זי האָט מיר דאָס געוואָלט דערציילן נאָך נעכטן ביינאַכט, נאָר ווען זי איז אַהיימגעקומען שפּעט, איז מיין בעט געווען ליידיק, און ווען איך בין צוריק געקומען, איז זי שוין געשלאָפן.

— נו, און וואו ביזטו געווען נעכטן ביינאַכט אַזוי שפּעט, הא?

— איך? איך האָב געקליבן יאַגעדעס אין וואַלד, — האָט זיך מירקע צעלאַכט.

— אַליין ביזטו געקראָכן אין וואַלד ביינאַכט? האָסט ניט מורא פאַר די וועלף?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין געווען אין וואַלד אַליין?

— מיט וועמען ביזטו געגאַנגען אין וואַלד אריין, מירקע?

— דאָס, לעיזקע, טאָר קיינער ניט וויסן; מירקע זאָגט ניט אויס פון חדר.

— אויב אַזוי, איז פאַרנעם זיך פון דאַנען, — און ער האָט איר אַ פּאַטש געטאָן.

— אוי, אוי, — האָט מירקע בלומרשט געקרעכצט, — ביזט אַ מערדער. און זי איז מיט דער טאַץ אָנגעפילט מיט טעלער, גלעזער, גאָפּל און מעסער אין אירע הענט, אַרויס פון צימער.

כמעט אַ גאַנצן טאָג האָט לעיזקע שפּאַצירט איבער די גאַסן פון שטעטל אויף דער פּערעכרעסנע גאַס, וואו די צוויי לאַנגע און ברייטע גאַסן שניידן זיך איבער, האָט לעיזקע פאַרבראַכט עטלעכע שעה. דאָרט איז דער צענטער פונעם שטעטל. דאָרט געפינען זיך די רייכסטע און גרעסטע מאַנופאַקטור־קראָמען, די באַקאַליינע קראָמען און געשעפטן פון פּאַרטיקע קלייטער, לעדער־און שטיוול־קראָמען, גלאָזוואַרג קראָמען און קראָמען אָנגעפילט מיט קופּערנע און מעשענע כלים, גרויסע און קליינע שיסלען, טעפּ, טשייניקעס און קליינע חנעוודיקע טשייניקלעך, טאַצן, פּאַנען און סאַמאָ־

ווארן גלאנצן אראפ פון די פאליצעס מיט רויטן און געלן גלאנץ. אויף דער גאס איז אויך דא א קראם פון זייגערס, פינגערלעך און בראסלעטן.

דארט זענען די טראטוארן ענג אנגעשטעלט מיט געשטעלן אנגעפאקט מיט עפל, פלוימען, וויינשל, בארן און געשטעלן מיט בייגל, לעקעכלעך און צוקערקעס. דארט האלט לאהקע די „אפטייקערין" איר געשטעל מיט אלערליי בשמים און גלעזערנע סלאיעס מיט נעגעלעך, געווירצן, ווײַרויך און צימערינג, רויטן פעפער און שווארצן פעפער און גרינע קאמעמילע טייבלעטער פאר בויכווייטיק, און טראפנס פאר צאנווייטיק און גרינע פליגן, שווארצע שארע־זאלב און געלע סירקע־זאלב און נאך פארשידענע מעדיציגען, וואס זי קאכט־אויס פון פארשידענע סודותדיקע קרייטעכצער.

און ביי לייבלען דעם געשטופלטן אויפן געשטעל ליגן אויסגעלייגט אין ארדענונג: מעסערלעך, שערעלעך, בייטעלעך, קייטעלעך און זאק־נאדלען און קלענערע ניי־נאדלען, ליאלקעס און גלעקעלעך און פייפעלעך און רויטע, ווייסע, בלויע און געלע קרעלן. פויערים שטייען ארום א קעסטעלע, אנגעפילט מיט „סופילקעס" (הילצערנע פייפעלעך), אייניקע פייפן אויף זיי אויס די טרויעריקע „דוינע" און אנדערע פאסטעך־לידער.

און ביי די אייזן־קראמען, אויף דער ערד, פארשפרייט מיט זעק, ליגן איז באזונדערע קופקעלעך האמערס און סערפן און קאסעס און טשוגונענע קעסעלעך. איינס אריינגעזעצט אין צווייטן. פויערטעס קלאפן מיט די פינגערקנעכל אין די קעסעלעך אויסצוגעפינען א פארבארגן שפעלטעלע . . .

פויערים זיצן אויף זייערע פיאטעס מיט קאסעס אין די הענט און קלאפן אן די שפיצן פון די קאסעס אין דעם אנגעגרייטן שטיין — א קלאפ די קאסע אין שטיין און גיך צוגעלייגט אן אויער צו דער קאסע און זיך גוט צוגעהערט צום קלאנג, צי ער איז אן איידעלער, לאנג־וויברירנדיקער, שטאלענער קלאנג, אדער א טויבער קלאנג, וואס פאלט שווער אויפן אויער און שטארבט אפ אזוי גיך ווי ער ווערט געבוירן . . . א קלאנג פון א קאסע, געמאכט פון אייזן; א קאסע אן א נשמה — און איר שארף וועט גיך פארשטומפיקט ווערן און אפילו דער בעסטער שארפשטיין וועט זי ניט קאנען צוריקברענגען צו איר ניצלעכן לעבן . . .

די גאסן לעבן מיט א קלאפעריי, דינגעניש, געשריי, באוועגונג און טומל. לעיזקע האט דארט געקויפט א פלאש פראנצויזישן קאניאק פאר אברהמען, א זילבערנעם בראסלעט, איינגעפאקט אין א ווייס שאכטעלע, פאר כאנצען, און א בלוזקע, אויסגענייט מיט רויטע, גרינע און געלע קווייטן, און א בייטשל בלויע, קרישטאל־קרעלן — פאר מירקען.

א צופרידענער איז ער, ווען די זון האט אנגעהויבן פארגיין, אוועק צו

אברהם כּאַנצעס אין ווײַנשענק, באַלאָדן מיט די מתנות פּאַר אברהמען און פּאַר כּאַנצען.

אברהם און כּאַנצע האָבן געגעסן וועטשערע ווען לעיזקע איז אַרײַנגעקו־מען. כּאַנצע האָט זיך דערפֿרייט מיט אים. זי איז אויפֿגעשפּרונגען פֿונעם בענקל ווען זי האָט אים דערזען.

— לעיזקע!—האָט זי אויסגעשריען. זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, באַטאַפּט זײַן פּנים, און זיך וווּנדערנדיק צו אברהמען, האָט זי מיט פֿרייד גע־זאָגט, — ביזט עפּעס אַ מבין, אברהם, דאָס געשווילעכץ איז אינגאַנצן אַראָפּ, גלײַך ווי עס איז גאָרניט געווען. זי האָט אַרויסגערוקט אַ בענקל, אַרויפֿגעשטעלט טעלער אויפֿן טיש, אַרויפֿגעלייגט לעפֿל, גאָפּל, מעסער, גלעזלעך פֿאַר בראָנפֿן און אַ גרעסער גלעזל פֿאַר ווײַן און האָט אײַנגעלאַדן לעיזקען צום טיש.

— ס'איז דאָ גענוג פֿאַר דיר אויך, וועסט ניט אַרויס קיין הונגעריקער.

לעיזקע האָט זיך געזעצט צום טיש. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס פֿלעשל קאָניאַק אויפֿן טיש, נעענטער צו אברהמען, און האָט דערלאַנגט כּאַנצען דאָס שאַכטל מיטן בראַסלעט.

אברהם האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. ער איז געזעסן איבער אַ טעלער זופּ־פֿלייש, וואָס ס'וואָלט געווען גענוג פֿאַר דרײַ מענטשן. ער האָט געשניטן גרויסע שטיקער מיט אַ שאַרף מעסער און מיטן גאָפּל געשטופּט אין מויל אַרײַן, געריסן שטיקער פֿון דעם ברויט און געשטופּט אין מויל אַרײַן. ער האָט אָנגענומען אַ פֿולן לעפֿל ברייטע פֿאַסאָליעס פֿון אַ שיסל, ער האָט דער־נאָך אַרײַנגעכאַפּט אין מויל אַרײַן אַ פֿײַערדיקן רויטן פֿעפֿער פֿון דער שיסל און זײַן מויל האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפֿילו אויף איין סעקונדע. זײַנע שטאַרקע ציין האָבן געמאָלן אַלץ וואָס ער האָט געשטופּט אין מויל אַרײַן. פֿון די באַוועגונגען פֿון זײַנע קרעפֿטיקע קינבאַקן האָט מען געקאָנט זען ווי ער קײַט גיך און אָן אָן אָפּשטעל. ער האָט בלויז אויסגעדרייט דעם קאָפּ ווען לעיזקע איז אַרײַן אין עס־צימער און גאָרניט געזאָגט, אים אַפֿילו ניט באַגריסט און ניט איבערגעריסן זײַן אַרבעט אַפֿילו אויף אַ מינוט.

זײַן פּנים איז געוואָרן נאָך רויטער ווי אַלעמאָל. קלײנינקע טראָפּנס שווייס זענען געשטאַנען אונטער זײַנע אויגן און אויף זײַן שטערן. נאָך דעם רויטן פֿעפֿער האָט ער אין זיך אַרײַנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן, אַ קוק גע־טאָן אויפֿן פֿלעשל קאָניאַק, וואָס לעיזקע האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש און זיך ווידער גענומען צום פֿלייש, צו די פֿאַסאָליעס, צום פֿעפֿער און צום ווײַן.

כּאַנצע האָט געגעסן מיט איידעלע מאַניערן, פּונקט ווי לעיזקע.

— וואָס האָסטו דאָרט אין שאַכטעלע? — האָט כּאַנצע געפרעגט לעיז־קען.

— אַ געזייערטן העלפאַנט, — האָט לעיזקע געענטפערט.

— האָסט אים געבראַכט פון דער סלוזשבע?

— ניין, איך האָב אים אויסגעשריבן פון אַ ווייטער מדינה, וואָס רופט זיך אַפריקע.

— וואָס וועל איך טאָן מיט דעם העלפאַנט?

— וועסט אים חתונה מאַכן, וועט איר האָבן קליינע העלפאַנטלער.

כּאַנצע האָט געלאַכט. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט, איר ברייט־צעעפנט מויל האָט זיך באַרימט מיט צוויי שורות ווייסע, שטאַרקע ציין, אויסגע־שטעלט אין גלייכע רייען ווי סאָלדאַטן, און אירע חן־גריבעלעך האָבן אַרומ־געשמייכלט פון אירע רונדע באַקן.

אברהם איז דערווייל פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין טעלער פליישׁ און פּאַ־סאָליעס און ער האָט זיך גענומען צו דער שיסל קאָמפּאָט פון געקאָכטע עפּל און פלוימען און געשעפּט פון דער שיסל מיט אַ גרויסן לעפל. פּאַרטיק געוואָרן מיטן קאָמפּאָט, האָט ער מיט דער האַריקער זייט פון זיין האַנט גע־ווישט די וואָנצעס הין און צוריק, דערנאָך האָט ער באַטראַכט די פלאַש און די אויפגעקלעפּטע בלעטלעך אויף וועלכע עס איז געווען אָפּגעדרוקט אויף פראַנצויזיש דער נאָמען פון דער פירמע, מיט קאָפּיעס פון גאָלדענע מעדאַלן, וואָס די פירמע האָט געקראָגן יעדן יאָר פאַר איר גרויסער דער־גרייכונג אין הילכות קאָניאַק.

אברהם האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ מעסערל, מיט די מעסערס פון איין זייט און אַ פּראָבקע־ציער אויף דער צווייטער, ער האָט מיטן גראָבן פינגער געעפנט דעם געדרייטן פּראָבקע־ציער, אים אַריינגעדרייט אין דער פּראָבקע פון פלאַש, זיך איינגעבויגן, אַריינגעשטעלט די פלאַש צווישן די קני, אַ צי־געטאָן, אַ קנאַק, ווי אַ שאָס פון אַ ביקס — און די פלאַש איז גע־שטאַנען אויפן טיש מיט אַן אָפן פּיסקל. אברהם האָט צוגעלייגט זיין נאָז צו דער עפענונג פון דער פלאַש און דורשטיק אַריינגעצויגן דעם אַראָמאַט פון דעם קאָניאַק. דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן זיין גלעזל, כּאַנצעס גלעזל און צולעצט לעיזקעס. ער האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל מיטן קאָניאַק און אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם ריין־ברוינעם, בורשטינענעם קאָליר פון דער פליסיקייט. ער האָט אַ פיר געטאָן דאָס גלעזל הין און צוריק האַרט לעבן דער נאָז, ווי ער וואָלט זיך געריייצט מיט זיין אייגענער נאָז, אַ זופּ, אַ קנאַק געטאָן מיט די ליפּן — ווידער באַטראַכט דעם קאָליר, נאָך אַ זופּ און ווידער אַ זופּ, און ווידער אָנגעגאָסן זיין גלעזל.

ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן רעדן. — וואָס־וואָס, אָבער גוטן קאָניאַק, וויין און שאַמפּאַניער קאָנען די פראַנצויזן מאַכן. און איצט, לעיזקע, זאָג מיר: וואוהין צילעוועסטו און וועמען זוכסטו? פאַרשטייסט וואָס איך פרעג דיך, צי איך דאַרף דיר אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל אַריין?

— אברהם, — האָט לעיזקע געזאָגט מיט אויפריכטיקן ערנסט, — ביזט מיינער אַ קרוב. כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז ווען ניט דיין הילף, וואָלט איך מיט מיין סאַרקען געשטאָרבן פון הונגער. דו, אברהם און כאַנצע, — איר ביידע זענט מיינע טייערסטע פריינט. צאַדעק און רעכל זענען ביי מיר די צווייטע טאַטע־מאַמע, און איר זענט מיינע איינציקע קרובים. פאַר אייך וועל איך זיך לאָזן שניידן דעם האַלדז. מיין מויל, אברהם, איז ניט קיין כאַליעווע. איך דריי ניט מיט דער צונג. וואָס איך זאָג דיר קומט פון דאַנעז־אַ, פון מיין האַרץ. דו און כאַנצע זענען מיינע בעסטע פריינט. גלויבסט מיר, אברהם?

אברהמס ביסטרע גרינע אייגעלעך האָבן זיך איינגעשטאָכן אין לעיזקעס אויגן. כאַנצע האָט געווישט אירע אויגן מיט די הענט.

די דינסט האָט אָפּגערייניקט דעם טיש און געפרעגט:

— זאָל איך שטעלן דעם סאַמאָוואַר, באַלעבאָס?

— ניין, מ׳דאַרף ניט, קאָנסט גיין אַהיים, דינצע, — האָט אברהם געזאָגט.

— פאַרוואָס טרינקסטו ניט דיין קאָניאַק, לעיזקע, און דו, כאַנצע, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעוויינט ווי אַ פורים־קוילעטש?

כאַנצע האָט געעפנט דאָס שאַכטעלע, האָט אַרויסגענומען דעם זילבערנעם בראַסלעט, אים אָנגעטאָן אויף דעם געלענק און פאַרקוועטשט דעם שלאָס. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, באַקוקט איר אויסגעפוצטע האַנט, זיך געגרויטלט, זיך אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן לעיזקען אין די ליפּן.

— לעיזקע, אַ דאַנק דיר! — און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

אברהם האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש און געזאָגט: — וואו־זשע האַלטן מיר, לעיזקע? — איך און כאַנצע, זאָגסטו, זענען ביי דיר דיינע איינציקע טייערע קרובים. זאָלסטו וויסן, אַז איך קלייב מיינע פריינט. זעסט די אַלע ממזרים, די „קוקלעס" מיט די „ליאַלקעס", זיי זענען ניט ווערט קיין צעבראָכענעם גראָשן! איך קלייב מיינע פריינט ווי מ׳קלייבט אַרבעס: ווערעמדיקע וואַרפט מען אַוועק; פאַרשטייסט? און דו האָסט מיר אָבער נאָך אַלץ ניט געזאָגט, וואוהין דו צילעוועסט און וואָס דו זוכסט. וואָס ווילסטו? אָבער רעד, פּאַנפּע ניט!

כאַנצע האָט געקוקט אברהמען אין מויל אַריין און אָנגעקוואָלן פון איר מאַנס קלוגע רייד.

— דו מיינסט, לעיזקע, — האָט אברהם ווייטער גערעדט, — אַז איך ווייס ניט, אַז עס איז דיין שטיקל אַרבעט? דיר דוכט זיך, אַז מיט דיין קאָמעדיע, וואָס דו האָסט אָפּגעשפּילט מיט וואָוועז מיט דיינע צעטראָסקעטע ריפּן, האָסטו מיך אָפּגענאַרט? מיינסט, אַז איך האָב דיך ניט באַמערקט ליגן אויף חיימס גאַניק? דו מיינסט, אַז דו ביזט אַ גאַנצער חכם? אין דער אמתן האָסטו שכל ווי אַ פלוי. זאָג אים, כאַנצעלע, וואָס איך האָב דיר געזאָגט „יענע נאַכט”; זאָג אים, זאָל ער עס וויסן, דער ווילדער לאָשיק.

— אמת, — האָט כאַנצע געזאָגט, — „יענע נאַכט” האָט אברהם פּלוצים אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן אין זאַל און ס'איז געוואָרן אַ פינצטערניש אין שטוב. פאַרוואָס, האָב איך אים געפרעגט, האָסטו פּלוצים אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן? —קום, כאַנצע, שלאָפן, — האָט מיר אברהם געזאָגט, — ס'וועט זיין אַ שחיטה אין שטאָט היינט ביינאַכט. — וואָס רעדסטו, אברהם? — יאָ, — האָט ער מיר געענטפערט, — לעיזקע ממזר וועט היינט אָפּגעבן קאָנצערט . . . כ'בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. ס'האָט מיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחות. אוי, האָב איך געהאַט אַ נאַכט! אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן!

— נו, וואָס זאָגסטו, לעיזקע, האַ? — האָט אברהם מיט אַ טריאומפירנ־דיק געלעכטערל געפרעגט, — איצט מעגסטו מיר שוין זאָגן וואָס דו ווילסט? טרינק דיין קאָניאַק.

אברהם האָט געטרונקען זיין קאָניאַק. לעיזקע האָט געזיפצט פון זיין גלעזל.

— ביסט אַן אַלטער פוקס, — האָט לעיזקע געלאַכט, — אַן אַלטער, דורכגעטריבענער פוקס . . .

— און דו, לעיזקע, האָסט שכל פון אַ פלוי. זיי האָבן נאָך ווייניקער שכל פון דיר, דאָס איז דיין גליק.

— איצט, אברהם, וועל איך דיר זאָגן וואָס איך וויל. די „קוקלע” האָט מיין מאַמען אָנגערופן מיט זייער אַ מיאוסן נאָמען.

— ווייס איך דאָך! האָסטו דאָך אים צעפּערטלט. דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה. וואָס קייעסטו איבער דער „קוקלעס” האָוקעריי?

— וויל איך,—האָט לעיזקע געזאָגט,—אַז ער זאָל גיין מיט אונדז אויפן בית־עולם און איבער מיין מאַמעס קבר זאָל ער בעטן זי זאָל אים מוחל זיין; מיין מאַמען באַליידיקט מען ניט! . . .

אויף אברהמס קיילעכדיקן שטערן האָבן זיך איינגעשניטן טיפע קנייטשן. זיינע גרינע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט.

כאַנצע האָט שטיל אַרויסגעמורמלט: — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן! אויפן בית־עולם? אויף דיין מאַמעס קבר? ס'כאַפּט מיך אַזש אַן אַ שרעק,

אַ גרויל, הער נאַר אַז איינפאַל! . . . אָפּגעהיט זאָל מען ווערן.

— וואָס נאָך ווילסטו, לעיזקע? — האָט אברהם אַ פאַרזאָרגטער געפרעגט.

— און נאָך וויל איך, אַז מ׳זאָל מיר זאָגן ווער עס איז געווען דער „פערטער“.

— נו, און וואָס נאָך ווילסטו? האָסט אַ גרויסן וועלער . . . האָסטו . . .

— ווייטער גאָרניט! גלויב מיר, איך בעט דיך זאָלסט מיר גלויבן ווי אַז אמתן פריינט, אַז מער וויל איך גאָרניט.

— און אַז מ׳וועט דיר זאָגן ווער עס איז געווען דער „פערטער“?

— וועל איך וועלן, אַז איר זאָלט שטיין און קוקן, ווי אַזוי איך וועל זיך מיט אים ספּראַווען, און ווען דו וועסט זאָגן גענוג, וועט זיין גענוג. כ׳גיב דיר מיין האַנט.

שטיל. דער וואַנט־זייגער האָט געקלונגען. דערנאָך טיק־טאַק־טיק־טאַק. ליפּן האָבן שטיל געזופּט און זיך געקוויקט מיט דעם קאָניאַק. אין צימער איז וואַרעם געוואָרן.

— איז, הייסט עס, לעיזקע, אַז מער ווילסטו ניט. גוט! אַ בילד, אַ פאָטאָגראַפיע פון דיין מאַמען האָסטו?

— יאָ, מיין שוועסטער סאָרקע האָט אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין מאַמען מיט מיין טאַטן ווען זיי האָבן חתונה געהאַט.

— נו, פרעג איך דיך, לעיזקע, האָסטו שכל? צו וואָס דאַרפסטו קריכן אויפן בית־עולם? עס וועט זיך צעטראָגן און צעקלינגען איבערן גאַנצן שטעטל, עס וועט ניט בלייבן קיין סוד. דאָס גאַנצע שטעטל וועט געוואויר ווערן, אַז מאָטיע האָט באַליידיקט דיין מאַמען. ס׳וועט פון דעם גערעדעריי ניט צוקומען קיין כבוד דיין מאַמען . . . איז אָט וואָס: ברענג דיין טאַטע־מאַמעס פאָטאָגראַפיע צו מיר, וועלן מיר די פאָטאָגראַפיע אָוועקשטעלן אויפן טיש און מאָטיע וועט בעטן ביי דיין מאַמען, אַז זי זאָל אים מוחל זיין. מיר אַלע וועלן זיין דערביי און — שאַ, שטיל, און פּטור אַן עסק . . . נו, וואָס זאָגסטו לעיזקע? שכל! שכל! ווייסט וואָס דאָס מיינט?

— אַ געזונט אויף דיין קלוגן קאָפּ, — האָט כאַנצע אַ שטראַלנדיקע געבענטשט איר מאַן, — זעסט כאָטש, לעיזקע, זעסט אַ קאָפּ! אָט דערפאַר זענען מיר דאָך אַזאַ גוטע פּאָר: איך בין שיין און ער איז קלוג!

— איז איינס אַראָפּ,—האָט לעיזקע געזאָגט,—און וועגן דעם „פערטן“?

אברהם האָט אַ צופרידענער געשמייכלט, וואָס לעיזקע האָט אָנגענומען זיין פּלאַן.

— װעגן „פּערטן“ ? — װעגן אים דאַרפסטו זיך ניט מאַכן קיין צימעס. װילסט אים אָנפּאַטשן, פּאַטש אים אָן. ער איז אַ בולװאַן, אַן אָקס, ער איז געמאַכט פון שטאָל. דער רוח װעט אים ניט נעמען פון דיינע פּעטש. אָבער אַט־װאָס, לעיזקע: זיין נאָמען איז נאָטע בולװאַן, גאָדל נאָטע־בונצעס זון. ער האָט אַ טאַטן און אַ מאַמען און ברידער און שװעסטער. איז אַט־װאָס: דערלאַנג אים, אָבער „טרוקענע“, פאַרשטייסט ? אָן בלוט, אָן סימנים, װייל װען ער װעט אַהיים קומען אַ צעקאַראַדאַשעטער, װעט זיך אָנהויבן אַ מעשה מיט זיין פאַמיליע, מיט דאַפּראַסן, װער ? און פאַר װאָס ? — דאָס טויג ניט. ס׳װעט אַרויסרינען. כ׳האָב פיינט אַז מ׳רעדט . . . איך װעל אים צושטעלן ביי מיר אין הויף. פּאַטש אים אָן, גיב אים װיפל דו װילסט ; דער בולװאַן קאָן נעמען. אָבער געדענק: אָן סימנים אויף זיין פערדישן פּנים.

— אָפּגעמאַכט ! — האָט לעיזקע אָן אויפגעלייגטער געזאָגט.

— און דערנאָך, לעיזקע, װען אַלץ װעט אָפּגעקאָכט װערן — װאָס נאָך װעט זיך דיר פאַרגלוסטן ? װעסט װידער באַװייזן קונצן ?

— ניין, אַברהם, מער װיל איך ניט. אויב זיי װעלן ניט פּרובירן קאָמאַנ־דעװען איבער מיר, װעל איך ניט אָנרירן קיינעם פון זיי. איך האָב ניט גע־זוכט און ניט געדאַרפט די גאַנצע געשיכטע.

— איך גלויב דיר, לעיזקע, און איצט, כאַנצע, שטעל דעם סאַמאָװאַר און דערלאַנג צום טיש דעם האָניק־לעקעך.

שלום

די „קאָמפּאַניע" האָט זיך פֿאַרזאַמלט אין אברהמס עס־צימער, הינטער פֿאַרשלאָסענע טירן. אויסגעפּוצטע אין זייערע בעסטע קליידער, זענען זיי געשטאַנען אַרום טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַ פֿלאַש דאָס פֿאָטאָגראַפֿישע בילד פֿון לעיזקעס טאַטע־מאַמע.

אברהם האָט געגעבן דעם צייכן. מאָטיע „קוקלע", מיט אַ געל־צעקאָר־טשעט פּנים ווי ביי אַן אַלטער קראַנקער מאַלפּע, האָט אַרויסגעכריפּעט מיט אַ הייזעריקער שטים, קוקנדיק אויפֿן בילד:

— לעיזקעס מאַמע, איך בעט דיך זאָלסט מיר מוחל זיין. כ'האָב געזינ־דיקט קעגן דיר וואָס כ'האָב דיך באַליידיקט; כ'האָב אויך געהאַט אַ מאַמע.

— און ער האָט זיך צעוויינט.

לעיזקעס האָבן געוואָרגן די טרערן אין האַלדז. ער האָט פּלוצים רחמנות געהאַט אויף דער קראַנקער מאַלפּע, וואָס האָט זיך געטרייסלט אין נערוועזע קאָנוואולסיעס.

מאָטיע, די „קוקלע", האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו לעיזקען.

— גיב אים דיין האַנט, לעיזקע! — האָט אברהם באַפֿוילן.

לעיזקעס און מאָטיעס הענט האָבן זיך צונויפֿגעפּלאָנטן, מען האָט גע־פּאַטשט בראַוואָ, אָנגעפֿילט די גלעזער מיט וויין און אויסגעשטרעקטע הענט האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ דומפּן קלאַנג. אין דורשטיקע העלדזער האָט זיך געגאָסן וויין, גלאָז נאָך גלאָז, נאָך גלאָז.

— האָסט מיך אַזוי ריכטיק צעטרייבערט, לעיזקע ממזר, — האָט די „קוקלע" אַרויסגעהייזעריקט מיט אַ שמייכעלע, — ס'איז דיין גליק וואָס כ'בין געווען פֿאַרטרונקען, ווען כ'וואָלט געווען ניכטער, וואָלט איך פֿון דיר געמאַכט אַ וואַרניטשקע . . .

אַ גוטמוטיקער געלעכטער האָט זיך צעקלונגען איבערן טיש.

אברהם האָט מיט זיין גאָלדענעם סיגנעט אָנגעקלאַפּט עטלעכע מאָל אין זיין ליידיקער גלאָז. עס איז שטיל געוואָרן אין צימער.

— זאָג נאָר, לעיזקע, — האָט אברהם בייז און ערנסט גערעדט, איינ־גראָבנדיק זיינע גרינע אויגן אין לעיזקען, — ווער האָט דיר „פּאָזוואָליעט" אַרומצוגיין און קרייען וועגן נאָטקען?

נאָטקע בולוואַן האָט אַ הייב געטאָן זיין מעכטיקן קערפּער פֿון בענקל.

— זיץ שטיל! — האָט אים אברהם באַפֿוילן.

— דו, לעיזקע, מיינסט הפּנים, אַז נאָטקע איז די „קוקלע"? — נאָטקע האָט שוין גרעסערע קנאַקערס פֿון דיר צורעכט געמאַכט, אַז זיי זענען גע־

וואָרן אוים קנאָקערס און זיי שטיל געמאַכט, שטיל ווי קעצעלער.

נאַטקע בולוואַן האָט זיך גערויטלט און אַ צופרידן שמייכעלע האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים.

— גייסט אַרוס, לעיזקע, — האָט אברהם פאַרגעזעצט אין דעם זעלבן בייזן טאָן, — און קוואַקעסט, אַז נאַטקע איז אַ בולוואַן, אַ צעוואַקסענע וואַנץ, אַ פּלוי. וואָס דענקסטו, נאַטקע וועט דיר פאַרשווייגן? דענקסט, אַז נאַטקע האָט מורא פאַר דיר?

די אַרומיקע האָבן זיך איבערגעקוקט, ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. נאַטקע האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין בענקל.

— אַזוי, האַ, כ'בין אַ וואַנץ, בין איך ביי דיר? נאַטקע איז אַ וואַנץ? — האָט ער שוין געדעוועט און זיין כעס איז געשטיגן. — קום אַרויס, וועל איך דיר ווייזן!

לעיזקע האָט געשוויגן און געמיטלער געזופט פון זיין גלאָז וויין. ער האָט געקוקט אויף נאַטקען און אָנגעהויבן פילן אַ רחמנות אויף דעם גרויסן, צעוואַקסענעם יונגן יונגל מיט דעם לאַנגן פערדישן פּנים און צעשויבערטע האָר.

— שווייגסט, שווייגסט! דו אויסגעפּוצטע ליאַלקע! מיינסט, אַז נאַטקע פאַרשטייט ניט פאַר וועמענס געלט דו גייסט אויסגעפּוצט? — פאַר מירקעס געלט...

לעיזקע האָט אַ ציטער געטאָן. זיין האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן זיין גלאָז וויין, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און פאַרגאָסן זיין האַנט. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון בענקל און איז צוגעלאָפן צו דער טיר. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם שליסל, אויפגעפּראַלט די טיר און איז אַרויס דורך דער קיך, דורך דעם קליינעם צימערל, אין הויף אַריין.

נאַטקע איז מיט שווערע טריט אים נאָכגעגאַנגען, און נאָך אים זענען נאָכגעגאַנגען אַברהם און די 'קאָמפּאַניע' יונגען און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין הויף אין אַ ריי, ווי סאָלדאַטן. לעיזקע און נאַטקע זענען געבליבן שטיין איינער אַנטקעגן צווייטן ווי צוויי צערייצטע הענער.

לעיזקע האָט אַ פּראַסק געטאָן מיט זיין אָפענער האַנט אין נאַטקעס באַק.

נאַטקע האָט אַ פאַך געטאָן מיט זיין מעכטיקן אָרעם, אָבער לעיזקע האָט זיך פלינק אַרונטערגעזעצט און נאַטקעס פויסט האָט אַ שניט געטאָן די ליידיקע לופט.

לעיזקע האָט זיך אויסגעגלייכט. נאַטקעס לאַנגער אָרעם האָט זיך אַ הייב געטאָן אין דער הייך און זיין פויסט האָט געצילט אויף לעיזקעס קאָפּ.

לעיזקע האָט זיך פלינק אַ בייג געטאָן אויף דער זייט און נאָטקעס פויסט האָט אים אַ זעץ געטאָן איבערן אַקסל.

מיט דער שאַרף פון זיין פאַרהאַרטעוועטער און פאַרשטאָלטער האַנט פון דעם האַמער, פון דעם הובעל און פון דער זעג, וואָס ער האָט גענוצט, פון קינדווייז־אָן, האָט לעיזקע, ווי מיט דער שאַרף פון אַ האַק, אַ שניט געטאָן אין האַלדז, אונטער נאָטקעס רעכטן אויער.

נאָטקע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט ביים האַלדז וואו דער ווייטיק האָט אַריינגעשטאָכן נאָדלען אין זיין גאַנצן קערפּער, און אין זיין קאָפּ, און האָט פאַרטונקלט זיינע אויגן.

לעיזקע האָט געוואַרט עטלעכע סעקונדן, דערנאָך ווידער אַ מעכטיקן שניט געטאָן מיט דער שאַרפער זייט פון זיין האַנט אין נאָטקעס האַלדז, אונטער דעם לינקן אויער. דערנאָך האָבן זיינע פויסטן געהאַמערט איבער נאָטקעס שאַרפע ריפּן, איבער זיין קאָפּ. ער האָט אַ מעכטיקן זעץ געטאָן פּונקט אונטער נאָטקעס האַרץ. נאָטקע איז געפאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער דעמב.

הענט האָבן אויפגעהויבן נאָטקען, אים אַרויפגעזעצט אויף אַ ליידיקער פאַס, אָנגעשפּאַרט אויפן ברעטער־פּלויט.

לעיזקע האָט פאַרקעמט זיין שוואַרצע טשופּרינע האָר. אַלע, אַ חוץ נאָטקען, זענען שוין ווידער געזעסן אַרום דעם קיילעכדיקן טיש און געגעסן אין זיך וויין. קיינער האָט ניט גערעדט. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס גאָרגלען פון דעם געגאָסענעם וויין פון די פלעשער אין די גלעזער און דער קלינג־קלאַנג פון די אָנגעקלאַפּטע גלעזער מיט די פלעשער.

— זאָג נאָר, לעיזקע, — האָט אברהם כאַנצעס געבראָכן די שטילקייט און געפּרעגט בלומרשט מיט ערנסטער נייגעריקייט, — מיט דער שאַרף פון דער אָפענער האַנט איז דאָך דער יאַפּאַנעזישער האַק־מעסער . . . ווי קומט דאָס צו דיר? מען האָט דיך דאָס אויסגעלערנט ביי פאַניען אין דער אַרמיי?

— ניין, אברהם, פּונקט נאָך מיין ברית האָט מיך מיין זיידע דאָס אויסגע־לערנט.

— וואָס איך הער? דיין זיידע איז אַ יאַפּאַנעזער?

— ניין, מיין זיידע איז געווען אַ טאַטער.

— דיין באָבע האָט געמוזט זיין אַ קלוגע יידענע, ווען זי האָט זיך אויס־געקליבן אַזאַ גראָטן אייניקל . . .

— ניין, אברהם, איך האָב אויסגעקליבן מיין קלוגע באָבע.

— וועלן מיר איצטער זען, צי דו וועסט געניג שכל האָבן זיך אויסצו־קלייבן גראָטענע פריינט. אויב ניט קאָנסטו גיין צו דיין באָבען . . .

רויטע, פאַרשוויצטע פּנימער האָבן געהירזשעט מיט שיכורן געלעכטער. בלויז מאָטיע די „קוקלע" האָט ניט געלאַכט. אַפילו דער ווײַן האָט אים ניט אויפגעמונטערט, ניט אָפּגעווישט דאָס געלקייט פון זײַן פּנים און ניט אויסגעגלייכט זײַנע קנייטשן. בלויז ער האָט געטראַכט וועגן נאָטקען, וואָס ליגט דאָרטן לעבן פּלויט און קאָן ניט אַ ריר־טאָן זײַן צעווייטיקטן קערפּער. ער האָט פּלוצים זײַנע אייגענע קאָפּווייטיקן דערפילט שאַרפער ווי פריער. זײַן האַס צו לעיזקען האָט זיך ווידער צעגליט אין אים. ער האָט געטראַכט, אַז ווען לעיזקע וואָלט ניט געווען אברהמס אַן אייגענער, וואָלט ער אים אַרײַנגערוקט אַ מעסער ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט. אָבער אברהמען טאָר ער ניט דערצאָרענען. פאַרפאַלן! — האָט ער געטראַכט מיט גיפטיקן צאָרן. — דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן וועט ער מוזן פאַרשווייגן זײַן שונאס קלעפּ. און מירקע? — אויס מירקע פאַר אים! — האָט אים אַ ברען געטאָן אַ פייערדיקער פאַרדראָס און טרערן האָבן אָנגעפילט זײַנע אויגן.

לעיזקע געניסט פון זיין פרייהייט

דער ווארעמער פרילינג האט אפגעווישט די לעצטע שפורן פון דעם שווערן ווינטער. די זון האט יעדן טאג געגאסן מער ליכט און ווארעמקייט און האט אויסגעטריקנט די בלאטעס אין די טאלן. די פרוכט־ביימער אין די סעדער אין און ארום דעם שטעטל האבן זיך צעבליט מיט זייער זאפטי־קע ריחות און אנגעפילט די לופט מיט זיסן פארפיום. ווייסע און ראזעווע סאמעטענע בלעטלעך זענען ציטערדיק געפאלן פון די ברייטע, צעוואקסענע צווייגן פון די עפל־ביימער און האבן באדעקט די ערד ארום מיט א ווייסן ליילעך. קליינע, לענגלעכע עפעלעך מיט קליינע טשוביקלעך האבן זיך באהאלטן אונטער בלעטעלעך פון די עפל־ביימער. קליינע, גרינע ווייַנשע־לעך זענען ווי פיצעלעך גלעקעלעך געהאנגען אויף לאנגע שטענגעלעך אויף די ווייַנשל־ביימער. גראז־גרינע קליינע פלוימען און קיילעכדיקע, מיט פוד־באדעקטע גרינע פערישקעס האבן אנגעפילט די צווייגן פון די ביימער.

די פייכטע, קויל־שווארצע ערד האט איינגעזאפט דאס ליכט און ווארעמ־קייט פון די זון־שטראלן און איבערנאכט זיך באדעקט מיט דינע, צארטע גרעזעלעך, וואס זייערע ווארצלען האבן זיך מיט דינע נאדל־פינגער אריינ־געשניטן טיפער און זיך איינגעווארצלט אין זייער מאמע־ערד, און גע־שפייזט די דינע שטענגעלעך, וואס האבן זיך געצויגן אלץ העכער צו דער זון. גרינער ווייץ, האבער און גערשטן־זאנגען האבן אויף זייערע דינע שטאנגען זיך געוויגט און געכוואליעט אין קילע ווינטעלעך.

פייגל־געזאנג צוויטשעריי און בינען־זשומעריי האט אנגעפילט די לופט. דער זומער האט זיך צעזומערט. בייטאג האט די זון געשיינט און געווא־רעמט, און ביינאכט האבן מיליאנען שטערן געפינקלט אין בלויען הימל. צוערשט א רייפטל, דערנאך א האלבע און ענדלעך א פולע, קיילעכדיקע לבנה האט זיך געגליטשט איבער דעם ים פון דער הימל־בלויקייט און גע־גלאנצט מיט איר געלער שיין אין דער נאכט אריין.

זארגלאז און צופרידן האט לעיזקע שפאצירט יעדן טאג איבער פעלד און וואלד, געקלעטערט אויף די בערג, געשוואומען אין טייך, און איז דערנאך א נאקעטער געלעגן אויפן גראז און זיך געווארעמט אויף דער זון.

ער האט געטראכט, אז ער האט פארלארן צופיל זומערן ביי דער ארבעט און ניט באמערקט די גרויסע, וואונדערבארע, לעבעדיקע וועלט אין דרויסן; אבער היינטיקן זומער ארבעט ער ניט. דער היינטיקער זומער מיט זיין גאנצער פראכט איז זיינער ! . . .

פרייטיק, שפעט אין אוונט. דער טרונק־זאל פון אברהם כאנצעס וויינ־

שענק איז פאַרשלאָסן. די לאָמפּן זענען אויסגעלאָשן. אין עס־צימער, אַרום דעם טיש, זיצן אַברהם, כאַנצע און לעיזקע. זיי האָבן נאָר־וואָס געענדיקט עסן זייער געשמאַקע וועטשערע, און איצט פּאַרזופן זיי מיט וויין. אין צימער הענגט נאָך דער שאַרפער ריח פון די געקנאָבלטע און געפּעפּערטע שבתדיקע פיש.

אברהם איז זעלטן אומצופרידן, חוץ ווען ער איז הונגעריק. ער איז שטענדיק אין אַ פריילעכער שטימונג ווען ער עסט און נאָכן עסן. היינט אָבער איז ער אין אַ געהויבענער שטימונג, וואָס טרעפט מיט אים גאַנץ אָפט נאָכן עסן אַ געשמאַקע וועטשערע.

—לעיזקע, וואָס איז וועגן דער מויד? — האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָן לעיזקען גלאַט אַזוי.

— מירקע? זי האָט חתונה געהאַט, — האָט לעיזקע געענטפערט, ווי ס'וואָלט אים אינגאַנצן ניט געאַרט, — זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַגענט פון זינגער־מאַשינען פון אַ דרייסיגיאָריקער שטאָט. אַ פיינער מענטש, אַן אַלמן מיט צוויי קינדער. ער האָט זי אויסגעקליידט און צוגעזאָגט צו העלפן איר מאַמען און אירע צוויי שוועסטערלעך. זי האָט ניט געוואָלט, געוויינט, נאָר איך האָב געזאָגט: „האָב חתונה און ווער אויס דינסט־מויד!" — האָט זי מיך געפאָלגט.

— אַ לעבן אויף דיין קאָפּ, לעיזקע, — האָט כאַנצע אַ זאָג געטאָן. — דאָס הייסט געהאַנדלט לייטיש.

— נו, און ווען גייסטו צוריק אַרבעטן? דאַכט זיך, אַז דו האָסט שוין גענוג געהוליעט, — האָט אברהם גערעדט גלאַט אַזוי, אַן אינטערעס.

— היינטיקן זומער אַרבעט איך ניט. פון קינדווייז־אָן אַרבעט איך. איין זומער. פאַרשטייסט, אברהם, איין זומער!

— נו, און וואו וועסטו נעמען קלינגערס?

לעיזקע האָט געשוויגן.

— נו, אויב דו שווייגסטו, איז אָט וואָס, לעיזקע: מיין שווער בערעלע מיוחס, געדענקסט אים מסתם, האָט איבערגעלאָזט זיין אַלטע הויז צו זיין איינציקער טאָכטער, מיין כאַנצעלען. די הויז איז אַ חורבה. כ'האָב ניט גע־וואָלט אַריינלייגן קיין געלט אין דער חורבה. אָבער איצט האָט זיך אונ־טערגערוקט אַ קונה. אויב דו ווילסט, לעיזקע, אויב דו ווילסט מאַכן אַ לייט פון דעם הויז, וועל איך דיר געבן פינף און צוואַנציק פּראָצענט פון דעם פּרייז וואָס איך וועל קריגן פאַר דעם הויז.

לעיזקע האָט געשמייכלט.

— אברהם, איך וויל דיך ניט אָפּנאַרן. דיין שווערס הויז איז גוט־

געבויט, פון גוטן מאַטעריאַל, און ס'איז דאָרט ניטאָ קיין סך אַרבעט. מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען דיין שווער האָט נאָך געלעבט, האָב איך געלייגט אַ נייעם דאַך איבער דעם הויז און געמאַכט אַ גוטן רעמאָנט. און —

— נו, איז דאָך גוט, — האָט אים אברהם איבערגעשלאָגן, — פוץ אויס די חורבה וועסטו קריגן פינף און צוואַנציק פּראָצענט פון דעם פּרייז וואָס איך וועל דערפאַר קריגן.

— אברהם, איך וועל פאַרדינען אַ קוטשמע מיט געלט ביי דיר פאַר זייער ווייניק אַרבעט.

— געזאָגט איז געזאָגט, לעיזקע. ווייסט דאָך אַז אברהם נעמט קיינ־מאָל ניט צוריק זיינע רייד. ווען נעמסטו זיך צו דער חורבה?

— מאָרגן. אָבער געדענק, אברהם, אַ קוטשמע מיט געלט פאַר ווייניק אַרבעט.

— מאָרגן? אויסגעצייכנט! נאָ דיר די שליסלען פון דעם הויז און גרייט אָן אַ גרויסע קוטשמע . . .

ווען לעיזקע איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט אברהם באַ־טראַכט דאָס הויז פון דרויסן און פון אינעווייניק און כמעט ערנסט געפרעגט לעיזקען: — איז דאָס טאַקע די אַלטע חורבה, וואָס כאַנצע האָט געירשנט פון איר טאַטן? עפּעס גאָר אַן אַנדער הויז!

— לעיזקע, ביזט אַ כישוף־מאַכער, — האָט ער געזאָגט לעיזקען מיט באַ־וואונדערונג, — כ'האָב געהערט פון דיר און פון דיין מלאכה און כ'האָב געמיינט, אַז מען טרייבט איבער. איצט גלויב איך, אַז ביזט אַ מכשף. אויב אַזוי, ברודער־לעבן, וועסטו ביי מיר פאַרדינען פאַר דיינע עטלעכע וואָכן אַרבעט מער וויפל דו האָסט פאַרדינט ביי צאַדעקן פאַר אַ גאַנץ יאָר, ווייל איך וועל שוין קריגן פאַר דעם פּאַלאַץ אַ סך, אַ סך מער ווי איך האָבן דער־וואַרט, און מיט דיינע פינף און צוואַנציק פּראָצענט וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט, וועסטו ווערן אַ מיליאָנער. וואָס וועסטו טאָן מיט אַזוי פיל געלט, לעיזקע?

— אברהם, איך וועל לעבן אַ גוטן טאָג ביז דער לעצטער קאָפּיקע. דער־נאָך וועל איך גיין אַרבעטן.

— גיב אַכטונג, לעיזקע, אַזאַ לעבן קאָן דיר נאָך פאַרשאַטן!

לעיזקע האָט געלאַכט.

לעיזקעס ערשטע ליבע

אין שטעטל זענען געווען: די שניידערישע גאס און די קאוואלישע גאס. אין דער קאוואלישער גאס האבן מערסטנס געוואוינט די קאוואליעס און סטעלמאכערס. דארטן זענען אויך געווען די קוזניעס און די ווארשטאטן פון די סטעלמאכערס. די הייזער און די קוזניעס זענען געשטאנען אין א גרויסן קרייז. אינעווייניק אין דעם קרייז האבן זיך געפונען צוויי קרעניצעס. דער ליידיקער פלאץ איז געווען נייטיק צוליב דעם, וואס יידן און פויערים פלעגן קומען מיט זייערע וועגענער און בריטשקעס צו פארריכטן און מיט זייערע פערד אנצושלאגן פאדקאוועס אויף די פערדישע קאפיטעס. מען פלעגט אפט אויך קומען אהין קויפן נייע וועגענער, שליטנס און בריטשקעלעך. די קאוואליעס, סטעלמאכערס און די סטאליארעס האבן, חוץ אין די ווינטערדיקע וואכן, ווען עס האבן געברענט די פרעסט, — געארבעט אין דרויסן. וואס מער דאס שטעטל און די ארומיקע דערפער זענען געוואקסן, אלץ ענגער איז געווארן אין קרייז פון דער קאוואלישער גאס. די ענגשאפט איז מערסטנס געווען אין די מארק־טעג, ווען א סך פויערים פלעגן קומען אין שטעטל פארקויפן אביסל תבואה, פערד, קי, קעלבלעך, חזירים, הינער, אייער און קאטשקעס און גענדז און אנדערע פראדוקטן. די פויערים פלעגן איינקויפן לעדער און שטיוול, לייוונט, סערפן און קאסעס, טשוועקעס, געזאלצענע פיש און זאלץ און אנדערע זאכן. די פויערים פלעגן אין די מערק־טעג אנפאקעווען די קאוואלישע גאס מיט זייערע וועגענער און פערד. דער טומל און געפילדער פלעגט דארט שטיין שעהן־לאנג. די גרויסע און קלענערע האמערס פלעגן אויסהאמערן זייער ריטמישן קלינג־קלאנג אויף די הייס־אנגעגליטע אייזנס אויף די קאוואדלעס. פויערים האבן גערעדט הויך און אפט געשריען, כדי איבערצושרייען דעם געפילדער פון די האמערס. פערד האבן אנגעפילט די גאס מיט זייער הירזשען. אינמיטן טומל האבן צוויי אויפגערעגטע פויערים זיך צעקריגט, ווייל צוליב ענגשאפט האט א ראד פון איין וואגן זיך פארפלאכטן אין דעם ראד פון צווייטן וואגן. אין אוונט פלעגט ווערן שטיל, פוסט און פינצטער און אומעטיק. דארט, אויף דער קאוואלישער גאס איז געשטאנען צאדעק זאאיקעס הויז מיט זיין סטאליער־פאבריק.

אויף דער שניידערישער גאס האבן מערסטנס געוואוינט די שניידערס. דארטן האבן אויך געוואוינט די שוסטערס, קלעזמערס, עטלעכע באלעגאלעס און גלאט קבצנים. עס זענען דארט אויך געווען עטלעכע חדרים. צוויי

רייען שטיבער זענען געווען אויסגעשטעלט, איין הויז אַנטקעגן צווייטן אויף דער ברייטער און לאַנגער גאַס. אויך אויף דער ברייטער שניידערי־שער גאַס זענען געווען צוויי קרעניצעס. ביים עק פון דער גאַס איז געשטאַ־נען די שניידערישע שול. אויף דער שניידערישער גאַס איז געווען שטיל. זומער, פון די אָפענע פענצטער און טירן פון די שטיבער, וואו די שניידער האָבן געוואוינט און האָבן אויך געהאַט זייערע קליינע „מאַסטערסקאַיעס", האָט מען אָפט געהערט די שניידער־יינגלעך און מיידלעך זינגען ביי דער אַרבעט. אַמאָל אויך אַ קריגעריי צווישן מאַן און ווייב און די קללות, וואָס האָבן געהאָגלט אויף די אַרבעטער פונעם באַלעבאָס.

צווישן דער גרעסטער טייל קליינע, נידעריקע און אַלטע הייזער, מיט צעלעכערטע דעכער, קרומע פענצטער און טירן, וואָס מען האָט קוים „איינ־געבעטן", אַז זיי זאָלן זיך פאַרמאַכן און זיך ניט עפענען ווען עס פאַרגלוסט זיך זיי, און זיך לאָזן עפענען ווען מען וויל אַרויסגיין — זענען דאָ און דאָרטן מיוחסדיק געשטאַנען יינגערע הייזער מיט געזונטע איברים; און אייניקע פון די בעסערע הייזער האָבן חוצפּהדיק זיך געגרויסט מיט גאָ־ניקלעך.

אין איינעם פון די אָרימערע הייזער, וואָס האָט געליטן פון עלטער־קראַנקהייטן און פון אַ שטאַרק־צעלעכערטן דאַך, האָט געוואוינט גאָדל־נאָטע־באַנצעס, וואָס האָט געלאַטעט זעק ביי ר' וועלוועלען. דאָס הויז האָט ער באַקומען אַלס דרשה־געשאַנק פון רעב וועלוועלען ווען ער האָט חתונה האָט מיט חוהן, וואָס האָט געדינט ביי ר' וועלוועלען. דאָרט, אין יענעם הויז, זענען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן זיין עלטסטע טאָכטער גאָל־דעלע און זיינע צוויי זין: נאָטע און יאַנקל.

אין אַ נייער, בעסער הויז האָט געוואוינט סאָרקע, לעיזקעס שוועסטער, מיט איר מאַן, יונה שוסטער, מיט אירע קינדער. דאָס הויז האָט לעיזקע פאַר זיי געקויפט, ווען ער האָט פאַרדינט די גרויסע געלדער ביי אברהם באַנצעס.

שבת בייטאָג פלעגט לעיזקע אויסמיידן אברהם כאַנצעס וויינשענק, פונקט ווי ער האָט אַנגעהויבן אויסמיידן די הויפּט־גאַסן פון שטעטל. שבת פלעגט אברהמס וויינשעק זיין איבערפולט מיט אַרבעטער און לעיזקע האָט געוואָלט אויסמיידן זייערע פאַרדעכטיקטע בליקן און זייער איבערטריבע־נע פריינטלעכע דרך־אַרצדיקע באַנעמונג, פון וועלכער ער האָט קיין גרויס פאַרגעניגן ניט געהאַט. פלעגט ער שבת זיצן אין הויז, אָדער ער פלעגט גיין באַזוכן זיין שוועסטער סאָרקע, אָדער צאַדעקן און רעבלען.

אין אַ שבת בייטאָג איז לעיזקע געגאַנגען באַזוכן זיין שוועסטער. ער האָט אויסגעמיטן די הויפּט־גאַסן. ער האָט דורכגעשניטן די הינטער־גאַסן, אַריין אין דעם שמאָלן, פינצטערן ליקל און פון דאָרטן אַרויס אויף דער ברייטער, ליכטיקער שניידערישער גאַס. ער האָט געוואוסט, אַז סאָרקע וועט ווי שטענדיק אים פיניקן מיט אַן אַ צאָל שטענדיקע פראַגן — וואו ער נעמט אַזויפיל געלט, און זי וועט מיט טרערן אין די אויגן אים דערציילן די פאַרשידענע מעשיות און קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אַרום אין שטעטל וועגן אים. לעיזקע האָט ניט באַמערקט די מענטשן וואָס זענען אים פאַרביי געגאַנגען. ער האָט זיך שיעור ניט צונויפגעשטויסן מיט אַ פּאָרל, אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס זענען שווייגנדיק געגאַנגען פונקט אַנטקעגן אים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי און איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער.

האַרט לעבן אים זענען געשטאַנען נאָטקע בולוואַן מיט אַ בילד־שיינער מיידל. זיין געניט אויג האָט גיך אויפגעכאַפּט אירע רויט־ברוינע האָר, אירע טיף־בלויע אויגן, איר שיין מויל, אויסגעטאָקט ווי מיט אַ דלאָט פון אַ קינסטלערישער האַנט. ער האָט אויך ניט פאַרפעלט צו באַמערקן איר גוט־געבויטן שלאַנקן קערפּער.

ער האָט אין דער גיך אַ טראַכט געטאָן: „נאָטקע, דער בולוואַן, מיט אַזאַ שיינער מויד ? !”

נאָך דעם געשלעג צווישן לעיזקען מיט נאָטקע בולוואַן, איז נאָטקע אַרויס ניט נאָר מיט צעטראַסקעטע ריפּן, מיט אַ געשוואָלענעם קאָפּ, מיט שווינד־לעניש פאַר די אויגן, נאָר אויך אַ דערנידעריקטער און באַליידיקטער — אַן אויסגעשפּילטער. ער האָט זיך מער ניט באַוויזן אין אברהם כאַנצעס ווינשענק. ער האָט זיך געשעמט צו באַווייזן צווישן זיינע פריינט וואָס האָבן אים געלאָזט אויף אַ פּאַס, אַנגעשפּאַרט אויפן פּלויט, ווי אַ געפּגרטע קאַץ. ער האָט זיי אָלעמען אויסגעמיטן. ער איז געווען זיכער, אַז זיינע אַמאָליקע פריינט לאַכן פון אים, אַז זיי באַרעדן אים און זאָגן, אַז לעיזקע איז געוועכט און אַז ער, נאָטע, איז אַ וואַנץ.

ער האָט געוואוסט אַז ער האָט פאַרלוירן זיין „פּאָזיציע” ביי זיינע פריינט. אַנשטאָט זיי זאָלן אים אויסשליסן פון דער „קאָמפּאַניע”, האָט ער בעסער באַשלאָסן אַליין זיך צו באַזייטיקן.

ווען ער האָט אומדערוואַרט דערזען לעיזקען, איז ער פאַרגליווערט געוואָרן. כאָטש ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן זיינע פיזישע ווייטיקן, וואָס לעיזקעס קלעפּ האָבן אים פאַרשאַפט, איז ער געווען איבערראַשט וואָס ער האָט פּלוצים דערפילט אַ ווייטיק אין די ריפּן און אַ שניידנדיקן ווייטיק

אין ביידע זייטן פון זיין האַלדז, אונטער זיינע אויערן. ער איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צו דער ערד און ניט געקאָנט באַוועגן מיט די פיס. צוליב אים איז דאָס מיידל, וואָס איז געווען זיין שוועסטער, גאָלדעלע, אויך געבליבן שטיין.

— אַ, נאָטקע! — האָט לעיזקע אַ זאָג געטאָן כלומרשט מיט צופרידענער איבעראַשונג, — שוין לאַנג דיך ניט געזען, וואו באַהאַלטסטו זיך?

אַ בלאַסקייט האָט זיך צעגאָסן איבער נאָטקעס לאַנגן פערדישן פּנים. ער האָט ניט געוואַגט אויפצוהויבן דעם קאָפּ און קוקן אויף לעיזקען און ער האָט אַרויסגעבראָמט: — דאָס איז מיין שוועסטער גאָלדע, און דאָס, גאָלדע, איז לעיזקע, לעיזקע טעפּלער.

— כ'האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דו האָסט אַזאַ שיינע שוועסטער, נאָטקע, — האָט לעיזקע געזאָגט, צעטיילנדיק זיינע בליקן צווישן דעם בלאַסן נאָטקע און זיין שיינער שוועסטער.

— איך האָב געהערט וועגן אייך, גאָספּאָדין לעיזקע, — האָט גאָלדע געענטפערט מיט אַ שמייכל, — און אייך פעלט אויך, חלילה, גאָרניט: איר מאַכט אַלע מיידלעך אַזעלכע קאָמפּלימענטן? — איר מעלאָדישע שטים האָט געקלונגען אין לעיזקעס אויערן ווי שיינע מוזיק. אירע ווייסע, גלייכע ציין און איידל שמייכעלע האָבן אַריינגעגאָסן אין איר פּנים אַ ים מיט חן.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט לעיזקע זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט. עס האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט אַרויסזאָגן עפּעס אַזעלכעס, וואָס וועט איר ניט געפעלן. — ניין, — האָט ער פאַרזיכטיק געענטפערט, — איך וואַרף זיך ניט מיט קאָמפּלימענטן. בלויז זייער שיינע מיידלעך רופן ביי מיר אַרויס אַ וואַרעמען געפיל און איך קאָן, צום באַדויערן, זיך ניט קאָנטראָלירן און איך מוז זיי זאָגן דעם אמת. אַ שוואַכקייט אַזאַ ביי מיר!

— נאָטקע, דיין פריינט קאָן זייער שיין רעדן. ער רעדט אַלע מאָל אַזוי שיין? — האָט גאָלדע קאָקעטיש זיך געווענדט צו נאָטקען, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען באַוועגלאָז, ווי אַ דערשלאָגענער.

— און וואָס, מעג איך פרעגן, גאָספּאָדין לעיזקע, טוט איר אויף אונדזער שניידערישער גאַס? — האָט זי פריינטלעך געפרעגט לעיזקען, פאַרגינסדיק אים מיט אַ ים מיט בלויקייט פון אירע אויגן.

לעיזקע האָט איבערגעלעבט עטלעכע מינוט פון אַ מין אָנגענעמער איבעראַשונג, וואָס איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען. ער וואָלט געוועזן אַזוי

צופרידן ווען זי הערט ניט אויף צו רעדן. ער האָט געוואָלט הערן איר שטים און ער האָט געוואָלט זען איר שמייכל . . .

לעיזקע האָט געשטאַמלט: — איך גיי צו מיין שוועסטער. זי איז אייערע אַ שכנה. מיין שוועסטער איז זייער אַ קלוגע. זי איז מיר זייער געטריי, האָט זי מיך איינגעלאַדן צו זיך און מיר געזאָגט, אַז עס קאָן זיין, אַז איך וועל אייך טרעפן ביי איר.

גאָלדעלעס געלעכטער האָט זיך צעקלונגען איבער דער ברייטער שנייי-דערישער גאַס.

— אייער שוועסטער איז טאַקע זייער אַ קלוגע און זי האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. עס קאָן טאַקע זיין, אַז איר וועט מיך טרעפן ביי איר, — האָט גאָלדע געזאָגט לאַכנדיק.

נאָטקע האָט אָנגעקוקט זיין שוועסטער און געפרעגט מיט גרויס פאַר-וואונדערונג. — גאָלדעלע, כ׳האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דו ביזט באַקאַנט מיט לעיזקעס שוועסטער און אַז דו קומסט צו איר הויז אַריין.

— נו, נאָטקע, האָב איך דיר איצט אויסגעזאָגט דעם סוד.

— נאָטקע איז מיין פריינט, — האָט לעיזקע דרייסטער געזאָגט, — איך בין אייך זייער דאַנקבאַר וואָס איר האָט אים געלאָזט וויסן, אַז איר קומט צו מיין שוועסטער.

גאָלדע האָט געשמייכלט. נאָטקע האָט זיך געפילט דערהויבן.

נייגעריקע אויגן פון פאַרבייגייער, פון פענצטער, פון טירן האָבן אַרומ-גערינגלט לעיזקען, נאָטקען און גאָלדען. לעיזקע האָט פון די בליקן זיך דערפילט אומהיימלעך און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער דאַרף וואָס שנעלער פאַרענדיקן דעם געשפּרעך.

ער האָט דערלאַנגט גאָלדען זיין האַנט. איר וואַרעמער האַנט-דרוק האָט אים פאַרזיכערט . . . זיין האַנט האָט געענטפערט . . . הענט האָבן גערעדט האַרציק און סודותדיק און האָבן עפּעס באַשלאָסן . . .

דערנאָך האָט ער דערלאַנגט נאָטקען די האַנט. נאָטקע האָט אַ כאַפּ געטאָן לעיזקעס האַנט און זי געדריקט מיט דאַנקבאַרקייט.

— קום אַמאָל אַרויף צו מיר, נאָטקע, — האָט לעיזקע אים איינגעלאַדן, — ווייסט דאָך, אַז איך וואוין אין אַרצע פּישלס הויז.

נאָטקע האָט געקוואָלן פון פאַרגעניגן.

לעיזקע האָט אַרונטערגעצויגן זיין ווייבן, קאַסטבאַרן הוט. זיין שוואַרצע טשופּרינע האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט איר שוואַרצקייט. ער האָט זיך פאַר-

נייגט, און מיט גיכע טריט געשפּאַצירט צו סאַרקען. אַ פרייד האָט אים איינגעהילט. עפּעס האָט ער דערפילט אַ פרישקייט אין זיין בלוט. אומ־באַוואוסטזיניק האָט ער שטיל געזונגען אַן אויסצוג פון אַן אַלט אוקראַ־איניש לידל:

„טי דאַ מענע פריכאָדי, (קום צו מיר)
מענע ווערנא טי ליובי (און האָב מיך ליב געטריי)
סערדצע מאָיע, סערדצע מאָיע". (האַרץ מיינס, האַרץ מיינס)

ער איז אַריין אין סאַרקעס הויז ווי אַ ווינט, האָט אַ כאַפּ געטאָן סאַרקען אין זיינע אָרעמס און זי געקושט.

— אוי, אוי, — האָט סאַרקע געשריען, לאָז מיך אָפּ, משוגענער! יונה! יונה, ראַטעווע! אוי, מיינע ריפּן!

יונה איז געשטאַנען, געקוועלט און געלאַכט.

ווען זי האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון זיין אייזערנעם קלעם, האָט זי קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם אים געפרעגט: — וואָס ביזטו אַזוי פריילעך, לעיזקע? וואָס שיינסטו אַזוי ווי אַ שוואַרצע מאַסעלינע אין איינגע־מאַכץ? האָסט אפשר געפונען אַן אוצר?

— יאָ, סאַרקע, כ'האָב, דאַכט זיך, געפונען אַן אוצר! אמת, אמת, כ'האָב געפונען אַן אוצר!

יונה איז ניט געווען פון די בעסטע שוסטערס אין שטעטל. זיינע קונים זענען געווען פון אָרעמען קלאַס. אונטערניייען אַ פּאָר שטיוול, אָדער אפילו מאַכן נייע שטיוול, דערויף האָט יונה זיך אויסגעטויגט. אָבער מאַכן אַ נייע פּאָר קאַמאַשן, אויסאַרבעטן פינקטלעך צו דער מאָס — דאָס פלעגט זיך יונהן זעלטן איינגעבן: אָדער זיי זענען אַרויס אַביסל קליין, אָדער אַביסל גרויס. „אַביסעלע צו ענג, יונה", פלעגט זיך זיינער אַ קונה באַקלאָגן. „נישקשה ניט", פלעגט זיך יונה פאַרענטפערן, „ס'איז גוטע, ווייכע לע־דער . . . זיי וועלן זיך צעגיין . . . ווילסט דאָך ניט טראָגן קיין טאָרבעס אויף די פיס . . . קאַמאַשן זענען דאָך ניט קיין שטיוול, וואָס מ'מאַכט שטענדיק מיט אַ ווערשקע גרעסער". אויב די קאַמאַשן זענען געווען צו גרויס, פלעגט יונה טענהן: „וואָס ווילסטו, זיי זאָלן אָוועקהרגענען דיינע פיס? ווילסט קריגן 'זאַגניאָטקעס'? — נישט ביי יונהן! — פיס דאַרפן זיך פילן גערעם. ס'טאָר ניט קוועטשן".

אָבער פאַרריכטן אַלטע שיך, לייגן פּאַדמיאָטקעס, לייגן אַ לאַטקעלע, — אויף דעם איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער באַלמעלאָכע. אויף דער

וואַנט, אין זיין קליינעם צימערל, וואו ער האָט געאַרבעט, זענען גע־האַנגען באַזונדער פאַרשידענע דראָטוועס פאַר גראָבע שטיוול, דינע — פאַר קאַמאַשן, און נאָך דינערע פאַר פרויען־שיך. „זע נאָר אַ לאַטקעלע!" פלעגט ער זיך שפּיגלען אין זיין אַרבעט, — „ניט צו דערקענען, ווי צוגעוואַקסן!"

יונה האָט פּלוצים אַריינגעקראָגן אַ נייעם קונה. צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט גאָלדע קומען צו יונה דעם שוסטער. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געבראַכט אַ פּאָר שיך צו פאַרריכטן די אָפּצאַסן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז זי געקומען אָפּנעמען די פאַרריכטע שיך. מיט נאָך עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי געבראַכט צו יונהן אירע אַלטע פּאָר שיך צו לייגן האַלבע זוילן, און איז ווידער געקומען מיט עטלעכע טעג שפּעטער אָפּנעמען די פאַרריכטע שיך. דערנאָך האָט זי ביי אים באַשטעלט נייע, געקנעפּלטע שיך. דורך דער צייט איז זי מיט סאַרקען געוואָרן נאָענטע פריינט.

ס'האָט שוין אַזוי געטראָפן, אַז ווען גאָלדע איז געקומען צו יונהן וועגן אירע שיך, פלעגט זי דאָרט טרעפן לעיזקען. זיי פלעגן זיך באַגריסן ווי באַקאַנטע, ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס איינער צום צווייטן און לעיז־קע פלעגט אָפּפירן גאָלדען אַהיים בלויז צוליב העפלעכקייט וועגן . . . — אַזוי, הייסט עס, האָט עס אויסגעזען . . . .

נאָטקע איז געווען דער שליח צווישן זיי. ער פלעגט לויפן צו לעיזקען און אים אָנזאָגן: „זי גייט מאָרגן אָוונט צו יונהן אַרום ניין אַזייגער פאַר־ריכטן אירע שיך". און שפּעטער מיט צוויי־דריי טעג: „זי גייט אָפּנעמען די שיך". נאָטקע האָט פאַרשטאַנען, אַז צווישן זיין שוועסטער מיט לעיזקען פאַרבינדט זיך אַ גאָר נאָענטע באַקאַנטשאַפט. לעיזקע האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז גאָלדע איז אַנדערש ווי אַנדערע מיידלעך. ער איז געווען שטאָלץ מיט לעיזקעס פריינטשאַפט צו זיין שוועסטער. ער האָט געהאַלטן גאָלדעס און לעיזקעס „סעקרעט" טיף ביי זיך אין האַרץ און צו קיינעם קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם. ער וואָלט ניט פאַרראַטן ניט לעיזקען און ניט גאָלדען, אַפילו ווען מען וואָלט אים צעשניטן אויף שטיקער. ער האָט זיך געפילט דערהויבן וואָס גאָלדע און לעיזקע טרויען אים אַן זייער סוד.

גאָלדע האָט ניט פאַרלוירן קיין צייט. נאָך עטלעכע וואָכן באַגעגעניש האָט זי פּשוט, אָן צערעמאָניעס, אָפן און קלאָר געזאָגט לעיזקען:

— מיר זענען שוין ביידע דערוואַקסענע מענטשן, איך דענק, אַז איר ווייסט מיינע געפילן צו אייך, איז וואָס באַצוועקט איר מיט אייערע באַ־געגענישן מיט מיר? איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?

לעיזקע האָט פאַרוויכערט אַ ציגאַרעט, זיך ניט געאיילט מיט זיין ענטפער.

אַ פּראַסטיקע קעלט האָט אַרומגעכאַפּט גאָלדען. זי האָט מורא געהאַט, אַז זיין שווייגן איז אַ שלעכטער סימן.

לעיזקעס ענטפער איז געווען קורץ און קלאָר: — גאָלדע, איר ווילט חתונה האָבן מיט מיר?

זיין פראַגע האָט זי אויפגעשטורעמט. פרייד, זיכערקייט און דרייסטקייט האָבן אויפגעקוועלט אין איר. בליץ־שנעל האָט זי געפּאַסט איר באַשלוס:
— איצט! שוין... ניט אָפּלייגן!...

— לעיזקע, — האָט גאָלדעס שטים געקלונגען וואַרעם און אויפריכטיק,
— איך האָב אייך ליב, זייער שטאַרק ליב. אָבער, לעיזקע טייערער, איז שטאָט רעדט מען וועגן אייך — מיינע חברטעס, וואָס אַרבעטן מיט מיר צוזאַמען, רעדן פון אייך יעדן טאָג. און מיין נאָטקע, ווי איר ווייסט, און ניט איבערגעשפּיצט. ער דערציילט מיר וועגן אייך. ער האָט אייך ליב.

לעיזקע האָט געשמייכלט. — איך מיט נאָטקען זענען געוואָרן פריינט פון דעם ערשטן טאָג וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, — האָט ער געזאָגט גאָלדען מיט אַ צווייזדייטיקן שמייכל.

— יאָ, איך ווייס, איך ווייס אַלעס, — האָט גאָלדע גערעדט האַסטיק,
— און איך בין אייך דאַנקבאַר. מיין נאָטקען האָט איר געהאָלפן, אָבער איר, לעיזקע, זענט דאָך פאַרבונדן מיט „יענע"... מיין פאַמיליע לעבט פון בכבודיקער אַרבעט, איר פאַרשטייט? — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַר־שטיקטער און טרערן־אָנגעזאַפּטער שטים.

לעיזקע האָט איינגעהאַלטן זיין אויפרעגונג. — איך ווייס, גאָלדעלע, וואָס מען רעדט וועגן מיר — ליגנס! רכילות! אמת, איך אַרבעט ניט, אָבער דאָס איז בלויז אַן איבערלויף. כ'בין געקומען פון סלוזשבע. כ'האָב זיך ניט געקאָנט נעמען צו דער אַרבעט; כ'האָב געוואָלט אַביסל זיך אויסרוען.

— און פון וואַנען, טייערער, לעבט איר אַזאַ ברייט לעבן און נאָך גע־קויפט אייער שוועסטער אַ הויז?

— פון ערלעכער אַרבעט, גאָלדע, — האָט לעיזקע אַרויסגעברומט, — יעדע קאָפּיקע וואָס איך פאַרמאָג איז פאַרדינט פון מיין ערלעכער האָרע־וואַניע. איר מוזט מיר גלויבן: מיין ברויט איז פאַרדינט פון מיין ערלע־כער אַרבעט! איר פאַרשטייט, גאָלדע, פון מיין אייגענער ערלעכער אַר־בעט. און אויב איר ווילט מיט מיר חתונה האָבן, איז מאָרגן נאָך דער חתונה, גיי איך צוריק צו מיין אַרבעט!

אַ הייסע פֿרייד האָט זיך צעגאָסן איבער גאָלדעס גלידער. לעיזקע איז איר געוואָרן נאָך נענטער, טייערער און ליבער. טרערן פֿון פֿרייד זענען גערונען איבער אירע צעפֿלאַמטע באַקן. זי האָט זיך געטוליעט צו לעיזקען. זי האָט געוואָלט אים אַרומכאַפּן, אים קושן און אים דריקן צו איר האַרץ. זי האָט געוואָלט אויסשרייען צו איר טאַטע־מאַמע, צו אירע ברידער, צו אירע חברטעס און צו דער גאַנצער וועלט — איר גליק, איר מזל און איר טיפֿע ליבע צו לעיזקען. זי האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע אירע כוחות ניט אויסצושרייען איר פֿרייד. זי האָט צום ערשטן מאָל, מיט ניט־גע־צוימטער אָפֿנהאַרציקייט געזאָגט צו לעיזקען:

— מיין טייערער, טייערער, ליבער, געליבטער לעיזקע: נייןן, ניט אַ טאָג נאָך דער חתונה, נאָר איצט, שטעל זיך צו דער אַרבעט.

לעיזקע צוריק ביי דער אַרבעט

די נייעס, אַז לעיזקע איז צוריק ביי דער אַרבעט איז דורכגעלאָפן דאָס שטעטל ווי אַ שטורעם־ווינט.

— ווייסט, ער אַרבעט דאָך שוין צוריק! אויס פּוסט־און־פּאַסניק!

— ווער?

— ווער פרעגסטו? וואָס הייסט ווער, לעיזקע!

— זעסט, ס'טליעט פּאַרט אין אים אַן אָנשטענדיקער פונק.

— ווייסיך וואָס, ס'וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן, אַז מ'זוכט אַ גרינג לעבן אָן אַרבעט, ציט עס ווי אַ מאַגנעט.

— נו, ווי אַזוי ער וועט זיך אויסבעטן, אַזוי וועט ער שלאָפן. פונדעסטוועגן זעסטו, ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס גרינגע לעבן: אויס פּוסט־און־פּאַסניק און צוריק צו דער מלאכה.

נאָטקע האָט געבראַכט די נייעס צו זיין שוועסטער גאָלדעלע. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט געוואַרט אויף איר לעבן האָדל דער סוויאַטשקעס הויז, וואו זי האָט געאַרבעט. ווען זי האָט געענדיקט די אַרבעט אין אָוונט און איז געגאַנגען אַהיים, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און אַ ברום־געטאָן: — גאָלדעלע, ער אַרבעט! ער איז פּלוצים אַוועק צו צאַדעקן אין דער סטאָליאַרניע און זיך געשטעלט אַרבעטן — זאָלן מיר ביידע אַזוי לעבן!

— וואָס רעדסטו, נאָטקע, — האָט גאָלדע אים געפרעגט, כלומרשט אַז איבערראַשטע, — פון וואַנען ווייסטו?

— וואָס הייסט פון וואַנען איך ווייס? — האָט נאָטקע געזאָגט מיט שטאָלץ, — דער ערשטער האָב איך געוואוסט. איך האָב אים איבערגעטראָגן זיין רענצל און זיינע זאַכן צו צאַדעקן.

— פאַרוואָס, נאָטקע, איז ער פּלוצים אַוועק אַרבעטן?

— פאַרשטייסט, גאָלדעלע, ער איז אַ שטאָלצער; און אברהם כאַנצעס איז אויך אַ שטאָלצער. עס האָט עפּעס געמוזט פּאַסירן צווישן זיי ביידע. לעיזקען, פאַרשטייסטו מיך, טאָר מען ניט באַליידיקן, מען טאָר אים ניט קריוודען. עס קאָן זיין, אַז אברהם כאַנצעס האָט אים געזאָגט עפּעס אַ קרום וואָרט. נו, ער וועט אברהמען ניט אַרויסרופן אין דרויסן, אברהם איז ניט מאָטיע די „קוקלע", פאַרשטייסט? און אַרונטערשלינגען האָט ער מסתם ניט געוואָלט, איז ער אַוועק מיט זיין וועג!

— און ווי מיינסטו, נאָטקע, ער וועט טאַקע בלייבן אַרבעטן, אָדער ער וועט צוריק ווערן אַ פּוסט־און־פּאַסניק?

— אַ, גאָלדעלע, דו קאָנסט אים ניט אַזוי ווי איך קאָן אים. ער, אַז ער נעמט זיך עפּעס אַריין אין קאָפּ אַריין, קאָן קיינער אים ניט איבערשפּאַרן. אַזאַ מענטש איז ער — מיט אַזאַ אייזערנעם כאַראַקטער. איז ער דיין פריינט, וועט ער זיך לאָזן שניידן דעם גאָרגל פאַר דיר. אויב דו זאָטשעפּעסט זיך מיט אים איז שלעכט.

מענטשן זענען כּלומרשט צופעליק פאַרבייגעגאַנגען די גאַס, גלאַט אַזוי זיך, אַן אַ באַזונדערן אינטערעס. זיי האָבן עפּעס יאָ און ניט געקוקט אויפן הימל . . . זיך אַנגעשלאָגן ווי ניט־ווילנדיק אין אַ האַלב־געדעקטן דאַך און כּלומרשט צופעליק באַמערקט ווי לעיזקע קלאַפּט שינדלען. מענטשן וואָס האָבן געטראָגן שווערע פעקלעך זענען געגאַנגען דווקא דורך יענער גאַס און דווקא געמוזט פאַרבייגיין יענע הויז, וואו לעיזקע איז געזעסן אויפן דאַך, געכאַפּט אַ קוק אויפן שטעטל, אַרונטערגעקוקט אויף די פאַרבייגייער, געהאַט גרויס הנאה פון דעם גרויסן שפּאַציר און געלייגט שינדל נאָך שינדל מיט דער זעלבער געניטקייט, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט איבערגעריסן זיין אַרבעט.

צאַדעק זאַיקע האָט געשטראַלט פון פרייד. רעכל פלעגט יעדן פרימאָרגן אַריינוואַרפן אַ קאָפּיקע אין דער מאיר בעל־נס־פּושקע, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צו דער שאַלאַוואַניע פון איר קיד־טיר און אירע ליפּן פלעגן שעפּטשען אַ שטילע תּפילה דורך טרערן: „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, באַוויז אַ נס און ראַטעווע אים, ווי דו האָסט געראַטעוועט יצחקן פון דער עקדה און קער אים אום צוריק צו מיר". — האָט איצטער, אַ שיינענדיקע, און אַלע טאָג אַן אויסגעפּוצטע אין אירע שבתדיקע קליידער מיט אַ ווייס פאַרטעך, — געקאָכט און געבאַקן און געציטערט איבער אים, ווי איבער אַ ציטערדיקן בן־יחיד, וואָס איז געקומען צו איר און צו צאַדעקן צו באַשיינען און באַגליקן זייערע עלטערע יאָרן.

צאַדעק איז קיינמאָל ניט געווען קיין גיבור, האָט איצטער, צוליב זיין עלטער און זיין שוואַכן געזונט, אָנגעהויבן איבערלאָזן צו לעיזקען די גאַנצע פירונג אין דעם וואַרשטאַט. איז עמיצער געקומען באַשטעלן אַ שאַפע, אָדער אַ קאָמאָד מיט אויסשניצונגען, פלעגט לעיזקע מיט אַ שרייב־פּעדער אָנצייכענען דעם מוסטער אויף פּאַפּיר, באַשטימט וואָס פאַר אַ האָלץ צו נוצן און זיך אויסגעדונגען וועגן דעם פּרייז. איז מען געקומען צו צאַדעקן ער זאָל פאַרריכטן אַן אַלטן דאַך, אונטערשפּאַרן אַ געהויקערטע וואַנט, לייגן אַ נייעם דאַך, אָדער מאַכן אַ גאַנעק, האָט ער אַלעם איבערגעלאָזט צו לעיזקען. צאַדעק האָט גוט געוואוסט, אַז לעיזקע איז פּיאַיק, און ווייסט

ווי אַזוי צו רעדן צו מענטשן פּליסיקער און גלאַטער ווי ער און אַז ער מאַכט זעלטן אַ טעות. צאָדעק האָט אויך געוואוסט, אַז זיינע אַרבעטער האָבן ליב לעיזקען, באַוואונדערן זיין באַנעמען זיך צו זיי, פאַרשטייען אים ווען ער דערקלערט זיי ווי אַזוי צו מאַכן אַ קאָמפּליצירט שטיקל אַרבעט, אָן נערוועזיטעט, מיט געדולד, און זיי האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר לעיזקעס קינסטלערישער אַרבעט. ווי נאָר אַ שווער שטיקל אַרבעט, פלעגט לעיזקע דאָס נעמען אויף זיך. לעיזקע, און ניט צאָדעק, איז ביי זיי געווען באַלעבאָס.

צאָדעקס וואַרשטאַט האָט ווידער אויפגעלעבט. אַרבעט איז געווען אי־בערגענוג. מען האָט געמוזט אָנשטעלן נאָך אַ געשולטן אַרבעטער און נאָך אַ לערן־יינגל. כמעט יעדע וואָך האָט צאָדעק געוויזן לעיזקען דעם חשבון, וואָס ער האָט אַריינגעשריבן אין בוך, וויפל ריינער פאַרדינסט עס איז אים געבליבן און געזאָגט: — לעיזקע, וויפל ווילסטו? ש־ש־שעם זיך ניט, וויפל דו ווילסט קריגסטו, פ־פ־פריער אָדער שפּעטער וועט אַלעם זיין דיינס!

לעיזקע פלעגט, ווי שטענדיק, אים שפּילעוודיק אַ צופּ־טאָן די באָרד און זיך וויצלען: — אַז דו וועסט אַוועקשטאַרבן, צאָדעק, אָן מיין דערלויבעניש, וועל איך דיך דערהרגענען! האַלטסטו שוין טאַקע ביים אויסציען די קאָ־פּיטעס, צאָדעק?

וועגן געלט עניניס פלעגט קיינמאָל ניט קומען צו קיין איבערדייד צווישן צאָדעקן און לעיזקען. פאַר זיינע אַרבעטער און לערן־יינגלעך פלעגט צאָדעק שטענדיק זיך קלאָגן, אַז ער דערלייגט דעם קאָפּ צו זיי, אַז ער וועט פון זיי אַרויס אָן אַ העמד. ווען אַן אַרבעטער האָט געבעטן אַ הוספה, פלעגט ער עס אָפּלייגן און אָפּשטופּן פון וואָך צו וואָך, זיך דינגען מיט אים לאַנג, און קיינמאָל ניט געבן וויפל דער אַרבעטער פלעגט בעטן. אָבער מיט לעיז־קען איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש: — „נ־נעם וויפל דו ווּ־ווילסט, אָט האָסטו געלט, נאַ, נאַ! ד־ד־דיר, זשאַלעווע איך ניט!" רעכל פלעגט דערביי שטיין מיט פאַרלייגטע הענט איבער איר פאַרטעך און קוועלן פון צאָדעקס רייד צו לעיזקען, און פון לעיזקעס גוט־ברודערישער היימישקייט מיט איר צאָדעקן.

לעיזקעס באַגעגעניש מיט גאָדל־נאָטע־באַנצעס

אין אַ שבת בייטאָג, ווען צאַדעק איז געקומען פונעם דאַווענען, האָבןביידע, רעבל און לעיזקע, באַמערקט, אַז צאַדעק איז עפּעס פאַרזאָרגט. זיי האָבן אים אָבער גאָרניט געפרעגט, געשוויגן. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז ער וועט זיך ניט איינהאַלטן און זיי דערציילן וואָס עס קוועטשט אים. מ'האָט זיך געזעצט עסן. צאַדעק און לעיזקע האָבן געמאַכט אַ „לחיים". ווען מ'האָט שוין געענדיקט דעם פעטן טשאָלנט און שוין געהאַלטן ביים מערן־צימעס, האָט צאַדעק אַ פרעג געטאָן לעיזקען:

— זאָג נאָר, לעיזקע, וו־וואָס פאַרא סודות האָסטו פון מיר, האַ?

— סודות? — האָט לעיזקע אים געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— יאָ, ס־ס־סודות, לעיזקע!

לעיזקע האָט זיך האַרציק צעלאַכט: — דו מיינסט, צאַדעק, דאָס וואָס איך שפּיל אַ ליבע מיט רעבלען? . . .

— דו הער נאָר אויף מיט דיינע כ־כ־כ־ט־ע־ממזרישע ש־ש־שטיקלעך! וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו מיט ר־ר־רב ברוכל? האָסט אפשר אַ דין־תורה מיט עמיצן און דו באַהאַלטסט פון מיר, האַ?

און צאַדעק האָט דערציילט, אַז דער שמש פון דעם אַלטן בית־מדרש וואו ער דאַוונט, האָט אים נאָכן דאַווענען געזאָגט, אַז דער רב וויל, אַז לעיזקע זאָל אים קומען זען אויפדערנאַכט.

לעיזקע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: — אפשר, — האָט ער גע־זאָגט, — האָט דער רב אַ שיינע טאָכטער און ער וויל זיך משדך זיין מיט מיר . . . אַ, צאַדעק, כ'ווייס שוין! דאָס איז די אַרבעט פון משה איציקס, דער שמש מיט דער לאַנגער באָרד ביז איבערן פּופּיק. ער דערגייט מיר די יאָרן. יעדן פרייטיק בייטאָג, ווען איך בין אין מיטן דער אַרבעט אויף אַ דאַך, אָדער איך שטעל אַריין אַ טיר, וואַקסט ער אויס און שרייט אויפן קול, ווי איך וואָלט אים געקווילעט די באָרד: „ערב שבת, ערב שבת, לייג אוועק די אַרבעט, גיי אין שול אַריין!".

— נעכטן האָט ער מיר צופיל דערקוטשעט, האָב איך אים געזאָגט, דעם משה איציק: „איך אַרבעט פאַר א י י ד, מעגט איר דאַווענען פאַר מ י ר און דרייט מיר ניט קיין ספּאָדעק!" איך בין טאַקע געווען גוט בייז אויף אים. דאָס איז זיין אַרבעט — ער רופט מיך איצט צום רב דערפאַר; זאָל ער גיין צו מיין באָבען! ס'איז דאָך אַ געלעכטער: איך מיט אַ רב בין ניט קיין פּאָר!

— נײן, — האָט צאַדעק געזאָגט, — דו מוזט גײן. אַז דער רבֿ הײסט דיך קומען צו אים, מוזטו פֿאָלגן. מ'מוזט גײן!

— אַזױ, איך מוז, האָ? איך מוז! און אױב ניט?

צאַדעק האָט אַ באַזאָרגטער אים געװאָרנט: — אױב ניט קאָן אונדז דער רבֿ אַרײַנלײגן אין חרם פֿאַר מחלל־שבת זײַן. מיר קאָנען, חלילה, בלײַבן אָן אַ שטאַך אַרבעט און מירן נאָך דאַרפֿן גײן איבער די הײַזער.

— נו, גײ דו צו אים, צאַדעק, און זאָג אים, אַז איך ליג אין קינפּעט.

— נײן, לעיזקע, דו מוזט גײן! טו מיר צוליב. מ'דאַרף ניט אױפֿרײצן די שטאָט קעגן אונדז. גײ און זײַ ניט קײן שײגעץ און רעד ניט אַנטקעגן רעב ברוכלען. גיב אים צו פֿאַרשטײן, אַז װען מ'איז פֿאַרטיפֿט אין דער מלאכה, פֿאַרגעסט מען אַמאָל װאָס פֿאַר אַ טאָג ס'איז, פֿאַרשטײסט?

— אױפֿרײצן די שטאָט? — האָט לעיזקע שױן שטילער געדעט צו זיך אַלײן. — װער װיל דאָס אױפֿרײצן די שטאָט? ... די שטאָט האָט אים שױן גענוג באַרעדט און פֿאַרדעכטיקט אומזיסט ...

װען לעיזקע איז אַרײַן אין רבֿס צימער, האָט ער דאָרט געטראָפֿן גאָדל־נאָטע־באַנצעס. עס האָט אים אַ האַמער־געטאָן אין די שלײפֿן: „האָ, האָ, װעגן גאָלדעלען! ...” — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך געגרײט צו אַ שלאַכט אױף לעבן און אױף טױט. „ניט גאָדל און ניט דער רבֿ װעלן בײַ אים צונעמען גאָלדען” ... גאָדל װעט מסתּם געװאָלדעװען, אַז ער, לעיזקע, האָט ניט געאַרבעט און „געלעבט פֿון לופֿט”. ער װעט זײַ באַװײַזן, אַז ער האָט געלעבט פֿון ערלעכער אַרבעט, װאָס ער האָט פֿאַרדינט בײַ אבֿרהם באַנצעס ... ער װעט — ”

דער רבֿ האָט אים געזאָגט „אַ גוטע װאָך, רעב לײזער”, און אים אָנגעװיזן אױף אַ לײדיק בענקל, װאָס איז געשטאַנען ניט װײַט פֿון גאָדלען, אַנטקעגן דעם רבֿ. רעב ברוכל איז געזעסן אױף זײַן רבנישן שטול. זײַן פּנים איז געװען אַרײַנגערעמלט אין דער לאַנגער, װײַסער באָרד. דער רבֿ האָט געשײַנט.

— כ'האָב אײַך מטריח געװען צו מיר, רעב לײזער, — האָט דער רבֿ גערעדט געמיטלעך, — װײַל גאָדלס דאַך איז פֿול מיט לעכער און אין שטוב איז אַ חורבן, און װען דער רבונו של עולם שיקט אונדז צו רעגנס דאַרף מען מאַכן אַ נײַעם דאַך. נו, אױב אַ דאַך, מוז מען דאָך האָבן אַ בעל־מלאכה, און ס'איז דאָך באַװאוסט, אַז איר זענט געבענטשט מיט גאָלדענע הענט ...

לעיזקען איז הײס געװאָרן. ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע כּוחות ניט אַרױסצושיסן אַ געלעכטער. ער האָט געקוקט אױף גאָדלען, װאָס איז

געזעסן אַ ברוגזער און אַ שטייפער, ווי מען וואָלט אים אָנגעקראַכמאַליעט און אַפילו ניט געקוקט אויף לעיזקען.

— נו, האָט רעב גאָדל איינגעלייגט ביי מיר 200 רובל און ווען איר, — האָט דער רב געמיטלעך גערעדט אין דעם זעלבן טאָן, — ווערט מיט גאָטס הילף, מאַכן דעם נייעם דאַך, וועל איך, הייסט עס, אייך באַצאָלן. נאָר וואָס־זשע דען, איר זענט דאָך פאַרנומען מיט אַ סך אַרבעט, האָט גאָדל מורא, אַז איר וועט אים, חלילה, לאָזן שטעקן אין מיטן דערינען מיט אַן אָפענעם דאַך, וויל ער אַז איר, רעב לייזער, זאָלט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט ניט מפסיק־זיין ביז וואַנען איר וועט, מיט גאָטס הילף, פאַרענדיקן דעם דאַך. ווי איר זעט איז עס אַ גאַנץ פּשוטער און געוויינטלעכער ענין.

לעיזקע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער געטראַכט, — גאָדל דאַרף אַ נייעם דאַך, איז וואָס־זשע האָט עס צו טאָן מיט אַ רב? און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר אַ שפּיל, וואָס גאָדל לייגט איין דאָס געלט ביים רב און דער רב וועט אים באַצאָלן? עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. און פאַרוואָס האָט גאָדל מורא, אַז ער וועט ניט פאַרענדיקן זיין דאַך?

— ניט אַנדערש, — האָט אַ געדאַנק אַ בליץ געטאָן אין לעיזקעס מוח, — אַז גאָדל ווייסט פון דעם געשלעג צווישן אים און זיין זון נאַטקע, און גאָדל דענקט, אַז לעיזקע טראָגט נאָך אַלץ אַ שנאה צו נאַטקען, האָט גאָדל, הייסט עס, מורא, אַז לעיזקע וועט זיך אָפּרעכענען מיט נאַטקען דורך דעם, וואָס ער, לעיזקע, וועט זיין טאַטן איבערלאָזן מיט אַן אָפענעם דאַך. יאָ, דאָס מוז עס זיין... האָט ער דערפאַר אַריינגעשלעפּט דעם רב אין דער געשיכטע, זיך צו באַוואָרענען, ווייל אַ רב איז דאָך עפּעס אַ מאַכט אין שטעטל, און מיט אַ רב קאָן מען ניט פּראָווען קיין שטיק... דאָס איז עס!

לעיזקע האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיר געלט, עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש און האָט געזאָגט:

— גאָדל, דאָ האָט איר 50 רובל, מיין שווער־פאַרהאַרעוועט געלט. אויב כ'וועל ניט פאַרענדיקן אייער דאַך אין צוויי וואָכן, זענען מיינע 50 רובל פאַרפאַלן. דער רב איז אַן עדות...

גאָדל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו לעיזקען און געקוקט אויף אים מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— און נאָך עפּעס, רעב גאָדל, — האָט לעיזקע געזאָגט, אַריינקוקנדיק גלייך אין גאָדלס ברייט־צעעפנטע אויגן, — מיין שוועסטער וואוינט ניט ווייט פון אייך אויף דער שניידערשער גאַס, ווען איך גיי זי באַזוכן, גיי איך פאַרביי אייער הויז. דער דאַך איז צעלעכערט שוין אַ לאַנגע צייט

און עטלעכע קראָקוועס מוזן זיכער זיין צעפּוילט, מוז מען אַריינזעצן נייע קראָקוועס און עס וואָלט געוועז געזינטער פאַר די ווענט און פאַרן דאַך אונטערצושפּאַרן דעם דאַך מיט עטלעכע דעמבענע סלופּעס. מען מוז אויך פאַרריכטן די טיר, וואָס איז אויסגעקרימט צוליב דעם וואָס די וואַנט האָט זיך אַביסל געזעצט, און עס וועט ניט שאַטן צו מאַכן אַ גאַניקל פון פאָרנט, ניט נאָר צוליב שיינקייט וועגן, נאָר טאַקע צו פאַרהיטן די פאָדערשטע וואַנט פון רעגן און שניי.

— וואָס פאַר אַ גאַנעק, ווער מיר אַ גאַנעק, וואוהין פאַרפירסטו מיך? קראָקוועס, אונטערשפּאַרעס, גאַניקעס! ווער האָט אַזויפיל געלט, ווער? — האָט גאָדל זיך בייז צעברומט אויף זיין באַסאָוועך שטים, — צוויי הונדערט רובל איז מיין גאַנץ פאַרמעגן. כ׳בין אַ ייד אַ קבצן בינעך... האָסטו געזען? וואָס בינעך, ראַטשילד?...

— רעב גאָדל, לאָזט דאָס צו מיר. כ׳וועל זען אַז ס׳זאָל ניט קאָסטן קיין סך. און אויב איר האָט ניט מער, איז אויך ניט קיין אָפּהאַלט. צוויי הונ־דערט רובל האָט איר — און דאָס איבעריקע וועט איר מיר באַצאָלן ווען איר וועט האָבן, — האָט לעיזקע פריינטלעך גערעדט צו גאָדלען.

— איך זאָג דאָך אייך, אַז כ׳בין אַ קבצן, זאָג איך דאָך אייך, איז וואו וועל איך נעמען צו באַצאָלן ס׳איבעריקע? — האָט גאָדל איינגעטענהט מיט לעיזקען.

— נאָר ניט געזאָרגט, רעב גאָדל, — האָט לעיזקע גערעדט צו אים אין אַ פריינטלעכן טאָן, — ביי קבצנים אַרבעט איך פאַר ווייניק געלט, אָבער מיט אַ סך פאַרגעניגן, און די רייכע באַצאָלן שווין פאַר די קבצנים. ביי די רייכע אַרבעט איך פאַר מער געלט, און מיט ווייניקער פאַרגעניגן. איז אָט־וואָס, רעב גאָדל, אויב איר וועט ניט האָבן צו באַצאָלן פאַר דעם איבעריקן, איז מילא! נו, מען מוז דאָך פאָרט פאַרריכטן אייער הויז ווי עס באַדאַרף צו זיין. נו, וועט צוויי הונדערט רובל אויך מוזן זיין גענוג.

— וואָס־זשע, איר מאַכט פון מיר חוזק, לעיזקע, — האָט גאָדל זיך גע־בייזערט, — איר לאַכט פון מיר? פון אַ ייד אַ קבצן מאַכט איר חוזק?!

— ניין, רעב גאָדל, ניט קיין חוזק. אויב איר ווילט וועל איך אייך געבן מיין האַנט וועגן דעם, און דער רב וועט זיין אַן עדות.

רעב ברוכל האָט באַפריט די באָרד פון זיין וואַרעמער גלעטנדיקער האַנט, זיך נענטער צוגערוקט צום טיש און באַפעלנדיק געזאָגט צו גאָד־לען:

— שטיל זאָל זיין, גאָדל! איי, איי, דו ווייסט הפנים ניט, אַז דו פאַר־

מאַגסט גרויס זכות־אָבות, אָבער טאַקע אַ גאָר גרויסן זכות־אָבות... שטיל זאָל זיין, זאָג איך דיר און זינדיק ניט!

אין גאָדלס הויז האָט חוה געוואַרט מיט אומגעדולד. זי האָט שרעקלעך געליטן פון דעם, וואָס די רעגנס פלעגן אַריינגיסן ריטשקעס וואַסער אין יעדן צימער פון איר שטוב. אַ נייער דאַך איז געוואָרן איינער פון אירע הויפּט וואונטשן אין לעבן. אין פאַרצווייפלטע טעג האָט זי זיך געוואָלט ווענדן צו רעב וועלוועלען נאָך הילף, נאָר זי האָט געציטערט, אַז גאָדל קאָן עס נאָך אויסגעפינען...

ווען גאָדל איז אַהיימגעקומען, האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ ברענענדי־קער נייגעריקייט אויסצוגעפינען צי זי וועט האָבן אַ נייעם דאַך און ווען, ווען?

אָבער גאָדל, אַנשטאָט איר צו דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים רב, האָט ער אַרויסגענומען פון דעם טיש־שופלאָד די פלאַש בראָנפן, אָנ־געגאָסן אַ האַלבע גלאָז און געמאַכט אַ לחיים. חוה האָט דאָס אויסגע־טייטשט צום שלעכטן... זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אירע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. גאָדל האָט נאָך אַמאָל אויסגעטרונקען, אָבער שוין אַביסל ווייניקער.

— וואָס ווינסטו, וואָס? — האָט ער געלאַכט, — איך זאָג דיר, אַז ער איז עפּעס אַזאַ מין מענטש... אַ מלאך איז ער, אַ רוח אין זיין זאַק אַריין!

חוה האָט אים אָנגעקוקט דורך אירע פאַרטרערטע אויגן:

— טרינקסט פון צרות, — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, — זאָל דיר וואויל באַקומען. וואָס פּלאַפּלסטו, ווער איז אַ מלאך? מלאכים חלומען זיך דיר! איך חלום פון אַ נייעם דאַך.

— חוהלע, איך זאָג דיר, אַז עס זענען ניטאָ קיין סך מענטשן אויף דער וועלט ווי לעיזקע. האָסט נאָך אַזאַ מענטשן ניט באַגעגנט אין דיין גאַנצן לעבן. וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו, חוהלע? ס'איז דאָך גאָרניט אַפּצושאַצן אַזאַ מענטשן מיט אַזאַ האַרץ, מיט אַזאַ נשמה, וואָס ווייסטו?

ווען ער האָט ענדלעך דערציילט חוהלען וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים רב, זענען די טרערן גערונען איבער אירע באַקן, אָבער שוין פאַר גרויס פרייד.

— נו, גאָדל, אָט דערציילן די שכנים, אַז ער האָט געקויפט דעם איינ־בינדערס שיינע הויז, עס אַוועקגעשענקט זיין שוועסטער און האָט אויך אויסגעמעבלירט די צימערן, און דערצו באַהענגט ער זי מיט אַלערליי

מתנות. אבי מען האט אנגערעדט אויף אים, דער שווארצער יאר ווייסט פאר וואס.

ווען לעיזקס איז פארטיק געווארן מיט גאדלס הויז, האט די שניידערשע גאס געקוקט אויף דעם מיט פארגאפטע אויגן. גאדל וועט פארבלאנדזשעט ווערן ... ער וועט ניט דערקענען זיין אייגן הויז, האבן שכנים גערעדט צווישן זיך. ס'איז גאר אן אנדער הויז! און דאס גאניקל, — ס'איז דאך א חן־פלעסטערל, און ווי דער לעיזקע האט דאס אויסגעארבעט! ער איז דאך א כישופמאכער! און וואו האט עם גאדל גענומען אזויפיל געלט? די הויזן פארזעצן, אבי א גוטע, שיינע הויז צו פארמאגן...

חוה האט געמאכט א חנוכת־הבית. זי האט געטענהט, אז די הויז איז איצט איינגאנצן א נייע. אלע פארבעטענע געסט, שכנים, גאלדעס חברטעס, לעיזקע און רעבל און צאדעק זענען געקומען. גאדל האט געווארנט לעיזקען: „אויב דו קומסט ניט, וועל איך דיך ברענגען אויף די פלייצעס". חוהלע האט אים אויך זייער געבעטן צו קומען באשיינען די שמחה. נאטקע האט אים פארטרויט א סוד, אז גאלדע וויל זייער שטארק, אז ער זאל קומען. גאלדע האט אויך איינגעלאדן סארקען מיט יונהן. לעיזקע האט צוגעשיקט מיט איינעם פון צאדעקס לערן־יינגלעך זעקס פלעשער בראנפן, צען פלעשער וויין און צוויי טישלעך צוזושטעלן צו חוהס טיש. ביי די שכנים האט חוה געליען בענקלעך, טעלער, לעפל און גאפלען.

ווען די געסט האבן זיך געזעצט צום טיש, האט גאדל און נאטקע אנגעגאסן די גלעזלעך. לעיזקע איז געזעסן אויבן אן. סארקע און יונה און גאדל לעבן אים. חוה און גאלדע, אויסגעוואשענע, אויסגעפוצטע, מיט ווייסע פארטעכער ארומגעבונדן, האבן דערלאנגט צום טיש מאריענירטע הערינג, וואס חוה האט צוגעגרייט, געהאקטע הערינג און געהאקטע לעבער. דערנאך א גאלדענע יויך מיט לאקשן, געבראטענע הינער און קאטשקעס און גלאט געבראטנס, און אויף באזונדערע טעלער — געפילטע העלדזלעך, קישקעס, פופיקלעך און פולע שיסלען ווארניטשקעס מיט קאשע, מיט ברויז־געפרעגלטע ציבעלעס און זויערע אוגערקעס און טאמאטן.

די לעפל און גאפלען האבן געקלונגען אין די טעלער, מען האט געשמאקגעגעסן, הויך גערעדט, געשטיפט, געלאכט. די שטוב איז אנגעפילט געווארן מיט פרייד.

מ'האט דערלאנגט צום טיש דעם וויין. מען האט געטרונקען לחיים צו גאדלען מיט חוהן און זייערע קינדער און זיי געווונטשן, אז זיי זאלן לאנג לעבן אין זייער באנייטער הויז, און אז די הויז זאל שטענדיק זיין אנגעפילט מיט פרייד און מיט שמחות.

דערנאָך האָט מען געטרונקען לחיים צו צאַדעקן און רעבעלען און צו לעיזקען און זיי געוואונטשן לאַנגע יאָרן און אַז גאָט זאָל שטאַרקן זייערע הענט, אַז זיי זאָלן קאָנען דערפֿרייען אָרעמע פֿאַמיליעס מיט זייער אַרבעט.

דערנאָך איז לעיזקע אויפֿגעשטאַנען און געטרונקען לחיים צו גאָדלען און חוהן, אַז זיי זאָלן דערלעבן צו פֿירן זייערע קינדער צו דער חופּה און צוערשט זייער עלטסטע טאָכטער גאָלדע און טאַקע וואָס גיכער. הענט האָבן געפּאַטשט און העלדזער האָבן געשריען בראַוואָ ביז שפּעט אין דער נאַכט. גאָדלס הויז איז געווען אָנגעפֿילט מיט געזאַנג, געלעכטער און פֿרייד.

לעיזקע מוז אַנטלויפֿן פֿון שטעטל

שוין גאָר אַ לאַנגע צייט ווי גאָדל האָט זיך ניט געפֿילט אַזוי דער־הויבן. עפּעס איז אים די אַרבעט פֿלוצים געוואָרן גרינגער. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט פֿלוצים דערזען אַ גרעסער שטיק וועלט אַרום זיך. עפּעס מיטאַמאָל איז אים פֿלוצים אַזוי גרינג געוואָרן אויפֿן האַרצן און אַלע זיינע זאָרגן זענען אָפּגעטאָן געוואָרן פֿון אים. ווען ער פֿלעגט קומען פֿון דער אַרבעט, פֿלעגט ער אין האַלב־טונקעלן אַוונט אַרומגיין אין הויז, באַקוקן די דעמבענע סלופּעס, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם דאַך און וואָס זענען געווען אַזוי שיין אָפּגעאַרבעט. דערנאָך פֿלעגט ער אַרויפֿקוקן צום דאַך מיט טיפֿער צופֿרידנקייט, באַקוקן דאָס בלויע אָפּגע־פֿאַרבטע גאַניקל, ווי ער וואָלט עס געזען ס׳ערשטע מאָל. דערנאָך אַרויף־גיין פּאַוואָליע טרעפּ־נאָך־טרעפּ, ביז ער האָט דערגרייכט דעם אָפֿענעם אַריינגאַנג אין גאַניק, זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער גאַס, באַקוקן די גאַס ווי ווייט זיין אויג האָט געקאָנט דערגרייכן — און ענדלעך עפֿענען די טיר פֿון זיין הויז אַזוי גרינג, ניט געדאַרפֿט זי מער שטופּן און אונטער־הייבן, ווען די קליאַמקע פֿלעגט זיך פֿאַרהאַקן און מען האָט געמוזט די טיר עפֿענען פֿון אינעווייניק. איצט עפֿנט זיך די טיר אַזוי גרינג, אַז עס איז פּשוט אַ פֿאַרגעניגן אַז עפֿן טאָן די טיר סיי פֿון דרויסן און סיי פֿון אינע־ווייניק. אין הויז איז טרוקן, ריין, שיין — ווער האָט מורא פֿאַר רעגנס! ווען עמען אַרט עס אַז ס׳פֿליוכעט אַפֿילו מיט צעבערס! עס האָט זיך אים אַפֿילו געדאַכט, אַז זיין חוהלע איז יינגער און שענער געוואָרן זינט דאָס הויז איז פֿאַרריכט געוואָרן פֿון אויבן ביז אַראָפּ, און אַרום און אַרום. ער איז געווען זיכער, אַז ער, מיט זיין ווייב און קינדער, האָבן געקראָגן מער אָנזען אויף דער שניידערשער גאַס, איבערהויפּט צווישן זיינע שכנים און ער האָט געפֿילט, אַז ער אַליין האָט אויך געקראָגן אַ נעענטערן און וואַרעמען געפֿיל פֿאַר זיינע שכנים. ער האָט עפּעס געפֿילט, ווי זיינע פּלייצעס האָבן זיך אויסגעגלייכט, זיין קאָפּ בייגט זיך ניט מער; ער האָלט אים אויפֿגעהויבן און ער קוקט מענטשן גלייך אין פּנים אַריין. ער זעט איצט בעסער און זיינע אויגן פֿאַרנעמען מער. — עס איז אים געווען גוט. אַזוי גוט איז אים ניט געווען שוין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט — קיינמאָל!

פֿלוצים האָט אַ שוואַרצער וואָלקן זיך אָנגערוקט איבער זיין קאָפּ. ער וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן דעם שוואַרצן טאָג, וואָס האָט שיעור ניט צעריסן זיין לעבן. באַלד ווי ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיין אָנבייסן — אַ שטיק הערינג מיט שוואַרצן געשמאַקן ברויט און פֿאַרביסן מיט אַ

גרויסן עפל — האָט פּערטעלע, רעב וועלוועלעס שמייסער, אים געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס וויל אים זען ביי זיך אין קאַבינעט. ער איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

— מיך וויל דער באַלעבאָס זען?

— יאָ, דיך וויל דער באַלעבאָס זען, — האָט פּערטעלע געענטפערט. — און ריך זיך, ער וואַרט אויף דיר.

עפּעס האָט אים אַ זעץ געטאָן אין הארצן. נאָך אַזויפיל יאָרן וואָס רעב וועלוועלע איז ברוגז מיט אים און רעדט ניט מיט אים, און קוקט אפילו ניט אויף אים... עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. ס'איז עפּעס ניט גוט. וואָס גאָר פּלוצים?

פונקט ווי מיט קאַרגע ניינצן יאָר צוריק איז וועלוועלע געזעסן ביי זיין שרייבטיש. און פונקט ווי דעמאָלט האָט ער אים באַפוילנדיק געזאָגט: „זעץ זיך אַוועק. נעם אַ בענקל, גאָדל", ווי ער וואָלט מיט אים די אַלע יאָרן גאָר ניט געווען ברוגז.

רעב וועלוועלע האָט אים געפרעגט:

— דו האָסט געהערט פון רעב דודל גרינשפּאַן?

— יאָ, באַלעבאָס, אַוודאי געהערט פון אים. ווער ביי אונדז אין שטאָט האָט ניט געהערט פון רעב דודל גרינשפּאַן?

— רעב דודל, זאָלסטו וויסן, גאָדל, איז אַ ייד אַ למדן און אַ וועלטלעכער מענטש, אַ פאַרמעגלעכער סוחר, פירט געשעפטן מיט פּריצים, פאַרמאָגט אַ נאָמען און קומט אַרויס פון גאָר אַ פיינעם יחוס. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער רבונו של עולם אַזוי געוואָלט, אַז רעב דודלס אומגליק זאָל זיין דיין גליק.

— וואָס מיינט דער באַלעבאָס לעבן מיט דעם?

— פאַרשטייסט, גאָדל, רעב דודל איז אַן אַלמן שוין באַלד צוויי יאָר און איך דענק, אַז ס'קאָן זיין אַ שידוך צווישן רעב דודל מיט דיין טאָכטער.

— וואָס רעדט איר, רעב וועלוועלע, ער האָט דאָך אַ פולע שטוב מיט קינדער און ער איז דאָך אַ זקן, עלטער פון מיר — און מיין גאָלדעלע איז דאָך נאָך קיין ניינצן יאָר ניט אַלט, און, און — —

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעדרשנט, גאָדל! נו, איז וואָס אַז ער האָט פיר קינדער — האָסט מורא אַז ער קאָן זיי ניט מפרנס זיין? און וואָס פאַר אַ זקן איז ער! מסתמא אַ יאָר זעקס־אָדער אַכט און פערציק; אפשר מיט אַ יאָר, אָדער צוויי עלטער. נו, איז וואָס? דערפאַר איז ער דאָך רעב דודל גרינשפּאַן! דער שיינער ייד און דער פאַרמעגלעכער סוחר. דיין טאָכטער

וועט דאַך אויפגעריכט ווערן און וועט אַריין אין אַ גרויסן ייחוס. עפּעס אַ קלייניקייט דודל גרינשפּאַן!

— מיין גאָלדעלע וועט ניט וועלן, זי וועט ניט וועלן.

— וואָס הייסט זי וועט ניט וועלן? נו, און וואו ביזטו, און וואו איז דיין ווייב, דיין טאָכטערס מאַמע? האָסט געהערט אַ מעשה — זי וועט ניט וועלן!

— רעב וועלוועלע, מיין טאָכטער איז אַ "סאַמאָסטאָיאַטעלנער" מענטש. איר קאָן מען ניט איינריידן, און מען קאָן זי ניט צווינגען. זי איז ביי מיר ווי דאָס אויג אין קאָפּ, זי וועט ניט וועלן און איך, איר פאַרשטייט רעב וועלוועלע, איך אַליין . . . ס'איז מיר אויך ניט צום הארצן. אַזאַ שיינע, יונגע רויז! און ער, אַן עלטערער מענטש מיט פיר קינדער דערצו. עס קאָן קיין גוטס פון אַזאַ שידוך ניט אַרויסקומען.

— נו, גאָדל, האָסטו דיר אָפּגעזאָגט דיינס, און איצט גיי אַהיים און זאָג דיין ווייב און דיין טאָכטער, אַז איך זאָג, אַז עס איז אַ גרויס גליק פאַר אייך אַלעמען. שבת וועט רעב דודל זיין ביי מיר, וועסטו מיט דיין ווייב ברענגען דיין טאָכטער וועט זי רעב דודל אָנקוקן, און די חתונה וועט זיין אין אַ חודש, אָדער צוויי שפּעטער. פאַרשטייסט, גאָדל, ניט אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק אַריין.

— און אויב מיין טאָכטער וועט זאָגן ניין, און וועט ניט וועלן קומען, אַז רעב דודל זאָל זי אָנקוקן?

— נו, וועט זיין אַ חתונה אָן אָנקוקעניש! כ'האָב שוין גערעדט מיט רעב דודלען און ער איז מסכים. פאַרשטייסט, גאָדל, רעב דודל איז מסכים.

גאָדל האָט זיך גערדרייט אויפן בענקל. עס האָט פון אים גערונען דער שוויים.

— איר האָט שוין, הייסט עס, גערעדט און ער איז מסכים, — האָט גאָדל געברומט מיט אַ פאַרשטיקטן כעס, — און איך מיט מיין חוהלען, מיט מיין טאָכטער זענען, הייסט עס, גאָרניט! גאָרניט, האַ? אַ פאַרמעגלעכער סוחר מיט אַ גרויסן יחוס, אָבער אַ זקן מיט פיר קינדער און מיין טאָכטער איז קוים ניינצן. די לאַטע טויג ניט צו דעם זאַק, רעב וועלוועלע, ס'טויג ניט!

— ווי ס'ווייזט אויס, האָסטו אינגאַנצן פאַרגעסן צו וועמען דו רעדסט... ווער ביזטו, גאָדל? — האָט וועלוועלע גערעדט מיט גאַליקער שנאה, — דו לאַטעסט זעק ביי מיר. דו וואוינסט אין מיין שטוב. די "קופּטשע" (קויף־צעטל) איז נאָך אַלץ אויף מיין נאָמען, פאַרשטייסט, גאָדל?!

— אייער שטוב? כ'האָב ערשט געלייגט אַ נייעם דאַך און . . . און . . .

— וועסטו זיך נעמען דעם נייעם דאַך און גיין, פֿאַרשטייסט! און מיינע זעק וועט לאַטען אַן אַנדער לאַטוטניק.

גאַדל האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון בענקל, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן און זיך צערעוועט:

— אַזוי גאָר, פֿון מיין הויז אַרויסוואַרפֿן! פֿון מיין שטוב... און פֿון ברויט מיך וואַרפֿן... נאָך 30 יאָר פּראַצעווען אין פֿינצטערן מאַגאַזין. גוט, גוט, זאָל זיין אַזוי. וואַרפֿט, וואַרפֿט, רעב וועלוועלע! אָבער מיין טאָכטער וועל איך ניט פֿאַרקנסן צו אַן אַלטן, צעלעכערטן זאַק. ביז בלוט, רעב וועלוועלע, — האָט ער געריוועט און געפּאַכעט מיט די לאַנגע הענט, — יאָ, ביז בלוט וועל איך גיין פֿאַר מיין טאָכטער! און זיין יחוס, רעב דודלס יחוס דאַרף איך ניט. מוחל, מוחל!

ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון קאַבינעט, זיין באָרד האָט געציטערט, אין זיינע פּיס האָט ער דערפֿילט אַ שוואַכקייט, אין האַלדז האָבן געוואָרגן טרערן, דערנאָך האָבן הייסע טרערן געררונען איבער זיינע באַקן, איבער זיין באָרד, איבערן האַלדז און זיך אויסגעמישט מיטן שווייס, וואָס האָט באַדעקט זיין קערפּער.

די וועטשערע האָט ער געגעסן אָן אַפּעטיט. ער איז געזעסן ביים טיש אַן אַנגעכמורעטער, אַ בייזער, און זיינע אַנגעשוואָלענע אויגן האָבן געוואַנדערט איבערן טיש, איבער די ווענט און האָבן אויסגעמיטן זיין ווייב, זיינע זין און זיין טאָכטער...

— וואָס ביזטו אַזוי צערודערט, גאַדל? — האָט זיין ווייב אים געפֿרעגט.

— ווער איז צערודערט, ווער? — האָט ער געענטפֿערט ווי מיט עפּעס אַ פֿרעמדער שטים.

— זעסט אויס ווי אַ נעכטיקער, פּילסט ניט מיט אַלעמען? — האָט חוה אים ניט אָפּגעלאָזט. — כ'קאָן שווערן, אַז דו ווייסט אַפֿילו ניט וואָס דו עסט.

ער האָט געשוויגן.

גאָלדע האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— טאַטע, וואָס האָט פּאַסירט? די מאַמע איז גערעכט: זעסט אויס אַ פֿאַרזאָרגטער.

נאָטקע האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און אַ ברום געטאָן:

— ער באַהאַלט עפּעס פֿון אונדז... מיך, טאַטע, קאָנסטו ניט אָפּנאַרן. אַ שוואַרצע קאַץ איז דיך איבערגעלאָפֿן?

יאַנקל האָט געקוקט אויפֿן טאַטן מיט רחמנותדיקע אויגן.

גאַדל האָט אַ שווערן זיפֿץ געטאָן:

— אַלע אויף מיר! זיך פאַרלייגט אויף מיר, האַ? — האָט ער געשריען.
— וואָס ביזטו אַזוי אין כעס? ווער האָט זיך אויף דיר פאַרלייגט? — האָט חוה אים געשטראָפט, — ס'קוועטשט דיר עפּעס — זאָג אונדז! וואָס זענען מיר דאָ פרעמדע? זיצט אַן אָנגעבלאָזענער, אַ בייזער, ווי מען וואָלט אים צעקנייטשט די גאַטיעס — און ער איז נאָך גערעכט. שווין איינמאָל אַ וועטשערע!
— איר ווילט, הייסט עס, וויסן, האַ? איר ווילט דווקא וויסן וואָס עס קוועטשט מיך, האַ? ניין, ס'קוועטשט מיך ניט, נאָר עס נאָגט מיך, אַ וואָרעם נאָגט מיך, אַט־דאָ־אָ ביים האַרצן. כ'וועל אייך דערציילן, כ'וועל אייך דערציילן, כ'על ניט האַלטן ביי זיך. עסט פריער אָפּ. נאָכן עסן וועל איך אייך דערלאַנגען דעם קאָמפּאָט — איי וועט איר זיך קוויקן!
עס איז שטיל געוואָרן. די וועטשערע איז גיך פאַרענדיקט געוואָרן. דער טיש איז אויף גיך אָפּגערייניקט געוואָרן. נייגעריקע, פאַרזאָרגטע, אויפגע־רודערטע ביז גאָר זענען זיי געזעסן ווי פאַרגליווערט און אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט צו דער גאַנצער געשיכטע, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט אין רעב וועלוועלעס קאַבינעט. און ווען גאָדל האָט פאַרענדיקט דערציילן זיי, זענען זיי נאָך אַלץ געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערטע.
פּלוצים איז די טויטע שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ קלינגענ־דיקן געלעכטער. אַז אַז אויפהער האָט גאָלדע געלאַכט און עס האָט איר אויסגעפּעלט אָטעם, האָט זי לאַכנדיק אַרויסגעקוויטשעט:
— אוי, איך האַלט ער ניט אויס! — און ווידער געקייכט פון געלעכטער.
קוקנדיק אויף איר האָט נאָטקע, דערנאָך יאַנקל אויך אָנגעהויבן לאַכן. חוה, וואָס איז געזעסן אַ בלאַסע און אַ דערשלאָגענע, האָט ברוגז אַ זאָג גע־טאָן, — וואָס איז אויף אייך אָנגעפאַלן אַ געלעכטער? — און קוקנדיק אויף אירע דריי לאַכנדיקע קינדער, האָט זי ניט־ווילנדיק זיך אויך צע־שמייכלט.
גאָדל האָט אַ קרעכץ געטאָן: — ס'איז אַ געלעכטער ביי אייך, בהמות! משוגעים! דער געלעכטער וועט אייך נאָך אויספאַלן באָקאָם! הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן
— אַזוי! אוי־וואַ!... סטראַשע ניט די געגנדז, טאַטע, — האָט אים גאָלדע איבערגעשלאָגן די רייד. — זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך צעיעכצט! איך לאַך — וואָס דען, זאָל איך וויינען? ס'איז דאָך דאָס גרעסטע געלעכטער... קאָנסט אים, טאַטע, דעם פאַרשוין, דעם דודל גרינשפּאַן? האָסט אים געזען אַמאָל, טאַטע? — ער איז שוין עלטער פון מיין באָבען: גרויס ווי אַ גע־נעץ, דאַר ווי אַ הערינג, מיט אַן אונטערגעשווירן בערדל ווי אַ ציג. נו, זאָל

איך ניט לאַכן? קאָנסט זאָגן רעב וועלוועלען, אַז ער זאָל זיין אייגענער טאַכטער, די צעקוועטשטע פּריצטע, וואָס איז מיאוס ווי דער טויט, חתונה מאַכן מיט דעם גרויסן פּאַרשוין דודל גרינשפּאַן! זאָג אים, טאַטע, אין מיין נאָמען, זאָל ער זיין טאַכטער חתונה מאַכן מיט אים!

חוה האָט אַ בלאַסע אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אוי, גאָלדעלע, ווען דו ווייסט . . .

— האָסט אים געזען, גאָלדע? — האָט גאָדל זי געפרעגט.

— יאָ, טאַטע, כ'האָב אים געזען און גוט באַטראַכט, און ער האָט מיך שוין אָנגעקוקט. כ'דאַרף שוין ניט גיין צו רעב וועלוועלען, דער פּאַרשוין זאָל מיך אָנקוקן. ער האָט מיך ניט נאָר אָנגעקוקט, נאָר אַזוי וואויל אַרומגעקוקט.

— וואו האָסטו עס אים געזען?

— מיט דריי טעג צוריק האָב איך אים געזען ביי ניסנזאָן דעם פּאָטאָגראַפטשיק, וואָס איז דעם דודלס אַן אייגענער.

— וואָס האָסטו געטאָן ביים פּאָטאָגראַפטשיק?

— כ'האָב זיך פּאָטאָגראַפירט מיט מיין חתן.

— מיט דיין חתן? — האָבן אויגן זיך אַריינגעשטאָכן אין גאָלדען.

— נו, יאָ, מיט מיין חתן! און איר זענט אַלע געבעטן צו קומען צו מיין חתונה, גאָר־גאָר אינגיכן.

— ווער איז דער באַשערטער דיינער?

— לעיזקע טעסלער, טאַטע, ער איז מיין באַשערטער און מיט אים וועל חתונה האָבן.

נאָטקע האָט זי אַרומגעכאַפּט און געקושט, דערנאָך האָט יאַנקל זי געקושט. חוה האָט אַריינגענומען גאָלדעס קאָפּ אין אירע הענט, געקושט אירע האָר און געוויינט פאַר פרייד.

— אוי, טאַכטער מיינע, מזל־טוב דיר!

— לעיזקע, לעיזקע? דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש . . . — האָט גאָדל געריידט צו זיך און שטיל געכעכיקעט אויף זיין באַסאָווער שטים אין דער באָרד אַריין. — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש . . . שוין איינמאָל עפּעס אַנדערש!

— נאָטקע! — האָט ער אַ ברום געטאָן, — וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם! דערלאַנג די פלאַש בראָנפן, דערלאַנג! און דו, יאַנקעלע, דערלאַנג די גלעזלעך!

ווען גאָדל איז אויף מאָרגן געקומען צו דער אַרבעט, האָט אים פּערטל, רעב וועלוועלס שמייסער ביי די פערד, באַגעגנט און אים געזאָגט, אַז ער

זאָל זיך ניט זעצן צו דער אַרבעט ביז ער וועט ניט זען דעם באַלעבאָס.

גאָדל איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט. רעב וועלוועלע איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו גאָדלען און אָנגעצויגן דעם וואַנט־זייגער. גאָדל האָט באַטראַכט דעם שיינעם, גרויסן, קיילעכדיקן ציפער־בלאַט פון זייגער און דאָס שיינע הילצערנע שאַפקעלע, אין וועלכן דער זייגער איז געווען איינגעפּאַסט. אויבן, אויף דעם הילצערנעם שאַפקעלע זענען געשטאַנען קליינע, זייער שיינע לוחות, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעשניצט די עשרת הדברות מיט קליינע גאָלדענע אותיות.

רעב וועלוועלע איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן אָנציען דעם זייגער. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם זייגער־שליסל אויף דער קליינער פּאָליצע אינעווייניק אין שאַפקעלע און האָט פאַרמאַכט דאָס גלעזערנע טירל, וואָס איז איינגעפּאַסט אין אַ זילבערנעם רעמל. ער האָט פאַרקייטלט דאָס טירל מיט אַ קליין קייטעלע, וואָס איז געהאַנגען ביי דער זייט פון דעם זייגער־שאַפקעלע און דאָס צינגל האָט זיך אַריינגעטאָן אין אַ קליין רינגעלע, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דעם זילבערנעם רעמעלע פונעם טירל.

דערנאָך האָט זיך רעב וועלוועלע געמיטלעך אַריינגעזעצט אין זיין ווייד־געבעטן שטול, אַרויסגענומען פון דער גלעזערנער פּושקע אַ פּאַרטיקן פּאַפּיראָס און פאַררויכערט.

גאָדל איז געשטאַנען האַרט ביים שרייב־טיש און נאָכגעפאָלגט רעב וועלוועלעס באַוועגונגען.

רעב וועלוועלע האָט אַריינגעצויגן דעם רויך, אַ צופרידענער אַרויסגעבלאָזן וואָלקנס רויך פון מויל און פון די נאָזלעכער, אַ שטאָך געטאָן גאָדלען מיט די אויגן און געפרעגט:

— האָסט גערעדט מיט חוהן וועגן דעם ?

— גערעדט, — האָט גאָדל געענטפערט.

— און מיט דער טאָכטער האָסטו גערעדט ?

— גערעדט.

— האָסטו זיי פּינקטלעך איבערגעגעבן מיינע רייד ?

— יאָ, פּינקטלעך איבערגעגעבן, באַלעבאָס.

— נו ?

גאָדל האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט דער דלאָניע אַרויף צו דער סטעליע און מיט דעם לאַנגן אָנווייז־פינגער פון דער צווייטער האַנט געשטאָכן אין דער דלאָניע. — ווען דאָ־אָ, רעב וועלוועלע, וועט וואַקסן האָר! איר פאַרשטייט וואָס איך מיין? ווען דאָ־אָ וועט וואַקסן האָר!

רעב וועלוועלעס פּנים איז געוואָרן בלוט־רויט. ער האָט געשטאָכן גאָד־לען מיט זיינע שאַרפע בליקן:

— יאָ, — האָט ער ענדלעך געזאָגט, — אויב אַזוי האָסטו שוין ביי מיר אָפּגעאַרבעט...

— אָפּגעאַרבעט איז אָפּגעאַרבעט! — האָט גאָדל געענטפערט מיט אַ קאַלטבלוטיקער רואיקייט.

— און איך גיב דיר צוויי וואָכן, דו הערסט! אין צוויי וואָכן אַרום זאָלסטו זיך אַרויסציען פון מיין הויז. די „קופּטשע" איז אויף מיין נאָמען, פאַרשטייסט!

— וועגן דעם וועלן מיר נאָך זען, — האָט גאָדל ווידער רואיק געענט־פערט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— גאָדל!

גאָדל האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו רעב וועלוועלען, וואָס איז גע־שטאַנען אויסגעצויגן און מיט די הענט זיך אָנגעהאַלטן אין שרייב־טיש.

— איך בין מיט דיר נאָך ניט פאַרטיק, — האָט ער ווילד געשריען, — ווערסט ביי מיר קריכן אויפן בויך און זיך קלאַפּן חטאתי! געדענק וואָס איך זאָג דיר: אויף דיין בויך וועסטו פאַר מיר קריכן... איך וועל דיך לערנען דרך־ארץ! אויפן בויך וועסטו קריכן!

גאָדל האָט אַ רעווע געטאָן: — רעב וועלוועלע, איר קאָנט מיר קושן אין פּופּיק, קאָנט איר מיר קושן!

וועלוועלע האָט אַ כאַפּ געטאָן פון שרייב־טיש דעם גראָבן יידיש־העברייִ־אישן ווערטערבוך און מיט כעס אים אַ וואָרף געטאָן אויף גאָדלען. דאָס בוך איז פאַרבייגעפלויגן גאָדלען און איז געבליבן ליגן ביי דער טיר. גאָדל האָט מיטן שטיוול אָפּגעשאַרט דאָס בוך פון דער טיר און איז אַרויס פון רעב וועלוועלעס קאַבינעט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז לעיזקע געזעסן אויף אַ בענקל אין רעב וועלוועלעס קאַבינעט.

— וואָס האָט דיך געבראַכט צו מיר, יונגערמאַן? — האָט רעב וועל־וועלע, וואָס איז געזעסן אויף זיין שטול אַנטקעגן לעיזקען, אים העפלעך גע־פרעגט. — מעג איך וויסן אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז לעיזקע, לעיזקע טעסלער. איך האָב איבערגעבויט דאָס הויז אין וועלכער גאָדל וואוינט. צוויי הונדערט רובל האָט ער מיר געגעבן און דאָס איבעריקע איז ער מיר נאָך שולדיק. איצט האָב איך אויס־געפונען: ערשטנס, אַז דאָס איז אייער הויז, און צווייטנס, אַז איר האָט באַפוילן גאָדלען ער זאָל זיך אַרויסציען פון אייער הויז, וויל איך, אַז איר

זאָלט מיר באַצאָלן וואָס מיר קומט. און מיר קומט דריי הונדערט רובל.

— הערט־זשע מיך אויס, יונגערמאַן, — האָט רעב וועלוועלע געזאָגט, — ערשטנס האָב איך אייך ניט באַשטעלט, צווייטנס, פון וואַנען ווייס איך, אַז איר האָט ניט געקראָגן פון גאָדלען די גאַנצע סומע, און איר מיט גאָדלען ווילט מיך נעמען אין זאַק אַריין? . . .

— דער רב, רעב ברוכל, איז אַן עדות, — האָט אים לעיזקע געענטפערט.

— רעב ברוכל! ווי קומט ער צו זיין אַן עדות? רעב ברוכל ווייסט גאָר ניט וועגן געלט, אָדער מסחרים. און ווייטער — זאָל אייך רעב ברוכל באַצאָלן!

— נו, אויב אַזוי, — האָט לעיזקע געזאָגט, — האָב איך ניט קיין אַנדער ברירה . . .

— און וואָס אַ שטייגער מיינט איר דערמיט מיר צו זאָגן?

— איך, — האָט לעיזקע רואיק און זאַכלעך דערקלערט, — האָב געלייגט אויף דער שטוב אַ נייעם דאַך, אַריינגעזעצט נייע קראָקוועס, אויפגעשטעלט עטלעכע אונטערשפּאַרעס און געמאַכט אַ נייעם גאַניק. דאָס איז דאָך אייער הויז! אויב איר ווילט מיר ניט באַצאָלן, וועל איך אַרונטערנעמען דעם דאַך, אַרויסנעמען די קראָקוועס און צענעמען דעם גאַנצן גאַניק און...

— אַזוי! איר וועט אַרונטערנעמען דעם דאַך, אַרויסשלעפּן די קראָקוועס, צענעמען דעם גאַניק און מיר איבערלאָזן אַ חורבה! יונגערמאַן, איר דענקט, אַז עס איז הפקר אַ וועלט! איר וועט נעמען . . . — רעב וועלוועלעס כעס איז געשטיגן, — יונגערמאַן, ביי מיר נעמט מען ניט! — האָט ער שוין כמעט ווי געשריען, — אויב איר וועט אָנרירן איין ברעטל פון מיין הויז, וועל איך אייך האַקן איבער די הענט, פאַרשטאַנען?

— רעב וועלוועלע, איך בין ניט גאָדל: מיך האַקט מען ניט איבער די הענט. איידער איר וועט מיר האַקן איבער די הענט, וועל איך אייך אַרויס־האַקן די קישקעס פונעם בויך! — האָט אים לעיזקע געוואָרנט.

— פּאַשאָל וואָן! — האָט רעב וועלוועלע אַ געשריי געטאָן, אויסער זיך פון כעס. ער איז צוגעלאָפן צו לעיזקען, אים אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל און אים געשטופּט צו דער טיר.

לעיזקע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים רעקל, אים אַ צי־געטאָן צו זיך און מיט זיין גאַנצן כוח אים אַ וואָרף געטאָן פון זיך.

רעב וועלוועלעס שווערער קערפּער איז געפאַלן אויפן גרויסן, שווערן שרייב־טיש, ער איז ווי אַ קלאָץ אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל און איז געבליבן ליגן אַ פּאַראַליזירטער. — די שאַרף פון דער גראָבער ברעט פון טיש האָט איבערגעבראָכן רעב וועלוועלעס רוקנביין.

אברהם כאַנצעס האָט אויסבאַהאַלטן לעיזקען אין אַ שטיבל ווייט פֿון שטעטל, הינטערן וואַלד. יאָסקע שמייסער פֿלעגט ברענגען אברהמען צו לעיזקען אַלע נאַכט. אברהם האָט אים געבראַכט עסן און טרינקען און אים איבערגעגעבן ווי עס האַלט מיט רעב וועלוועלען, וואָס איז געלעגן אַ פּאַראַליזירטער און אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. מ'האָט געבראַכט, — האָט אברהם דערציילט לעיזקען, — גרויסע דאָקטוירים פֿון דער גרויסער שטאָט. נאָר דערווײַל העלפֿט עס ווי אַ טויטן באַנקעס. — האָסט אים ריכטיק צעטראַסקעט, לעיזקע. כ'האָב מורא, אַז דער חזיר וועט אוועקפּגרן. אָבער איך דענק, אַז ער וועט ניט קרייען, ער ליגט שוין אָן לשון . . .

אין צען טעג אַרום איז אברהם געקומען צו לעיזקען און געבראַכט די טרויעריקע נייעס, אַז רעב וועלוועלע איז געשטאָרבן און אַז אין שטעטל רעדט מען, אַז לעיזקע האָט אים דערהרגעט.

— ס'איז ניט גוט, — האָט אברהם געזאָגט לעיזקען, — דו מוזט פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף אַ פּאָר יאָר, ביז עס וועט זיך איינשטילן. איך האָב גערעדט מיט גאָלדען. זי באַשטייט אויף דעם, אַז דו זאָלסט ניט איינשטעלן צו קומען אַהיים. איך דענק, לעיזקע, — האָט אברהם פֿאָרגעזעצט, — און גאָלדע האַלט אויך אַזוי, אַז דו זאָלסט זיך אַריבערכאַפּן קיין אַמעריקע אויף אַ שטיקל צייט. נאַ, — האָט אברהם אים דערלאַנגט אַן אויסגענייטע רוּבאַשקע, — דאָס האָט דיר גאָלדע צוגעשיקט. הכּלל, לעיזקע, עס איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, פֿאַרשטייסט דאָך, אַז דער פּגר, רעב וועלוועלע, איז ניט געווען אַבי־ווער. דאָס שטעטל קאָכט. שמירן די „קנעפּלעך" וועט ניט העלפֿן. פֿון דער גרויסער שטאָט זענען אַרונטערגעקומען גרויסע „קנעפּ". מען נישטערט, מען פֿאָרשט. מיין הויז איז באַוואַכט טאָג און נאַכט. מ'שלעפּט גאָלדען אויף „דאָפּראָסן". מ'האָט שוין אויסגעפֿרעגט די גאַנצע גאַס איינוואוינער, וואָס זיי ווייסן וועגן עסק. ס'טויג ניט! שכנים האָבן דיך געזען אַריינגיין צו רעב וועלוועלען אין זיין קאַבינעט. ס'איז שלעכט, לעיזקע!

— נעם־זשע מיין עצה: אויב דו ווילסט פֿאָרן, מוזטו פֿאָרן שוין היינט ביינאַכט, איידער עס ווערט צו שפּעט. איך האָב דיר געבראַכט געלט. יאָסקע וועט אונדז צופֿירן וואו מ'באַדאַרף. מיינע פֿריינט וועלן דיך אַריבערשטעלן די גרענעץ. איך וועל דיר באַגלייטן ביז דער אַנדערער זייט פֿון דער גרענעץ. וועסט אָפּזיין אַ יאָר אָדער אַביסל מער, עס וועט זיך אָפּקילן, וועסטו צוריק קומען. זי וועט וואַרטן אויף דיר, גאָלדע . . . נאָר אויב אַמעריקע וועט דיר געפֿעלן, וועט זי קומען צו דיר, זי וועט פֿליען . . .

— נאָך אַ זאַך, דו ממזר, — האָט אברהם כאַנצעס פֿאָרגעזעצט מיט אַ

זים שמייכעלע, — האסט דיינס אויסגעפירט. רעב וועלוועלע וועט שווין די שטוב ביי גאדלען ניט צונעמען, פארשטייסט? . . .

לעיזקע האט געלאכט: — יא, אברהם, כ'האב טאקע מיינס אויסגעפירט. די שטוב וועט ער ניט צונעמען ביי גאדלען, אבער מיך פארשיקט ער קיין אמעריקע, דער גנב, רעב וועלוועלע.

— אזוי, הא, און וואוהין האסטו אים פארשיקט?

— אברהם, ס'איז ניט מיין שולד. ווען איך וואלט אים געלאזט, וואלט ער מיך דערוואַרגט.

— לעיזקע, כ'האב ניט קיין טענות צו דיר. אפגעטאן איז אפגעטאן און פארפאלן! אבער געדענק, לעיזקע: אויב דו נעמסט זיך אן די קריוודעס פון די קבצנים און גייסט מלחמה האלטן מיט די אנגעפרעסענע רייכע גנבים, מוזטו זיין גרייט צו שמעקן פולווער. געדענק, לעיזקע, וואס איך זאג דיר. פארגעס ניט!

צווייטער טייל

לעיזקע אין אַמעריקע

לעיזקע איז געקומען קיין אַמעריקע אין דער צייט ווען אַ שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס האָט געפּלאָגט דאָס לאַנד. אַן פריינט, און אַן באַקאַנטע, פּלעגט ער שפּאַצירן איבער די טומלדיקע גאַסן פון דער גרויסער קאָכעדיקער שטאָט ניו־יאָרק, און אַ בענקשאַפט נאָך זיין שטעטל און נאָך זיינע פריינט האָט גענאָגט זיין האַרץ.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך באַקענט מיט עפּעס אַ נייער קללה, מיט דער נאָמען „עקאָנאָמישער קריזיס". ער האָט ניט געוואוסט ווער און וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם עקאָנאָמישן קריזיס, און פאַרוואָס אַזאַ גרויס און רייך לאַנד דערלאָזט דעם עקאָנאָמישן קריזיס בושעווען אין לאַנד.

לעיזקע זעט די ליידיקע קראָמען אין יעדער גאַס. אויף די פענצטער פון די פּוסטע קראָמען זענען אָנגעקלעפּט ווייסע פּירעקעכדיקע צעטלען מיט גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבן: „צו פאַרדינגען" און אויף די פאַרהאַקטע טירן פון פאַבריקן צעטלען — „געשלאָסן פאַר אַן אומבאַשטימטער צייט". די גאַסן זענען געפּאַקט מיט מידע און פאַרזאָרגטע אַרבעטלאָזע מענער און פרויען.

לעיזקע זעט: הונדערטער מענער און פרויען האָבן באַלאַגערט אַ באַנק, און ער הערט זייערע געשרייען: „רויבער! גנבים! מיין שווער פאַרהאָרעוועט געלט!" פרויען וויינען.

פּאָליציי מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט שטופּן די מענטשן אַוועק פון דער געביידע וואו די באַנק געפינט זיך. העכער טראָגן זיך די געשרייען: „מיין געלט. מיין ווייב און קינדער הונגערן! רויבער! גנבים! באַנדיטן!"

וואוינונגען פּוסטעווען. מענטשן שלאָפן אין פּאַרקס, אין נאַסע, קאַלטע קעלערס, אין האָלס, אויף דעכער.

לעבן אַ הויז, אויף דעם טראָטואַר, ליגן אָנגעוואָרפן בעטן, טישן, בענקלעך, בעטגעוואַנט און אַלטע קליידער, און טעפּלעך און טעלער. לעבן דעם בערגל אָרעמקייט זיצט אַ פרוי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פאַרבייגייער וואַרפן מטבעות אין אַ שיסל וואָס שטייט אויף אַ בענקל.

מענער, פרויען און קינדער בעטלען אויף די גאַסן. בעטלער בעטן נדבות ביי בעטלער . . .

אין די שמאָלע, שמוציקע גאַסן — טומל, געשרייען, קריגערייי און אָפטע געשלעגן.

פערד שלעפּן מיט משא־אָנגעלאָדענע וועגענער, — אַמאָל מיט פרוכט.

קינדער שלעפן עפל, באַנאַנעס, טאָמאַטן פון דעם וואָגן און שלינגען גיריק.

טעקסים און אויטאָמאָבילן לויפן ווילד איבער די גאַסן. אַ מענטש, אומ־געוואָרפן פון אַן אויטאָמאָביל, ליגט אַ פאַרבלוטיקטער אויף דעם אַספאַלט. אַרום אים אַ רעדל מיט מענטשן. קיינער רירט זיך ניט צו צו דעם פאַר־בלוטיקטן קרבן.

די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט שטינקענדיקע ריחות פון די אויטאָמאָבילן, פערדישער אָפּפאַל און פון די בלעכענע פעסלעך מיט מיסט, וואָס שטייען אויסגעשטעלט לעבן די הייזער. קעץ ראַיען זיך אין די מיסט־פעסלעך. ראַצן לויפן איבער די גאַסן און פאַרשווינדן אין די קעלערס.

פינף־שטאָקיקע גרויע הייזער אויף ביידע זייטן פון דער גאַס. איין הויז איז ענלעך אויפן צווייטן. יעדעס הויז באַהעפט מיטן שכנישן הויז, — צוויי רייען שטיינערנע פעסטונגען. די פענצטער פאַרשטעלט מיט אייזערנע קאַסטנס מיט גראַטעס — די „פייער־עסקייפּס”. אין די הייסע זומערדיקע טעג ווערן די שטיינערנע פעסטונגען אָנגעגליט פון דער זון און די קליינע צימערן ווערן פאַרוואַנדלט אין שוויץ־בעדער.

אויפן צווייטן שטאָק פון אַזאַ הויז, אין אַ קליינעם צימער, וואָס פאַר־מאָגט איין „בלינד” פענצטער, וואָס איז פאַרשטעלט מיט דער הויכער קויטיקער וואַנט פון דעם שכנישן הויז, וואוינט לעזיקע. אין צימער — אַ שמאָל בעט, אַ קליין טישל, אַ בענקל, און אַן אַלטע שאַפע אָפּגעפאַרבט מיט אַ פאַרגעלטער ווייסער פאַרב. צווישן בעט, טיש און שאַפע — אַ שמאָלער דורכגאַנג. אין דעם ענגן, פינצטערן און אומעטיקן צימערל פילט זיך לעזי־קע ווי אין אַ שטייג.

יעדן טאָג וואַנדערט ער איבער די טומלדיקע גאַסן און זוכט אַרבעט — אָן דערפאָלג. אין אָוונט קומט ער אַ מידער, אַן אַנטוישטער אַהיים אין זיין שטייג־צימערל. ניט אַזוי גרינג קומט אַן צו דערקלייבן זיך צו זיין „שיי־נער” וואוינונג; ער קלעטערט אויף די שטיינערנע טרעפּ אין דעם שמאָל־פינצטערן קאָרידאָר, וואָס איז אָפילו ביי טאָג באַלויכטן פון אַ קליין, שוואַך פייער־צינגל, וואָס גוססט אַרויס פון אַ דינער רער, וואָס שטעקט אַרויס פון אַ וואַנט אויף יעדן שטאָק. ער האַלט איין זיין אָטעם און שטרענגט זיך אָן ניט אַריינצואָטעמען די געדיכטע, פייכטע, שווערע, זויע־רע לופט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַ חלשות־גערוך, וואָס טראָגט זיך פון די קיכן און פון די קלאָזעטן אין קאָרידאָר, פון יעדן שטאָק. ער איילט זיך און לויפט איבער די טרעפּ, וואָס גיכער צו דערגרייכן זיין צימער, אָפּצו־כאַפּן דעם אָטעם. ענדלעך איז ער אין זיין צימער. אַ מידער, אַן אויסגע־שעפּטער און פאַרביטערטער וואַלגערט ער זיך אַריין אין בעט.

„אט־דאס איז דאס גאלדענע לאנד אמעריקע? ניט פאר אים“, — טראכט ער מיט גאליקער ביטערקייט. — „בלויז איין יאר, איין יאר און די געשיכטע מיט רעב וועלוועלען וועט אפגעקילט ווערן אין זיין שטעטל. בלויז איין יאר און ער וועט פטור ווערן פון אמעריקע. איין יאר קאן ער איבערקומען. זיין איינציקע זארג — ארבעט. דאס געלט, וואס ער האט געבראכט פון דער היים וועט לאנג ניט דויערן. ארבעט, פארדינען — דאס איז זיין איינציקע פראבלעם.

ער האט געקלאפט אין די טירן פון מעבל־פאבריקן און ער האט שוין באזוכט איבער הונדערט מעבל־קראמען, גרויסע און קליינע קראמען, וואו מען פארקויפט נייע און גענוצטע מעבל. ער האט זיי פארזיכערט, אז ער קאן פארריכטן צעבראכענע שטיקער מעבל, ער קאן שניצן, ער קאן פארבן

— אלץ קאן ער, אבער אומעטום דער זעלבער ענטפער: — „מען דארף ניט קיין ארבעטער!“ „נישטא קיין ארבעט!“ „לאז איבער דיין נאמען און דיין אדרעס; ווען מען וועט דיך דארפן, וועט מען דיר לאזן וויסן“.

הונגער

דער זומער איז פאַרשרפעט געוואָרן פון דער פּלאַמיקער זון, וואָס האָט געברענט און געבראָטן יעדן טאָג וואָכן־לאַנג. קילע ווינטן האָבן פון ערגעץ געבראַכט דעם האַרבסט. שטיקער שוואַרצע וואָלקנס אויף דעם גרויען הימל האָבן פאַרדעקט די אָפּגעשוואַכטע זון. קאַלטע, רעגנדיקע טעג, בייַנאַכטיקע פראָסטיקע ווינטן האָבן געלייגט געלע לאַטעס אויף דעם גרינעם גראָז אין די פּאַרקן. די בלעטער אויף די ביימער האָבן זיך פאַר־רויטלט, דערנאָך זענען זיי פאַרגעלט געוואָרן, און ווי טויטע פייגל געפאַלן פון די ביימער אויף דער ערד. שפּעטער זענען געקומען קאַלטע, רעגנדיקע טעג און פראָסטיקע נעכט. ביימער מיט נאַקעטע צווייגן וויגן זיך אין קאַלטן ווינט. אַ שוואַרץ־פאַרוואָלקנטער בייזער הימל הענגט איבער דער שטאָט. אַ שטילער, שווערער אומעט באַזעצט זיך אין די פּאַרקן. ביסלעכווייז האָט זיך אַנגערוקט דער ווינטער.

פאַר זיינע לעצטע עטלעכע דאָלער האָט לעיזקע געקויפט אַן אַלטן ווינ־טער־מאַנטל. פאַר די לעצטע פּענים האָט ער געקויפט צוויי זעמעלעך מיט אַ טעפּל קאַווע. און עס איז געווען די לעצטע נאַכט, וואָס ער איז געשלאָפן אין זיין צימער.

שווערע און ביטערע הונגער־טעג זענען אים באַפאַלן ווי בייזע וועלף. דער פּאַרק — זיין וואוינונג; אַ באַנק אין פּאַרק — זיין בעט. אין דער לאַנגער ריי פון הונגעריקע, אויסגעצערטע אַרבעטלאָזע, פלעגט ער שטיין און וואַרטן מען זאָל עפענען די טירן פון דער „פרייער קיך" — אין דער־פרי — אויף אַ טעפּל קאַווע, און אין אָוונט — אַ שיסעלע זופּ מיט צוויי דינע רייפטלעך ברויט. ער, לעיזקע, איז איינער פון דער קליינער צאָל גליק־לעכע: ער פאַרמאָגט אַ ווינטער־מאַנטל, וואָס דינט אים אויך פאַר אַ צודעק בייַנאַכט אויף דער באַנק אין פּאַרק.

זיין הונגער־דיעטע, די קעלט און רעגנס, און די האַרטע שמאָלע באַנק, נאַכט־נאָך־נאַכט, וואָך־איין, וואָך־אויס, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אונטערגראָבן זיין געזונט. ער האָט דערפילט אַ שווערע מידקייט און שוואַכקייט אין זיין אָמאָליקן קרעפטיקן קערפּער, און אָפט אַ שווינדלעניש פאַר די אויגן. זיינע פיס זענען געשוואָלן געוואָרן. אַ פּחד איז אים באַ־פאַלן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן אַז ער וועט קראַנק ווערן.

די טעג זענען געוואָרן קירצער. די פראָסטן — שאַרפער. פון צפון האָבן זיך האַסטיק געטראָגן בייסנדיקע, קאַלטע ווינטן. אַ ברוגזער, פאַרוואָל־קנטער הימל טאָג נאָך טאָג. זעלטן באַווייזט זיך די זון. לעיזקעס איינ־

זאַמקייט, דאַנקבאַרקייט, עלנט און הונגער האָבן אים איינגעקלעמט און אויסגעזויגן זיין לעצטן טראָפּן ענערגיע און ווידערשטאַנד.

אין מיטן דער נאַכט האָט אַ שניי אָנגעהויבן פאַלן. אַ מידער האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף זיין באַנק־בעט אין פּאַרק. דער שניי איז געפאַלן אויף אים. די קאַלטע נאַסקייט איז אַריינגעקראָכן אין זיינע ביינער. ער האָט פאַרלאָזט זיין באַנק. ביז פאַרטאָג איז ער געשטאַנען אין אַן אריינ־גאַנג צו אַ הויז. ער האָט געציטערט פון קעלט. ער האָט געקלאַפּט איין פוס אין צווייטן, געריבן איין האַנט אין דער צווייטער, אָבער ער האָט זיי ניט געקאָנט דערוואַרעמען. זיין קערפּער — שווער און קאַלט. זיינע הענט און פּיס — פאַרגליווערט. הונגער האָט געוואָיעט אין זיינע געדערים. אַ געפיל פון רחמנות צו זיך, געמישט מיט הילפלאָזיקייט און פאַרלוירנקייט, האָבן אים אַרומגעכאַפּט. עס איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז. טרערן זענען געראָנען איבער זיין פּנים.

אַ ברענענדיקער צאָרן האָט אויפגעפלאַקערט אין אים קעגן דער האַרצ־לאָזער, ברוטאַלער, ווילדער, ריזיקער שטאָט ניו־יאָרק און קעגן אַמעריקע, וואָס צעברעכט און צעמאַלט מענטשלעכע לעבנס אויף שטויב. איין בילד נאָכן צווייטן האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגן: מענער און פרויען, טויזנ־טער, הונדערטער־טויזנטער, יונגע, מיטליאָריקע און אַלטע בלאַנקען אַרום אין די גאַסן, — בלייכע, הונגעריקע, אויסגעצערטע, קראַנקע, הילפלאָזע און האָפענונגלאָזע בעטלער. פריער אָדער שפּעטער בלייבן די שוואַכערע און פאַרמאַטערטע ליגן אין די גאַסן פאַרחלשטע פון הונגער און פאַרפרוי־רענע פון קעלט.

יעדן פאַרטאָג זאַמלען צונויף די אַמבולאַנסן די באַוואוסטלאָזע, האַלב־טויטע קערפּערס און פירן זיי אין די שפּיטאָלן, און פון דאָרט — צו זייער אייביקער רו; נאָמענלאָזע, פאַרשטויסענע און פאַרגעסענע, פאַרהונגער־טע און פאַרמאַטערטע, וועלכע האָבן אַמאָל, אַמאָל געחלומט זיסע חלומות פון אַ צופרידענעם און אפשר אַ גליקלעכן לעבן.

— ניין, ניט מיך, ניט מיך! — האָט לעיזקע געמורמלט מיט גאַליקן צאָרן, — מיך וועסטו ניט צעמאַלן אויף שטויב, דו פאַרשאָלטן לאַנד, אַמעריקע! ניט מיך! ניט לעיזקען! דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר, אַמעריקע? ניט לעיזקען!

פון יענער נאַכט אָן איז לעיזקע מער ניט געשלאָפן אין פּאַרק און ער האָט אויך געפונען אַ מיטל צו שטילן זיין הונגער... מיט אַ טשוואָק האָבן לעיזקעס געניטע פינגער, אָן שוועריקייטן, געעפנט די פאַרשלאָסענע טיר פון אַ ליידיקער דירה אין אַ פינף־שטאָקיקן הויז און ער איז דאָרט איבער־

געשלאָפן די נאַכט. פאַרטאָג פלעגט ער שטיל אַרויסגיין פון זיין ביינאַכ־טיקער "וואוינונג". לעבן אַ טיר פלעגט ער שטענדיק געפינען פאַפירענע טאַרבעלעך מיט זעמל, ברויט און אַ פלאַש מילך — פרישטיק פאַר אַ גליק־לעכן וואָס איז ערגעץ באַשעפטיקט און וועמען דער גראָסערימאַן האָט באַ־זאָרגט מיט די אַלע גוטע זאַכן.

לעיזקע פלעגט אַרויסנעמען פון די טאַרבעלעך צוויי־דריי זעמעלעך, אַמאָל אַן איי, אַמאָל אויך אַ ציבעלע, אָדער אַפילו אַן עפּל, אַנפּילן זיינע קעשענעס — און אין פּאַרק, אויף זיין באַנק, פלעגט ער פּראַווען זיינע קעניגלעכע סעודות. דערנאָך פלעגט ער אין דער "פרייער קיד" פּאַרטריג־קען מיט הייסער קאַווע.

יעדן טאָג פלעגט ער אויסקלייבן אַן אַנדער הויז, וואָס האָט אים באַ־זאָרגט מיט נאַכטלעגער אין אַ ליידיקער דירה, און מיט אַ פרימאָרגנדיקן מאָלצייט. אַן דער מינדסטער שוועריקייט פלעגט ער עפענען יעדע פאַר־שלאָסענער טיר מיט זיינע שליסלען, — די איינגעבויגענע טשוועקעס. זיין געזונט האָט זיך ביסלעכוויין פאַרבעסערט. ער איז געוואָרן מונטערער און געוואַגטער. ווידער האָט ער געקלאַפּט אין די טירן פון די מעבל־פאַבריקן און קראָמען, צו געפינען אַרבעט, און ווידער אַן דערפאָלג.

איין טאָג האָט ער באַשלאָסן צו זוכן נאַכטלעגער צווישן די בעסערע הייזער. פאַר דעם דירה־געלט וואָס ער צאָלט, קאָן ער זיך פאַרגינען בע־סערע ביינאַכטיקע וואוינונגען . . . חוץ דעם, האָט ער געטראַכט, אין די בעסערע הייזער קאָנען די רייכערע איינוואוינער אים באַזאָרגן מיט גרע־סערע מאָלצייטן . . . ער האָט געזוכט, געפונען, און עס איז אים געפעלן געוואָרן. די גאַס — אַ שטילע און ריינע. די הייזער ניט קיין אַלטע. כמעט אין יעדן הויז הענגען צעטעלעך אויף די טירן מיט גרויסע בוכ־שטאַבן : "וואוינונגען מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען צו פאַרדינגען".

שפּעט ביינאַכט. די גאַס איז איינגעהילט אין ביינאַכטיקער פּראָסטיקער שטילקייט. די גאַסן־לאָמפּן באַלייכטן שוואַך די גאַס. אָן שוועריקייטן האָט ער אויפגעשלאָסן מיט זיינע "טשוועקעס־שליסלען" די פאָדערשטע שווערע טיר, וואָס פירט אַריין אין קאָרידאָר. דערנאָך — ער ווייסט שוין ; ער האָט בייטאָג געמאַכט אַן אונטערזוכונג — אויף דעם דריטן שטאָק פּוסטע־וועט אַ דירה. שטיל, אָן אַ קרעכץ אַפילו, עפנט ער מיט זיין כישוף־טשוואָק־שליסל די טיר פון זיין ביינאַכטיקער דירה.

איינוווייניק — אַ דערקוויקנדיקע וואַרעמקייט. שטיל און מאַנאַטאָן זשומעט דער סטים אין די ראַדיאַיטאָרס. לעיזקע צינדט אָן אַ שוועבעלע און שטיל שאַרט ער זיך אַריין אין צווייטן צימער. וואָס געפעלט אים

שטאַרק: די פֿאַרלאַגעס זענען ריין. די לופֿט איז אַביסל אַנגעגליט. שטיל עפֿנט ער דאָס פֿענצטער, בלויז אַ ביסל. אַ שטראָם קאַלטע לופֿט ווינטיקט זיך אַריין אין צימער.

פֿאַרטאָג האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין טיפֿן און געשמאַקן שלאָף. שטיל און גיך האָט ער אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, פֿאַרקעמט די האָר און מיט ווייכע טריט זיך אַרויסגעשאַרט פֿון „זיין וואוינונג". אָבער קיין מאָלצייט ביי די טירן איז ניטאָ! — ניין, טראַכט ער, — זיין נייע דירה איז ניט פֿאַר אים. ער מוז האָבן נאַכטלעגער מיט פֿרישטיק . . .

אין דרויסן איז שוין ליכטיק. דער הימל איז ריין אויסגעוואַשן און איז בלוי. ערגעץ אין מזרח רויטלט זיך דער הימל. די לופֿט איז ריין, קאַלט און דערפֿרישנדיק. עס איז שוין שפּעט צו זוכן אַ פּאָר זעמעלעך אין די קאַרידאָרן. די גאַס וואַכט שוין אויף פֿון איר ביינאַכטיקער רו. מענער און פֿרויען, אַנגעמאַנטלט אין זייערע ווינטערדיקע מלבושים, איילן זיך — מסתם צו דער אַרבעט. לעיזקע שפּאַצירט הין און צוריק איבערן טראָטואַר, פֿאַרנומען מיט איין מחשבה — עסן. שטילן דעם הונגער!

ער גייט פֿאַרביי „זיין" הויז, וואו ער האָט גענעכטיקט. אַ מיטליאָריקע, מיטלוואוקסיקע און שוואַרץ־לייביקע פֿרוי שלעפּט מיט אָנשטרענגונג אַ בלעכן פֿעסל מיסט פֿון קעלער.

אין איין רגע איז דאָס מיסט־פֿעסל אין לעיזקעס הענט און שטייט שוין אויף דעם טראָטואַר לעבן אַן אַנדער פֿעסל, וואָס איז אָנגעפֿילט מיט דער זעלבער סחורה.

— נאָך? — פֿרעגט לעיזקע.

— יאָ, — ענטפֿערט אים די פֿרוי, — אָבער איך קאָן אייך ניט באַצאָלן פֿאַר אייער אַרבעט.

— איר דאַרפֿט מיר ניט באַצאָלן, — פֿאַרזיכערט איר לעיזקע מיט אַ שמייכל. נאָך פֿיר אַנגעלאָדענע פֿעסלעך מיט מיסט האָט ער אַרויסגע־שלעפּט פֿון קעלער און זיי אַוועקגעשטעלט אויפֿן טראָטואַר.

— אַ דאַנק אייך, מיסטער. מיין נאָמען איז ריווקין. אויב איר ווילט קאָנט איר מיט אונדז, מיט מיר און מיט מיין מאַן, טרינקען קאַווע. מיר וואוינען טאַקע דאָ אין בעיסמענט.

— מיין נאָמען איז גאָרדאָן, לעיזקע גאָרדאָן, אַ דאַנק פֿאַר אייער איינ־לאַדונג.

אין קיך, לעבן אַ קיילעכדיקן טיש, איז געזעסן מיסטער ריווקין, איינגע־הילט אין זיין שלאָפֿראָק.

— דזשעק, — האָט מיסעס ריווקין געזאָגט צו איר מאַן, — דאָס איז

מיסטער גאַרדאַן. ער האָט אַרויסגעטראָגן די גאַרבערדזש־קענס פון סעלער, האָב איך אים פאַרבעטן אויף קאַווע.

— אַ, אַ דאַנק, מיסטער גאַרדאַן, — האָט מיסטער ריוווקין זיך אָפּגערופן.

— זעצט זיך צום טיש. איך בין ערשט אַרויס פון שפּיטאָל, מוז זי, נעבעך, טאָן מיין אַרבעט. דאָס האַרץ, מיסטער גאַרדאַן, דאָס האַרץ . . . מילא, אַפּוואָשן די טרעפּ קאָן זי. אָבער אויף דעם ערשטן שטאָק האָט זיך ביי אַ טענענט פאַרהאַקט אַ פענצטער און מען קאָן עס ניט עפענען. דאָס, מיסטער גאַרדאַן, איז שוין מיין אַרבעט, דעם דזשעניטאָרס אַרבעט. דאָס קאָן זי שוין ניט. ניט גוט, ניט גוט, מיסטער גאַרדאַן. אַ דזשעניטאָר קאָן זיך ניט פאַרגינען דעם לוקסוס צו זיין קראַנק. — מיסטער ריוווקין האָט שווער געאָטעמט. לעיזקע האָט געשוויגן. ער האָט געזופּט די הייסע קאַווע.

מיסעס ריוווקין האָט אונטערגערוקט נאָך אַ זעמל באַשמירט מיט פּוטער.

— אַ דאַנק, מיסעס ריוווקין, פאַר אַ געשמאַקן פרישטיק, — האָט לעיזקע אַן אויפגעמונטערטער געזאָגט. — וואו האַלט איר אייער געצייג? — האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם קראַנקן מיסטער ריוווקין. — איך וועל פּרובירן פאַרריכטן דאָס פענצטער.

— אָט־דאָ, — האָט מיסעס ריוווקין גיך געענטפערט, — און האָט אַרויסגערוקט פון אונטער דעם וואַש־טאָפּ אַ קעסטל מיט געצייג.

לעיזקע האָט פון קעסטל אַרויסגענומען אַ האַמער, אַ דלאָט, אַ צווענגל, אַ שרויפנציער און דאָס אויל־קענדל.

מיסטער ריוווקינס אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט לעיזקעס באַוועגונגען.

— מיסטער גאַרדאַן, איר דענקט אַז איר וועט קאָנען? — האָט ער געפרעגט לעיזקען, — זייט פאַרזיכטיק. שלאָגט זיך ניט מיטן פענצטער. מ'קאָן גרינג צעברעכן די שויבן, — האָט ער אים געוואָרנט. — נעמט מיט אַ מעסער, — האָט צוגעלייגט.

מיסעס ריוווקין און לעיזקע זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן ערשטן שטאָק. ביי דער טיר נומער 4 האָט מיסעס ריוווקין אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל. דאָס גלעקל האָט אַ קלונג געטאָן. עמיצער האָט געעפנט די טיר.

— אַ, מיסעס ריוווקין, — האָט אַ פרויען שטים אַ קלונג געטאָן, — אַ, וועגן פענצטער? זייער גוט. קומט אריין.

לעיזקע האָט געעפנט די אונטערשטע העלפט פון פענצטער. די אויבערשטע העלפט איז געבליבן פאַרהאַקט. איין זייט האָט זיך אַביסל אַ רוק געטאָן. די צווייטע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

לעיזקעס געבענטשטע הענט האָבן זיך דערקוויקט מיט דער אַרבעט, און האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט דעם געצייג ווי מיט אַלטע גוטע פריינט.

ביידע פרויען, מיסעס ריווקין און די באַלעבאָסטע פון דער דירה, האָבן געקוקט און געגאַפט.

אין איין אויגנבליק איז שוין דער דלאָט אונטער דעם שמאָלן לייסטל. לעיזקעס פינגער לויפן, טאַפן. אהא, דאָס שטריקל וואָס גליטשט זיך אויף אַ רעדעלע און שלעפּט דאָס שווערע געוויכט, וואָס באַוועגט דאָס פענצטער אַראָפּ און אַרויף, האָט זיך אַרויסגערוקט פון רעדעלע. לעיזקעס פינגער באַוועגן זיך פלינק און זיכער. דאָס שטריקל פאָלגט און איז שוין צוריק אין דער נעסט פון דעם רעדעלע און דאָס פענצטער באַוועגט זיך שוין פריי און גלאַט אַרויף און אַראָפּ, — די אָפּעראַציע איז געענדיקט.

יענעם אָוונט האָט לעיזקע, נאָך חדשים לאַנג הונגערן — געגעסן וועטשע־רע ביי די ריווקינס: זופּ און פלייש און ברויט און פּאַרטרונקען מיט געשמאַקער קאַווע.

— וואו וואוינט איר, מיסטער גאַרדאַן? — האָט אים מיסטער ריווקין געפרעגט.

— וואו איך וואוין? — לעיזקע ענטפערט ניט. לעיזקע איז צעטומלט. זיינע בליקן באַגעגענען זיך מיט די נייגעריקע בליקן פון מיסטער און מיסעס ריווקין. אין קיך הענגט אַ טויטע שטילקייט. בלויז דאָס שווערע אָטעמען פון דעם קראַנקן מיסטער ריווקין רייסט איבער די שטילקייט.

— וואו איך וואוין? — איך וואוין ביי אייך אין הויז.

— וו—אַ—ס? — — — — — — —

לעיזקע האָט געפונען זיין ערשטן דזשאַב אין אַמעריקע. ער רייניקט און וואַשט די קאָרידאָרן און די טרעפּ אין הויז. ער טראָגט אַרויס די פעסלעך מיסט פון קעלער אויפן טראָטואַר. ער הייצט מיט קוילן דעם גרויסן אויוון, וואָס באַזאָרגט די שכנים מיט „סטים־היט" און מיט הייסער וואַסער. ער איז דער „דזשעניטאָר".

מיסטער און מיסעס ריווקין זענען צופרידן פון לעיזקעס אַרבעט. מיס־טער ריווקינס געזונט בעסערט זיך און זיי בענטשן אים פאַר זיין הילף.

לעיזקע וואוינט ביי די ריווקינס און ער עסט דריי מאָלציייטן אַ טאָג. אין דריי שעה צייט, פון זיבן ביז צען אין דער פרי, ענדיקט ער זיין אַרבעט. דערנאָך איז ער פריי צו זוכן אַ בעסערן דזשאַב. ער ווייסט, אַז באַלד וועט דער קראַנקער ריווקין זיך מער ניט נויטיקן אין זיין הילף, אָבער ער זאָרגט זיך ניט. זיינע האָפענונגען לעבן אויף. ער וועט ניט אונטערגיין. אַמעריקע וועט אים ניט צעמאָלן אויף שטויב. ער איז מער ניט עלנט. ער פאַרמאָגט צוויי גוטע פריינט. ער איז געזונט און שטאַרק ווי אַמאָל. ער איז גרייט צום קאַמף מיט אַמעריקע . . .

אָרטשאַרד סטריט

אָרטשאַרד סטריט ציט לעיזקען ווי אַ מאַגנעט. אָרטשאַרד סטריט איז ביי לעיזקען אַ צונויפשמעלצונג פון אַ יידיש־אייראָפּעישער־אַמעריקאַנער גאַס אין דער ריזיקער שטאָט ניו־יאָרק, — מיט אַלע פּישטשעווקעס ענלעך אויף אַ יאַריד אין אַן אייראָפּייאיש קליין שטעטל. אויף אָרטשאַרד סטריט פילט ער זיך היימיש ווי אַן אייגענער. דער טומל, געשרייען און געפילדער אויף אָרטשאַרד סטריט לעבן אים אויף.

די קראָמען אויף ביידע זייטן גאַס און די פאַרשידנאַרטיקע סחורות רייצן זיין נייגעריקייט. אָט איז דזשעקס גרויסע דעליקאַטעסן־קראָם. אין פענצטער ליגן אויסגעלייגט לאַנגע, קיילעכדיקע וואורשטן, גרויסע פעטע קאָרנד־ביפס, פּאַסטראָמעס, געקאַכטע צונגען און שיסלען פול מיט געקאַכטע לע־בערלעך און פּופּיקלעך, און גרויסע, בייכיקע גלעזערנע סלאָיען מיט גע־זייערטע רויטע פעפערלעך. דער קנאָבל, פעפער און די אַנדערע בשמים, מיט וועלכע די געשמאַקע מאכלים זענען באַווירצט, שמעקן איבער דער גאַנצער גאַס און רייצן דעם אַפּעטיט. די קראָם איז געפּאַקט מיט קונים, — מערסטנס פרויען. ניט אַלע מענטשן אין אַמעריקע הונגערן, — טראַכט לעיזקע, און ניט אַלע שלאָפן אין די פּאַרקן.

און אָט איז משהס בעקעריי, די צווייטע קראָם פון דער דעליקאַטעסן־סטאָר. די פענצטער אָנגעפּילט מיט געבעקס, — גרויסע, קיילעכדיקע פּאָמ־פּערניקלס, קאָרנברויטן, שניי־ווייסע געפלאָכטענע חלות, זעמעלער, בייגל און קיכעלעך, לעקעכלעך און האָניק־לעקעך, און המנטאשן, און קיילעכדיקע מאַנדלען פאַר אַ יום־טובדיקער זופּ, און פאַרשידענע אַנדערע נאַשערייען.

און אין די אַנדערע קראָמען — אַלערליי סחורות: מענערשע קליידער, און פרויען־קליידער און שיך, און אַלערליי טעקסטיל, לייוונט און זייד און וואָלנס, סוועטערס און זאָקן, רעגנמאַנטלען און קאָלדרעס, ליילעכער און טישטעכער.

און אָט איז אַ קראָם מיט וואַנט־זייגערס און אַלאַרם־זייגערס, גאָלדענע זייגערלעך און בראַסלעטן, קאָסטבאַרע פינגערלעך, באַזעצט מיט בריליאַנטן און אַנדערע צירונג.

די שכנותדיקע קראָם פאַרקויפט טליתים, מזוזות, סידורים, מחזורים און אַנדערע ספרים, און מנורות און תפילין און לייכטער און שופרס.

דערנאָך זעט ער אַ קראָם, אָנגעפּילט מיט צוקערקעס אין די סלאָיען, שאָקאָלאַד, ניס, סלאָיען מיט האָניק און סלאָיען איינגעמאַכץ.

און דערנאָך אַ קראָם מיט פעסלעך מיט הערינג, זויערע אוגערקעס, טאָ־

מאטן, רויטע און גרינע פעפערס, און אַלעריי קעזן — אַמעריקאַנער קעז, שווייצאַרישער קעז, איטאַליענישע קעזן, רומענישע ברינדזע און געריי־כערטע פיש.

און אַ קראַם מיט אויל־בילדער.

און אַ קראַם מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: פידלען, גיטאַרעס, מאַנ־דאָלינען און טאַצן און קאָנצערטינעס און בלאָז־אינסטרומענטן. פון אַ גראַ־מאָפאָן אין יענער קראַם קלאַגט אַרויס אַ קרעפּטיקע חזנישע טענאָר־שטים „אַב הרחמים", וואָס צעטראָגט זיך איבער דער גאַס.

אויף ביידע זייטן איבער דער גאַנצער לענג פון אָרטשאַרד סטריט, צו־געראָקט צום טראָטואַר, שטייען איינע לעבן דער אַנדערער פושקאַרטס — וועגעלער אויף צוויי גרויסע רעדער — אָנגעלאָדן מיט פאַרשידענע סחורות, מערסטנס געניצטע אַרטיקלען: מענערשע העמדער און הויזן, אונטערוועש, געניצטע שיך, שניפּסן, קאַפּעליושן, זייגערלעך, מעסערלעך, שערעלעך, טעפּ, טעלער, מעסערס, לעפל, גאָפּלען און האַמערס און זעגן און נאָדלען און קנעפּלעך, און וואָס ניט. וואָס מען וויל קאָן מען קריגן אויף אָרטשאַרד סטריט.

די פושקאַרטס זענען שטענדיק באַלאַגערט מיט קונים און מיט גלאַט נייגעריקע, וואָס באַטאַפּן די סחורות. אָרטשאַרד סטריט איז שטענדיק גע־פּאַקט, — מענטשן אין די קראָמען, מענער און פרויען אויף די טראָטואַרן, און אין מיטן גאַס — אַן ענגער געפּלעכט פון מענטשן. אַקסלען רייבן זיך אין אַקסלען. פּיס טרעטן אויף פּיס. פּעקלעך רייבן זיך אין פּעקלעך. קולות, געשרייען, טומל, געפּילדער, דינגעניש, קינדער־געוויין, און אַמאָל אַ הייסע קריגעריי: אָרטשאַרד סטריט לעבט, באַוועגט זיך, האַנדלט און יאַרידעוועט.

אין אָרטשאַרד סטריט טומל פאַרגעסט לעיזקע זיינע צרות און זיין זאָרג. די מענטשן דאָ אין אָרטשאַרד סטריט זענען אים ניט פרעמד. זיי זענען ענלעך אויף די יידן פון זיין שטעטל. אָט־דער ייד מיט דער רויטער באָרד, אַ ייד אַ דעמב. אויף זיין פּושקאַרט — אַלערליי שלעסער, גרויסע און קליינע פּעטענט־שלעסער, און אַ באַרג מיט שליסלען. ער, דער רויטער ריז, רעדט ניט צו קיינעם. ער שווייגט. אין ווינקל פון זיין פושקאַרט שטייט אַ אויל־קען. אַ קונה שלאָגט זיך מיט אַ שלאָס, וואָס וויל זיך ניט עפענען, אָדער ער וויל זיך ניט פאַרמאַכן. דער רויטער ריז נעמט איבער. אַ שפּריץ מיט דעם אויל־קענדל, אַ שאָקל, אַ דריי הין און צוריק, און דער שלאָס אַרבעט שוין. אָט־דער רויטער פושקאַרט־פּעדלער איז לעיזקען באַקאַנט. ער קוקט אויס פונקט ווי הערש־בער קצב פון זיין שטעטל. און יענער פּוש־קאַרט־פּעדלער, וואָס פאַרקויפט זאַכן: אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ שפּיציק

בערדעלע. ער קוקט אויס ווי זאַנוויל דער יידישער לערער אין זיין שטעטל.

און דער־אָ, מיט דער צעשויבערטער באָרד. זיין פּושקאַרט איז אָנגעלאָדן מיט נייע העמדער. ער קוקט דאָך אינגאַנצן אויס פּונקט ווי בענצע דער פישער אין זיין שטעטל.

לעיזקע פילט זיך היימיש צווישן די אָרטשאַרד סטריט פּעדלער, וואָס דערמאָנען אים אין זיינע באַקאַנטע פון זיין שטעטל.

לעיזקען האָט זיך אַפילו ניט געחלומט, אַז זיין אָרטשאַרד סטריט, וואָס שפּייזט אַזוי פיל אָרעמע פּושקאַרט־פּעדלערס, וועט אויך אים העלפן אין זיין שווערער לאַגע. ער האָט דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז אָרטשאַרד סטריט וועט פאַרבלייבן אַ לאַנגע צייט אין זיין זכרון . . . אָבער פאַר דעם ערשטן טראָט, פאַר דעם נייעם אָנהייב פון זיין לעבן אין אַמעריקע, האָט ער געמוזט וואַרטן ביז דער ווינטער וועט פאַרגיין און דער פרילינג וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ און וועט אויפלעבן דעם האַנדל אין אָרטשאַרד סטריט. דער ווינטער האָט פּלוצים אָנגעהויבן פאַרלירן זיינע כוחות. יעדן טאָג איז ער געוואָרן שוואַכער און שטילער. אין דער וואַרעמער לופט האָט זיך געפילט זיין אומפאַרמיידלעכער, נאַטירלעכער סוף. נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל האָט אַ בייזער ווינט פון ערגעץ אָנגעטראָגן שוואַרצע כמאַרעס, וואָס האָבן פאַרדעקט דעם הימל און אין מיטן טאָג איינגעהילט די שטאָט אין בייניאַכטיקער פינצטערניש. און מיט אַמאָל הייבן אָן פאַלן גערדיכטע שנייעלעך פון הימל. אָבער זיי פאַלן פאַרחלשטע אויף די צעמענטירטע גאַסן, און צעקריכן זיך אין זייער אייגענער נאַסקייט.

ביסלעכווייז פאַרשווינדן די שוואַרצע כמאַרעס און טראָגן אַוועק מיט זיך די פינצטערניש. עס ווערט ליכטיקער. די נאַכט פאַלט צו מיט ווינט און קאַלטער נאַסקייט. אין דער פרי — אַ ליכטיקער הימל. בערג מיט ווייסע פּוכקע כמאַרעס שווימען אַרום איבערן הימל. דאָ און דאָרט, פון טיפע טאָלן שיינען אַרויס שטיקער בלוי־בלויער הימל. דער ווינט פאַרלירט זיין בייזקייט. די לופט איז ריין און פריש. די זון איז דאָ!

די פרילינג־ווינטן האָבן סוף־כל־סוף אַרויסגעווינטעוועט די לעצטע שפּורן פון ווינטער. קילע נעכט און וואַרעמע טעג. ווינטער־מאַנטלען רוען שוין אין די שאַפעס. קינדער שפּילן זיך אין די גאַסן. אויף די ביימער אין די פּאַרקן באַווייזן זיך געל־גרינע קנאָספּן ווי בראָדעווקעס. דאָ און דאָרט צעגרינט זיך די ערד אין די פּאַרקן. אויף די בענק אין די פּאַרקן זיצן ווידער מענטשן, מידע פון דעם ווינטער, און וואַרעמען זיך אויף דער ליבער זון. מענער און פרויען, אָפּגעשוואַכטע און אויסגעצערטע נאָך אַ לאַנגער קרענק, שאַרן זיך אַרויס מיט ווייכע אומזיכערע טריט פון זייערע היימען

איז גאַם אַריין, און דערקוויקן זיך מיט דער ליבער ווארעמקייט פון דער מאַמע־זון.

דזשעק ריווקין ווערט יעדן טאָג גערינטער און קרעפּטיקער. לעיזקע ווייסט, אַז אַט־אַט וועט דזשעק ווידער זיין בכוח איבערצונעמען די אַרבעט ביי אים . . . ער וויל ניט, אַז די ריווקינס זאָלן אים בעטן צו פאַרלאָזן זייער היים, — פאַרלויפט ער זיי דעם וועג . . .

— נו, מיסטער ריווקין, מיר דאַכט זיך, אַז איר נויטיקט זיך שוין מער ניט אין מיין הילף, — לאָזט אים לעיזקע וויסן מיט געמאַכטן קוראַזש.

— וואָס איז די איילעניש, לעיזקע? וואוין מיט אונדז נאָך עטלעכע טעג, נאָך אַ וואָך. די גליקן וואָס וואַרטן אויף דיר וועלן ניט אַנטלויפן, — רעדט צו אים דזשעק ריווקין ווי צו אַן אייגענעם ברודער.

אויך מיסעס ריווקין בעט זיך ביי לעיזקען: — כאָטש נאָך איין וואָך, מיסטער גאַרדאָן. דזשעק איז שוין, דאַנקען גאָט, בעסער. איר, מיסטער גאַרדאָן האָט אונדז געראַטעוועט . . . אָן אייער הילף וואָלט אונדז געווען זייער שלעכט. בלייבט כאָטש נאָך אויף איין וואָך. אין אַ וואָך אַרום וועט שוין דזשעק זיין אַ פאָלנער מענטש. מיר וועלן אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן פאַר אייער הילף אין אונדזער נויט.

— מילא, נו, נאָך אַ וואָך, איז נאָך אַ וואָך. די וועלט וועט ניט אונטער־גיין אין אַ וואָך צייט, — שטימט לעיזקע איין מיט פאַרבאָרגענער צו־פרידנקייט.

— הייסט עס, נאָך איין וואָך געשמאַקע מאָלצייטן און אַ ריין און באַ־קוועם געלעגער ביי די ריווקינס, — האָט זיך לעיזקע געטראַכט אויפן וועג צו זיין אַרטשאַרד סטריט, — און דערנאָך? . . .

אין אַמעריקע וועט קיינער אים ניט גלויבן, אַז אין זיין שטעטל איז אים געווען אַזוי גוט; און אין זיין שטעטל וועט אים קיינער ניט גלויבן, אַז אין דעם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע איז אים געווען אַזוי ביטער . . . עס האָט אים גענאָגט אַ ביטער געפיל און אַ פאַרדראָס פאַרוואָס ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיין היים, האָט זיך שטיל געצונדן אין זיין האַרץ.

. . . וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט אים געטראָגן צו דעם רייכן חזיר, רעב וועלוועלע, זיך אַנצונעמען די קריוודעס פון גאָדל נאַטע־באַנצעס, — האָט אים געפּייניקט אַ געדאַנק. ניט אַנדערש, אַז ער איז אין יענעם מאָ־מענט פשוט משוגע געוואָרן, — האָט ער זיך געזידלט אין זיין געדאַנק.

— עפּעס איז ניט גלאַט מיט אים, — האָט ער ערנסט אַ טראַכט געטאָן, — אַלעמאָל קריכט ער אַריין אין עפּעס אַן אומגליקלעכער לאַגע. פאַרוואָס טוט ער דאָס? ווי נאָר ער איז געקומען אַהיים פון דער אַרמיי, איז ער

באַלד פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ בלוטיקן געשלעג מיט דער אונטערוועלט־חברה און עס איז אים אַפילו ניט איינגעפאַלן, אין זיין צעהיצטן מוח, אַז אין אַ פאַרמעסט מיט יענע ווילדע און ברוטאַלע יונגען האָט ער פּשוט איינ־געשטעלט זיין לעבן . . .

דערנאָך, בלויז אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער, איז ער געלאָפן צו דעם רעב וועלוועלען אין זיין קאַבינעט, זיך אויסטענהן מיט אים און פאָדערן פון דעם רייכן חזיר יושר. דאָס איז דאָך געווען פּשוטע משוגעת! וואָס האָט ער, לעיזקע, דערוואַרט פון רעב וועלוועלען, — האָט אים זיין צערייצטער גע־דאַנק פאַרפירט, — וואָס האָט ער געמיינט, אַז רעב וועלוועלע וועט אויס־הערן זיינע טענות, און דערנאָך אַ זאָג טאָן: — רעב לעיזקע, איר זענט זייער אַ פיינער מענטש און איך, רעב וועלוועלע, זע איין, אַז איר זענט גע־רעכט און דערפאַר נעם איך צוריק מיין באַפעל,אַז גאַדל נאַטע־באַנצעס זאָל אַרויסגעוואָרפן ווערן פון זיין, דאָס הייסט, פון מיין הויז!

זיין „באַפעל” נעמט ער צוריק, — האָט אַ בליץ געטאָן אין לעיזקעס מוח און אַנגעצונדן אַ פייערל אין זיין האַרץ: „זיין באַפעל”, האַ?

מאַטיע, די „קוקלע”, אַ וויכטיקער פאַרשוין פון דער אונטערוועלט, האָט אים, לעיזקען, באַפוילן זיך ניט צו חברן מיט מירקען . . .

און דערזעלבער אונטערוועלט־פאַרשוין האָט באַפוילן דער שטילער, האַרציקער און הילפלאָזער מירקען, אַז זי מוז ווערן איינע פון זיינע מוידן...

און ער, רעב וועלוועלע, אַ זייל פון דער אויבערוועלט, האָט באַפוילן דעם אָרעמען און הילפלאָזן גאַדל, אַז זיין טאָכטער גאָלדע מוז חתונה האָבן מיט דעם זקן גרינשפּאַן און באַדינען זיינע קינדער, וואָס זיינע ערשטע צוויי ווייבער האָבן אים געבוירן. און אויב גאַדל און גאָלדע וועלן ניט פאָלגן זיין באַפעל, וועט גאַדל מיט זיין ווייב און קינדער אַרויסגעוואָרפן ווערן פון זייער הויז.

— זיי באַפעלן! האַ? — אַ קעניג פון דער אונטערוועלט און אַ פּרינץ פון דער אונטערוועלט באַפעלן! . . . — לעיזקעס כעס איז געשטיגן.

נו, דו פאַסקודנע מאַלפּע, מאַטיע „קוקלע”, און איר, רעב וועלוועלע, וואָס איז געוואָרן פון אייערע הייליקע באַפעלן? — האָט לעיזקע געשמייכלט פון זיינע הנאהדיקע געדאַנקען.

ניין, ער איז ניט משוגע! — האָט לעיזקע באַשלאָסן. — ער האָט גע־מוזט ראַטעווען מירקען פון דער „קוקלעס” לאַפּעס. דאָס איז געווען זיין חוב. און רעב וועלוועלע — ער וואָלט דאָך אים, לעיזקען, זיכער דער־וואַרגן . . . נאָר — — —

אַרטשאַרד סטריט טומל האָט אים פּלוצים באַגעגנט און ווי מיט אַ שאַרף מעסער אָפּגעשניטן זיינע מחשבות.

איצט איז לעיזקע איינגאַנצן אַן אַנדערער מענטש, — אַן אויפגעלעבטער, אַ מונטערער. ער האַלט איין זיינע טריט. אַלץ אַרום אים פאַראינטערעסירט אים. אַלץ מוז ער זען און באַטראַכטן. עפּעס נייעס אויף אַרטשאַרד סטריט? שוין לאַנג אַז ער איז דאָ ניט געווען.

אַ פּושקאַרט איז באַלאַגערט. סוועטערס, וואָלענע מענערשע סוועטערס. רויטע, בלויע, שוואַרצע און ווייסע — אַ היפּש ביסל קוויטיק. אַ נייער פּושקאַרט־פּעדלער. יאָ, לעיזקע זעט אים צום ערשטן מאָל. אַ הויכער, אַ דאַרער, ווי אַ דראַנג. נאָך גאָר אַ יונגער. — אפשר אַ יאָר דרייסיק. „וואַן דאָלער, וואַן דאָלער!" — און יעדעס מאָל וואָס ער שרייט „וואַן דאָלער!", פאַרט אַרום אויף זיין לאַנגן דינעם האַלדז אַ גרויסער קנאָפּ אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. די באַלאַגערונג אַרום זיין פּושקאַרט וואַקסט. דער באַרג מיט סוועטערס ווערט נידעריקער. באַלד־באַלד וועט ער בלייבן מיט אַן אויסגעליידיקטן פּושקאַרט — אַ מזלדיקער פּעדלער!

לעיזקע טראַכט: פאַרוואָס קאָן ער ניט פונקט ווי יענער פאַרקויפן סוועטערס? ניין, מ'דאַרף האָבן געלט צו קויפן די סחורה, אָדער אפשר אַ רייכן פעטער מיט אַ פאַבריק פון סוועטערס, וואָס געטרויט אים. אפשר כאַפּן אַ שמועס מיט דעם נייעם פּעדלער, מיטן גרויסן האַלדז־קנאָפּ? . . . אפשר מיט זיין הילף קריגן די נויטיקע פאַרבינדונג מיט אַ פאַבריקאַנט?

אַ רעדל מענטשן אַרום אַ צווייטן פּושקאַרט. לעיזקע האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין רעדל. אַ פּושקאַרט איז געלעגן אויסגעבויגן אויף איין זייט און איז געווען צעבראָכן. דאָס ראָד איז געלעגן אונטער דעם פּושקאַרט.

דער פּעדלער האָט פּרובירט פאַרבינדן ביידע העלפטן פון דער צעבראָכענער אַקס מיט שטריק, נאָר עס געלינגט אים ניט. די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם פּושקאַרט, האָבן אים געהאָלפן. זיי האָבן אונטערגעהויבן דעם פּושקאַרט, ווען דער פּעדלער האָט „באַנדאַזשירט" די צעבראָכענע אַקס. אָבער די שטריק לאָזן זיך נאָך און קאָנען ניט צוזאַמענהאַלטן ביידע העלפטן פון דער צעבראָכענער אַקס.

אויף צולהכעיס איז דער פּושקאַרט אָנגעלאָדן מיט אַ שווערער משא: האַמערס, העק, זעגן, פיילן, טשוועקעס, שלעסער און שרויפן.

— פּעדלער, שטריק וועלן ניט העלפן! — האָט לעיזקע אַ געשריי געטאָן.

דער פּעדלער האָט אַ שטאַרד געטאָן לעיזקען מיט אַ בייזן בליק:

— אַט האָסטו אַ נייעם עצה־געבער! — האָט ער אַ ברום געטאָן. —

ווער פרעגט ביי דיר? דו קאנסט בעסער? נא, נעם און פארריכט!
לעיזקע האט ניט געענטפערט, און האט זיך גיך ארויסגעשטופט פון דעם רעדל נייגעריקע ארום דעם פושקארט.

אויפן וועג צו ארטשארד סטריט האט ער אויף א גאס געזען א צעבראכענעם פושקארט, און ער איז זיכער, אז די אקס פון יענעם צעבראכענעם פושקארט איז פארבליבן גאנץ. ער איז מיט איילנדיקע טריט צוריק געגאנגען אויף דעם זעלביקן וועג איבער די זעלבע גאסן, וואס האבן אים געפירט צו ארטשארד סטריט.

ער האט זיך דערפרייט ווען ער האט דערזען דעם צעבראכענעם, נוצלאזן פושקארט, וואס פארמאגט אבער נאך אלץ איין גאנצן אבר, וואס וועט איצט ברענגען א נוץ.

עס איז אים ניט אנגעקומען שווער ארויסצורייסן די אקס מיט עטלעכע שטארקע ברעטלעך פון דעם צעבראכענעם, לויזן פושקארט און עס איז אים ניט געווען שווער צו טראגן די משא דריי בלאק, צום צעבראכענעם פושקארט. זיין אקסל איז צוגעוואוינט געווארן צו טראגן אויף זיך שווערע משא.

דער דערשטוינטער פעדלער האט אים א פרעג געטאן:

— וואו האט איר דערטאפט די מציאה, הא?

— געפונען, פעטער, — האט לעיזקע געענטפערט מיט א שמייכעלע, — עס האט געווארט אויף מיר.

— אזוי גאר, געפונען, זייער פיין. נו, איצט קאנט איר אפשר אויך געפינען א בעל־מלאכה פאר דעם עסק? — האט דער פעדלער אים געפרעגט.

— יא, פעטער, דער בעל־מלאכה איז שוין אויך דא, — האט לעיזקע געענטפערט מיט א פריילעכן טאן.

מיט דער הילף פון דעם פעדלער האט לעיזקע באפעסטיקט צוויי שטארקע ברעטלעך צום פושקארט מיט לאנגע טשוועקעס וואס ער האט געפונען צווישן די חפצים אויפן פושקארט און וואס האבן געדינט אלס צייטווייליקע אונטערשפארערס.

דערנאך האט ער ארונטערגענומען די רעדער. מיט א שווערן האמער, וואס האט זיך געפונען אויפן פושקארט, האט ער ארויסגעקלאפט די צעבראכענע אקס, האט אן שוועריקייטן אריינגעפאסט די גאנצע אקס אין ריכטיקן פלאץ, צוריק אנגעטאן די רעדער, ארויסגעקלאפט די אונטערשפארערס און דער פושקארט איז געבליבן שטיין פעסט און זיכער אויף די רעדער.

— איצט, פעטער, איז עס בעסער ווי מיט שטריק, — האט לעיזקע זיך געוויצלט.

דער פעדלער, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט לעיזקעס באַוועגונגען, און האָט באַוואונדערט לעיזקעס שטאַרקע פלינקע און געניטע הענט, האָט זיך גע־פילט שולדיק, וואָס ער האָט זיך געבייזערט אויף לעיזקען, ווען ער, לעיזקע, האָט אים געזאָגט, „אַז שטריק וועלן ניט העלפן”, האָט ער געזאָגט שטיל ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין „ווי אַזוי האָב איך געקאָנט וויסן, אַז איר זענט אַזאַ גאָלדענער בעל־מלאכה?” מילא נו, איך בין טאַקע געווען אַ היפּש ביסל צערודערט. עפּעס אַ קלייניקייט — געבליבן שטעקן אין מיטן דערינען מיט אַ צעבראָכענעם פושקאַרט.

— אָבער איצט דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן. עס וועט האַלטן, — האָט לעיזקע אים פאַרזיכערט.

— יאָ, עס קוקט אויס אַלראַיט איצט, אַ דאַנק, אַ אמתן דאַנק אייך יונגערמאַן, — האָט דער פעדלער געמורמלט, — און איצט וועט איר מסתּם זיך הייסן אָפּגילטן פאַר אייער שטיקל אַרבעט, האַ? אומזיסט וויל איך ניט, אָבער מיט יושר . . .

לעיזקע האָט גוטמוטיק געשמייכלט: — ניין, פעטער, איך וויל ניט, אַז איר זאָלט מיר אָפּגילטן, נאָר אָפּשיכן, אויב איר ווילט.

— וואָס? אָפּשיכן? וואָס מיינט איר?

— פאַר מיין אַרבעט וויל איך גאָרניט. כ׳האָב אפילו ניט געטראַכט וועגן קריגן באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט, — האָט לעיזקע פאַרזיכערט דעם פעדלער. — אָבער איר זעט מיינע שיך? סע פאַלן שוין פון זיי שטיקער. דער פעדלער, אייער שכן, פאַרקויפט גוטע געניצטע שיך. אויב איר ווילט, קויפט מיר אַ פּאָר שיך. איך וועל אייך צוריקצאָלן. פון די ערשטע עט־לעכע דאָלער וואָס כ׳וועל פאַרדינען וועל איך אייך באַצאָלן דעם חוב. איר מעגט מיר גלויבן.

דער פעדלער האָט געקוקט אויף לעיזקען, אויף זיינע צעריסענע שיך, אויף זיינע אָפּגעטראָגענע קליידער און דערפילט אַ קלעמעניש אין האַרצן.

— ווילסטו, הייסט עס, אַ פּאָר שיך? מילא, נו, זאָל זיין שיך, — האָט ער אַ ברום געטאָן. — ועסטו יאָ באַצאָלן, צי ניט באַצאָלן, וועל איך אַלץ איינס בלייבן דער זעלבער מיליאָנער. קום צו טשאַרליין, וועלן מיר איינ־האַנדלען אַ פּאָר שיך.

לעיזקע האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּאָר שיך. ער האָט אויסגעטאָן זיינע אַלטע צעריסענע שיך, זיי אַרונטערגעוואָרפן אונטער דעם פושקאַרט און אָנגעטאָן די געניצטע, אָבער גאַנצע, באַקוועמע גלאַנצנדיקע שיך.

— טשאַרלי, וויפל אַ שטייגער ווילסטו פאַר די פּאָר שיך? — האָט דער פעדלער געפרעגט זיין שכן, דעם שיך־פאַרקויפער.

טשאַרלי האָט באַטראַכט די שיך אויף לעיזקעס פיס, ווי ער וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל, און אַ זאָג געטאָן, — ווי צו אַרדער געמאַכט. די בעסטע פּאָר שיך אין מיין גאַנצן פּאַק סחורה. ביי דיר, מאָריס, וויל איך ניט מאַכן קיין פּראָפיט. אַ שכן איז אַ שכן. נייערהייט האָבן זיי געמוזט קאָסטן צום ווינציקסטן דריי דאָלער. פאַר דיר פינף און זיבעציק סענט.

— נו, און זעכציק סענט וועסטו ניט נעמען? — האָט מאָריס געפרעגט טשאַרלין גוטברודעריש.

— כ'וועל שוין ביי דיר, מאָריס, קיין מיליאָן דאָלער פּראָפיט ניט מאַכן, זאָל זיין זעכציק סענט, — האָט טשאַרלי אים געענטפערט.

טשאַרלי, דער שיך־פּעדלער האָט גענומען ביי מאָריסן די זעכציק סענט פאַר די פאָר שיך אין זיין האַנט אַריין, אָנגעשפּיגן אויפן געלט למזל און געזאָגט: — ביזט היינט דער ערשטער קאָסטימער ביי מיר. ביטערע צייטן! — און צו לעיזקען: — טראָג זיי געזונטערהייט. ס'איז אַ גוטע פּאָר שיך, אַן אמתע מציאה!

מאָריס מיט לעיזקען זענען צוריקגעגאַנגען צו מאָריסעס פּושקאַרט מיט דעם אַלטן געצייג.

— כ'ווייס אַפילו ניט דיין נאָמען, — האָט מאָריס געזאָגט צו לעיזקען.

— מיין נאָמען איז לעיזקע.

— לעיזקע? נו, זאָל זיין לעיזקע! האָסט אַ גוטע פּאָר שיך, אַן אמתן באַרגעין! און איצט איז צייט צו כאַפּן אַ ביס. ער האָט געעפנט אַ שופלאָד אין פּושקאַרט, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּעקעלע, איינגעוויקלט אין אַ צייטונג, אַראָפּגענומען די צייטונג און אַרויסגענומען אַ צווייט פּעקעלע, איינגעוויקלט אין אַ האַנטעך, ער האָט צעוויקלט דעם האַנטעך און פאַר לעיזקעס אויגן זענען אויסגעוואַקסן צוויי סענדוויטשעס און צוויי געלע באַנאַנעס מיט שוואַרצע פלעקן. דערנאָך האָט ער פון דער קעשענע אַרויסגענומען אַ קליין פלעשעלע, אָנגעפילט מיט געלער פליסיקייט, אַרויסגעצויגן די פּראָבקע, אָפּגעטרונקען כמעט אַ העלפט און דערלאַנגט לעיזקען.

לעיזקע האָט געקוקט אויף מאָריסן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, פול מיט דאַנקבאַרקייט און פאַרוואונדערונג.

— נעם, שעם זיך ניט, מאַך אַ לחיים, ס'איז גוטער בראָנפן, אייגן־געמאַכטער, ס'קאָסט ביליקער און ס'איז בעסער. טרינק, און אָט האָסטו אַ סענדוויטש: איינעם פאַר מיר און איינעם פאַר דיר, און אַ באַנאַנע פאַר דיר און אַ באַנאַנע פאַר מיר. עס, ס'איז אַ גוטער סענדוויטש.

— אַ מזלדיקער טאָג, — האָט לעיזקע געטראַכט, — נייע שיך, עסן און אַ טרונק בראָנפן דערצו.

ווען ס'איז טונקל געוואָרן האָט לעיזקע געהאָלפֿן מאָריסן אָפּפֿירן דעם פֿושקאַרט אין גאַראַדזש אויף עלען סטריט. די ברייטע טירן פֿון דעם גאַראַדזש זענען געווען אָפֿן. מאָריס האָט אַריינגעפֿירט דעם פֿושקאַרט און אָוועקגעשטעלט זיין קראָם־אויף־רעדער אויף זיין באַשטימטן פּלאַץ, נומער דרייסיק. לעיזקע האָט אים געהאָלפֿן פֿאַרדעקן דעם פֿושקאַרט מיט אַן אַלטן, דיקן לייוונט און פֿאַרבונדן דעם צודעק מיט שטריק.

— וואַרט דאָ, כ'וועל באַלד זיין צוריק, כ'גיי אין אָפֿיס, — האָט מאָריס געזאָגט צו לעיזקען ווי צו אַן אַלטן פֿריינט.

פֿון דער וואַנט, וואו עס האָט זיך געענדיקט דער לאַנגער גאַראַדזש, האָט אַרויסגעשטעקט אַ צימער — דער אָפֿיס. אין האַלב־טונקעלן גאַראַדזש האָט אַריינגעשיינט דאָס עלעקטרישע לעמפּל פֿון אָפֿיס. עס האָט ניט געדויערט לאַנג און מאָריס איז אַרויס פֿון אָפֿיס מיט דעם באַלעבאָס פֿונעם גאַראַדזש, דזשעק באַרנעט, וועמען די פּעדלערס האָבן געצאָלט פֿופֿציק סענט אַ טאָג פֿאַר אַ פֿושקאַרט.

דזשעק באַרנעט, אַ הויכער ברייט־פּלייציקער מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ גרויסן קאָפּ וואָס האָט געגלאַנצט מיט זיין נאַקעטקייט אין האַלב־טונקעלן גאַראַדזש, גלאַט ראַזירטן פֿעטלעכן פּנים, פֿליישיקער נאָז, גראָבע ליפּן און גרויסע, ברוינע, מילדע לעבעדיקע אויגן, איז מיט אייַלנדיקע טריט צוגעגאַנגען צום פֿושקאַרט, וואו לעיזקע איז געשטאַנען. מאָריס האָט ניט געקאָנט שפּאַנען אַזוי גיך ווי דער גרויסער, געזונטער און ענערגישער דזשעק, און עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז ער איז צוגעקומען צו זיין פֿושקאַרט, וואו דזשעק און לעיזקע זענען געשטאַנען.

— וואָס לויפֿסטו, דזשעק, — האָט אים מאָריס געפֿרעגט, — וואָס דענקסטו, כ'האָב דיר געבראַכט אַ פֿולן פֿושקאַרט מיט גאָלד?

דזשעק האָט געלאַכט און אים געענטפֿערט, — איך מוז לויפֿן, מאָריס. אַלע ביזנעסלייט מוזן לויפֿן, ווייל „טאַים איז מאָני" אין ביזנעס.

— מאָני, מאָני! דאָס אַלץ וואָס איר ווייסט,— האָט מאָריס געמורמלט.

— דאַטס ראַיט, — האָט דזשעק אים געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, — מאָני איז האָני!

דזשעק האָט באַטאַפּט די אַקס, אַ טרייסל געטאָן די רעדער, אַ פֿיר געטאָן דעם פֿושקאַרט הין און צוריק און אַ פֿרעג געטאָן לעיזקען, — מיט אַ האַמער האָסטו געמאַכט דעם גאַנצן דזשאַב?

— יאָ, מיט אַ האַמער און מיט אַ צוואַנג און נאָך עפּעס אַ געצייג, וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן פֿושקאַרט, — האָט לעיזקע געענטפֿערט.

דזשעק האָט באַטראַכט לעיזקען.

לעיזקע האט זיך דערפילט אומהיימלער.

— ביזט א גרינער?

— יא, — האט לעיזקע געענטפערט.

— ביזט א גוטער בעל־מלאכה. ארבעטסט ערגעץ?

— ניין. איך ארבעט ניט. איך זוך ארבעט.

— וואס זאגסטו איז דיין נאמען?

— לעיזקע איז מיין נאמען.

— לעיזקע! וואס איז דאס פאר א נאמען? לעיזקע איז . . . איז לעסטער! דאס ראיט! לעסטער איז א שיינער אמעריקאנער נאמען.

— אויב דו ווילסט, לעסטער, קאנסטו ארבעטן ביי מיר. די פעדלערס ברענגען יעדן טאג צוריק צעקריפלטע פושקארטס. וואס ארט עס זיי? עס איז דאך ניט זייערס! און איך דארף פאררעכטן די קריפלס. איך בין א פארנומענער מענטש, לעסטער, איך בין דער בוכהאלטער, דער איינקויפער פון די טיילן צו פאררעכטן די פושקארטס און דער מעכאניק. און די פעדלערס נעמען ביי מיר צו די צייט מיט זייערע נארישע קאפריזן. שטענדיק באקלאגן זיי זיך. שטענדיק אומצופרידן. גיב זיי יעדן טאג נייע פושקארטס. גיב א קוק, לעסטער. זעסט? אפשר פופציק צעקריפלטע פושקארטס, אנגעשטעלט איינער אויפן אנדערן. ווילסט, לעסטער, קאנסטו מארגן זיך נעמען צו דער ארבעט. וועסט ניט ארבעטן שווער. און וועגן דיינע ווייזדעש וועלן מיר אויסקומען.

לעיזקע ביי דער אַרבעט

אַ פרייד האָט געוואָרעמט לעיזקעס גלידער און אַ געזאַנג איז אויפגע־גאַנגען אין זיין האַרץ. זיינע הענט האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט דעם האַמער, זעג און הובעל, ווי מיט אַלטע געטרייע פריינט.

דזשעק באַרנעט קוקט און שטוינט: לעיזקעס הענט — צוויי קרעפּטיקע צוואַנגען. פלינק, זיכער און פּינקטלעך באַוועגט זיך דער האַמער אין זיין האַנט. רואיק, אָן אָנשטרענגונג, אַרבעט לעיזקע, ווי ער וואָלט זיך גע־שפּילט. אַלעס ליגט אויסגעלייגט אין אַ באַשטימטער אָרדענונג צו דער האַנט: דאָס געצייג, די גלידער פון אַ צענומענעם פּושקאַרט, די שרויפן, די אויסגעריבענע, אויסגעדינטע און צעבראָכענע אברים אין אַ באַזונדערן בערגל, און נייע, געזונטע אברים ליגן שוין אָנגעגרייט אין אַ באַזונדער פּלאַץ.

— לעסטער, וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט די מלאכה? — פרעגט אים דזשעק.

— וואו כ'האָב זיך אויסגעלערנט? ס'איז דען אַ גרויסע קונסט? אַלעס קומט דאָך פאַרטיק אין אַמעריקע. פאַרטיקע אַקסן, און קלעצלעך, און שפּיצעס, און האַבאָדעס און שינעס. און אַלעס פּאַרט. גוט און גלאַט גע־מאַכט.

דזשעק שמייכלט. — אַמעריקע געפעלט דיר, לעסטער?

לעיזקע שווייגט.

— וואָס־זשע זאָגסטו, לעסטער, אַמעריקע געפעלט דיר?

— כ'ווייס נאָך ניט, מיסטער באַרנעט. דאָס איז מיין ערשטער טאָג אַר־בעט אין אַמעריקע.

— וואַרט, לעסטער, האָב געדולד, וועסט אַרבעטן, וועסט פאַרדינען. אין אָוונט וועסטו גיין אין סקול און זיך אויסלערנען רעדן און שרייבן ענגליש, וועסט זיך אויסגרינען. דו וועסט אין אַמעריקע ניט פאַרפאַלן ווערן. בעל־מלאכהס ווי דו הונגערן ניט אין אַמעריקע.

לעיזקע האָט געשמייכלט.

אַ גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין לעיזקעס לעבן. פּלוצים איז ער אויפגעריכט געוואָרן. פּלוצים איז אים עפּעס ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. די ליכטיקע און וואַרעמע פרילינג־זון האָט אים פריינטלעך באַ־גריסט יעדן פרימאָרגן ווען ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. די מענטשן אין די גאַסן, און אַפילו די גאַסן אַליין זענען אים געוואָרן היימישער, נעענ־

טער און פריינטלעכער. די קראַנקהאַפטע געפילן פון הילפלאָזיקייט, איינ־זאַמקייט און האָפענונגסלאָזיקייט, וואָס פלעגן אים נאָגן און מאַטערן אַז אויפהער, זענען פלוצים פאַרשוואונדן. ער האָט געפילט ווי ער וואָלט פלוצים זיך אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן חלום. אָפּט האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז ער איז פלוצים געזונט געוואָרן נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט.

זיין אַרבעט איז אים געווען ליב. ער האָט גוט פאַרדינט. ער האָט גע־וואוינט אין אַ ליכטיקן און באַקוועמען צימער. ער האָט געשלונגען זיינע מאָלצייטן מיט גרויס אַפּעטיט, ווי ער וואָלט געוואָלט „אָפּעסן" אויך פאַר זיינע הונגער־טעג. ער האָט זיך געקויפט נייע, שיינע קליידער און נייע שיך. אַ באַרואיקטער, אַ דערפרישטער און אַ באַנייטער, פלעגט ער באַ־געגענען יעדן טאָג מיט זיכערקייט און פרייד.

אין זיינע פרייע טעג פלעגט ער שפּאַצירן אין סענטראַל פּאַרק. פרישער, גריינער און זאַפטיקער האָט געשמעקט דאָס גראָז יענעם זומער. שענער, העכער און ברייטער האָבן זיך צעוואַקסן און צעבליט די ביימער יענעם זומער. וואַרעמער, ליכטיקער און פרעכטיקער האָט זיך צעשטראַלט די זון יענעם זומער. יעדן שבת אָונט איז ביי אים געווען יום־טוב. נאָך אַ גע־שמאַקן מאָלצייט פלעגט ער צופאָרן מיטן טראַמוויי צו סענטראַל פּאַרק, זיך אַוועקלייגן אויפן גראָז אונטער דעם בלויען הימל, מיט טויזנטער פינקלענדיקע שטערן און אַריינזאַפּן אין זיך די פאַרכישופדיקע מוזיק ביי די אומזיסטע קאָנצערטן אין פּאַרק, אונטער דעם אָפענעם הימל, וואו הונדער־טער מענטשן זענען געווען פאַרזאַמלט.

אין די וואָכעדיקע אָוונטן איז ער געגאַנגען אין „נאַיט־סקול", אַ דאַנק זיין באַלעבאָס און פריינט דזשעק באַרנעט, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען און אים פּשוט געטריבן אין סקול אַריין.

— אַ מענטש דאַרף קאָנען די שפּראַך פון דעם לאַנד אין וועלכן ער לעבט, — פלעגט דזשעק מיט אים איינטענהן. — אַ מענטש איז ניט קיין בהמה. ער דאַרף לייענען אַ צייטונג און אַמאָל אויך אַ בוך, — פלעגט מיט אים דזשעק קנעלן, — גיי, דו גרינע קאַטשקע, אין סקול און לערן זיך אויס שרייבן און לייענען ענגליש, — פלעגט ער אים ניט אָפּלאָזן, ביז לעיזקע האָט אים געפאָלגט.

שווער איז לעיזקען געווען בלויז די ערשטע פּאָר וואָכן. דערנאָך איז דאָס לערנען געוואָרן ביי אים אַ מין פאַרמעסט בייצוקומען די שוועריקייטן און זיך בעסער קאָנצענטרירן. דערנאָך — אַן עקשנותדיקע אַמביציע צו שרייבן און לייענען גיכער און אויסלייגן פינקטלעכער. ער האָט געלערנט

פּלייסיק און ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַלע זיינע לימודים. די ערשטע וואָכן איז ביי אים דאָס לערנען געווען אַ נויטווענדיקע אַפּקומעניש, דערנאָך איז לייענען און שרייבן געוואָרן זיין טיפער פאַרגעניגן.

אין סקול האָט ער זיך באַקאַנט מיט זיין שכן איטשע קאָהן, אַ שיך־אַר־בעטער. זיי זענען געוואָרן פריינט. אַכט אַזייגער, נאָך סקול, פלעגן זיי שפּאַצירן, רעדן וועגן זייער אַרבעט, וועגן זייערביידנס לעבן אין דער אַל־טער היים, און וועגן זייערע אַמעריקאַנער דערפאַרונגען.

איין אָוונט האָט איטשע איינגעלאַדן לעיזקען צו אַ פאַרזאַמלונג אין אַ זאַל אויף דער איסט סאַיד.

— וואָס וועל איך דאָרט ביי דער פאַרזאַמלונג טאָן, איטשע?

— וואָס דו וועסט טאָן ביי דער פאַרזאַמלונג? — האָט איטשע געפרעגט לעיזקען מיט פאַרוואונדערונג, — וועסט לערנען עפּעס זייער וויכטיקס.

— איטשע, וואָס צום ביישפּיל וועל איך דאָרט לערנען?

— קום, וועסטו אויסגעפינען, — האָט אים איטשע געענטפערט.

אין זאַל איז געווען טומלדיק. די מענטשן האָבן הויך גערעדט צווישן זיך. בענקלעך האָבן זיך גערוקט מיט אַ סקריפּנדיקער קוויטשעריי. דער זאַל איז געווען שוואַך באַלויכטן.

פּלוצים האָבן די דריי גרויסע לאָמפּן אויף דער סטעליע זיך אָנגעצונדן און אין זאַל איז געוואָרן ליכטיק. אַ הויכער, בלאָנדער יונגערמאַן איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער פּלאַטפאָרם. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ ליידיק גלאָז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טאַץ אויפן טיש מיט אַ פלאַש וואַסער. די פאַרזאַמלטע האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען פּלעצער, אויפגע־הערט רעדן צווישן זיך, און אין זאַל איז געוואָרן שטיל. דער פאָרזיצער האָט דערקלערט, אַז די פאַרזאַמלונג איז פאַררופן געוואָרן פון . . . . — לעיזקע האָט ניט געכאַפּט פון וועמען די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן. דערנאָך האָט דער פאָרזיצער פאָרגעשטעלט אַ רעדנער, וואָס האָט גע־רעדט אויף יידיש.

דער רעדנער האָט גערעדט מיט גאַליקער ביטערקייט וועגן די מאַסן הונגעריקע און אַרבעטלאָזע, וואָס וואַלגערן זיך אין די גאַסן ווי הינט און קיינער העלפט זיי ניט. מענטשן ווערן קראַנק, אייניקע שטאַרבן אויף די גאַסן, מען וואַרפט די אָרעמע אַרבעטלאָזע אַרויס פון זייערע דירות מיט זייער אָרעם ביסל מעבל, ווייל זיי האָבן ניט קיין געלט צו צאָלן רענט, פּונקט ווי ס'וואָלט געווען זייער שולד, וואָס די שעפער און די פאַבריקן זענען פאַרמאַכט און עס איז ניטאָ קיין אַרבעט. דער קאַפּיטאַליזם איז שולדיק, ניט די ערלעכע אַרבעטער וואָס זוכן אַרבעט און קאָנען ניט גע־

פינעז. — וואָס וויל דער קאַפּיטאַליזם? — האָט זיך דער רעדנער צע־קאָכט. — אַז די אַרבעטלאָזע זאָלן ווערן גנבים? רויבער? זאָל מען עפענען די שעפּער און די פאַבריקן און געבן די אַרבעטלאָזע אַרבעט!

דער עולם אין זאַל האָט הילכיק געפּאַטשט בראַוואָ.

— זיי, — האָט דער רעדנער פאָרגעזעצט, — די קאַפּיטאַליסטן, האָבן אָנגערויבט ביי די אַרבעטער מיליאָנען און מיליאָנען דאָלערס, זיי לעבן אין לוקסוס, זיי וואוינען אין פּאַלאַצן, פּראַווען באַנקעטן, וואו עס גיסט זיך שאַמפּאַניער ווי וואַסער. זיי פאָרן אַרום אין גרויסאַרטיקע קאַרעטן, מיט די בעסטע פערד. זייערע הינט האָדעווען זיי בעסער ווי די אַרבעטער פון וועמעס שוויים און בלוט זיי זענען אַזוי רייך געוואָרן.

דער עולם האָט ווידער הילכיק געפּאַטשט בראַוואָ.

דער רעדנער האָט פאָרגעזעצט: — די באַנקירן האָבן פאַרמאַכט זייערע באַנקן. ווען די קאַפּיטאַליסטן באַרויבן די אָרעמע אַרבעטער פון זייערע שווער־פאַרהאָרעוועט עטלעכע דאָלער, שווייגט די רעגירונג. אָבער ווען אַ הונגעריקער גנבעט אַ ברויט, ווייל זיין ווייב און קינד זענען הונגעריק, וואַרפט מען אים אַריין אין טורמע. אָבער ווען די באַנקירן באַגנבענען טויזנטער מענטשן, שווייגט די רעגירונג; זיי אַרעסטירט מען ניט. פאַר־וואָס? — ווייל די רעגירונג איז געקניפּט און געבונדן מיט די באַנקירן און מיט די עקספּלואַטאַטאָרס, די קאַפּיטאַליסטן. עס איז איין באַנדע וואָס לעבט אין לוקסוס פון דעם אַרבעטערס האָרעוואַניע.

דער רעדנער האָט פאָרגעזעצט: — דער קאַפּיטאַליזם איז קאַפּוט! דער קאַפּיטאַליזם גוסס׳ט! מען דאַרף איינפירן דעם סאָציאַליזם און ראַטעווען דעם אַרבעטער־קלאַס! נאָר דער סאָציאַליזם קען געבן דעם אַרבעטער־קלאַס וואָס ער פאַרדינט ערלעך; נאָר דער סאָציאַליזם קען איינפירן גערעכ־טיקייט, פרייהייט און אַ גליקלעך לעבן פאַר די אַרבעטער מיט זייערע פאַ־מיליעס. אונטער דעם סאָציאַליזם וועט ניט זיין: מיליאָנערן אויף איין זייט און אויף דער צווייטער זייט — מיליאָנען אָרעמע, הונגעריקע, וואָס שקלאַפן און לעבן אין אומוויסנהייט און שמוץ. לאָמיר אָפּשאַפן דעם קאַ־פּיטאַליזם און איינפירן דעם סאָציאַליזם — האָט דער רעדנער געענ־דיקט אונטער אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן.

דער פאָרזיצער האָט געפרעגט צי מען וויל שטעלן פראַגן.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן קולות: „אַ פראַגע, מיסטער טשער־מאַן, אַ פראַגע״. ענדלעך איז שטיל געוואָרן. מען האָט געשטעלט פראַגן און דער רעדנער האָט געענטפערט. אָבער לעיזקען איז ניט געווען קלאָר, וואָס די פרעגער האָבן געפרעגט און וואָס דער רעדנער האָט געענטפערט.

איינער האָט געפרעגט: — אויב מען וועט צונעמען ביי די רייכע זייערע פאַרמעגנס און צעטיילן צווישן די אָרעמע, ווי אַזוי וועט מען עס צע־טיילן? — לעיזקען האָט זיך אויסגעדרוכט, אַז איינער האָט געפרעגט, וואָס פאַר אַ רעגירונג וועט זיין אונטער דעם סאָציאַליזם און וואָס וועט מען טאָן מיט די קאַפּיטאַליסטן און מיט די פּאָליטישנס? — און נאָך אַזעלכע פראַגן. דער רעדנער האָט געענטפערט מיט אַ לאַנגער רעדע און האָט געזאָגט, אַז קאַרל מאַרקס זאָגט . . . אָבער לעיזקע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט, אַז דער קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט. ער האָט בכלל ניט געוואוסט ווער דער קאַרל מאַרקס איז.

ענדלעך האָט זיך דער מיטינג געשלאָסן. דער עולם האָט פאַרלאָזט דעם זאַל. די פאַרזאַמלטע האָבן הויך גערעדט צווישן זיך, היים דעבאַטירט, אָבער לעיזקע האָט ניט פאַרשטאַנען איבער וואָס זיי קריגן זיך און אַמפּערן זיך.

אין די אָוונטן, נאָך סקול, פלעגט ער מיט זיין פריינט איטשע שפּאַצירן און דעבאַטירן וועגן דעם, וואָס דער רעדנער האָט גערעדט ביים מיטינג. איטשע האָט אים אויפגעקלערט וועגן דעם קלאַסן־קאַמף. נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל גערעדט וועגן די צרות, וואָס דער קאַפּיטאַליזם ברענגט דעם אַרבעטער־קלאַס און ווי אַזוי דער סאָציאַליזם וועט באַשאַפן אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט. לעיזקע האָט ניט איינגעשטימט מיט איטשען. פריינטלעכע קריגערייען פלעגן אויסברעכן צווישן זיי און זיי האָבן באַ־שלאָסן מער ניט צו דיסקוטירן וועגן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. אָבער זייער אָפּמאַך האָט ניט געדויערט לאַנג. מיט אַן אָוונט שפּעטער זענען זיי שוין ווידער געווען פאַרוויקלט אין דער דיסקוסיע.

— וואָס הייסט עפּעס, מען זאָל צונעמען ביי די רייכע זייערע פאַר־מעגנס? — פלעגט לעיזקע אַרגומענטירן, — און עס צעטיילן צווישן אָרעמע. מענטשן האָבן געהאָרעוועט און אָפּגעשפּאָרט, איז עס דאָך זייערס, זייער פאַרמעגן! וועט מען עס צונעמען? דאָס איז גערעכטיקייט?

איטשע האָט זיך געקאָכט: — ניין, ס'איז ניט זייערס, זיי האָבן דאָס ניט אָפּגעשפּאָרט פון זייער האָרעוואַניע. פון עקספּלואַטאַציע, פון באַרויבן די אַרבעטער האָבן זיי אָנגעזאַמלט זייערע רייכטימער. ניט מען וועט ביי זיי צ ו נ ע מ ע ן, נאָר צוריק אָ פּ נ ע מ ע ן און צוריקגעבן צו די צו וועמען ס'באַלאַנגט. אָפּנעמען! אָפּנעמען און ניט צונעמען, זאָג איך דיר.

— גיב מיר צו פאַרשטיין, נאָר שריי ניט. לאָמיר זאָגן, אַז אַן אַרבע־טער האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלער און האָט געעפנט אַ שאָפּ, איז דאָך דאָס זיין געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט. נו, וועט מען דאָס ביי

אים צונעמען — איז דאָס יושרדיק? וואו־זשע קומט דאָ אריין עקספּלואַ־טאַציע, האַ?

— אַז דו הייבסט ניט אָן צו פאַרשטיין, לעיזקע, לאָמיר דיר געבן צו פאַרשטיין: איך עפּן מיר אַ שאַפּקעלע, מיט לאָמיר זאָגן, פינף אַרבעטער, און „מיינע אַרבעטער", פאַרשטייסט, זיי זענען שוין ניט מער קיין פרייע מענטשן, נאָר זיי זענען שוין „מיינע" אַרבעטער. זיי אַרבעטן לאַנגע שטונ־דן: צוועלף און פערצן שטונדן אַ טאָג און איך צאָל זיי מאָגערע ווייַ־דזשעס, — קדחות אין אַ קליין טעפּעלע, — און איך מאַך גרויסע פּראָפיטן, נעם איך די פּראָפיטן, וואָס כ'האָב אָנגעזאַמלט פון די ניט־דערצאָלטע ווייַדזשעס פון די פינף אַרבעטער און איך עפן מיר אַ גרעסערן שאַפּ, מיט צוואַנציק אַרבעטער, און דערנאָך שוין מיט דרייסיק, מיט פערציק, און שפּעטער מיט הונדערט אַרבעטער. וואָס מער אַרבעטער עס שקלאָפן פאַר מיר פאַר קליינע שכירות, אַלץ מער כאַפּ איך אַריין פּראָפיט און איך לעב אַ טאָג. איך ווער רייך — אַ קאַפּיטאַליסט! קויף איך מיר אַ שיינע הויז, אָבער „מיינע" הונדערט אַרבעטער וואוינען אין לויזיקע דירות און פּעבנען אויפן פּיסק. איצט פאַרשטייסטו שוין וואָס ס'מיינט עקספּלואַטאַציע? — פרעגט איטשע לעיזקען מיט אַ מינע פון אַ גענעראַל, וואָס האָט געוואונען די שלאַכט. — נו, בין איך גערעכט?

— ניין! — לעיזקע בלייבט איינגעשפּאַרט, — ווייל פאַרוואָס האָסט גראָדע דו אָפּגעשפּאָרט די דאָלאַרן צו עפענען אַ שאַפּ און ניט די אַנדערע אַרבעטער? — ווייל דו ביזט אַ גוטער בעל־מלאכה, און דו האָסט געאַר־בעט שווער אויף דיין געלט. און פאַרוואָס האָסטו געעפנט אַ גרעסערן שאַפּ און ניט די אַנדערע אַרבעטער? — ווייל ווידער אַ מאָל: ביזט אַ גוטער און שווערער אַרבעטער און דו טויגסט זיך אויס צו פירן אַ פּעק־טאָרי און אַ ביזנעס, און וואָס דו פאַרדינסט איז דיינס. פאַרדינסט מער אַלס באָס, ווייל דיין פיזישע אַרבעט און דיין קאָפּ־אַרבעט איז ווערט אַ סך מער געלט. קויפן, פאַרקויפן און פירן ס'געשעפט דאַרף מען קאָנען!

— נו, פרעג איך דיך, לעיזקע, רעדסטו מיט שכל? וועל איך דיך פרעגן בלויז איין פראַגע, ועסטו מוזן צוגעבן, אַז דיין קאָפּ אַרבעט ניט. און אַט איז מיין פראַגע: לעצטן יאָר האָט ראַקעפעלער פאַרדינט דריי מיליאָן דאָלער, פרעג איך דיך: האָסטו שוין אַמאָל אין דיין גאַנץ לעבן געהערט, אַז אַפילו דער בעסטער אַרבעטער זאָל אַמאָל האָבן פאַרדינט דריי מיליאָן דאָלער, אַפילו ווען ער זאָל אַרבעטן יעדע נאַכט אָווערטיים? האַ, לעיז־קע? דריי מיליאָן דאָלער! און קאַרנעגי פאַרדינט אויך מיליאָנען יעדעס יאָר, און וואַנדערבילט אויך, און אַסטאָר אויך, און שוואַב אויך. נו? וואָס

זאָגסטו איצט? דריי מיליאָן דאָלער אַ יאָר — פון קאָפּ־אַרבעט, צי פון דער פּראַצע פון טויזנטער אַרבעטער?!

— נו, איטשע, דאָס איז עפּעס אַנדערש. זיי האָבן דאָך אָפּגעקויפט קוילן־מינעס און אייזנבאַנען, זיי קויפן ביליק און דערנאָך באַאַרבעטן זיי די מינעס און אַרבעטן־אַרויף די אייזנבאַנען און עס קומט אַרויס אַ סך געלט, אַזוי אַז — — —

— וואָס הייסט זיי באַאַרבעטן די מינעס? רעדסט ווי אַן אמתער אומ־וויסנדיקער אַרבעטער! ז י י באַאַרבעטן די מינעס? — זיי זענען ניט קיין מיינערס. זיי אַרבעטן־אַרויף די אייזנבאַנען? — די טויזנטער מיינערס, זיי באַאַרבעטן די מינעס און די אַרבעטער פירן די באַנען. די קאַפּיטאַליסטן דינגען אויך קאָפּ־אַרבעטער. זיי דינגען אינזשינערן, פּאָבלייט און מע־נעדזשערס. איצט פאַרשטייסטו שוין? דאָס הייסט עקספּלואַטאַציע! אָנ־זאַמלען רייכטימער פון דעם אַרבעטערס פּראַצע. און נאָך אַ זאַך, לעזיקע: וואָס הייסט עפּעס, זיי קויפן קוילן־מינעס און קופּער־מינעס און אייזן־מינעס ביליק? ביי וועמען האָבן זיי געקויפט? ביי די אינדיאַנער? ווער האָט זיי פאַרקויפט דאָס לאַנד? דאָס גאַנצע לאַנד און די גאַנצע ערד, די פעל־דער און די וועלדער האָט דאָך גאָט באַשאַפן, נו, האָבן זיי דאָס אַלץ אָפּגע־קויפט ביי גאָט פאַר אַ ביליקן פּרייז? עס איז אונדזערס, עס באַלאַנגט צום אַרבעטער־קלאַס! אָט־דאָ קומט דער סאָציאַליזם און זאָגט: „רויבער, גיט אָפּ צו די אַרבעטער וואָס איר האָט אָנגעראַבעוועט!" — קלאָר, לעזיקע? אַ קינד קאָן דאָס פאַרשטיין!

— ניין, איטשע, עס איז ניט קלאָר! ווייל וואו האָבן זיי גענומען געלט צו קויפן די ערשטע מינע און די ערשטע אייזנבאַן און... וואו האָבן זיי?

— קלאָץ־קשיות! דו פרעגסט קלאָץ־קשיות ווי אַן אמתער אומוויסנ־דיקער. צוליב אַזעלכע אומוויסנדיקע ווי דו קאָן מען ניט ברענגען דעם סאָציאַליזם. וואו זיי האָבן גענומען? — און וואו האָט אדם הראשון גע־נומען דעם גן־עדן און וואו האָט די באָבע גענומען אַ זיידן?... דעם עיקר, די הויפּט־זאַך זעסטו ניט. ביזט בלינד, קלאָץ־קשיות קאָנסטו פרעגן, ווי אַלע אומוויסנדיקע...

— צוליב מיר קאָן דער סאָציאַליזם ניט קומען; איך לאָז אים ניט?

— אַוודאי, אַוודאי איבער אייך אומוויסנדיקע, וואָס שטייען ביי דער זייט און שטעלן קלאָץ־קשיות, איבער אייך קאָן מען דעם פאַרפוילטן קאַ־פּיטאַליזם ניט אָפּשאַפן און דער אַרבעטער־קלאַס שקלאַפט און ווערט אויס־געריסן און קייט די ערד!

לעזיקע האָט געלאַכט. — ווייסט וואָס, איטשע, איך וועל אינגיכן אַהיימ־

פאַרן און כ׳וועל דיר ניט שטיין אין וועג צו ברענגען דעם סאָציאַליזם.

— וועסט שוין גאָרניט פאַרן אַהיים. אַז מ׳עסט אין אַמעריקע ברויט און פלייש, לאָזט מען דאָ איבער די ביינער, לעיזקע. נו, לאָמיר גיין אַהיים שלאָפן. מאָרגן דאַרף מען שקלאַפן און שאַפן פּראָפיט פאַר מיין באָס.

די דיסקוסיעס מיט איטשען פלעגן צעטומלען לעיזקען. די גאַנצע געשיכטע וועגן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם איז פאַר אים געווען אומקלאָר, צופיל פאַרפּלאָנטערט. אָבער נאָך לאַנגן טראַכטן וועגן דעם עניז, איז ער געקומען צום שלוס, אַז זיין פריינט איטשע איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט.

— דאָ אין אַמעריקע איז דאָך ניטאָ קיין קייסער. אַמעריקע איז אַ פריי און דעמאָקראַטיש לאַנד. אין סקול האָבן די לערער עטלעכע אָוונטן געקנעלט מיט די שילער וועגן דער „דעקלערייש־אָן אָוו אינדעפּענדענס", וואָס זאָגט בפירוש, אַז אין אַמעריקע זענען אַלע געבוירן גלייך. דאָך ווייסט ער, אוי, ווייסט ער, אַז אין אַמעריקע זענען פאַראַן אַ סך, אַ סך מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין דזשאָבס, הונגערן, שלאָפן אין די פּאַרקן און גייען אַרום אין די גאַסן בעטלען.

— און אין דער זעלבער שטאָט זענען פאַראַן אַ סך גבירים, וואָס וואוינען אין פּאַלאַצן, פאָרן אַרום אין פּראַכטפולע קאַרעטעס און לעבן אַ טאָג. עפּעס, באַשליסט לעיזקע, איז ניט יושרדיק אין אַמעריקע. יאָ, איטשע איז דאָך פּאָרט גערעכט, טראַכט לעיזקע, נישטאָ אין אַמעריקע קיין צאַר, וואָס געוועלטיקט און הערשט איבער דער מדינה און איבער דעם פאָלק.

— דאָס פאָלק, הייסט עס, איז דער הערשער אין אַמעריקע. — דאָס הייסט דעמאָקראַטיע. אָבער די מינעס, די פעלדער און וועלדער און אויל־קוואַלן און די פאַבריקן, — און דאָס גאַנצע לאַנד באַלאַנגט דאָך צו די „פיר הונדערט מיליאָנערן", הייסט עס, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק פאַרמאָגט גאָרניט, אַ חוץ דעמאָקראַטיע . . . איז ווי אַזוי קאָן אַ דעמאָקראַטיש פאָלק זיין דער באַלעבאָס און הערשן אין אַ לאַנד, ווען דאָס לאַנד איז גאָר ניט זיינס, ניט דאָס אייגנטום פון פאָלק!

— און טאַקע: וואו האָבן די פאָר הונדערט מענטשן גענומען די מינעס און די פעלדער און וועלדער און אויל־קוואַלן, און די אַנדערע רייכטימער? זיי האָבן דאָך דאָס ניט אָפּגעקויפט ביים אַמעריקאַנער פאָלק! . . . איז דאָך איטשע גערעכט ווען ער זאָגט, אַז דער סאָציאַליזם וועט ניט „צונעמען", נאָר „אָפּנעמען" ביי די רייכע און צוריקגעבן דאָס לאַנד צום פאָלק, דאָס איז דאָך ניט מער ווי יושרדיק! אָבער ווי אַזוי וועט דער סאָציאַליזם „אָפּנעמען"? — די רייכע וועלן דען איינשטימען אָפּצוגעבן?

— ער מוז אויסגעפינען מער וועגן דעם עניז, — באַשליסט לעיזקע.

לעיזקע זוכט אַ דזשאָב

פּלוצים האָט לעיזקע אויסגעפונען, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין דזשאָב ביי זיין פריינט דזשעק באַרנעט.

דזשעק האָט אים פּלוצים געלאָזט וויסן, אַז ער האָט פאַרקויפט דעם גאַראַדזש, ווייל ער איז מיד פון דעם טאָג־טעגלעכן האַנדל מיט די אָרעמע פּעדלערס, און אין פינצטערן גאַראַדזש פילט ער ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ טורמע.

ער האָט געזאָגט לעיזקען, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס איז שוין פאַריבער, און אַז די פאַבריקן רופן שוין צוריק די אַרבעטער צו דער אַרבעט.

דזשעק האָט אים דערציילט, אַז אין לאַנד באַווייזן זיך זיכערע סימנים פון אַ שנעלער און גרויסער אויפלעבונג אין די אינדוסטריען און אין דער וועלט פון האַנדל. שיפן ברענגען טויזנטער עמיגראַנטן קיין אַמעריקע; וואוינונגען וואָס האָבן ביז איצט געפּוסטעוועט, ווערן פאַרדונגען, און אַז עס וועלן באַלד אויספעלן וואוינונגען; און אויך אין די קראָמען איז געוואָרן לעבעדיקער.

דזשעק האָט אים אויך דערציילט, אַז אויף גרויסע שטרעקעס לאַנד אין ברוקלין, וואָס האָבן ביז איצט געפּוסטעוועט, וועלן אינגיכן אויסגעלייגט ווערן גאַסן און טויזנטער הייזער וועלן דאָרט אויפגעבויט ווערן, און אַז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע רייכע און וויכטיקע געשעפטסלייט האָבן דאָרט אינוועסטירט אַ סך געלט. די שותפים זיינע זענען אַלע באַהאַוונט אין די ריעל־עסטייט ביזנעס. זיי וויסן, אַז עס קאָכט זיך איצט אין דער ביזנעס־וועלט וועגן אויפבויען ברוקלין, — טאַקע דערפאַר האָט ער מיט זיינע שותפים געקויפט אַ סך לאַנד פאַר ספּעקולאַציע. ער האָט געראָטן לעיזקען, אַז אַזוי ווי אין אַ וואָך אַרום מוז ער איבערגעבן זיין גאַראַדזש צו דעם נייעם אייגנטימער, זאָל ער, לעיזקע, אַרויספאָרן קיין ברוקלין, וואו מען האָט שוין אָנגעהויבן בויען הייזער, זוכן אַ דזשאָב. ער וועט זיכער געפינען אַ גוטן דזשאָב און וועט זיכער פאַרדינען מער ווי ביי אים ביים פאַרריכטן די צעבראָכענע פּושקאַרטס.

לעיזקע האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט וואָס דזשעק באַרנעט האָט אים דערציילט. די אומדערוואַרטעטע בשורה, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין דזשאָב, האָט אים מער ווי אַ ביסל איבערראַשט, אָבער ער האָט ניט געפילט די מינדסטע זאָרג וועגן זיין עקאָנאָמישער לאַגע.

ער האָט זיך געוואונדערט וועגן זיין גלייכגילטיקייט צו זיין באַלדיקער אַרבעטלאָזיקייט. ער האָט געוואוסט, אַז די עטלעכע דאָלער וואָס ער האָט

אפגעשפּאַרט, זענען ניט קיין גרויסער פּאַרמעגן. ער האָט אָבער ניט גע־פילט דעם מינדסטן שפּור פון דער אומזיכערקייט און הילפלאָזיקייט וואָס האָבן אים געפּלאָגט חדשים לאַנג און עס האָט אים אפילו ניט גע־שראָקן דער געדאַנק פון מעגלעכע נייע הונגער־טעג און פון שלאָפן אויף דער באַנק אין פּאַרק.

אפשר שטאַמט זיין זאָרגלאָזיקייט פון דעם וואָס דזשעק האָט אים אויס־געמאָלן אַזאַ קלאָר בילד וועגן אַן אויפלעבונג אין לאַנד, און אַז דער עקאָ־נאָמישער קריזיס האָט זיך שוין געענדיקט? אפשר? . . . אָבער מיט איין זאַך איז ער געווען זיכער, אַז זיין פּערזענלעכער עקאָנאָמישער און גייסטיקער קריזיס איז פאַריבער.

אין אָוונט האָט ער שפּאַצירט איבער די גאַסן און זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען דעם ריכטיקן ענטפער, די אמתע אורזאַך פון זיין גלויבן, אַז זיין פּערזענלעכער עקאָנאָמישער און גייסטיקער קריזיס האָט זיך געענדיקט.

איז עס אפשר דערפאַר, וואָס זיינע לעצטע עטלעכע זאַטע חדשים האָבן כמעט ווי אָפּגעווישט פון זיין זכרון זיינע הונגער־ליידן? ניין, דאָס איז אוממעגלעך! זיין גאַנץ לעבן וועט ער זיי שוין געדענקען!

אפשר דערפאַר, וואָס דער רייכער, גוט־האַרציקער באַרנעט איז געוואָרן זיין איבערגעגעבענער פריינט און וועט אים זיכער העלפן אין אַן עת־צרה? איז עס אפשר דערפאַר, וואָס פופציק־זעכציק פּושקאַרט־פּעדלערס, מיט וועמען ער האָט געהאַנדלט די לעצטע עטלעכע חדשים וואָס ער האָט געאַרבעט ביי דזשעקן אין גאַראַדזש, זענען געוואָרן זיינע גוטע פריינט וואָס וועלן, אַן צווייפל, אים אַרויסהעלפן, אויב ער וועט זיך נייטיקן אין זייער הילף; צי איז עס אפשר גאָר דערפאַר, וואָס ער ווייסט, אַז אויב ס׳זאָל אים ווידער אויסקומען צו קעמפן קעגן הונגער, ווייסט ער שוין וואו אַ טיר עפנט זיך, און ער קאָן, אויב נייטיק, אָנלאָדן אַ פּושקאַרט מיט „מציאות" און פאַרדינען זיין ברויט. יאָ, ער איז זיכער, אַז ער איז מער ניט אַליין, מער ניט עלנט, מער ניט קיין פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד צווישן פרעמדע מענטשן.

אָבער וועגן נאָך עפּעס, וועגן נאָך אַ וויכטיקער זאַך טראַכט ער מיט באַזונדערן שטאָלץ: די עטלעכע חדשים אין סקול, און זיין פלייסיק שטו־דירן, האָבן אים גוט באַלוינט. ער קאָן לייענען, שרייבן און רעדן ענגליש פליסיק. יעדן טאָג לייענט ער אַ צייטונג און שלינגט מיט גרויס אינ־טערעס די לאַנד־ און וועלט־נייעס, און וויכטיקע אַרטיקלען פון באַרימטע שרייבער. אָט דאָס פאַררעכנט לעיזקע פאַר גאָר אַ גרויסער דערגרייכונג,

וואָס האָט געווירקט אויף אים מיט אַזאַ כּוח, אַז ער פֿילט איצטער אינגאַנצן אַנדערש, ווי יענער לעיזקע פֿון חדשים צוריק.

יאָ, אַפֿילו די מוזיק קאָנצערטן אין פּאַרק, און אַפֿילו די דיסקוסיעס מיט זיין פֿריינט איטשע, האָבן אויך געהאַט אַ חלק אין זיין אַנדערשקייט, אין זיין אויפֿגעוואַכטן נייעם, פֿרישן קוואַל פֿון זיכערקייט אויפֿצונעמען זיין פֿאַרמעסט מיט אַמעריקע . . . ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און געקוקט אויף זיי, און מיט אַ שמייכל געמורמלט: — גאָלדענע הענט, ניט געזאָרגט!

לעיזקע איז אויפֿגעשטאַנען זייער פֿרי, זיך גיך אָפּגעראַזירט, זיך אָנגעטאָן און איז אַראָפּ אין גאַס. אין רעסטאָראַן, וואו ער האָט געגעסן פֿרישטיק, האָט ער געקויפֿט צוויי סענדוויטשעס פֿון געהאַקטע לעבער, אין דרויסן האָט ער געקויפֿט עפּל, אַריינגערוקט די עפּל מיט די סענדוויטשעס אין די קעשענעס, זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דעם טראַמוויי אין דעלענסי סטריט וואָס פֿירט קיין ברוקלין.

דער טראַמוויי איז אַריבערגעפֿאָרן די בריק איבערן איסט ריווער. פֿאַר לעיזקען האָט זיך געעפֿנט אַ נייע וועלט: איין־שטאָקיקע און צוויי־שטאָקיקע הייזקעלעך, אָפּגעזונדערט איינס פֿון צווייטן. ביימער אויף די גאַסן און אַרום די הייזער. וואָס ווייטער ער איז געפֿאָרן, אַלץ ווייניקער הייזער. דאָ און דאָרט זענען אויף אַ ליידיק פֿעלד געשטאַנען ציגן און מעלה־גירהט. לעיזקע איז געזעסן ווי צוגעשמידט צו זיין אָרט, און האָט ניט געקאָנט אַוועקנעמען זיינע אויגן פֿונעם פֿענצטער.

— לעסט סטאָפּ! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופֿן. לעיזקע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ שלאָף. אויף דעם טראַמוויי איז געווען בלויז נאָך איין פּאַסאַזשיר, אַ קורץ־געוויקסיקער מאַן מיט שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן און שוואַרצע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרענדיקט מיט דינע שפּיצן ווי שפּילקעס.

לעיזקע איז אַראָפּגעשטיגן פֿון טראַמוויי, איז געבליבן שטיין און זיך אַרומגעקוקט. פֿעלדער פֿאַרוואַקסענע מיט הויכע גראָזן, ביימער און ביימלעך. ניטאָ קיין טראָטואַרן. ער האָט לאַנג שפּאַצירט. דאָ און דאָרט — אַ פּאַרטיקע הילצערנע הויז. אַביסל ווייטער — דריי מענטשן בויען אַ הויז. ער שטייט און באַטראַכט דאָס נאָך־ניט־פֿאַרענדיקטע הויז. מיט טיפֿן אינטערעס פֿאָלגט ער נאָך די באַוועגונגען פֿון איינעם פֿון די אַרבעטער. אים געפֿעלט ניט ווי אַזוי דער אַרבעטער לייגט ברעט אויף ברעט צו דעקן די דרויסנדיקע ווענט.

— נײן, ניט אַזױ באַהעפט מען די שאַרפע זײטן, װאו די ברעטער פון בײדע װענט פאַרשליסן זיך, — װילט זיך אים אױסשרײען, — אַט־אַזױ, ריכטיק. אַט אַזױ! אַפּהובלען! גלאַט. אַזױ. פאַרזיכטיק, פאַרקריך ניט! היט די שאַרף פון דער ברעט . . . גענוג! װעסט עס איבערפירן! נו, קאַליקע, כ׳האָב דיך געװאָרנט. איצט, ברודער, האָסטו צרות . . . נײן, — רעדט לעיזקע שטיל צו זיך אַלײן, —די טשװעקעס װעלן ניט העלפן . . . ס׳װעט אָפּשפּרינגען. ס׳טויג ניט. אױ ביזטו אַ קאַליקע! . . .

איצט היטן לעיזקעס אױגן דעם צװײטן אַרבעטער.—דער קאָן די מלאכה, — טראַכט לעיזקע. — ער װײסט װאָס ער טוט. אַזױ, אַזױ, גוט, ריכטיק, ריכטיק! מעסט און מעסט נאָכאַמאָל, אײדער דו שנײדסט . . . גוט, אױסגעצײכנט! אָבער, נײן, נײן, ניט דעם האַמער, — װילט זיך אים אױסשרײען, — עס װעלן בלײבן האַמער־צײכנס אױף דער גלאַטער װײכער ברעט! מיט דער האַנט, מיט דער האַנט, זאָג איך דיר! עס װעט אַרײן װי אַ שוך אין אַ קאַלאָש . . . נו, זעסט שױן איצט? האָסט מיט דעם האַמער אײנגעקװעטשט די ברעט אין עטלעכע ערטער. איך האָב דיר אָבער געװאָרנט. נו, פּאַרפּאַלן, װעסט שױן װיסן אױפן צװײטן מאָל!

די זון האָט זיך צעהעלט און אָנגעגליט די לופט. אַ קיל װינטל האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו לעשן די היץ. גראָז־שפּרינגער זענען געשפּרונגען איבער די הױכע גראָזן אױף בײדע זײטן פון דעם שטויביקן װעג. זומער־פײגעלעך זענען אַרומגעפלױגן, זיך באַהאַלטן אין הױכן גראָז, װידער אָנגעפלױגן און ערגעץ פאַרשװאונדן געװאָרן אין דער ריזיקער פוסטער לײדיקײט. מחנות פײגל זענען אַרומגעפלױגן און אָנגעפילט די לופט מיט זײער קולותדיקער צװיטשערײ. קלײנע פליגעלעך האָבן אַזאַ אױפהער געזשומעט אין זײנע אױערן און װי מיט נאָדלען געשטאָכן זײן האַלדז, זײן שטערן און זײנע באַקן. די לופט איז געװאָרן געדיכט און פײכט.

— נו, שױן צײט עפּעס איבערצוכאַפּן, — האָט לעיזקע באַשלאָסן.

ער האָט אײנגעשלונגען זײנע סענדװיטשעס. די עפּל האָבן געשטילט זײן דאָרשט. ער האָט הנאה געהאַט פון זײן לאַנגן שפּאַציר אױף דעם ברײטן, אײנגעטראָטענעם װעג, װאָס האָט זיך געצױגן און זיך געשלענגלט איבער דעם ריזיקן, פּוסטן פלאַכן פעלד, צװישן הױכע גראָזן.

פון ערגעץ האָט אַ הונט זיך בײז צעבילט. פון װאַנען זאָל עס קומען? לעיזקע שפּאַנט האַסטיקער און ער דערזעט אַ הױז אין מיטן פעלד. ער באַטראַכט די געבײדע. גוט געבױט. פריש, ערשט פאַרענדיקט. עס ליגן נאָך אָנגעװאָרפן ברעטער, שינדלען, אַ בערגעלע ציגל און לײטערס. די

ערד אָרום איז נאָך ניט אויסגעגליכט. עטלעכע הויכע, ברייט־צעוואַקסענע ביימער אַרום דעם נייעם הויז. אַ גרויסער, ברוינער הונט אויף אַ קייט, וואָס איז צוגעפעסטיקט צו אַ בוים, בייזערט זיך אויף לעיזקען.

ניט ווייט פון דעם שויין־פאַרענדיקטן הויז בויט מען אַ צווייטע הויז. ער זעט דאָרט בלויז איין אַרבעטער. — מסתם דער אייגנטימער, — טראַכט לעיזקע.

— דאַרפסט אפשר אַן אַרויסהעלפער? איך בין אַ דערפאַרענער בעל־מלאכה. וועסט הנאה האָבן פון מיין אַרבעט.

דער אַרבעטער האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט, אַ וויש געטאָן ביידע הענט אין זיינע אַרבעט־הויזן, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, באַטראַכט לעיז־קען מיט נייגעריקע בליקן און רואיק געענטפערט: — געווים וואָלט ער געקאָנט נוצן אַ גוטן העלפער; אַליין איז שווער. אָבער די עטלעכע דאָלער וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט וועלן אים קוים קלעקן אויף דעם נויטיקן מאַ־טעריאַל.

— אויב ער זוכט אַרבעט, זאָל ער זיך אַריבערכאַפּן קיין באַראַ־פּאַרק. דאָרט בויט מען איצט אַ סך הייזער. אַ גוטער בעל־מלאכה קאָן דאָרט קריגן אַרבעט, מיט לייטישע שכירות.

לעיזקע דאַנקט אים און ער לאָזט זיך גיין אַהיים, אַן אויפגעמונטערטער מיט נייע האָפענונגען. יאָ, ער מוז געדענקען — באַראַ־פּאַרק. ניין, בעסער פאַרשרייבן.

אין דרויסן איז פּלוצים געוואָרן קילער. דאָס שטילע, קילע און אָנגע־נעמע ווינטל האָט פון ערגעץ געקראָגן נייעם כוח און האָט זיך צעוויינ־טעוועט און צעהוליעט.

אין מערב האָט אַ שטיק שוואַרצע כמאַרע זיך באַוויזן אויף דעם לויטערן הימל און האָט זיך צעוואַקסן און צעהוליעט. אַ שוואַרצער געדיכטער רויך האָט פאַרדעקט דעם הימל און די זון. אַ טויטע שטילקייט האָט איינ־געהילט די ערד און אַלעם אַרום. פּלוצים האָט אַ לאַנגע ווייס־בלויע שלאַנג זיך צעשלענגלט און צעציטערט אויף דעם שוואַרצן הימל און איז מיט בליציקער שנעלקייט פאַרשוואונדן אין דעם שוואַרצן כוואַליעדיקן ים. אַ דונער האָט אַ מוראדיקן קראַך געטאָן און מיט בייזע וואָרטשנדיקע און ברומענדיקע קולות זיך אָפּגעקייקלט ערגעץ אין דער ווייטער ווייטקייט.

זיין מזלדיקער רעגן

אומזיסט האָט לעיזקע געוואַרט אויף אַ טראַמוויי. דער לעצטער טראַמוויי איז שוין לאַנג אַהיימגעפאָרן זיך אָפּרוען פון זיין בייטאָגיקער האָרעוואַניע. די ערשטע רעגן־טראָפּנס האָבן אים אַ יאָג געטאָן זוכן שוץ פון דעם אָנקומענדיקן רעגן, וואָס איז שוין ערגעץ אויפן וועג צווישן הימל און ערד.

לעיזקע דערזעט אַ ניט־פאַרענדיקט הויז, וואָס שטייט ווי פאַריתומט אין פעלד, ניט ווייט פון וועג. דער דאַך פאַרדעקט מיט סמאָלע־פּאַפּיר. די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך. די טיר שוין אויפגעהאָנגען אויף די זאַוויעסעס — פאַרשלאָסן.

גרויסע, גראָבע רעגן טראָפּנס פאַלן האַסטיק און שווער פון דעם שוואַרצן אָנגעכמורעטן הימל — אַ מבול.

לעיזקעס קרעפטיקע הענט באַוועגן זיך גיך און אָנטשלאָסן: דאָס ערשטע ברעטל וואָס פאַרדעקט דעם פירעקעכדיקן פענצטער־אויסשניט האָט ער גיך און אָן שוועריקייטן אָפּגעריסן. דערנאָך דאָס צווייטע און דאָס דריטע, און ער איז גיך אַריינגעקראָכן אין הויז אַריין דורך דעם געעפנטן פענצטער.

דער רעגן האָט בייז געפּייקלט איבער דעם סמאָלע־פּאַפּיר דאַך. דונערן האָבן געקראַכט מיט מוראַדיקער קראַפט. די לופט אין הויז איז געווען וואַרעם און פייכט און האָט געשמעקט מיט פריש־צעשניטענע ברעטער. לייסטלעך, שמאָלע און ברייטע, גלאַט־געהובלעטע ברעטער, פענצטער און טירן זענען געלעגן אויסגעלייגט אויפן דיל. ווייסע, קיילעכדיקע און פירעקעכדיקע „סינקס", פעק מיט שינדלען און קליינע, בייכיקע פעסלעך מיט טשוועקעס זענען געלעגן אויף די דילן פון די שוין־צעטיילטע צימערן. וואַסער־ און גאַז־רערן האָבן זיך געצויגן איבער די ווענט, וואָס זענען געווען באַשלאָגן מיט די ברעטער פון דרויסן, נאָר זענען נאָך ניט געווען פאַרענדיקט אינעווייניק.

אין הויז איז געווען טונקל, אָבער לעיזקע באַמערקט אַלעס. זיינע אויגן זענען צוגעוואוינט צו דער טונקלקייט פון די נאָך ניט־פאַרענדיקטע הייזער מיט ברעטלעך־פאַרקלאַפּטע „בלינדע" פענצטער.

לעיזקע צעשמייכלט זיך. ער דערמאָנט זיך, אַז דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער נעכטיקט אין אַ האַלב־פאַרענדיקטער הויז. נאָר יענע הייזער פלעגט ער מיט צאָרעקן און מיט אַנדערע אַרבעטער בויען אין דער אַלטער היים, און דאָס הויז בויען אַנדערע אין אַמעריקע.

אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געגאָסן אַ רעגן. לעיזקע האָט אַרונטערגעצויגן

זיין נאָס רעקל און דאָס אויפגעהאַנגען אויף אַ טשוואָק אין דער וואַנט, און האָט מיט ברעטער פֿאַרשטעלט פֿון אינעווייניק דאָס אָפענע פענצטער, דורך וועלכן ער איז אַריינגעקראָכן אין הויז אַריין. דערנאָך האָט ער זיך אוועק־געזעצט אויפן דיל, זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און איז איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען ליכטיק אין הויז. דער רעגן האָט אויפגעהערט. דורך די שמאָלע שפּאַרונעס פֿון די ברעטלעך־פענצטער האָבן זונשטראַלן זיך אַריינגעשטאָכן.

עמעצער האָט געעפנט די טיר. אַ שטראָם ליכט און קילע פרימאָרגן־לופט האָבן זיך אַריינגעכוואַליעט אין הויז אַריין. שווערע טריט מיט אָפּקלינ־גענדיקע עכאָס האָבן זיך צעטראָגן אין דער ליידיקייט פֿון הויז. לעיזקע האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

אַ הויכער מאַן, אין די מיטעלע יאָרן, אָנגעטאָן אין אַ ריינעם בלויען גאַר־ניטור, מיט אַ שוואַרצן קאַפּעליוש אויף זיין קאָפּ, מיט אַן אונטערגעשוירן בערדל וואָס האָט באַזוימט זיין קיילעכדיקן פּנים, שטייט ניט ווייט פֿון לעיזקען און באַטראַכט אים מיט ברייט־צעעפנטע ברוינע, גוטמוטיקע אויגן.

— גוט מאָרגן! — רייסט לעיזקע איבער די שטילקייט.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר. אַ ייד, האַ? איז ווען האָט איר זיך עס אַריינ־געצויגן אַהער? — האָט ער געפרעגט לעיזקען מיט אַ פריינטלעכן טאָן.

— ס'האָט געגאָסן אַ רעגן נעכטן ביינאַכט, און קיין טראַמוויי קיין ניו־יאָרק איז ניט געגאַנגען, האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, — האָט לעיזקע זיך פאַרענטפערט.

— אמת. דער רעגן האָט געגאָסן כמעט אַ גאַנצע נאַכט, און דער טראַמ־וויי גייט ניט ביינאַכט. נו, האָסטו טאַקע ניט געהאַט קיין ברירה. קיין האָטעלן זענען דאָ ניטאָ. ס'איז טאַקע ניט זייער באַקוועם צו שלאָפן אויף ברעטער, אָבער דאָך בעסער ווי אין דרויסן אין רעגן. מיין נאָמען איז לעווין, שמואל לעווין, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

— און מיין נאָמען איז לעסטער גאָרדאָן.

לעווין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּעסל טשוועקעס.

— איך בין געקומען אַ קוק טאָן צי דער רעגן האָט ניט געטאָן קיין שאָדן, — האָט ער דערקלערט לעיזקען די אורזאַך פֿון זיין וויזיט, — איך בוי דאָס הויז, ס'הייסט בויען בוי איך ניט, איך האָב אָנגעהויבן בויען, איך בין געווען זיכער אַז דאָס הויז וועט אויפגעבויט ווערן, נאָר צוליב אַ וויכ־טיקער אורזאַך בין איך געבליבן שטעקן אין מיטן, און דאָס הויז שטייט אַזוי ניט־פאַרענדיקט, — האָט לעווין כמעט ווי זיך באַקלאָגט.

— מיסטער לעווין, — האָט לעיזקע אַ זאָג געטאָן, — עס וועט ניט צו־

קומען קיין געזונט צום הויז, אויב עס וועט ניט פארענדיקט ווערן. דער דאך איז שוואך. דאס סמאָלע־פּאַפּיר וועט צענעצט ווערן פון רעגן און צעלעכערט ווערן פון דער זון. אַ שאָד די ברעטער, די פענצטער און די טירן, וואָס ליגן דאָ אינעווייניק. איר וואָלט זיי באַדאַרפט פאַרדעקן מיט גראָבע לייוונט.

— יאָ, מיסטער גאָרדאָן, איר זענט טאַקע זייער גערעכט, אָבער וואו האָב איך פאַר דעם? כ׳האָב אַ שפּייז־קרעמל דאָ ניט ווייט. קיין גליקן מאַך איך ניט. שוין איבער אַ יאָר אַז מיינע קונים אַרבעטן ניט אויס קיין גאַנצע וואָכן, מוז איך זיי געבן אויף באָרג. מען קאָן דאָך ניט לאָזן פאַמי־ליעס אָן ברויט, און קינדער אָן מילך. ווען מיינע קונים וועלן אָנהייבן אַר־בעטן גאַנצע וואָכן און מיר באַצאָלן זייערע חובות, ווייסט בלויז איין גאָט. פאַרשטייט איר שוין, מיסטער גאָרדאָן, פאַרוואָס איך קאָן ניט פאַרענ־דיקן דאָס הויז? און פאַרקויפן עס ווי עס שטייט און גייט מיינט דער־לייגן געלט. נו, האָב איך אַ הויז און האָב ניט קיין הויז. ניט אַהער און ניט אַהין. אָבער צוליב וואָס איך דול אייך אַ קאָפּ מיט מיינע פּראָבלעמען וויים איך אַליין ניט. מסתם צוליב פּשוט זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרצן . . . ס׳דוכט זיך אוים אַז עס ווערט גרינגער . . .

לעיזקע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעטאָן זיין רעקל און פאַרקעמט זיינע האָר. מיסטער לעווין איז אים געפעלן, — אַן ערלעכער און פריינטלעכער מענטש. לעיזקעס אַמביציע האָט זיך צעשפּילט.

— מיסטער לעווין, ווען איר וואָלט פאַרענדיקט דאָס הויז, וואָלט איר דאָס געקאָנט פאַרקויפן?

— קונים, מיסטער גאָרדאָן אויף הייזער זענען פאַראַן. ברוקלין וואַקסט. ווען דאָס הויז וואָלט פאַרענדיקט געוואָרן, וואָלט איך עס פאַרקויפט אין איין טאָג און מיט אַ גוטן פּראָפיט דערצו.

— מיסטער לעווין, איך נעם אויף זיך צו פאַרענדיקן אייער הויז. איר וועט מיר באַצאָלן פאַר מיין אַרבעט ווען איר וועט פאַרקויפן דאָס הויז.

שמואל לעווין האָט אויפסניי באַטראַכט לעיזקען, אָבער שוין מיט מער אינטערעס. ער האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף דעם פּעסעלע, אויף וועלכן ער איז געזעסן, איבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און געפרואווט צו באַ־האַלטן זיין איבעראַשונג פון לעיזקעס אומדערוואַרטעטן אָנבאָט.

לעיזקע האָט מיט ברענענדיקן אומגעדולד געוואַרט אויף לעווינס ענטפער.

— איך נעמט זיך אונטער צו פאַרענדיקן דאָס הויז, און איר וועט, — זאָגט איר, — וואַרטן אַז איך זאָל אייך באַצאָלן ווען איך וועל עס פאַר־

קויפן? — האָט לעווין געפרעגט לעיזקען, ווי ער וואָלט זיך עפּעס ניט גע־גלויבט.

— יאָ, — האָט לעיזקע באַטאָנט זיין ענטפער, — איר האָט מיך ריכ־טיק פאַרשטאַנען, מיסטער לעווין.

— און וויפל, מיסטער גאַרדאַן, וועט מיך קאָסטן די מלאכה צו פאַר־ענדיקן דאָס הויז? — האָט לעווין געפרעגט מיט אַ פאַרדעכטיקט שמיי־כעלע.

לעיזקעס מוט איז געשטיגן. עפּעס וואַקסט זיין זיכערקייט, אַז שמואל לעווין איז אַן אמת־ערלעכער מענטש. אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג צו פאַר־ענדיקן דאָס הויז צעגליט זיך אין זיינע אברים, און ער איילט זיך מיט זיין ענטפער.

— זאָרגט זיך ניט וועגן דעם, מיסטער לעווין. מיר וועלן אויסקומען. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך. אויב איר וועט זיין צופרידן ווי אַזוי דאָס הויז וועט פאַרענדיקט ווערן, וועט איר מיר באַצאָלן וויפל איר וועט באַ־שטימען די ווערט פון דער אַרבעט. אויב די אַרבעט וועט אייך ניט געפעלן, דאַרפט איר מיר גאָרניט באַצאָלן.

שמואל לעווין איז איבערראַשט פון לעיזקעס אָנבאָט.

— איר פאַרלאָזט זיך אויף מיין יושר, מיסטער גאַרדאַן? איר קאָנט מיך ניט, און ווייסט מיך ניט, און דאָך זענט איר גרייט מיר צו געטרויען אַזוי פיל?

— יאָ, מיסטער לעווין, איך געטרוי אייך, — ענטפערט אים לעיזקע מיט אַ שמייכל. — איר געטרויט אייערע אָרעמע קונים ברויט און מילך, מעג איך אייך געטרויען.

שמואל לעווין איז גערירט פון לעיזקעס ענטפער. ער קוקט אויף לעיזקען און עס וואַקסט אין אים דער רעספּעקט פאַר דעם אומבאַקאַנטן יונגנמאַן.

— נו, גוט, מיסטער גאַרדאַן, ווילט איר דאָך מסתם, אַז מיר זאָלן זיך דערויף אונטערשרייבן שוואַרץ אויף ווייס?

— ניין, מיסטער לעווין, אייער וואָרט איז גוט גענוג פאַר מיר!

דער שטענדיק געמיטלעכער און שכלדיקער שמואל לעווין פילט זיך אַביסל פאַרלוירן. ער קאָן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס אָט דער פרעמדער איז גרייט אים צו געטרויען, זיך פאַרלאָזן אויף זיין יושר, און זיך באַנוגענען מיט זיין וואָרט, אַנשטאָט אַ געשריבענעם קאָנטראַקט . . . ווער איז ער, דער מיסטער לעסטער גאַרדאַן? וואָס איז ער פאַר אַ מין מענטשן, פרעגט זיך שמואל לעווין אין זיין געדאַנק, און ער באַשליסט ביי זיך, אַז בלויז אַ זייער ערלעכער און געוויסנהאַפטער מענטש, קאָן פאַרמאָגן אַזויפיל צוטרוי

צו אַ צווייטן — איגנאָנצן אַ פּרעמדן מענטשן . . .

— נו, אויב אַזוי, — פּאַרענדיקט שמואל לעווין זיינע מחשבות הויך אויפן קול, — גיב איך מיין האַנט, מיסטער גאַרדאַן, אַז איר וועט ניט האָבן קיין חרטה וואָס איר פּאַרלאָזט זיך אויף מיין יושר. שמואל לעווין קריווּ־דעט חס וחלילה קיינעם ניט.

לעיזקע האָט וואַרעם געדריקט לעווינס אויסגעשטרעקטע האַנט.

— איז ווען, מיסטער גאַרדאַן, פּלאַנירט איר צוצוטרעטן צו אייער אונ־טערנעמונג ?

— מאָרגן, מיסטער לעווין.

— מאָרגן ? זייער גוט, מיסטער גאַרדאַן, און זאָל זיין מיט מזל און מיט ברכה !

לעיזקע האָט אָוועקגעאיילט צו דזשעק באַרנעט אין גאַראַדזש.

— דזשעק, — האָט ער פרייליך אויסגערופן, — כ׳האָב געפונען אַר־בעט. מיין אַרבעט איז בויען אַ הויז אין ברוקלין, ליי מיר אויס אַביסל גע־צייג.

דזשעק לאַכט. — לעסטער, איך דאַרף שוין איצט ניט קיין געצייג. נעם דיר וויפל דו ווילסט. קלייב אויס דאָס בעסטע. ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ פאַרמעגן מיט געצייג. עס וועט דיר קלעקן אויף דיין גאַנץ לעבן. נעם וויפל דו ווילסט, דו גרינער אינדיק ! ביזט אַ וואוילער בחור !

— גוד לאַק טו יו, מאַי באַי ! — האָט דזשעק געדריקט לעיזקעס האַנט.

— ווען דו וועסט זיין אין דעם געגנט, זאָלסטו ניט פאַרפעלן קומען מיך זען. געדענק אַז דו האָסט אַ פריינט מיטן נאָמען דזשעק, פאַרגעס ניט !

אויפן צווייטן טאָג איז שמואל לעווין געקומען זען צי אַלעס איז אין אָרדענונג אין זיין ניט־פאַרענדיקט הויז. ער האָט ניט דערוואַרט, אַז לעסטער זאָל אין איין טאָג קריגן די נויטיקע אַרבעטער, אַפילו ווען ער זאָל האָבן גענוג אָנגעגרייט געלט אָנצוהייבן די אַרבעט אויפן הויז. עס האָט זיך אים נאָך אַלץ ניט געלייגט אויפן שכל, אַז דער מיסטער גאַרדאַן וועט טאַקע האַלטן זיין אָפּמאַך מיט אים. עס האָט זיך אים עפּעס ניט גע־גלויבט, אַז עס איז פאַראַן אין אַמעריקע אַזאַ מענטש, וואָס זאָל בלויז אויפן וואָרט און אַז אַן אָפיציעלן קאָנטראַקט איינשטימען אויף אַזאַ אָפּמאַך. דערצו נאָך זאָל ער איינשימען, אַז ער, לעווין, זאָל אַנטשיידן צי דאָס הויז איז גוט פאַרענדיקט.

אַ גאַנצן טאָג האָט אים געקלונגען אין די אויערן דעם מיסטער גאַרדאַנס רייד : „אויב איר וועט ניט זיין צופרידן מיט דער אַרבעט, וועל איך ביי

אייך גאָרניט פאָדערן. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער יושר". — ער איז גע־וועזן זיכער, אַז דער מיסטער לעסטער גאָרדאָן איז ניט קיין נאַאיוועד מענטש און איז באַקאַנט מיט די אַמעריקאַנער האַרצלאָזע שווינדלער אין דער ביזנעס־וועלט, וואָס זענען פּעאיק אויסצושניידן דאָס האַרץ פון זייער שותּף פאַר געלט. און דאַך איז ער איינגעגאַנגען אויף אַ ביזנעס־דיל אָן עדות און אָן אַ געשריבן וואָרט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געטראַכט וועגן דעם. ער קאָן מיך ניט און ווייסט מיך ניט און ער גלויבט מיר אויף מיין וואָרט און גיט מיר דאָס רעכט צו באַשליסן צי די אַרבעט איז גוט, צי ניט, נאָכדעם ווי ער וועט אַריינלייגן זיין געלט פאַר דער אַרבעט צו פאַרענדיקן דאָס הויז. ס'איז זיין גליק, דעם לעסטערס, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף שמואל לעווין, וואָס וועט בעסער אָוועקגעבן זיין לעצטן דאָלער, איידער צונעמען ביי יענעם אַ פּעני; ער וועט בעסער בלייבן אָן אַ העמד, איידער צונעמען ביי יענעם. אָבער וואָס וואָלט דער לעסטער גאָרדאָן געטאָן, ווען דער שמואל לעווין איז אַ שווינדלער? אַזאַ איינער וואָלט אים געלאָזט פאַרענדיקן דאָס הויז און דערנאָך — גיי לאָך מיך! . . . האַסט עפּעס צו באַווייזן אין געריכט? ער וואָלט מסתמא געלאָפן צו אַ לאָיער, און דער לאָיער וואָלט אים געזאָגט, — אויב עס איז אמת, מיסטער גאָרדאָן, וואָס איר דערציילט מיר, זענט איר אַ בהמה. איר זענט ווערט דעם שטעקן! איר וועט ניט געפינען קיין איין ריכטער אין אַמעריקע, וואָס וועט אָן עדות און אָן אַ געשריבענעם קאָנטראַקט אַפילו וועלן אויסהערן אייערע טענות!

שמואל לעווין איז נאָך לאַנגן טראַכטן געקומען צום שלום, אַז דער מיס־טער גאָרדאָן איז איינס פון די צוויי: אָדער ער איז טאַקע אַן ערנהאַפטער מענטש, אָדער אַן אָרעמאַן, אַ בעל־חלומות, וואָס האָט געשלאָסן אַ ביז־נעס־דיל גלאַט אַזוי, וויסנדיק זייער גוט, אַז ער וועט דאָס ניט דורכפירן, — אַן אָנשטעלן, אַ שפּיל אַזאַ, וואָס באַפרידיקט אים . . .

ווען ער איז צוגעקומען צו זיין הויז איז שמואל לעווין געבליבן שטיין מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, געקוקט אויפן דאַך מיט גרויס איבערראַשונג: כמעט א האַלבער דאַך איז שוין געווען געדעקט, גלאַט, שיין און די שינד־לען האָבן געפינקלט מיט זייער רויט־גרינלעכן אָפּשיין פון דער זון. מיס־טער גאָרדאָן איז געווען פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. ער קלאַפּט מיט זיין האַמער אַזוי פלינק, ווי אַ שוסטער קלאַפּט פלעקלעך אין אַ פאָדעשווע.

איצט איז אים שוין קלאָר געוואָרן דער גאַנצער ענין: לעסטער גאָרדאָן איז א גוט־געשולטער בעל־מלאכה, אַן ערלעכער, ערנהאַפטער און אינטע־ליגענטער מענטש. דער לעסטער גאָרדאָן דערקענט מענטשן מיט איין קוק. ער האָט דערקענט, אַז שמואל לעווין איז אַ מענטש, וועמען מען קאָן גע

טרויעז, אז זיינס אַ וואָרט, זיינס אַ תּקיעת־כּף איז הייליק...

אַ צופרידענער שמייכל האָט אַ שיין געטאָן אויף שמואל לעווינס פּנים. ער איז זיכער, אַז זיין הויז וועט פאַרענדיקט ווערן ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט געפונען אַ יונגן פריינט, אַן ערלעכן מענטשן, מיט וועמען ער וועט דורכפירן זיינע פּלענער, און פּלענער האָט שמואל לעווין פאַרמאָגט אַ סך.

די אַרבעט האָט געבערענט אונטער לעיזקעס הענט. ער האָט געפּיבערט מיט זודיקער ענערגיע. זעקס אַזייגער פּלעגט ער ענדיקן דעם טאָג אַרבעט, זיבן אַזייגער איז ער שוין געזעסן אין נאַכט־סקול. צען מינוט נאָך אַכט איז ער שוין געזעסן אין רעסטאָראַן. אַרום ניין אַזייגער פּלעגט ער פאַרטיק ווערן מיט אַ געשמאַקן מאָלצייט, און ניט זעלטן באַשטעלן צוויי פּאָרציעס. צען אַזייגער איז ער שוין געשלאָפן. און זיבן אַזייגער אין דער פרי איז ער שוין געווען ביי דער אַרבעט. „גוט מאָרנינג, מאַי דיר פרענדס!" — פּלעגט ער אויף ענגליש באַגריסן זיינע האַמערס, זיינע זעגן און הובעלס, — „דיד יו העוו עי גוד נאַיטס רעסט? יעס? ווערי גוד! וועל דהען, לעטס גאָ!"

עס איז אים זייער געפעלן וואָס אַלץ — די ברעטער, די טירן און די פענצטער, געמאַכט אין דער פעקטאָרי מיט מאַשינען, זענען געווען אַזוי פּינקטלעך אויסגעאַרבעט, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אויף זיי אַ קוק צו טאָן. אַלץ האָט אַריינגעפּאַסט. אפילו אַ לערן־יינגל מיט אביסל שכל וואָלט אַן אָנשטרענגונג געקאָנט טאָן די אַרבעט גיך און גוט. ליב איז אים געווען זיין אַרבעט. שטאָלץ איז ער געווען מיט זיין געניטקייט. זיינע דער־פאַרענע הענט האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין טעות. ער האָט ניט גע־דאַרפט קלערן און טראַכטן, ווען ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם ביי דער אַרבעט. ער האָט געוואוסט אין פאָראויס ווי אַזוי עס וועט אַרויסקומען. די שוועריקייטן פּלעגן ביי אים ווערן אַן אַרויסרוף, וואָס פּלעגט זיך ענדיקן מיט אַ טריאומפירנדיקן שמייכל. עס האָט אים אָנגע־הויבן באַנג־טאָן, וואָס די אַרבעט וועט זיך אַזוי גיך ענדיקן. — אַ שאָד, — האָט ער געטראַכט, — וואָס לעווין האָט ניט כאָטש נאָך אַ צען הייזער פאַר אים צו בויען.

גוטע, צופרידענע און זאָרגלאָזע טעג האָבן אים געוואָרעמט און גע־שטאַרקט. איצט, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, איז אפשר צייט צו שרייבן אַ בריוו אַהיים צו צאַדעקן, צו גאָלדעלען און צו אברהם כאַנצעס.

די ערשטע צייט אין אַמעריקע האָט ער אַפילו ניט פאַרמאָגט די נויטיקע צוויי סענט אויף אַ מאַרקע. און וואָס האָט ער זיי געקאָנט שרייבן? אַז ער הונגערט און שלאָפט אויף דער גאַס? דערצו איז נויטיק געווען, אַז אין שטעטל זאָל מען ניט וויסן וואוהין ער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן,

און מ'זאָל דאַרט זיין נאָמען וואָס גיכער פאַרגעסן, ביז עס וועט זיך אָפּ־קילן דער אומגליק מיט רעב וועלוועלען . . . דערצו, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, האָט ער דאָך ניט געקאָנט שרייבן . . . אַביסל יידיש, קוים־קוים, קאַטשערעם מיט לאָפּעטעס, אָבער איצט . . .

איצט. ער וואוינט אין אַ שיינעם צימער. ער אַרבעט ביי זיין אייגענער אַרבעט. ער עסט גוט, איז געזונט און שטאַרק און ער קאָן שרייבן יידיש און ענגליש, לייענט צייטונגען, יידישע און ענגלישע, גייט אין סקול און לערנט גוט. עפּעס, — האָט ער ווידער געטראַכט, — בין איך גאָר אַן אַנדערער לעיזקע. יענער לעיזקע פון זיין שטעטל איז אים עפּעס פרעמד געוואָרן. זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע, די "קוקלעס", די נאַטקעס, און אַפילו אברהם באַנצעס זענען איצט אַזוי ווייט פון אים. ער האָט דערפילט עפּעס אַ פרעמדקייט צו זיי . . . זיין גאַנץ לעבן אין שטעטל, זיינע געשלעגן און דאָס גאַנצע גערעדעריי וועגן אים אין שטעטל איז אים געוואָרן דערווידער. בלויז זיין שוועסטער סאָרקע, און גאָלדע, זענען אים נאָענט, ליב און טייער . . . אַפילו צאָדעק מיט רעבלען, כאָטש ער האָט זיי נאָך אַלץ ליב, זענען ביי אים אויך געוואָרן עפּעס ווי ווייטע, ווייטע קרובים.

שרייבן אַ בריוו צו סאָרקען, אָדער צו גאָלדען, וועט דאָס שטעטל באַלד וויסן וועגן דעם. ניטאָ קיין סודות אין שטעטל. וועט זיך ווידער אָנהויבן אַ גערעדעריי וועגן אים. און ווידער וועט די געשיכטע מיט רעב וועלוועלען אָפּגעפרישט ווערן. וואַרטן! ניט שרייבן! זאָל זיין שטיל ביז די צייט וועט קומען.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד פלעגט שמואל לעווין קומען באַקוקן די אָפּגעטאָנענע אַרבעט. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז לעיזקע איז אַן ערשט־קלאַסיקער בעל־מלאכה, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער וועט מער ניט קומען ביז דאָס הויז וועט זיין פאַרטיק.

אין פינף וואָכן אַרום איז אַלעס געווען פאַרענדיקט ביז צום לעצטן דעטאַל. לעווין האָט שפּאַצירט פון צימער צו צימער. ער האָט באַטראַכט די ווענט, די סטעליע, אַרומגעקוקט די שאַפּקעלעך אין קיך און די שאַפעס אין די שלאָף־צימערן, געעפנט און פאַרמאַכט די טירן און די פענצטער, איז אַרוים אויפן שיינעם גאַניקל, באַטראַכט און אַ טאַפּ־געטאָן די ווייסע פאַרב, וואָס האָט געגלאַנצט אויפן הויז און האָט ווידער געקוקט אויף דעם שיינעם, גלאַטן דאַך. דערנאָך האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו לעיזקען און געזאָגט:

— אויף אַזאַ דזשאַב האָב איך זיך ניט גערעכט! ס'איז דאָס שענסטע הויז אין דעם געגנט. מיסטער גאָרדאָן, איר זענט אַ קינסטלער! איצט

פאַרבעט איך אייך צו מיר אין הויז, וועט איר זיך באַקענען מיט מיין ווייב, מיט מיינע צוויי קינדער און איר וועט ביי מיר שוין עסן וועטשערע. מאָרגן איז פרייטיק, וועלן מיר אייך דערוואַרטן אַרום זעקס אַזייגער אין אָוונט.

שמואל לעווינס הויז, דאָס איינציקע צוויי־שטאָקיקע הויז אויפן בלאָק, איז געשטאַנען אין מיטן בלאָק, איינע פון די אַכט הייזער וואָס זענען געווען אָפּגעזונדערט איינער פון דער צווייטער. אַ צעמענטירטער טראָטואַר האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן בלאָק. די גאַס איז ניט געווען ברוקירט. אויף דער אַנדערער זייט, אַנטקעגן, זענען געשטאַנען צוויי הייזער, איינע אָפּגעזונדערט פון דער צווייטער. ביידע הייזער זענען געווען אַרומגערינגלט מיט הויך־פאַרוואַקסענעם גראָז און הויכע, דיקע ביימער. קיין טראָטואַר איז ניט געווען, בלויז אַן אויסגעטראָטענע סטעזשקע איבער דער גאַנצער לענג פונעם בלאָק. פון פאָרנט, ביי ביידע הייזער, איז דאָס גראָז געווען נידעריק אָפּגעשניטן.

שמואל לעווין מיט זיין זעכצן־יאָריקן בן־יחיד, אייבי, האָבן געוואַרט אויף לעיזקען אויפן ראָג וואו דער טראַמוואַי פלעגט זיך אָפּשטעלן אַרונטערצולאָזן פּאַסאַזשירן און גאַנץ זעלטן אויך אַרויפנעמען פּאַסאַזשירן. לעווין האָט פאָרגעשטעלט לעיזקען פאַר זיין בן־יחיד, אייבי.

אין דעם העל־באַלויכטענעם עס־צימער פון לעווינס וואוינונג, אויפן צווייטן שטאָק (אונטן האָט זיך געפונען די גראָסערי־סטאָר), איז געשטאַנען אַ קיילעכדיקער טיש אַרומגערינגלט מיט בענקלעך. אַנטקעגן טיש, וווייט אָפּגערוקט, איז געשטאַנען אַ לאַנגער קאָמאָד מיט שופלאָדן. אויפן קאָמאָד זענען אויף קיילעכדיקע, אויסגעהעקלטע ווייסע טישטעכלעך, געשטאַנען דריי שיסלען פון געשליפענעם גלאָז, צוויי קלענערע ביי די זייטן און דריי גרעסערע אין מיטן.

אויפן טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטעך, זענען געשטאַנען טעלער, טיפע זופּ־טעלער אויף פלאַטשיקע טעלער, מיט מעסערס, לעפל און גאָפל ביי די זייטן. אין מיטן טיש זענען געשטאַנען גלעזערנע זאַלץ־מעסטלעך און פעפער־מעסטלעך, אַ שיסעלע רויטער כריין, וויין־גלעזלעך, אויסגעשטעלט אין אַ ריי, און אַ פלאַש רויטער וויין און גלעזער. צוויי חלות זענען געלעגן פאַרדעקט מיט אַ ווייסן, פיר־עקעכדיקן טישטעכל מיט זוימען. צוויי ליכט אין זילבערנע לייכטער האָבן געברענט און זיך געשפּילט מיט זייערע רויטלעכע צינגלעך, וואָס האָבן געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ.

— עס פרייט מיך זייער אייך צו קענען, מיין מאַן האָט מיר דערציילט וועגן אייך זייער אַנגענעמע זאַכן, — האָט מיסעס רחל לעווין באַגריסט לעיזקען.

רחל לעווין איז געווען א הויכע, מיט א קיילעכדיקן, פעטלעכן פנים, ברוינע אויגן, ברוינע האר פארקעמט גלאט, מיט א ווייסן שרונט אין מיטן. די צעפ פארפלאכטן און ארומגעדרייט ווי א קיילעכדיקער הויכער קוילעטש ארום דעם קאפ. לעיזקע האט אביסל פארשעמט און איידל א דריק געטאן איר אויסגעשטרעקטע האנט און געזאגט:

— עס איז א פארגעניגן אייך צו קאנען, — און ער האט צוגעגעבן, — אז ער איז זייער צופרידן, וואס ער האט דורך א גליקלעכן צופאל זיך באקאנט מיט איר מאן, וועמען ער שעצט זייער הויך אלס מענטש; און איצט איז ער באמת גליקלעך זיך אויך צו באקענען מיט זיין שיינער פאמיליע.

— און וואו איז אונדזער טעכטערל? — האט מיסטער לעווין א פרעג געטאן.

— זי פוצט זיך נאך, — האט זיין ווייב אים געענטפערט, און טאקע באלד א רוף געטאן: — רבקהלע, מיר ווארטן אויף דיר, קום צום טיש.

— איך קום שוין, מאמע, — האט זיך דערטראגן א מעלאדישע שטים פון א דערבייאיקן צימער.

— אט איז זי! דאס איז מיין בת־יחידה, און דאס, רבקהלע, איז מיס־טער גארדאן. קאנסט איר שוין מיין גאנצע משפחה!

לעיזקע האט א ציטער געטאן. ער האט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און זיך טיף פארנייגט. — ווערי פליזד טו מיט יו, — האט ער שטיל גע־זאגט און זיך צוריק אראפגעלאזט אויפן בענקל. זיין הארץ האט האסטיק געקלאפט.

ווי דורך א חלום האט ער געהערט, אז לעווין דערציילט אים, אז זי, זיין רבקהלע, האט געענדיקט היי־סקול און זוכט א דזשאב, נאר שוין באלד א יאר ווי זי קאן קיין דזשאב ניט געפינען. נאר מילא, ער קאן באשטיין אז זי זאל ניט ארבעטן, — דער זעלבער עושר, זי וועט חלילה ניט הונגערן.

עפעס האט ער געהערט ווי ער אליין האט געזאגט, אז זי איז נאך יונג, זי וועט נאך צייט האבן צו ארבעטן, און אז לעווין האט אים געענטפערט, — וואס רעדט איר, לעסטער, זי איז שוין באלד 19 יאר אלט, — אז אלטע מויד! און אז מיסעס לעווין האט געזאגט, אז זי, אין איר טאכטערס יארן איז שוין געווען א כלה, און רבקהלעס שטים האט אויף א גוטן און זאפטיקן יידיש א קלונג געטאן: — נו, אז איר ווילט פון מיר פטור ווערן, וועל איך אדווערטייזן אין די צייטונגען, אז איך זוך א חתן. און ער, לעסטער, האט באמערקט, אז ער איז אונטערן איינדרוק, אז, ווען זי, רבקהלע, וואלט אריינ־געשיקט איר בילד צוזאמען מיט דעם אדווערטייזמענט, וואלט זי ניט באַ־דארפט לאנג ווארטן, העכסטנס עטלעכע יאר . . . ער איז געווען זיכער,

אז אַלע האָבן געלאַכט, אַז אייבי האָט געפּאַטשט בראַוואָ און אַז רבקהלע האָט געזאָגט מיט אַ געמאַכטן ברוגז: — טהענקס ווערי מאַטש פאַר דהי קאָמפּלימענט!

דערנאָך האָט ער געהערט מיסטער לעווינען מאַכן קידוש. דערנאָך האָט מיסעס לעווין דערלאַנגט אַ פּאַלומעסיק מיט געקאַכטע פיש, וואָס האָבן געשמעקט מיט קנאָבל און פעפער און האָבן געריצט דעם אַפּעטיט. לעס־טער האָט איר געמאַכט קאָמפּלימענטן פאַר אירע פיש.

אָבער דאָס אַלעס איז געווען ווי אין אַ חלום, אין אַ מין הינערפּלעט... אַ גאַנצן אָוונט האָט אים געוועגבערט אַ געדאַנק: — ווי איז דאָס מעגלעך, ווי אַזוי קאָן דאָס זיין, אַז צוויי יונגע מיידלעך זאָלן זיין אַזוי ענלעך איינע אויף דער צווייטער, ווי אַ צווילינג; דיזעלבע בלאָנד רויטלעכע האָר, אפשר זענען רבקהלעס האָר מער בלאָנד; דיזעלבע שיינע, מילדע, בלויע אויגן, אפילו דאָס חן־גריבעלע אין דער לינקער באַק. רבקהלע איז אפשר אַביסל העכער, אַביסל דעליקאַטער געבויט, אָבער דאָס זענען דאָך קליינ־קייטן. די הויפּט זאַך: די ענלעכקייט! ער האָט בגניבה געכאַפּט אַ קוק אויף רבקהן און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער זעט צוויי, — צוויי גאָלדעס; צוויי רבקהס. ניט אַנדערש, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — אַז ער איז קראַנק, אַז ער האָט היץ. אפשר צו־שווער געאַרבעט, צופיל זיך געאיילט מיטן הויז.

— מ׳עסט יויך מיט פאַרפל, געבראָטענע הין, מ׳טרינקט אַ גלעזל וויין.

— מיסטער גאַרדאָן, — דאַכט זיך, אַז מיסטער לעווין רעדט, — לחיים, מיסטער גאַרדאָן, פאַר מזלדיקער פּריינטשאַפט!

אוי, ווי, וואָס האָט ער געענטפערט? אַך וואָס פאַר אַ נאַרישער ענט־פער! אַ, כ׳האָב געזאָגט... ניין, ניט דאָס האָב איך געזאָגט. כ׳האָב גע־זאָגט אָמן! יאָ, כ׳האָב אויך געזאָגט, — לחיים, מיסטער לעווין, פאַר אַ לאַנג־דויערנדיקער און איבערגעגעבענער פריינטשאַפט! נו, ניט אַזוי שלעכט, אַז איך ווייס ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר... אַז עס מישט זיך מיר אין קאָפּ, רבקה־גאָלדע, רבקה, אפשר אהיים פאָרן! ניין! וואָס וועלן זיי דענקען... אפשר אַריינגיסן עטלעכע גלעזלעך וויין... ניין, ס׳פּאַסט ניט... מען טאָר ניט, ניט דאָ...

— מיסטער גאַרדאָן, פאַרזוכט אונדזער קאָמפּאָט, — דאַכט זיך מיסעס לעווין... דאַנקען גאָט, אָפּגעגעסן... איבערגעקומען...

— אַ דאַנק, מיסעס לעווין, פאַר אייער זייער געשמאַקן דינער און אייך אַלעמען פאַר אייער פריינטלעכקייט. — פאַרוואָס איז עפּעס אַזוי שטיל געוואָרן? רבקה און גאָלדע שוועבן פאַר זיינע אויגן...

— און איצט, לעסטער, קומט אַריין אין גאַסט־צימער, וועלן מיר כאַפּן אַ שמועס.

דער גאַסט־צימער איז גרויס און ריין. אַ „דאַבל־סיט" ביי איין וואַנט. צוויי ווייך־געבעטע, גרויסע בענקלעך ניט ווייט פון די פענצטער, און צווישן — אַ גרויסע, הויך־צעוואַקסענע וואַזאַנע, אַריינגעזעצט אין אַ פּעסעלע. ביי דער וואַנט אַנטקעגן דעם „דאַבל־סיט", אַ פייער־פּלאַץ און צוויי בענקלעך ביי ביידע זייטן פון דעם פייער־פּלאַץ. די בענקלעך זענען איבערגעצויגן מיט בלויען פּליוש. און אויפן פייער־פּלאַץ — ביכער. פון דער וואַנט איבער דעם פייער־פּלאַץ שטעקן אַרויס צוויי גאַז־לעמפּלעך און איבער די פייער־ציינגלעך, בייכיקע גלעזערנע קוטשמעלעך, מיט אָפענע קיילעכדיקע מיילער פון אויבן, אַריינגעפּאַסט אין קיילעכדיקע מעשענע שיסעלעך. אין גאַסט־צימער איז קיל. לעיזקע איז דערפרישט. בלויז זיי ביידע: ער און לעווין.

לעווין רוקט אָפּ פון פענצטער איין ברייט בענקל, דערנאָך דאָס צווייטע און רוקט זיי צוזאַמען. ער זעצט זיך און בעט לעיזקען זיך זעצן, און ווען ביידע זיצן שוין באַקוועם אויף די בענקלעך, קוקט לעווין אַריין לעיזקען אין די אויגן און ער זאָגט:

— איך דאַנק גאָט פאַר דעם רעגן יענע נאַכט, וואָס האָט אייך געצוואונגען איבערצונעכטיקן אין דעם ניט־פאַרענדיקטן הויז.

לעיזקע שמייכלט. ער איז מער ניט צעדרודערט. ער הערט און פאַרשטייט קלאָר וואָס לעווין רעדט. ער פילט אינסטינקטיוו, אַז לעווין וויל אים עפּעס פאַרטרויען, עפּעס וויכטיקס. לעווין רעדט ווייטער.

— מיסטער גאַרדאַן, איך גלויב ניט אין קיין ניסים, אָבער די גאַנצע געשיכטע זעט דאָך פאַרט אויס ווי איר וואָלט אַראָפּ פונעם הימל. איך בין זיך פאַר אייך מודה, אַז איר האָט מיך איבערראַשט מיט אייער צוטרויען צו מיר און אָנגענומען מיין וואָרט וועגן אונדזער אָפּמאַך. ניט ווייניקער בין איך געווען איבערראַשט ווען איך האָב אייך געזען אויפן צווייטן טאָג אויפן דאָך אַרבעטן. כ'האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט, און איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, אַז אייער אַרבעט איז גאַרניט אָפּצושאַצן. ביי מיר זענט איר אַ קינסטלער.

— איך קען די אַרבעט, — האָט לעיזקע געזאָגט, — און איך האָב געפילט, מיסטער לעווין, אַז איר זענט אַן ערלעכער מענטש. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר נייטיקט זיך אין מיר, ניט ווייניקער ווי איך האָב זיך גענייטיקט אין דער אַרבעט.

— גוט, זייער גוט. דער שידוך צווישן אונדז ביידע איז, הייסט עס, אַ

לאַגישער און אַ געלונגענער, — האָט לעווין ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון דעם געשפּרעך, — איצט, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן גוט, קאָנען מיר אפשר אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אונדז ביידן. ביי מיר איז דער פּלאַן קלאָר, כ'וועל אים פאַר אייך אַוועקלייגן אַזוי קלאָר ווי איך קאָן. איר דאַרפט מיר ניט געבן אייער ענטפער היינט, איר קאָנט זיך דורכ־טראַכטן, זיך באַראַטן מיט אייערע פריינט, מיט אַ לאָיער, אויב איר ווילט, און דערנאָך מיר לאָזן וויסן אייער ענטפער.

לעיזקעס נייגעריקייט איז געשטיגן.

לעווין האָט פאָרגעזעצט:

—די הויז איז כמעט ווי שוין פאַרקויפט. איך האָב געקראָגן פאַר דעם הויז מער ווי איך האָב דערוואַרט, אַ דאַנק אייער גוטער אַרבעט. אויב איך וועל אייך באַצאָלן פינף הונדערט דאָלער פאַר אייערע פינף וואָכן אַר־בעט, וועט מיר בלייבן אַ גאַנץ אָנשטענדיקער רווח.

— פינף הונדערט דאָלער איז צופיל, מיסטער לעווין, — האָט לעסטער פּראָטעסטירט.

— ניין, איר האָט דאָס ערלעך פאַרדינט, מיסטער גאַרדאָן. און איצט וועגן אַ וויכטיקן פּראָיעקט. איך פאַרמאָג צוואַנציק „לאָטס", אין שכינות מיט דער הויז וואָס איר האָט פאַרענדיקט. איך האָב געקויפט די „לאָטס" מיט דער הילף פון אַ „מאָרטגעדזש", וואָס איך האָב געקראָגן אין דער באַנק. קיין צווייטן מאָרטגעדזש אויף די לאָטס האָב איך ניט געקאָנט קריגן צו פאַרענדיקן דאָס הויז. אָבער איצט, ווען דאָס הויז איז פאַרענ־דיקט און כמעט פאַרקויפט, קאָן איך שוין מיט דעם ביסל מזומן אָנהייבן בויען אַ צווייטע הויז, מיט אייער הילף, אויב איר ווילט.

לעיזקע האָט דערפילט אַ וואַרעמען שטראָם איבער זיין קערפּער.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וועלן, מיסטער לעווין? — האָט ער גיך געענטפערט.

— פאַרוואָס איר זאָלט ניט וועלן, פרעגט איר מיך, ווייל עס איז דאָ אַ פאַרוואָס, מיסטער גאַרדאָן.

לעיזקע איז פאַראינטערעסירט געוואָרן.

— ווייל, פאַרשטייט איר מיך, מיסטער גאַרדאָן, ווייל דאָס ביסל מזומן וואָס איך וועל אַריינקריגן פאַר דער הויז, וועט ניט קלעקן צו באַצאָלן פאַר די בוי־מאַטעריאַלן, פאַר אייערע פולע וועכנטלעכע שכירות און פאַר די שכירות צו איינעם אָדער צוויי אַרויסהעלפער, וואָס מען וועט מוזן באַ־שעפטיקן. איז אויב, מיסטער גאַרדאָן, איר קאָנט און ווילט וואַרטן מיט אייערע שכירות ביז דאָס הויז וועט פאַרטיק און פאַרקויפט ווערן, קאָנען

מיר שוין באַלד אָנהייבן בויען. מיט דעם פּראָפּיט וואָס דאָס הויז וועט ברענגען, וועלן מיר זיך צעטיילן גלייך־אויף־גלייך.

— ווי איר זעט, מיסטער גאָרדאָן, איז מיין פּלאַן אַ איינפאַכער. איך וועל אינוועסטירן מיין געלט, מיין לאָט, און איר וועט אַריינלייגן אייער אַרבעט. אויב איר שטימט איין, איז ניט אויסגעשלאָסן אַז מיר זאָלן בויען מער ווי איין הויז.

— אָבער, מיסטער לעווין, עס קאָן דאָך פּאַסירן אַז דאָס הויז וואָס מיר וועלן איצט אויסבויען זאָל מוזן לאַנג וואַרטן אויף אַ קונה, וועלן מיר בלייבן שטעקן מיט אַ הויז, אָבער אָן געלט.

— וועגן דעם זאָלט איר זיך ניט זאָרגן. מיט קונים איז ניט קיין דאגה. ברוקלין וואַקסט, מיסטער גאָרדאָן. אַ באַווייז, אַז איך האָב פאַרקויפט דאָס הויז וואָס איר האָט פאַרענדיקט, נאָך איידער די פאַרב איז פאַרטריקנט געוואָרן. און געווים האָט אייער גוטע מלאכה אַ סך צוגעהאָלפן.

— איז אַט, לעסטער, איך האָב דאָ בקיצור אַוועקגעלייגט מיין פּלאַן פאַר אייך. טראַכט עס איבער. באַראַט זיך. אויב איר וועט איינשטימען, וועלן מיר ביי אַ לאָיער אונטערשרייבן אַ לעגאַלן פּאַפּיר, און מיר וועלן גלייך אַלעם אַריינפירן אין ביכער, וואָס רבקהלע וועט פירן פאַר עטלעכע דאָלער אַ וואָך.

רבקהלע! — לעזיקע רואיקייט איז צעשטערט געוואָרן. רבקהלע־גאָל־דעלע... עס מישט זיך אים ווידער אין קאָפּ. אַזוי ענלעך... ווי איז דאָס מעגלעך?...

— וואָס־זשע דענקט איר וועגן מיין פּלאַן?

— האַ, וועגן אייער פּלאַן? — לעזיקע איז צערודערט: — פּלאַן, היי־זער, רבקה... גאָלדע... און ער זאָגט ענדלעך, — מיסטער לעווין, פּליז, זייט אַזוי גוט, איך פאַרשטיי... אָבער צוליב קלאָרקייט וועגן, דערקלערט מיר נאָכאַמאָל אייער פּלאַן...

— מיט פאַרגעניגן, מיסטער גאָרדאָן.

— — — — — — — — — — —

אין קיך האָט די מאַמע רחל מיט איר טאָכטער רבקה געוואַשן דאָס געפעס. די מאַמע האָט געוואַשן און די טאָכטער האָט געווישט מיטן האַנטעך און אויסגעשטעלט די טעלער און די שיסלען אין די קיך־שאַפּקעלעך און האָט אַריינגעלייגט די מעסער, לעפל, גאָפּל אין שופלאָד.

— נו, ווי געפעלט ער דיר עפּעס, רבקהלע? — און ניט וואַרטנדיק אויף איר טאָכטערס ענטפער, געזאָגט: — אַזאַ שיינער מאַן. פּעך־שוואַרצע

האר און ברענענדיקע שווארצע אויגן, און אַ פיגור . . . ביזט עפּעס אַ מבין! אַ קראַסאַוועץ און . . .

— יאָ, מאַמע, ער איז זייער אַ שיינער, אָבער אַזאַ שעמעוודיקער. ער האָט דאָך מורא אַ קוק צו טאָן אויף מיר. וואָס האָט ער מורא, איך וועל אים בייסן? — האָט זיך רבקהלע צעלאַכט.

— ש . . . ש . . . שטילער! יאָ, ער איז אַ באַשיידענער מענטש, ניט אַזוי ווי דיינע האַי־סקול חברים, ווילדע, צעלאַזענע לאַשיקעס. ער איז אַן אמתער אַריסטאָקראַט. האָסט געזען זיינע מאַניערן ביים עסן? און קלוג ווי דער טאָג. מוז אַרויסקומען פון אַ פיינער פאַמיליע. רעדט גוט יידיש און ענג־ליש, און אַ בעל־מלאכה אַ קינסטלער, זאָגט דער טאַטע. מיט אַלע מעלות. ווען גאָט גיט עמעצן, גיט ער אים מיט אַ פולער מאָס.

— וואָס רעדן זיי אַזויפיל דאָרטן, מאַמע? וואָס האָבן זיי פאַרמאַכט די טיר פון גאַסט־צימער? גרויסע סעקרעטן!

— טעכטערל, וואָס ביזטו אַזוי אומגעדולדיק? — האָט רחל זי געפרעגט מיט אַ זיס מוטערלעכן שמייכל, — זיי וועלן באַלד אַרויסקומען. און האָב ניט מורא, דער טאַטע וועט אים ביי דיר ניט צונעמען!

— אָ, מאַטהער, יו אַר אימפּאָסיבל! — האָט רבקה אַ צערייצטע אַרויס־געשאָסן, — וואָס מיינסטו, כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט קיין שיי־נעם בחור? און ער וויל דאָך אויף מיר אַפילו ניט אַ קוק טאָן.

— אוי וויל ער ניט! דו נאַריש קעצל, מיינסט אַז מיט אַזעלכע שיינע מיידלעך ווי דו, מיט אַ האַי־סקול בילדונג און מיט אַזאַ טאַטע־מאַמע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָרפט מען זיך? ער וועט שוין קוקן אויף דיר, אוי וועט ער קוקן!

— ווי לאַנג איז ער דאָ אין לאַנד?

— כ׳ווייס ניט. מיר זענען שוין דאָ באַלד צען יאָר. ער מוז זיין ווייַ־ניקער. קיין גרינער, ווייזט אויס, איז ער ניט. און טויג זיך אויס צו גע־שעפט שוין גאַרניט ווי אַ גרינער. מיט אַלע מעלות!

— אפשר איז ער שוין פאַרהייראַט?

— ניין, ער איז אַ סינגל־מאַן. בטרלאָז זיך אויף דיין קלוגן כאָטן, ער ווייסט שוין אַלעם וועגן אים.

די פירמע גאָרדאָן און לעווין

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט לעיזקע ניט געקאָנט איינשלאָפֿן. ווען ער איז אַהיימגעקומען פֿון די לעווינס, איז אים זיין צימער פֿלוצים ענג געוואָרן. ער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפֿן, האָט ער זיך צוריק אָנגעטאָן און איז אַרויס אין גאַס. ער האָט געטרונקען קאַווע און געשפּאַצירט אַ לאַנגע צייט איבער די גאַסן. דערנאָך איז ער ווידער אַרויפֿגעגאַנגען צו זיך אין צימער, זיך אויסגעטאָן און איז אַריין אין בעט. אָבער קיין שלאָף איז צו אים ניט געקומען. אין דער אמתן האָט ער גאָרניט געוואָלט אַנט־שלאָפֿן ווערן. ער וויל טראַכטן, טראַכטן, און נאָך אַמאָל באַטראַכטן וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין פֿינף־און־צוואַנציק יאָריקן לעבן איז ער גע־שטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט אַזאַ ערנסטער פּראָבלעם. געוויינטלעך פֿלעגט ער זייער גיך מאַכן באַשלוסן, אָבער די באַשלוסן וואָס ער פֿלעגט מאַכן בלויז אין עטלעכע מינוט זענען געווען אומוויכטיקע און אָפֿט וועגן כמעט אומוויכטיקע ענינים. אָבער איצט דאַרף ער פֿאַסן אַ באַשלוס וואָס וועט אַנטשיידן זיין גאַנצע צוקונפֿט, זיין גאַנץ לעבן. יאָ, אַ באַשלוס וועגן זיין גאַנץ לעבן . . .

אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער דאַרפֿן לעווינען געבן אַן ענטפֿער. ער ווייסט, אַז לעווינס פּלאַן איז גוט אויסגערעכנט און עס איז זיכער מעגלעך, מיט געדולד און פֿייאיקייטן, דורכצופֿירן דעם פּלאַן. באַלד ווי לעווין האָט אָנגעהויבן צעוויקלען זיין פּלאַן, נאָך איידער ער האָט געענדיקט, האָט ער, לעיזקע, געוואוסט, אַז ער וויל שליסן אַ שותפֿות מיט לעווינען. דער גאַנ־צער פּלאַן איז דער גרעסטער אַרויסרוף צו אים, און אים ווילט זיך זייער, זייער שטאַרק אויפֿנעמען דעם פֿאַרמעסט. וואָס מער ער טראַכט וועגן דעם, אַלץ מער ווערט אים קלאָר, אַז ער, מיט לעווינס הילף, וועט קאָנען בייקו־מען אַלע שטערונגען און שוועריקייטן און עפּעס גאָר־גאָר גרויסע זאַכן קאָ־אַרויסקומען דערפֿון.

עס איז ביי אים ניטאָ דער קלענסטער צווייפֿל, אַז לעווין איז אַן אויפֿ־ריכטיקער און ערלעכער מענטש, מיט אַ סך שכל. עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו האָבן אַזאַ פֿריינט. ער ווייסט אַז לעווין נייטיקט זיך אין זיין, לעיזקעס, אַרבעט, אין זיין דערפֿאַרונג און אין זיין קענטעניש צו בויען הייזער.

ער ווייסט אַז אַזאַ געלעגנהייט מאַכט זיך אפֿשר בלויז איינמאָל אין לעבן. לעיזקע לאַכט. לעווין האָט געזאָגט, אַז ער גלויבט אַז גאָט האָט צוגעשיקט דעם רעגן יענע נאַכט, כּדי ער זאָל זיך באַגעגענען מיט אים, מיט

לעיזקען. אוי, ווען ברודער לעווין ווייסט וואָס דער רעגן האָט אין יענער נאַכט אים געבראַכט! מיטן גאַנצן האַרצן וויל ער, לעיזקע, זאָגן לעווינען: „לעט'ס גאָ! לאָמיר ניט פאַרלירן קיין צייט!" ער ברענט פון אומגעדולד אַנצוהויבן וואָס גיכער: איין הויז, אַ צווייטע הויז און אַ דריטע הויז און נאָך, און נאָך הייזער, איינס נאָכן אַנדערן ... שיינע הייזער ... גוט געמאַכט. עס בייסן אים די הענט.

אָבער ... אויב ער הייבט אָן זיין געשעפט מיט לעווינען, ווייסט ער, אַז ער וועט שוין בלייבן אין אַמעריקע, און גוד־באַי שטעטל! ווער דאַרף דאָס שטעטל? — בייזערט ער זיך אין געדאַנק. — אויף כפּרות דאַרף ער עס! וואָס וועט ער דאָרט געפינען? די זעלבע טיפּע בלאָטעס, די הינטער־געסלעך, אַנגעלייגט מיט מיסט פונעם גאַנצן שטעטל, און חזירים ראַיען זיך דאָרטן.

היינט די רכילות־טרייבער און פּליאָטקע־טרעגער און באַרעדער ... ס'איז ביי זיי איינע פון די גרעסטע פאַרגעניגנס ... וואָס פאַרא גרויסע גליקן וואַרטן דאָרטן אויף אים? און עס איז אויך אַ גרויסע נאַרישקייט זיך איינצושמועסן, אַז דאָס שטעטל וועט פאַרגעסן די געשיכטע מיט רעב וועלוועלען ... אין שטעטל, אַפילו ווען עס זאָל אים געלינגען זיך אַרויס־צודרייען פון נאַטשאַלסטוועס הענט, וועט ער זיין גאַנץ לעבן פאַרבלייבן רעב וועלוועלעס מערדער ...

מען וועט אויף אים טייטלען מיט די פינגער: — אַט איז ער! ... ער קאָן זיין שטעטל, אוי, קאָן ער עס! מען וועט אים אויסמיידן, אויגן וועלן אים שטעכן, וואו ער וועט זיך קערן און ווענדן. מען וועט זיך שושקען:

— ער האָט געהרגעט רעב וועלוועלען!

און גאָלדעלע? ווער ווייסט צי זי וועט וועלן, אַז מ'זאָל זי רופן „גאָלדע לעיזקע דעם מערדערס?" און פאַרוואָס זאָל זי יאָ וועלן? ... בלייבן דאָ אין אַמעריקע און זי אפשר ברענגען צו זיך אַהער? ווער ווייסט, צי זי וועט וועלן איבערלאָזן טאַטע־מאַמע און אירע ברידער? און אַז זי וועט יאָ קומען, וועט זי זיין אַן אייביקע פאַרבינדונג צווישן אים מיט איר פאַמי־ליע, מיטן גאַנצן שטעטל און מיט זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט ... גאָלדע איז ניט פון די מיידלעך וואָס וועט פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ ... זי קאָן קריגן דעם שענסטן בחור, און דעם בעסטן פאַרדינער אין שטעטל ... עס וועט זיין בעסער פאַר איר, איידער דאָס שטעטל זאָל וואַרטשען, אַז זי איז געפאָרן קיין אַמעריקע חתונה צו האָבן מיט לעיזקען, רעב וועלוועלעס מערדער, און דערגיין די יאָרן איר פאַמיליע

ניין, אָפּשניידן, אָפּשניידן! — ווערט פעסטער זיין באַשלוס. פאַר־

ברענען אַלע בריקן . . . צופעליק זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון דעם קנויל, טאָר ער צוריק זיך ניט אַריינפּלאָנטערן . . . לעסטער גאַרדאַן! אַ נייער נאָמען! ניטאָ מער קיין לעיזקע . . . לעסטער . . . לעסטער גאַרדאַן!

די ריעל־עסטייט פירמע „גאַרדאַן און לעווין" האָט אַ נאָמען פאַר איר ראַיעלקייט. דער עלטסטער שותף פון דער פירמע, דער געוועזענער גראַ־סערימאַן, מיסטער סעמועל לעווין, האַנדלט מיט זיינע ריעל־עסטייט קליענטן אויף דעמזעלבן שטייגער ווי ער פלעגט האַנדלען מיט די קאַס־טימערס אין זיין גראָסערי: אַן ערלעכע וואָג, אַ פולע מאָס, קיינמאָל ניט פאַרקויפט קיין צוגעלעגערטע סחורה און קיינמאָל ניט באַריסן זיינע קאַס־טימער.

זיין איידעם, דער אייראָפּעאישער אַרכיטעקט, וואָס קאָן מיט זיינע אייגענע הענט אויפבויען אַ הויז, און אַפילו מאַכן אַליין דאָס שענסטע און בעסטע מעבעל, לעסטער גאַרדאַן, איז איינער פון די פריינטלעכסטע מענטשן. ביי דער פירמע „גאַרדאַן און לעווין" ביזטו דער זעלבער מיוחס, צי דו קויפסט פאַר דריי טויזנט דאָלער אַ הויז, צי פאַר צען טויזנט דאָלער. די פירמע יאָגט זיך ניט נאָך רייכטום און מיידט אויס ספּעקולאַציע.

די פּראָפיטן פון דער פירמע זענען ניט קיין גרויסע, אָבער איר קרעדיט איז אומעטום גוט, אין דער באַנק, אין די געהילץ־געשעפטן און ביי אַלע מיט וועמען די פירמע האַנדלט. גאַרדאַן און לעווין גיבן באַדייטנדיקע ביישטייערונגען פאַר פאַרשידענע אַנשטאַלטן — יידישע און ניט־יידישע.

אויף דעם ערשטן שטאָק וואו עס איז געווען לעווינס שפּייז־קראָם איז איצט דער אָפיס און דאָס וואָרט־צימער פון דער פירמע. אין גרויסן וואָרט־צימער שטייט אַ לאַנגער טיש. אַרום די ווענט — בענקלעך. אויף די ווענט הענגען בילדער פון הייזער געבויט פון דער פירמע. אויפן דיל אַ בלויער, ווייכער ראָג.

פון דעם וואָרט־צימער פירט אַ טיר אין אָפיס פון דער פירמע. אין אָפיס שטייען דריי דעסקס. איין גרויסער דעסק פאַר סעמיועל לעווין, דער פּרעזידענט פון דער פירמע. די צוויי קלענערע דעסקס — פאַר דער סעק־רעטאַרשע און פאַר דעם בוכהאַלטער.

אויף לעווינס דעסק — פאַרשידענע פּאַפּירן און אַ בילד פון זיינע צוויי שיינע און גערעטענע אייניקלעך, — לעסטערס און רבקהס קינדער, אַ ייני־געלע פון דריי יאָר און אַ מיידעלע צוויי יאָר אַלט. זיי זענען לעווינס גרעסטער רווח.

אין וואָרט־צימער פון דער פירמע וואַרטן יעדן טאָג מענער און פרויען

אויף סעמיועל לעווין. אייניקע—וועגן געשעפט, אַנדערע פאַר אַ ביישטייע־רונג פאַר אַ וויכטיקער אינסטיטוציע. אייניקע קומען וועגן אַ דזשאָב, און אַנדערע פאַר אַן עצה. אין אָפיס, אַרום לעווינס דעסק, געפינען זיך שטענדיק מענטשן, פאַרטיפט מיט לעווינען אין אַ געשפּרעך.

אויף דעם צווייטן שטאָק פון דעם הויז־אָפיס וואוינט סעמיועל לעווין מיט זיין ווייב און מיט זייער בן־יחיד, אייב, — אַ סטודענט אין ניו־יאָר־קער אוניווערסיטעט.

דאָ, אין דעם הויז, האָט לעווין געוואוינט, ווען ער האָט אויפן אונטערשטן שטאָק געהאַט זיין שפּייז־קראָם. אין דעם הויז האָט ער אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע זיין ווייב מיט זייערע צוויי קינדער. דאָ, אין דעם הויז האָט ער געשלאָסן זיין שותפות מיט לעסטער גאַרדאָן, און אין דעם הויז האָט זיין טאָכטער רבקהלע זיך באַקענט מיט לעסטערן, איר איצטיקער מאַן און פאָטער פון זייערע צוויי קינדער. אַ מזלדיק, זייער מזלדיק הויז פאַר סעמיועל לעווין מיט זיין פאַמיליע, און ער וועט זיך ניט אַרויסציען פון דעם הויז, אפילו ווען מ׳זאָל אים געבן אַ פּאַלאַץ פאַר האַלב־אומזיסט.

ניט ווייט פון די לעווינס, אין אַ שיינער, צוויי־שטאָקיקער הויז, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט נידעריקע, געדיכטע און גלייך־באַשוירענע ביימלעך, וואוינט לעסטער מיט זיין ווייב רבקה און מיט זייערע צוויי קינדער.

אויפן צווייטן שטאָק געפינען זיך זעקס באַקוועמע צימערן מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען פאַר דער גאַרדאָן פאַמיליע.

אויף דעם אונטערשטן שטאָק געפינען זיך צוויי גרויסע צימערן. איינער איז לעסטערס אַרבעטס־צימער. בייביידע ווענט שטייען מאַסיווע לאַנגע טישן פאַרלייגט מיט אָנגעצייכנטע פּלענער אויף גראָב ווייס פּאַפּיר, — מאָדעלן פאַר פאַרשידענע הייזער, דעליקאַטע אַרכיטעקטן־געצייג און אַ גרויסע עלעקטרישע מאַשין, וואָס קאָן שניידן, שניצן, פורעמען, פיילן, אויסקיילעכיקן, אויסבויערן לעבער און טאָן אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן, בשותפות מיט געניטע, בעל־מלאכהשע הענט . . .

דאָס צווייטע צימער, פּונקט אַנטקעגן דעם אַרבעטס־צימער, אויף דער צווייטער זייט פון דעם אַריינגאַנג, איז לעסטערס וויכטיקער צימער. אויף די ווענט הענגען גרעסערע און קלענערע אָריגינעלע קונסט־בילדער; אַן אויל־פּאָרטרעט פון רבקהן, אַ פּאָרטרעט פון אייברעהעם לינקאָלן און אַ פּאָרטרעט פון דעם פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן.

הארט לעבן איין וואַנט שטייט אַ שאַפע מיט גלעזערנע טירן, אָנגעפילט מיט ביכער, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אָרדענונג אויף די פּאָליצעס.

לעבן דער צווייטער וואַנט — אַ קונציק־אויסגעאַרבעטע שאַפע, ווי אַ קליין הייזקעלע, מיט פענצטער און טירן, אונטער אַ דעכעלע. די שאַפע איז אָנגעפילט מיט פלעשער בראָנפן, קאָניאַק, וויין און גלעזער.

דער קיילעכדיקער טיש, וואָס שטייט אין מיטן צימער, די בענקלעך אַרום דעם טיש, די שאַפעס, די קלענערע טישלעך וואָס שטייען ביי די ווענט מיט דער ברוינער לעדער־אויסגעבעטער סאָפע — דאָס גאַנצע מעבל איז געמאַכט פון גלאַנציקן טיפן וויין קאָליר מאַהאָגאַני האָלץ.

פון אַ ווינקל, אין אַ שמאָל, הויך שאַפקעלע זשומעט אַריין אין צימער אַ גרויסער זייגער מיט זיין ווייכער טיק־טאַק זייגער שפּראַך, און צעקלינגט יעדע שעה מיט אַ זילבערנעם דינעם מעלאָדישן קלינג־קלאַנג און מאַכט קיינמאָל ניט קיין טעות אין חשבון פון אויסציילן די שעהן פון טאָג און פון נאַכט.

די הויכע פענצטער זענען פאַרהאַנגען מיט ווייכע בלויע, סאַמעטענע פאַרהאַנגען. דער גרויסער לאָמפּ הענגט אַראָפּ פון דער סטעליע אין מיטן צימער איבערן טיש, און עטלעכע שטייענדיקע עלעקטרישע לאָמפּן שטייען אין צעוואָרפענער אָרדענונג אין צימער.

דאָס איז לעסטערס גאַסט־צימער. דאָרט פאַרברענגט ער מיט זיינע פריינט און מיט זיין פאַמיליע.

שטיל, רואיק און אַן איבערפולטער מיט פרייד האָט לעסטער גאָרדאָן, דער אַמאָליקער לעיזקע, באַגעגנט יעדן טאָג פון זיין איצטיקן לעבן. שוין פיר יאָר אַז ער איז פאַרהייראַט מיט זייין ליבער רבקהלען. שוין פינף יאָר אַז ער האָט געשלאָסן די שותפות מיט שמואל לעווין. פון אַזאַ גליקלעך לעבן האָט ער אפילו ניט געוואַגט צו חלומען.

זיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, זיין טיפע ליבע און דאַנקבאַרקייט צו זיין רבקהלען, זיין ליבשאַפט צו זיינע קינדער, און זיין זאַט און באַקוועם לעבן האָבן צוביסלעך אָנגעהויבן אויסמעקן פון זיין זכרון זיין אַמאָליקן לעבן.

דריטער טייל

דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה

דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט, וואוד־ראָו ווילסאָן, האָט באַרואיקט דאָס לאַנד מיט פאַרזיכערונגען, אַז ער וועט אָנשטרענגען אַלע זיינע כוחות אָפּצוהיטן די שטרענגע נייטראַליטעט פון לאַנד און אויסמיידן יעדע מעגלעכע געפאַר, וואָס קאָן אַריינציען דאָס לאַנד אין דער אייראָפּעאישער בלוט־באָד. — „אַמעריקע וויל ניט קיין מלחמה", — האָט דער פּרעזידענט פאַרזיכערט.

די מלחמה האָט געבראַכט אַ ריזיקן עקאָנאָמישן אויפשוואונג אין לאַנד. בייטאָג און ביינאַכט האָבן די אַמעריקאַנער אינדוסטריעס געאַרבעט אויס־צופילן די ריזיקע באַשטעלונגען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד פאַר קאַנאָנען, מאַשין־ביקסן, קוילן און ביקסן, און שיפן און טראָקס און אַלערליי אַנדערע נייטיקע מלחמה־מכשירים. די מיליאָנען יונגע און מיטליעריקע מענער זענען אין אייראָפּע געווען פאַרנומען מיט מאַסן־מאָרד אויף די שלאַכטפעלדער. די פעלדער זענען פאַרלאָזט געוואָרן. פרויען און אַלטע מענער האָבן באַאַרבעט אַ טייל פון די פעלדער. אויף אַמעריקע איז אויס־געפאַלן דער גורל צו באַזאָרגן די ריזיקע אַרמייען פון די עלאַיס און אויך די באַפעלקערונג מיט ברויט און אַלע אַנדערע נייטיקע פּראָדוקטן, אַ חוץ מאָרד־אינסטרומענטן.

וואָס לענגער די מלחמה האָט געדויערט, אַלץ מער און גרעסערע פּראָפיטן האָבן זיך געגאָסן אין די זעק פון די אַמעריקאַנער אינדוסטריאַליסטן, ספּעקולאַנטן און געשעפטסלייט . . . די פּרייזן אויף לעבנס־מיטלען און אַנדערע פּראָדוקטן זענען געשטיגן טאָג־טעגלעך. די אַרבעטער האָבן געמוזט ביטער קעמפן פאַר עטלעכע דאָלער מער אויף זייערע וועכנטלעכע שכירות, אָבער די העכערונגען זענען גיך איינגעשלונגען געוואָרן פון די אַרויפגעשרויפטע פּרייזן. וואָס מער בלוט עס האָט זיך געגאָסן אויף די שלאַכטפעלדער, וואָס מער מיליאָנען אַרבעטער אין סאָלדאַטסקע קליידער זענען אויסגעשאָכטן און צעקאַליעטשעט געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל מי־ליאָנערן אין אַמעריקע, וואָס האָבן געריסן הויכע פּראָפיטן פון די פעלקער פון די עלאַיס, וואָס זענען געווען פאַרוויקלט אין דער בלוטיקער מלחמה, — און אויך פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. אויך די הויך־געשולטע אַרבע־טער און פּראָפעסיאָנאַלן האָבן געקראָגן אַ ברעקל פון די מלחמה־פּראָפיטן. וואָל־סטריט האָט צעוויקלט אַליידנשאַפטלעכן און פיבערהאַפטן האַנדל מיט סטאָקס און באָנדס. איבערנאַכט האָבן וואָל־סטריט געמבלערס אריינ־

געשריבן זייערע נעמען אין דעם פּנקס פון די מיליאָנערן. מ׳האָט געבויט פּאַלאַצן. מ׳האָט געהוליעט אויף באַנקעטן. שאַמפּאַניער האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער; עס האָט גערעגנט מיט גאָלד.

יעדן טאָג האָבן די דייטשישע סובמאַרינס געזונקען שיפן אָנגעלאָדן מיט אַמוניציע און אַנדערע פּראָדוקטן, און די אַמעריקאַנער אינדוסטריאַליסטן און ספּעקולאַנטן האָבן צוגעשטעלט — פאַר אַ גרעסערן פּראָפיט — אַנדערע שיפן מיט סחורה. דאָס לאַנד איז באַגליקט געוואָרן... מ׳האָט פּאַראַקערט און פּאַרזייט ריזיקע שטרעקעס פעלדער; מ׳האָט אויסגעהאַקט וועלדער; מ׳האָט געעפנט נייע קוילן- און אייזן-מינעס. מ׳האָט געעפנט נייע אויל-קוואַלן און מ׳האָט געבויט מער און מער פאַבריקן און שטאָל-גיסערייען, שיף-בוי פאַבריקן און פלייש-פּעקטאָרים. די גאַנצע אינדוסטריע פון לאַנד האָט זיך אַ הייב-געטאָן, אַ וואַקס-געטאָן און זיך צעשפּרייט ווי אַ ריז אין יעדער שטאָט און אין יעדן דאָרף. אויף אייזנבאַנען האָט מען געלאָדן און אויסגעלאָדן, טאָג און נאַכט, פּראַכט און פּי און מענטשן-מאַטעריאַל. דאָס לאַנד איז באַגליקט געוואָרן... אין די רייכע נאַכט-קלובן האָט מען גע-הוליעט גאַנצע נעכט. אין די האָטעלן האָט מען געמוזט לאַנג וואַרטן ביז מ׳האָט געקאָנט קריגן אַ צימער פאַר אַ הויכן פּרייז. ספּעקולאַנטן האָבן באַהאַלטן פּראָדוקטן, כדי צו פאַבריצירן אַ קינסטלעכן אויספאַל אויף די פּראָדוקטן און אויפהייבן די פּרייזן. אַ ווילדער גייעג האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד נאָך מער און אַלץ מער פּראָפיטן, נאָך רייכטום, נאָך אַ ווילדן לוקסוס-לעבן.

לעסטער גאָרדאָן און סעמיועל לעווין זענען געווען אַ טייל פון דער קליינער צאָל מענטשן, וואָס האָבן ניט הנאה געהאַט פון דער מלחמה-פּראָספּעריטי. זיי האָבן ניט אַרויפגעשרויפט די פּרייזן אויף זייערע הייזער און אויף זייער אָנגעגרייטן געהילץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זאַפּאַס. זיי האָבן אויך ניט אַרויפגעשרויפט די פּרייזן אויף דירה-געלט אין די הייזער וואָס זיי האָבן פאַרדונגען.

די גרויסע צאָל יידישע אימיגראַנטן זענען צוליב דער מלחמה איינגעהילט געוואָרן אין טיפן טרויער. אַ סך מענער וואָס האָבן געשפּאָרט פּענים און געהאָפט איינגיכן צו ברענגען זייערע פרויען און קינדער קיין אַמעריקע; זין וואָס האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג צו ברענגען זייערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער קיין אַמעריקע, זענען פּלוצים אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייערע פאַמיליעס. אַ טיפע זאָרג פאַר זייערע משפחות האָט זיי געמאַטערט, און די מורא, אַז אויך אַמעריקע וועט אַריינגעצויגן ווערן אין דער בלוט-באָד, איז געשטיגן.

אין די שעפער, אין דער רעסטאָראַנען, אין די היימען, אויף די גאַסן — אומעטום וואו די אימיגראַנטן האָבן זיך באַגעגנט, איז זייער הויפט־גע־שפרעך געווען — די מלחמה. די צייטונגען האָבן געדרוקט בלוט־פאַרגלי־ווערנדיקע באַריכטן פון די שוידערלעכע שחיטות אויף די אייראָפּעאישע שלאַכטפעלדער. די ספּעציעלע מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן פון די גרויסע אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן זיך געפלייסט צו באַשרייבן די מוראדיקע שלאַכטן מיט גרויל־האַפטע דעטאַלן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַ שרעק, אַז אויך אַמעריקע וועט אַריינגעצויגן ווערן אין דער אייראָפּעאישער שחיטה.

פּאַציפיסטן, סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמ־לונגען אין זאַלן און אויף די גאַסן קעגן דער מלחמה. פרומע יידן האָבן געפאַסט און געזאָגט תהילים איבערצובעטן זייער גאָט, וואָס האָט זיך דערצאָרנט און באַשטראָפט זיין זינדיקע וועלט מיט דער שוידערלעכער מלחמה . . .

לעסטער איז ניט געווען קיין אויסנאַם. אויך ער איז אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין דעם צער־ און צאָרן־פּראָטעסט קעגן דעם בלוטיקן שטורעם, וואָס טראָגט זיך אַלץ נענטער צו די אַמעריקאַנער ברעגן. די אָרגאַניזירטע מלחמה־פאַראַדן און די פאַרשטאַרקטע אַגיטאַציע, אַז אַמעריקע זאָל וואָס גיכער אַריינטרעטן אין דער מלחמה, האָבן צעגליט אין אים אַ ביטערע קעגנערשאַפט צו מלחמה און אַ ברענענדיקע שנאה האָט זיך צעוואָקסן אין אים קעגן די אינדוסטריאַליסטן און ספּעקולאַנטן, וואָס זאַמלען אָן ריזיקע רייכטימער פון די בלוטיקע מלחמה־פּראָפיטן.

דעם שאַרפסטן וווייטיק איז זיין לעבן האָט לעסטער געפילט, ווען פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן, ניט־געקוקט אויף זיינע פייערדיקע פאַר־זיכערונגען, אַז אַמעריקע וועט בלייבן נייטראַל, — האָט ער דאָך אַריינגע־צויגן אַמעריקע אין דער בלוט־באָד.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט לעסטער פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין זיינע פּריינט, — דעם האַמער, זעג און הובעל. ער האָט זיך ניט גע־קאָנט קאָנצענטרירן אויף זיין אַרבעט. ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צו די געשעפטן פון דער פירמע. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק מיט מענטשן, וואָס זענען געקומען זיך באַראַטן מיט אים וועגן בויען זייערע הייזער. זיינע הענט זענען געוואָרן שווער און זיי האָבן פאַרלאָרן זייער פלינקייט.

אין די אָוונטן איז אין זיין אַרבעטס־צימער, וואו ער פלעגט אַרבעטן שטונדן לאַנג צוצוגרייטן די פּלענער פאַר די הייזער, געווען פינצטער. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געווען פאַרנומען מיט קאָנפערענצן און מי־

טינגען פון „פּאַציפיסטישן קאָמיטעט קעגן מלחמה", וואָס ער האָט גע־שטיצט מיט גרויסע סומען געלט. אָפט פלעגט ער אין מיטן טאָג אַוועקפאָרן קיין ניו־יאָרק צו אַ וויכטיקער קאָנפערענץ, וואָס דער קאָמיטעט האָט פאַררופן, צו פאַרהאַנדלען נייע אַנטוויקלונגען אין דעם קאַמף קעגן דער מלחמה.

איין ארבעטער נאָכן צווייטן האָט אים פאַרלאָזט, ווייל עס איז פאַר זיי ניט געווען צוגעגרייט קיין ארבעט. דער אָפיס פון דער פירמע האָט זיך צוגעשלאָסן.

עס איז שוין צום דריטן מאָל ווי סעמיועל לעווין לייענט פאַרזיכטיק דעם בריוו וואָס ער האָט דערהאַלטן פון מיסטער ליווינגסטאָן, דעם מע־נעדזשער פון דער באַנק. לעווין איז כמעט זיכער, אַז מיסטער ליווינגסטאָן בעט אים קומען אים זען אין זיין אָפיס אין דער באַנק, היינט צוויי נאָכמי־טיק. אָבער לעצטנס איז זיין זכרון זייער אָפּגעשוואַכט און ער פאַרגעסט אָפטמאָל אָפילו גאַנץ וויכטיקע זאַכן. צו זיין זיכער, אַז ער וועט ניט פאַר־געסן, אָדער פאַרשפּעטיקן, שטייט ער שוין לעבן דער באַנק מיט אַ האַלבער שעה פריער און וואַרט. פּונקט צוויי אַזייגער שטייט ער שוין אין מיסטער ליווינגסטאָנס וואַרט־צימער און ער הערט ווי די סעקרעטאַרין זאָגט אים:

— מיסטער לעווין, גייט אַריין אין זיין אָפיס. מיסטער ליווינגסטאָן וואַרט אויף אייך.

מיסטער ליווינגסטאָן איז זייער פריינטלעך צו אים, פריינטלעכער ווי אַלע מאָל. ער באַגעגנט אים ביי דער טיר, גיט אים די האַנט, רוקט אַרויס אַ באַקוועם בענקל לעבן שרייבטיש, בעט אים זיך זעצן. ער זעצט זיך אליין אויך אַוועק. ער עפנט אַ באָקס סיגאַרס און באַט אַז לעווינען אַ סיגאַר.

— אַ, איר רויכערט ניט? . . . שוין צייט אַז איך זאָל וויסן!

— איז אָט וואָס, מיסטער לעווין, איך ווייס אַז איר זענט אַ פאַרנומענער מענטש, וועל איך ניט אַוועקנעמען אייער צייט מיט אַן אומנייטיקער פאַר־רעדע און קומען צום פּונקט: אונדזער באַנק, ווי איר ווייסט, האַלט דעם ערשטן מאָרטגעדזש אויף אייער פּראָפּערטי אין סאַוט קעי סטריט. איך באַדויער זייער, וואָס מיר קאָנען ניט באַנייען דעם מאָרטגעדזש. און אַלס אייער פריינט מוז איך אייך זאָגן, אַז קיין באַנק וועט אייך ניט געבן קיין מאָרטגעדזש. אונדזער באַנק האָט אייך געגעבן אַזאַ גרויסן מאָרטגעדזש צוליב דער רעפּוטאַציע פון דער פירמע גאָרדאָן און לעווין. עס איז שוין אַ צייט, אַז אייער פירמע בויט ניט, — ווי עס איז צווישן אונדז פאַרשטאַנען געוואָרן, ווען מיר האָבן אייך געגעבן דעם מאָרטגעדזש. פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן קאָנען מיר ניט באַנייען דעם מאָרטגעדזש.

לעווין איז געבליבן קאַלט צו דער גאַנצער רעדע פון מיסטער ליווינג־סטאָן, ווי די געשיכטע מיט דעם מאַרטגעדזש וואָלט צו אים ניט געהאַט קיין שייכות. ער האָט געקוקט גלייכגילטיק אויפן דעסק. דערנאָך האָט ער אַריבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און געזאָגט מיט אַ רואיקן און גלייכ־גילטיקן טאָן, וואָס האָט שטאַרק איבעררראַשט ליווינגסטאָן:

— דאָס שטיק לאַנד איז היינט צו טאָג ווערט כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי צוריק מיט יאָרן, ווען מיר האָבן דאָס געקויפט. איר ווייסט דאָס פּונקט אַזוי גוט ווי איך. ווען מיר זאָלן אַפילו ניט בויען קיין הייזער אויף דעם לאַנד, איז אייער מאַרטגעדזש געזיכערט, קאָן איך ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איר האָט פּלוצים באַשלאָסן אונדז ניט צו באַנייען דעם מאַרטגעדזש.

מיסטער ליווינגסטאָנס פּנים איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן.

— איר פאַרשטייט ניט, מיסטער לעווין? — האָט זיין שטים גע־קלונגען טרוקן, כמעט אויפגערעגט, — ווייל מיר וויסן פאַרוואָס אייער פירמע האָט פּלוצים אָפּגעשטעלט אירע בוי־פּראָיעקטן.

— די רעגירונג, מיסטער לעווין, האָט אונדז אַריינגעשיקט אַ דעטאַלן באַריכט וועגן לעסטער גאָרדאָנס העצעס קעגן דער מלחמה און וועגן די גרויסע סומען געלט וואָס ער ביישטייערט פאַר דער אַנטי־מלחמה פּראָפּאַ־גאַנדע, וואָס ווערט אָנגעפירט איבער דעם גאַנצן לאַנד. דאָס, מיסטער לעווין, איז פאַרראַט און אָפענע הילף אונדזערע שונאים.

— אונדזער באַנק, ווי איר ווייסט, איז אַ פּאַטריאָטישע אינסטיטוציע. די אינטערעסן פון אונדזער לאַנד זענען ביי אונדז וויכטיקער פון דעם גרעסטן ביזנעס־דיל. מיר קאָנען ניט פירן קיין געשעפטן מיט שונאים פון אונדזער לאַנד.

— מיסטער ליווינגסטאָן, איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, — האָט לעווין געזאָגט מיט דער זעלבער קאַלטער גלייכגילטיקייט, וואָס ער האָט געפילט ווען דער מענעדזשער פון דער באַנק האָט פאַר אים אָוועקגעלייגט זיין לעקציע וועגן לעסטערס פאַרראַט און וועגן דעם פּאַטריאָטיזם פון דער באַנק, — יאָ, איך דענק, אַז איך דאַרף אייך אינפאָרמירן, אַז לעסטער גאָר־דאָן איז מער ניט קיין שותף אין דער פירמע: מיסעס רעבעקאַ גאָרדאָן איז איצט מיין שותף אויפן פּלאַץ פון לעסטער גאָרדאָן. די געזעצלעכע דאָ־קומענטן וועגן דעם זענען שוין אין אָרדענונג. אונדזער לאָיער, קאַנינג־העם, וועט מסתם אינגיכן צושיקן צו דער באַנק די נויטיקע אַפידעיוויטס וואָס וועלן באַשטעטיקן די רעאָרגאַניזאַציע פון אונדזער פירמע.

מיסטער ליווינגסטאָנס פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, — האָט ער אַ צופרידענער פאַרזיכערט

לעווינען. — איר זענט אַ פּראַקטישער געשעפטסמאַן, און ווי איך זע, האַלט איר אייערע פינגער אויפן פּולס פון אייער געשעפט. יאַ, אַזוי דאַרף זיין. נו, גוט, איך וועל אייך לאָזן וויסן, אַזוי גיך ווי מיר וועלן דערהאַלטן די נויטיקע פּאַפּירן, און מיר וועלן באַנייען אייער מאַרטגעדזש אַן די מינדסטע שוועריקייטן.

—ניין, איך האָב גיט בדעה צו באַנייען דעם מאַרטגעדזש, מיסטער ליווינגסטאַן, און איר מעגט וויסן, אַז קעמפן קעגן מלחמה, קעגן געפּלאַנטער און אָרגאַניזירטער מענטשן־שחיטה, קעמפן פאַר שלום אויף דער וועלט, — איז ריינער פּאַטריאַטיזם . . . גאָטס געבאָט ! מענטשן־ליבע . . . דאָס איז, דאָס איז . . . יאַ, גאַנץ באַשטימט: דאָס איז עס . . . און זייט מיר מוחל, מיסטער ליווינגסטאַן, וואָס איך נעם ביי אייך צו אַזויפיל צייט. און נאָך אַ זאַך וואָס איר וואָלט געמעגט וויסן, אַז די טעטיקייטן פון מיין איידעם, לעסטער גאַרדאַן, זענען מיר טייערער ווי מיינע ביזנעס . . .

מיסטער ליווינגסטאַן איז געבליבן זיצן, זיך ניט גערירט פון אָרט און נערוויכערט זיין ציגאַר. — „אַזעלכע וואוילע און גוטע מענטשן, די לעווינס און די גאַרדאַנס", — האָט ער געטראַכט, — „זייער פעאיקע געשעפטסלייט און טאַלאַנטפולע בויער. אָבער זיי פאַרשטייען ניט, אַז פעאיקייטן, פּריוואַט־שאַפט און ערלעכקייט אין געשעפט זענען בלויז נויטיקע אייגנשאַפטן און קלוגע טאַקטיק, אָבער אריינשלעפן דעם געוויסן אין געשעפט, דאָס טאָר מען ניט. געוויסן — דאָס איז אַ מענטשנס פּריוואַטער אייגנטום. און אריינגעמען דעם געוויסן אין די ביזנעס — דאָס טאָר מען ניט. אויב די ביזנעס באַזיגן דעם געוויסן, בלייבט מען אַן אַ געוויסן, אָבער אויב דער געוויסן באַזיגט די ביזנעס, בלייבט מען אַן ביזנעס, ווי די לעווינס און די גאַרדאַנס. ניין, געוויסן און געשעפט זענען צוויי באַזונדערע זאַכן".

מיסטער לעווין איז געגאַנגען אַהיים אַ צופרידענער. ענדלעך האָט ער אַפּיציעל געמאַכט די אָפּעראַציע — אַלעס פאַרקויפן. אויס מאַרטגעדזשעס. אויס ביזנעס! פאַרקויפן און צעטיילן דאָס ביסל מזומן גלייך אויף גלייך: אַ העלפט לעסטערן און רבקהלען מיט די קינדער, און אַ העלפט פאַר זיך. אויב גאָט וועט אים העלפן און זיין זון וועט צוריקקומען פון דער מלחמה, וועט מען דעמאָלט זען. יאַ, ער וועט ניט גיין אַהיים. ער וועט צוגיין צו לעסטערן און רבקהן און זיי דערקלערן וועגן זיין פעסטן באַשלוס. זיי וועלןביידע זיין צופרידן. איבערהויפּט לעסטער, וואָס איז פּאַקטיש מער ניט פאַראינטערעסירט אין די ביזנעס. יאַ, ער איז זיכער, אַז זיין באַשלוס איז אַ פּראַקטישער און אַ נויטווענדיקער. דאַנקען גאָט וואָס זיין שכל דינט אים נאָך אַזוי גוט.

לעסטער אין טורמע

ביי לעסטערן אין הויז האָט ער אַ חוץ רבקהלען אויך געטראָפן מיסטער און מיסעס פרענק. מיסטער פיליפּ פרענק איז דער בוכהאַלטער פון דער פירמע „גאַרדאַן און לעווין” זינט די פירמע איז אָרגאַניזירט געוואָרן. לעווין האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק, וואָס אינמיטן מאָנטיק זאָל מיסטער און מיסעס פרענק קומען מיט אַ וויזיט צו זיין טאָכטער. ער האָט זיך אָבער קאָנטראָלירט און ניט אַרויסגעוויזן זיין איבערראַשונג.

— וואו איז לעסטער? — האָט ער מיט געמאַכטער רואיקייט געפרעגט רבקהן, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרבאַרגן איר נערוועזיטעט.

— לעסטער? — האָט רבקה געענטפערט מיט אַ פראַגע, — לעסטער איז אין „דזשייל”.

— וואָס טוט ער אין דזשייל? — האָט לעווין געפרעגט שפּאַסיק, כדי צו באַרואיקן זיין טאָכטער און אויך זיך אַליין.

— ער וואַרט, אַז אונדזער לאַיער קאָנינגהעם זאָל אים אַרויסנעמען „אויף בעיל”, — האָט רבקה געענטפערט.

פון רבקהס רואיקייט האָט לעווין פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט ערנסט, אפשר אַ מיספאַרשטענדעניש, און ער האָט ווידער שפּאַסיק געפרעגט, — דענקסט, אַז מען וועט אים אַרויסלאָזן אויף בעיל, נאָך דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן?

—טאַטע, פון וואַנען ווייסטו? ווער האָט דיר דערציילט?

— איך ווייס גאַרניט, טאָכטער, — האָט לעווין שוין ערנסט געזאָגט, — וואָס האָט פּאַסירט?

— פיליפּ, — האָט רבקה זיך געווענדט צו מיסטער פרענק, — דערצייל דו וואָס ס'האָט פּאַסירט.

— איך האָב געהאַט פיר טעאַטער־בילעטן צו אַ בייטאַניקער אויפפירונג, האָב איך איינגעלאַדן לעסטערן מיט רבקהן, — האָט פיליפּ דערציילט לעווינען, — נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין קעיס רעסטאָראַן. מיר זענען געזעסן ביי אַ טישל און געשמועסט און געגעסן. ניט ווייט פון אונדז זענען געזעסן ביי אַ טישל אַ יונגער בחור מיט אַ זייער שיינער יונגער מיידל. זיי זענען געווען פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך. מיר האָבן אַלע געשפּאַסט אויף זייער רעכענונג. איך האָב געזאָגט, אַז ער דערקלערט זיך איר אין ליבע. לעסטער האָט ניט איינגעשטימט מיט מיר. לויט זיין מיינונג זענען זיי שוין פאַרהייראַט, נאָר מען האָט אים געדרעפּטעט,

פאַרברענגען זיי זייער לעצטן אָוונט צוזאַמען און ער טרייסט זי, אַז ער וועט באַלד צוריקקומען, ווען זיי האָבן דעם שענסטן „האַנימון".

— דערווייל האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן דעם נאַציאָנאַלן הימן און אַלע האָבן זיך נאַטירלעך אויפגעשטעלט, אַ חוץ דעם יונגן פּאָרל. זיי זענען געווען אַזוי פאַרטאָן אין זייער געשפּרעך, אַז זיי האָבן אפילו ניט געהערט דעם אָרקעסטער. דער עולם אין רעסטאָראַן, ביי די טישלעך, האָט אָנגעהויבן וואָרטשען. איך דענק אַז אייניקע זענען געווען שיכור. דאָס פאַרליבטע פּאָרל האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז דאָס וואָרטשעט מען וועגן זיי, ביז איינער, — איך קאָן שווערן אַז ער איז ניט געווען ניכטער, — האָט אויסגעליידיקט זיין גלאָז וואַסער אויפן יונגן בחורס קאָפּ און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. אפשר צוואַנציק מענטשן האָבן געשלאָגן דעם בחור.

— ער און דאָס מיידל האָבן זיך גוט פאַרטיידיקט, — האָט מיסעס פרענק אונטערבראָכן איר מאַן, — כ'האָב אַליין געזען ווי דאָס מיידל האָט איינעם אַזוי ריכטיק צעקראַצט זיין פּרצוף.

— מיסטער לעווין, — האָט פּיליפּ פאַרגעזעצט, — מיר זענען אַלע געזעסן ביי אונדזער טישל און זיך ניט געמישט. לעסטער איז געזעסן לעבן מיר ווען עס האָט פּאַסירט.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט לעווין געפרעגט אומגעדולדיק.

— פּלוצים האָט פון אַ טיש זיך אויפגעהויבן אַ ריז, אַ ריז, זאָג איך אייך, איבער זעקס פוס הויך, מיט אַזעלכע ברייטע פּלייצעס, מיט אַ גרויסן גלאַטן קאָפּ און אַ פעטן אָנגעבלאָזענעם פּנים. איך האָב גוט באַמערקט זיין פּיזיאָנאָמיע.

— איך האָב אים אויך גוט באַמערקט, — האָט מיסעס פרענק געזאָגט.

— אין מיינע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ גאָרילע.

—די גאָרילע האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פלאַש פון טיש, — האָט פּיליפּ פאַרגעזעצט מיט פאַרדרוס, — און אַ זעץ געטאָן מיט דער פלאַש איבער דעם יינגלס קאָפּ און דאָס יינגל איז געפאַלן אויפן דיל ווי אַ שטיין און זיך באַגאָסן מיט בלוט. און דעמאָלט, מיסטער לעווין, איז לעסטער אַרויפגע־שפּרונגען אויפן טיש און פונעם טיש האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אפשר צען פיס. איך איבערטרייב ניט, מיסטער לעווין, אפשר צען פוס! דער גאָרילע האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער פלאַש איבער לעסטערס קאָפּ. כ'האָב שיעור געחלשט פון שרעק. אָבער, מיסטער לעווין, — איז פּיליפּס אויפרעגונג געשטיגן, — איך האָב נאָך אַזעלכעס אין מיין גאַנצן לעבן ניט געזען...

— וואָס האָסטו ניט געזען? לעסטער האָט געקראָגן מיט דער פלאַש איבערן קאָפּ? דערצייל, פּיליפּ.

לעווין איז געזעסן און געקוקט אויף פיליפן און שווער געאָטעמט.

— ניין, ניין, לעסטערס פויסט האָט אַ זעץ געטאָן איבער דער גאַרילעס מאַרדע, איך שווער אייך, כ׳האָב נאָך אַזעלכעס ניט געזען. איינס, צוויי, דריי און דער גאַרילעס מאַרדע האָט אויסגעזען ווי רויע סטייק. אין איין מינוט איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד און דערנאָך זענען אַלע שלעגער געפאַלן ווי פליגן, ווי די פליגן, זאָג איך אייך, זענען זיי געפאַלן, מיסטער לעווין. לעסטער האָט זיי אַוועקגעלייגט איינס נאָכן צווייטן, אַזוי ווי אין די מאָוויס, אַ קנאַק מיטן פויסט און איינער ליגט אויף דער ערד; אַ זעץ, נאָך איינער אויף דער ערד . . . זיי זענען געלעגן אויסגעלייגט ווי הערינג אין אַ פאַס . . .

—ס׳איז אמת, מיסטער לעווין, ס׳איז אמת, — האָט מיסעס פרענק באַשטעטיקט וואָס איר מאַן פיליפ האָט דערציילט, — איר האָט שוין איינמאָל אַן איידעם, אַן אמתער העלד! געבענטשט מיט אַלע מעלות . . . שוין איינמאָל אַן איידעם!

— יאָ, — האָט מיסטער לעווין געזאָגט, — אפשר אַ פּאָר מעלות צופיל. נו, און וואָס איז געוואָרן?

— גאָרניט. די פּאָליציי איז געקומען און אַרעסטירט לעסטערן מיט עטלעכע שיכורים, וואָס האָבן געשלאָגן דעם בחור.

מיט צוויי שעה שפּעטער זענען זיי געזעסן אין לאָיערס אָפיס: מיסטער לעווין, לעסטער און זיין ווייב רבקה.

דער לאָיער, אַ מענטש אין די פופציקער, העכער פון מיטעלן וואוקס, מיט קורצע געקרייזלטע האָר, גרוי ביי די שלייפן, מיט דיקע אויגנגלעזער, איז געזעסן ביים דעסק און אַדרעסירט די פּאַרזאַמלטע, ווי אַ פּראָפעסאָר לייגט אויס זיין לעקציע פאַר זיינע סטודענטן:

— דער דיסטריקט אַטוירני איז איינער פון מיינע נאָענטסטע פריינט. ער פאַרזיכערט מיר, און איך האָב ניט קיין אורזאַך אים ניט צו גלויבן, אַז צען עדות וועלן אויפטרעטן קעגן אייך, לעסטער, און וועלן שווערן, אַז איר האָט באַליידיקט די אַמעריקאַנער פאָן, — האָט דער לאָיער גערעדט מיט וואָרעמקייט. — איך ווייס, אַז זיי וועלן שווערן פאַלש. איך ווייס, אַז איר, לעסטער, וועט אַזאַ זאַך ניט טאָן. אָבער מיר וועלן דאַרפן קעמפן קעגן צען עדות. און דער מענטש, וואָס איר, לעסטער, האָט, ווי איר אַליין לייקנט ניט, עפעקטיוו אַנטוואָפנט פון דער פלאַש, איז אַ וויכטיקער מענטש. ער איז איצט אין שפּיטאָל אין אַ זייער ניט־באַקוועמען צושטאַנד. און די פּובליסיטי וואָס איר וועט קריגן איז ניט ווינשנסווערט, אונטער קיינע אומשטענדן. אויב איר וועט געפונען ווערן שולדיק איז מעגלעך, אַז זיי

וועלן פּרובירן אַוועקנעמען פון אייך אייער בירגערשאַפט. אומלאָיאַליטעט! און די צייט איז ניט קיין נאָרמאַלע. די נערוון זענען צערייצט און די מוחות צעהיצט. אַלע מעגלעכקייטן מוזן גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט. מ'דאַרף, ווי איך דענק, שליכטן דעם ענין אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן. דער דיסטריקט אַטורני איז מיינער אַ פריינט און ער וועט איינגיין דערויף. עס וועט הייסן, אַז אַ שיכור האָט באַליידיקט אייער פרוי. עס האָט אויסגע־בראָכן דאָס געשלעג און אומשולדיקע מענטשן זענען באַשעדיקט געוואָרן. נאַטירלעך, אַז דאָס וועט קאָסטן געלט, אַ סך געלט, אָבער ס'איז ווערט. אָט דאָס איז מיין מיינונג.

— און איצט, לעסטער, וועגן דעם וואָס איר באַשטייט דווקא איצט אַרויסצופירן אין געריכט די גאַנצע געשיכטע: דעם אָנפאַל אויף דעם יינגן מענטשן, אייער קעגנערשאַפט צו דער מלחמה, און אַז דער רעזולטאַט פון דער מלחמה איז, אַז פרידלעכע מענטשן ווערן פאַרוואַנדלט אין בלוט־דורשטיקע חיות, ווייל איך אייך קלאָר מאַכן: ניט־געקוקט אויף דעם וואָס איך שטים ניט איין מיט אייך, בין איך גרייט צו פאַרטיידיקן אין געריכט אייערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט אויף אייער מיינונג. אָבער מיין עצה איז, איר זאָלט פאַר דעם צוועק געפינען אַ בעסערע פּאָזיציע, ווייל, ערשטנס וועט דער ריכטער ניט דערלויבן אַריינצוברענגען אין אייער איצ־טיקער פאַרטיידיקונג אַנדערע ענינים. דער ריכטער וועט אַוועקשטעלן פאַר אונדז קאָנקרעט די פראַגע, צי איר האָט יאָ אָדער ניט באַליידיקט די אַמע־ריקאַנער פאָן, און דאָס אַלעס. און אויב ער זאָל אייך יאָ דערלויבן צו מאַכן אייער דערקלערונג וועגן אייער פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט צו דער מלחמה, וועט איר דערמיט בלויז פאַרשטאַרקן די אָנקלאַגע קעגן זיך. איר וועט באַוואָפענען די אָנקלאַגע מיט דער אורזאַך פאַר באַליידיקן די פאָן, און איר וועט אַריינמאַניעווירן דעם ריכטער אין אַ לאַגע, אַז ער וועט אייך מוזן געפינען שולדיק. אַלס אייער פריינט און לאַיער ראָט איך אייך קעגן אַזאַ שעדלעכער טאַקטיק.

— עס איז פיל קליגער אָנצונעמען דעם פּלאַן פון דער פאַרטיידיקונג, ווי אַזוי דער דיסטריקט אַטורני און איך האָבן עס שוין אויסגעאַרבעט: עמעצער אין רעסטאָראַן האָט באַליידיקט אייער פרוי. איר האָט ניט גע־וואָלט ליידן, און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטיקל געשלעג. אַזעלכע זאַכן פּאַסירן טאָג־טעגלעך. עס קאָן זיין, אַז דער ריכטער וועט אייך באַשטראָפן העכסטנס מיט צען דאָלער פאַר שטערן די אָרדענונג און אפשר דאָס אויך ניט. פאַרגעסט ניט, לעסטער, אַז זיי ווילן אויך דערשטיקן די סקאַנדאַלן און געשלעגן, וואָס קומען פאָר אין עפנטלעכע פּלעצער צווישן מלחמה־

פּאַטריאָטן און די קעגנער פון מלחמה. זיי זענען פאַראינטערעסירט, אַז אַלעם זאָל אויסזען גלאַט.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אין דעם פּראַכטפול־אויסגעמעבלירטן זאַל פון דעם קלוב־הויז געזעסן דער לאָיער קאַנינגעהם, דער דיסטריקט אַטורני און דער ריכטער און געשפּילט קאָרטן. דער לאָיער האָט קונציק פאַרשפּילט גרויסע סומען געלט.

— פּאַרזיכטיק, קאַנינגהעם, — האָט דער ריכטער געוואָרנט דעם לאָיער, — אַז ניט וועסטו היינט אַוונט פאַרלירן דיינע הויזן . . .

— דזשאַדזש, — האָט דער לאָיער געענטפערט אין אַ גוט־ברודערישן, אָבער זייער העפלעכן טאָן, — ווען איך שפּיל מיט מיינע גוטע פריינט האָב איך הנאה אַפילו ווען איך פאַרליר צו זיי.

— האָסט פון וואַנען צו פאַרלירן, קאַנינגהעם, — האָט דער דיסטריקט אַטורני זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך. — האָסט פאַרדינט גאַנץ היפּש־לעך פון לעסטער גאָרדאָנס קעיס.

— לעסטער איז איינער פון מיינע פריינט, און איך בין דער לאָיער פון דער פירמע „גאָרדאָן און לעווין" שוין אַ לאַנגע צייט, אַ פירמע מיט אַן אויסערגעוויינלעך הויכער רעפּוטאַציע.

— טאַ ווי קומט ער צו זיין פאַרמישט אין אַזאַ קעיס ? — האָט דער ריכטער געפרעגט, מישנדיק די קאָרטן.

— ער איז אַ סאָציאַליסט און אַ קעגנער פון קאַפּיטאַליסטישע מלחמות, כאָטש ער אַליין איז נישט קיין אָרעמער קאַפּיטאַליסט, — האָט דער דיסטריקט אַטורני זיך אָנגערופן.

— אַ סאָציאַליסט ? — האָט דער ריכטער געפרעגט, — טאַ פאַרוואָס פאָלגט ער ניט וואָס זיין פירער לערנט אים ? דער סאָציאַליסטישער קאָנ־גרעסמאַן פון ניו־יאָרק האָט דאָך געשטימט „פּרעזענט", ווען דער קאָנגרעס האָט דערקלערט קריג קעגן דייטשלאַנד . . . דאָס איז קלוגע פּאָליטיק. ער האָט ניט געשטימט פאַר דער מלחמה און צופרידנגעשטעלט די פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער מלחמה. ער האָט אָבער גלייכצייטיק אויך ניט געשטימט קעגן דער מלחמה און דערמיט צופרידנגעשטעלט די מלחמה־פּאַטריאָטן. זייער אַ קלוגע פּאָליטיק . . .

— דערפאַר טאַקע איז דער קאָנגרעסמאַן איצט אויפן פייער, — האָט דער דיסטריקט אַטורני געזאָגט מיט אַ שמייכל. — די עכטע סאָציאַליסטן, די וואָס זענען קעגן קאָמפּראָמיסן ליאַרעמען, אַז ער פאָרט אויף צוויי פערד: אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן פערד מיט אַ מלחמה־פאָן, און גלייכצייטיק אויף דער סאָציאַליסטישער קליאַטשע מיט אַ רויטער פאָן.

— און דער לעסטער גאַרדאַן, — האָט דער ריכטער געזאָגט מיט אַן ערנסטן ריכטערישן אָנשטעל, — פאַרט, הייסט עס, נאָר אויף איין פערד: פריער אויפן קאַפּיטאַליסטישן און איצט אויף דער סאָציאַליסטישער קליאַטשע. וואָס־זשע האָט ער פּלוצים געביטן זיינע רייטפערד?

— דזשאָדזש, — האָט קאַנינגהעם געענטפערט, — פּרעזידענט ווילסאָן איז דאָך אויך געווען קעגן אריינטרעטן אין דער מלחמה, און פונדעסטוועגן האָט ער געביטן זיין מיינונג. ערנסטע אומשטענדן ענדערן אָפט די מיינונגען און אפילו די לעבנס פון די ערנסט־דענקנדיקע מענטשן. מיסטער גאַרדאַן איז אַ מענטש וואָס נעמט זייער ערנסט זיינע איבערצייגונגען. איך קען אים זייער גוט.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט דער ריכטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ביזט גערעכט, קאַנינגהעם, און האָסט שוין ווידער פאַרלוירן! שפּיל פאָרזיכטיקער! ווער עס שפּילט ניט פאָרזיכטיק, דער מוז פאַרלירן . . .

לעסטער ווידער אַרעסטירט

ווען לעסטער איז אַרעסטירט געוואָרן דאָס צווייטע מאָל, איז אים שוין ניט געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון טורמע. צוזאַמען מיט לעסטערן זענען אַרעסטירט געוואָרן נאָך צען. אַלע געקליבענע, אויסגעהאַלטענע און אומדערמידלעכע קעמפער קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי זענען זיינע אינטימע און איבערגעגעבענע פריינט. ער האָט זיי אַלעמען געקאָנט שוין אַ לאַנגע צייט. זיך באַקענט מיט זיי ביי די מיטינגען, קאָנפערענצן און זיך געטראָפן מיט זיי כמעט יעדן טאָג. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט זיי פון קינדווייז אָן. בלויז דער פּרינציפּיעלער קאַמף קעגן אומרעכט, פאַר די אינטערעסן און פאַר די לעבנס פונעם פאָלק, וואָס קעמפט קעגן זיינע אונטערדריקער און פאַרפירער, קאָן פאַרבינדן מענטשן אין אַזאַ איבערגעגעבענער פריינטשאַפט; בלויז דער קאַמף וואָס איז אָנגעפילט מיט געפאַרן אויף יעדן שריט און טריט; דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון קנעכטשאַפט און מלחמות, דערהייבט דעם מענטשן צו אַ הויכער מדרגה, העכער פון די פּערזענלעכע אינטערעסן און אַמביציעס, — פלעגט לעסטער טראַכטן וועגן זיינע פריינט.

אָבער אַ ביטערע איבעררעשונג האָט געוואַרט אויף אים באַלד דעם ערשטן טאָג פונעם משפּט. די קלאַגע איז געווען אַז ערנסטע: אַלע עלף זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין אַ פאַרשווערונג צו שטערן די מלחמה־אָנשטרענגונג פונעם לאַנד. שוין דעם ערשטן טאָג פונעם פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון די עלף איז אַ באַצאָלטער שפּיאָן פון דער רעגירונג. אויפן עדות־שטול האָט ער אין געריכט דערציילט וועגן די צירקולאַרן, וואָס זענען צעשפּרייט געוואָרן צווישן די סאָלדאַטן און מאַטראָסן, צווישן די אַרבעטער אין די אַמוניציע־פאַבריקן, און אין די "יאַרדס" וואו מ'בויט די שיפן, און אַז די צירקולאַרן, וועלכע זענען געלייענט געוואָרן אין געריכט, האָבן גערופן אָוועקצוואַרפן די ביקסן, און די אַמוניציע־אַרבעטער זאָלן פאַרלאָזן די פאַבריקן, און לעסטער גאָרדאָן, — האָט דער שפּיאָן דערציילט, — האָט געדעקט די אויסגאַבן . . .

דער שפּיאָן האָט אין געריכט דערציילט פאַנטאַסטישע מעשות, אַז די עלף האָבן פּלאַנירט אויפצורייסן בריקן, אַמוניציע־סקלאַדן און אויפרייסן שיפן. ער האָט דערציילט, אַז איינמאָל האָבן זיי אונטערגעלייגט דינאַמיט אונטער אַ וויכטיקער בריק, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען דער צושטעלער פון דעם דינאַמיט, האָט ער בלויז געקויפט אַ ביסל דינאַמיט און עס אויסגע־

מישט מיט ערד, און דער שוואַכער אויפרייס איז „געשטאָרבן" באַלד ביים אָנהייב.

די פאַרטיידיקונג־לאַיערס האָבן געבראַכט די אויטאָריזירטע פאַרשטייער פון דער אַרמיי, וואָס זענען פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן די וויכטיקע בריק, און זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז די בריק ווערט באַוואַכט פון סאָלדאַטן ביי־טאָג און ביינאַכט, און אַז עס איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין אויפרייס. דער שפּיאָן האָט אויך געבראַכט צוויי מאַשין־געשריבענע צירקולאַרן, אין וועלכע די סאָלדאַטן זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו שיסן זייערע אָפּי־צערן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אָנווייזן ווער און וואו זיי זענען „געטייפּט" געוואָרן, וואו די שרייב־מאַשין געפינט זיך און וואו מען האָט אַזעלכע צירקולאַרן געטיילט. נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל האָט דער שפּיאָן דער־קלערט, אַז דער פאָרזיצער פון דעם קאָנספּיראַטיוון קאָמיטעט, לעסטער גאָרדאָן, האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל מיט די צירקולאַרן, אַז ער זאָל זיי צעטיילן, אָבער ער האָט זיי ניט צעטיילט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, אַז די סאָלדאַטן זאָלן לייענען אַזאַ שרעקלעכן סם!

אויף דער פראַגע וואו ער האָט גענומען געלט צו קויפן דעם דינאַמיט אויפצורייסן די בריק, האָט ער פאַרזיכערט, אַז דער פאָרזיצער, לעסטער גאָרדאָן, האָט אים געגעבן צוויי הונדערט דאָלער און אַז ער האָט געקויפט בלויז פאַר פינף דאָלער דינאַמיט. אונטערן קרייץ־פאַרהער פון דעם פאַר־טיידיקונגס־לאַיער, קאַנינגהעם, האָט ער צוגעגעבן, אַז די געבליבענע הונדערט און פינף און ניינציק דאָלער האָט ער צוגענומען פאַר זיך.

די פאַרטיידיקונג האָט געבראַכט אומבאַשטרייטבאַרע באַווייזן און אַ ריי עדות, אַז יענעם טאָג, וואָס דער שפּיאָן פאַרזיכערט, אַז לעסטער גאָרדאָן האָט אים געגעבן געלט פאַר דינאַמיט, און אויך די גאַנצע וואָך, איז לעסטער גאָרדאָן, מיט זיין ווייב, מיט זיין שוועגער און שוויגער, מיסטער און מיסעס לעווין, געווען ניט ווייט פון דעם מיליטערישן קעמפּ „א", טויזנט מייל פון ניו־יאָרק, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט די לעצטע עטלעכע טעג, מיט לעווינס זון און לעסטערס שוואָגער, אַ לוטענאַנט, איידער ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך אויף די שלאַכטפעלדער.

אָבער ניט געקוקט אויף די באַווייזן זענען אַלע, אַ חוץ דעם שפּיאָן, געפונען געוואָרן שולדיק און זענען פאַרשיקט געוואָרן אויף צוויי ביז דריי יאָר טורמע און צו טויזנט דאָלער שטראָף. צו לעסטערן האָט דער ריכטער זיך געווענדט באַזונדער און אים געזאָגט:

— לעסטער גאָרדאָן, דיין רעפּוטאַציע אַלס אַרכיטעקט און ביזנעסמאַן איז ריין און אומבאַפלעקט. די עדות פאַר דיין פאַרטיידיקונג זענען אַלע

באוואוסט אַלס אַנגעזעענע און הויכגעשעצטע פּערזענלעכקייטן. דערצו איז די באַשולדיקונג פון דעם רעגירונגס־עדות וועגן אויפרייסן די בריק ניט געווען איבערצייגנדיק. נעמענדיק דאָס אַלעס אין אַנבאַטראַכט, וויל איך מיט דיר מאַכן אַן אויסנאַם און וועל סוספּענדירן צייטווייליק דעם אורטייל אויף צוויי יאָר טורמע, אויב דו וועסט אין אָפענעם געריכט געבן דיין וואָרט, אַז דו וועסט זיך צוריקקערן צו דיינע ביזנעס און צו דיין אַרבעט און וועסט מער ניט קעמפן קעגן דיין לאַנד, נאָר העלפן געווינען די מלחמה.

לעסטערס ענטפער איז געווען קורץ און שאַרף:

— יור האָנאָר, איך גיב אייך מיין וואָרט דאָ אין אָפענעם געריכט, אין דער אַנוועזנהייט פון אַלעמען, אַז אַזוי לאַנג ווי די שווידערלעכע מלחמה וועט אָנהאַלטן, וועל איך אָוועקגעבן מיין גאַנצע ענערגיע, מיינע טעג און נעכט צו קעמפן אָפּצושטעלן די אוממענטשלעכע שחיטה און ברענגען צו־ריק דעם פרידן צו מיין לאַנד. וואָס איך האָב ליב מיט מיין גאַנצן האַרצן, און ווען איך בין שולדיק אַ גרויסן חוב, וואָס איך צאָל אָפּ מיט מיינע איצטיקע טעטיקייטן.

אַ מינוט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט אין געריכט, און דערנאָך האָט אויסגעבראָכן אַ ספּאָנטאַנער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן פון דעם עולם אין געריכט. אַ געשריי: „בראַוואָ, לעסטער גאַרדאַן! לאַנג לעבן זאָל לעסטער גאַרדאַן!" — האָט אָנגעפילט דאָס גרויסע געריכט־צימער.

דער נערוועזער ריכטער האָט געקלאַפּט מיטן האַמער אין טיש און באַ־פוילן די פּאָליסלייט: „קליר דהי קאָורט! קליר דהי קאָורט!" די געהאַרכ־זאַמע פּאָליציי האָט מיט ברוטאַלקייט אויסגערייניקט דעם גרויסן געריכט־צימער פון דעם גרויסן עולם, וואָס האָט ניט אויפגעהערט שרייען אויף דער גאַס: — „הוראַ לעסטער! אַרונטער מיט מלחמה!"

אין דער טורמע האָט לעסטער געקראָגן אַ פּריווילעגירטע פּאָזיציע. צוערשט איז ער געווען דער קאַרפּענטער און פּאַרבער אין טורמע. דערנאָך האָט ער געלאָזט וויסן די וועכטער און דעם וואַרדן, אַז ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה אויך אויף אַנדערע געביטן. ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן שיינע מעבל פאַר זייער פּערזענלעכן געברויך און איז דערפאַר באַלוינט געוואָרן מיט קליינע פּריווילעגיעס.

אין זיין פרייער צייט נאָך דער אַרבעט, אין די זונטיקס, האָט ער גע־לייענט די ביכער וואָס זיין רבקהלע האָט אים געבראַכט און זיינע פריינט האָבן אים צוגעשיקט. אַ דאַנק דעם וואָס דער וואָרדן איז געווען זייער צופרידן פון די שיינע שטיקער מעבל וואָס לעסטער האָט געמאַכט פאַר

אים, האָט ער ניט פאַרהאַלטן די „טריפה" פּאָליטישע ווערק וואָס לעס־טערס פריינט האָבן אים געשיקט.

ער האָט זיך באַפריינדעט מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן. בלויז אַ קליינע צאָל אַרעסטאַנטן האָבן אים פאַרפאָלגט. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגן זיי אים זידלען און אים רופן פאַררעטער, שפּיאָן און ענלעכע זידל־ווערטער. ער פלעגט ניט ענטפערן אויף זייערע זידלערייען. ער האָט זיי איגנאָרירט און אויסגעמיטן. ער האָט געטראַכט, אַז זיי וועלן מיד ווערן . . . אָבער זיי זענען ניט מיד געוואָרן. איבערהויפּט איז דער „ווילדער" דזשים אים דער־גאַנגען די יאָרן. דער ווילדער דזשים איז פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנס־לענגלעכער געפענגעניש פאַר דערמאָרדן זיין ווייב מיט אַ האַמער. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן מורא געהאַט פאַר אים. דער ווילדער דזשים האָט גע־ברענט פון צאָרן וואָס ער דאַרף וואוינען מיט לעסטערן, מיט דעם פאַררע־טער, אונטער איין דאַך. ווען נאָר ער פלעגט דערזען לעסטערן, פלעגט ער אויפן קול אויסשרייען:

— אָט גייט דער יודאָס, דער שפּיאָן. דער שונא פון אונדזער לאַנד!

דער ווילדער דזשים האָט פאַרזיכערט די אַרעסטאַנטן, אַז לעסטער וועט פון טורמע ניט אַרויסגיין, נאָר מען וועט אים אַרויסטראָגן אַ טויטן.

לעסטער האָט אים איגנאָרירט. קיין איין וואָרט ניט ארויסגערעדט צו אים. דאָס האָט דזשימען נאָך מער צערייצט. לעסטער האָט זיך דער־וואוסט פון זיינע פריינט אין טורמע, אַז דער ווילדער דזשים ווערט אָפּט באַפאַלן פון פּשוטער משוגעת. אין יענע טעג איז ער ווי אַ צערייצטער טיגער און צעשלאָגט מערדערלעך, אָן שום אורזאַך, אַן אַרעסטאַנט. דער וואָרדן און די וועכטער האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז זיין אַרבעט, אָבער ניט דער צעשלאָגענער און ניט די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן געוואַגט אַרויסצוטרעטן אַלס עדות קעגן דעם ווילדן דזשים, ווייל דאָס וואָלט גע־מיינט זיך געזעגענען מיט זייערע לעבנס.

— איך האָב סיי־ווי ניט וואָס אָנצואווערן, — פלעגט דער ווילדער דזשים ביי יעדער געלעגנהייט וואָרענען די אַרעסטאַנטן, — איך בין דאָ סיי־ווי באַגראָבן לעבעדיקערהייט. — די אַרעסטאַנטן האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט.

אומעטיקע, לאַנגע טעג האָבן זיך געצויגן ווי פון פעך. אין זיין קע־מערל, הינטער גראַטעס, שלאָס און ריגל, פלעגט לעסטערן באַפאַלן אַ נאָגנ־דיקע בענקשאַפט נאָך זיין ווייב און קינדער און נאָך זיינע פריינט. מיט אַלע חושים האָט ער געלעכצט נאָך דער פרייהייט. אַ ברענענדיקער צאָרן פלעגט אָפט אויפפלאַקערן אין אים קעגן די מאַכטהאָבער, וואָס האָבן אים

באַרויבט פֿון זיין רעכט און פֿרייהייט. די אייזערנע טורמע דיסציפּלין און די בייזע באַפֿעלן פֿון די טורמע־וועכטער פּלעגן אויפֿשטורעמען אין אים ביטערע פּראָטעסטן. עס איז אים צוליב דעם אָנגעקומען שווער צו קאָנ־צענטרירן זיינע געדאַנקען ביים לייענען.

— אָט־דאָס איז זייער ציל, — פֿלעגט ער טראַכטן מיט צאָרן, — דאָס איז דער ציל פֿון דער ברוטאַלער הערשנדיקער מאַכט: אָפּזונדערן, אי־זאָלירן זייערע פּרינציפּיעלע קעגנער, זיי באַגראָבן הינטער גראַטעס, זיי דערנידעריקן. „פּאָלג דעם באַפֿעל! בייג דיין קאָפּ און קריך אויף די קני פֿאַר דעם וועכטער מיטן רעוואָלווער!" — אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, וואָכן, חדשים און יאָרן, ביז זייער קרבן ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ מוטלאָזן, ווילנלאָזן קנעכט.

— ליגנער! מאַסנמערדער! מיט זייער געשריי פֿון פּאַטריאָטיזם פּרו־בירן זיי צו פֿאַרדעקן זייערע פֿאַרברעכנס, — פֿלעגט ער מורמלען מיט כעס.

וואודראָו ווילסאָן, דער גרויסער פּרעזידענט, אַלעמען האָט ער איינגע־וויגט אין אַ זיסן חלום מיט זיינע הויך־קלינגענדיקע פֿראַזן וועגן הויכע אידעאַלן. יושר און גערעכטיקייט, און מיט זיינע פֿייערדיקע פֿאַרשפּרע־כונגען, אַז ער וועט ניט אַריינשלעפּן אַמעריקע אין דער מלחמה, און מיר אַלע, דאָס גאַנצע פֿאָלק, האָט אים געגלויבט. ס'איז ניטאָ צווישן די מלחמה־צינדער, מלחמה־פּראָפֿיטירער און צווישן דער גאַנצער אַרמיי מאַכטהאָבער קיין איין מענטש, וואָס פֿאַרמאָגט אַ מענטשלעכן געוויסן!

יעדן טאָג און יעדע שעה פֿון טאָג האָבן אים געמאַטערט די ביטערע גע־דאַנקען און געפֿילן קעגן דער גאַנצער ברוטאַלער מאַשין, וואָס נוצט אויס דאָס לאַנד און דאָס פֿאָלק פֿאַר זייערע אייגענע אינטערעסן.

די לאַנגע און שווערע ווינטער־חדשים האָבן לאַנג, זייער לאַנג גע־דויערט און זיך איינגעגעסן אין די מוחות און אין די הערצער פֿון די אַרעס־טירטע. צוליב די זאַווערוכעס, שנייען און בייסנדיקע ווינטן, האָבן זיי ניט געקאָנט אַרויסגיין אין גרויסן טורמע־הויף פֿאַר זייער טעגלעכער שעה פֿרישע לופֿט. קריגערייען און געשלעגן צווישן די אַרעסטאַנטן זענען געוואָרן אַ צו־אָפֿטע דערשיינונג. צווישן די הויכע, דיקע שטיינערנע טורמע־ווענט איז געהאַנגען אַ שווערע אַטמאָספֿערע, אָנגעזאָפּט מיט אָנגעצויגענער נערוועזיטעט פֿון די אומצופֿרידענע און פֿאַרביטערטע אַרעס־טאַנטן; אַפֿילו די טורמע־וועכטער האָבן דערפֿילט אַ מאָדנע אומזיכער־קייט און זייער באַנעמונג צו די אַרעסטאַנטן איז געוואָרן אַביסל ווייכער.

לעסטער האָט געשמייכלט און געטראַכט מיט טיפֿער צופֿרידנקייט, אַז אַפֿילו די באַוואָפֿנטע מאַכט, וואָס איז געוואוינט צו געוועלטיקן און הערשן,

כאַפּט אַ ציטער ווען זי קומט פּנים־אל־פּנים מיט אויפגערעגטע מאַסן.

ענדלעך איז דער בייזער ווינטער פאַראיבער. זוניקע, וואַרעמע טעג האָבן געבראַכט דעם אָנזאָג פון אַ פריען פרילינג. דורך די הויכע פענצטער, צווישן די אייזערנע גראַטעס, האָבן זיך אַריינגעריסן רויטע זון־שטראַלן און האָבן געטאַנצט איבער די קעמערלעך, איבער דעם צעמענטענעם דיל און אפילו איבער די האַרטע פּנימער פון די טורמע־וועכטער. ביסלעכווייז איז אין דער טורמע אויסגעוועפּט געוואָרן די נערוועזיטעט און די שטימונג פון די אַרעסטאַנטן האָט זיך פאַרבעסערט. עס איז פרייליכער געוואָרן אין די ענגע קעמערלעך.

פון צוועלף אַזייגער בייטאָג ביז איינס אַזייגער איז די אָנבייסן־שעה אין טורמע און פון איינס ביז צוויי איז די „פרישע לופט"־שעה פאַר די אַרעסטאַנטן. דער גרויסער, קיילעכדיקער הויף וואו זיי פאַרברענגען זייער פרישע לופט שעה, איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער ציגעלנער וואַנט. ביי דעם ברייטן טויער, אין דעם ציגעלנעםביידל, שטייען וועכטער, באַוואָפנט מיט ביקסן און רעוואָלווערן. אינעווייניק, אין דעם אַרומגעצוימטן הויף, גייען אַרום באַוואָפנטע וועכטער און היטן יעדע באַוועגונג פון די אַרעסטאַנטן, וואָס שטייען אין רעדלעך, זיי רויכערן, שמועסן שטיל און וואַרעמען זיך אויף דער זון.

דער קליינגעוויקסיקער, אויסגעדאַרטער קעשענע־גנב לואי „פינגערס", שאַרט זיך שטיל און גיך פון רעדל צו רעדל און פון אַ קליין שפּעלטעלע פון איין זייט מויל שושקעט ער אַריין אין יעדן רעדל אַריין:

— פאַרזיכטיק, באָיעס, דער ווילדער דזשים זוכט אַ קרבן.

ווייט אָפּגעזונדערט פון די רעדלעך, האַרט לעבן דער ציגעלנער וואַנט, שטייט לעסטער און לייענט שוין צום דריטן מאָל דעם בריוו וואָס ער האָט אינדערפרי באַקומען פון זיין רבקהלען. ער האָט ניט באַמערקט, אַז דער ווילדער דזשים האָט זיך צוגעשאַרט צו אים אויף זיינע קעצישע טריט.

— דו לייענסט אַ בריוו? פון וועמען? — האָט דזשים אַרויסגעגאַרגלט.

— פון מיין ווייב, — האָט לעסטער געענטפערט.

דער געשפּרעך אין די רעדלעך איז פאַרשטילט געוואָרן. צענדליקער פּאָר אויגן פון די אַרעסטאַנטן האָבן געהיט דעם ווילדן דזשים און לעסטערן. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז באַלד וועט עפּעס געשען, אַז דזשים האָט שוין אויסגעקליבן זיין קרבן.

— פון דיין ווייב, האַ? — האָט זיך דזשים פאַרקרימט, — אויב זי שרייבט בריוו צו אַזאַ פאַררעטער ווי דו, מוז זי זיין דאָס ריכטיקע פייגעלע, — האָט ער אַרויסגעכריפּעט.

לעסטער האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף דזשימין און זיך געלאָזט אוועקגיין. עס איז אָבער געווען צו שפּעט: דזשימס מעסער האָט אַ שניט געטאָן לעסטערס אַקסל.

דזשים האָט ווידער אַ הייב געטאָן זיין מעסער.

לעסטער האָט זיך האַסטיק אומגעקערט מיט זיין פּנים צו דזשימין און מיט אַ פויסט אַ זעץ געטאָן אין דזשימס דיך. דער שווערער טורמע־שוך מיט דעם דיקן זויל אויף לעסטערס פוס האָט אים געטריי צוגעדינט...

דזשים האָט דערפילט אַ שניידנדיקן, ברענענדיקן ווייטיק, וואָס האָט כמעט ווי פּאַראַליזירט זיין גאַנצן קערפּער. דאָס מעסער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין פאַרחלשטער האַנט.

בליץ־שנעל האָט לעסטער אַ כאַפּ־געטאָן דזשימס האַנט און מיט זיין גאַנצן כוח אים אַ וואָרף־געטאָן אויף דער ציגעלנער וואַנט. דזשים איז געבליבן ליגן באַוואוסטלאָז, מיט אַ צעבראָכענעם נאַקן.

— וו־אַ־או! — האָט אַ קוויטשעדיקער געשריי זיך אַרויסגעריסן פון צענדליקער העלדזער.

אַ ווילדע פייפעריי און אַ געשריי: „פאַל אין! פאַל אין!" — האָט אָנגע־פילט די לופט. די וועכטער, מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן, האָבן מיט צעשראָקענער אַנטשלאָסנקייט געיאָגט די אַרעסטאַנטן צוריק אין זייערע קעמערלעך.

די טורמע האָט געקאָכט. די אַרעסטאַנטן זענען ניט מיד געוואָרן צו רעדן וועגן דער „פּראַכטפולער פאַרשטעלונג", ווי זיי האָבן באַצייכנט דאָס בלו־טיקע געשלעג.

די וועכטער האָבן פאַרזיכערט דעם וואָרדן, אַז דאָס געשלעג האָט גע־דויערט געציילטע סעקונדן, און איידער וואָס־ווען איז שוין אַלעס געווען פאַראיבער.

די „ראַצן", די טורמע־מוסרים, האָבן דערציילט דעם וואָרדן אַלע איינצל־הייטן פון דעם געשלעג.

לעבן דער ציגלנער וואַנט האָבן די וועכטער געפונען דזשימס מעסער און לעסטערס בריוו פון זיין ווייב.

ביי דעם פאַרהער אין וואָרדנס אָפיס, האָט לעסטער דערקלערט, אַז ער איז געווען זייער אויפגערעגט און צעטומלט און דערפאַר געדענקט ער ניט וואָס עס איז פאָרגעקומען; אַז ער ווייסט ניט ווער עס האָט צעשניטן דעם אַקסל, און ער געדענקט אַפילו ניט, אַז ער האָט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט דעם ווילדן דזשים.

לעסטער איז געוואָרן דער העלד ביי די אַרעסטאַנטן, זייער געקרוינטער טשעמפּיאָן . . .

ניט־געקוקט דערויף וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַסט דעם ווילדן דזשים און אים געוואונטשן, אַז ער זאָל וואָס גיכער קראַפּירן אין שפּי־טאָל, וואו ער איז געלעגן אַז ערנסט־קראַנקער, האָבן זיי דאָך באַוואונדערט לעסטערן דערפאַר וואָס ער האָט ניט פאַרבראָכן קעגן העכסטן געזעץ צווישן די אַרעסטאַנטן: ניט צו „סקווילן" (מסורן), אַפילו קעגן דעם ערג־סטן שונא.

לעסטערס זיג איבער דעם פאַרהאַסטן דזשים און זיין ערנהאַפטע אויפ־פירונג ביים פאַרהער אין דעם וואָרדנס אָפיס, האָבן אויפגעשטורעמט די איינוואוינער פון דער איזאָלירטער, שטיינערנער פעסטונג. אַלע אַן אויס־נאַם האָבן דערפילט אַ פלוצימדיקן אויפגעוואַכטן שטאָלץ. אין די ענגע, טונקעלע און מרה־שחורהדיקע קעמערלעך איז פלוצים ליכטיקער געוואָרן. עפּעס זייער וויכטיקס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָל־און־שטיינערנער, אָפּגעזונדערטער, פאַרשלאָסענער, אומעטיקער געביידע, וואָס איז אָנגע־פילט מיט טיפן שטומען טרויער פון צעבראָכענע מענטשלעכע לעבנס. עפּעס אַ געשעעניש פון קאָלאָסאַלער באַדייטונג האָט אַ בליץ געטאָן און צעצונדן, און כמעט צעהעלט די דריקנדיקע אַטמאָספערע און אויפגע־לעבט די געמיטער פון די איזאָלירטע און האָפענונגלאָזע איינוואוינער פון דער ריזיקער שטייג: איינער פון זיי, איינער פון די רעכטלאָזע און הילפ־לאָזע, האָט אין איין מינוט צעשמעטערט די ברוטאַלע האַנט מיט דעם מע־סער און האָט זיי באַפרייט פון זייער טאָג־טעגלעכער טויטשרעק. איינער פון זיי האָט זיך ניט געבויגן פאַר דעם באַלעבאָס, פאַר דעם מעכטיקן הערשער, פאַר דעם וואָרדן, און זיך ניט געשראָקן פאַר זיינע שטרענגע וואָרענונגען און איז געבליבן געטריי צו דעם הויך־מאָראַלישן געבאָט פון זייער טורמע־וועלט: — „זאָלסט ניט מסורן!"

אָט־די אַלע געשעענישן האָבן זיי אויפגעהויבן פון זייער שפּלדיקער מדרגה, זיי דערהויבן און אויפגעוועקט אין זיי באַנייטע געפילן פון רעס־פּעקט צו זיך און צו זייערע קאַמעראַדן־אַרעסטאַנטן.

עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז די באַוואָפנטע וועכטער האָבן זיך אָנ־געהויבן באַציען צו זיי אַביסל מענטשלעכער, אַפילו פריינטלעכער; אַז אַפילו דער וואָרדן באַציט זיך צו זיי מיט אַ פונק רעספּעקט, מיט אַ פונק אָנער־קענונג. עס האָט זיך זיי אויך אויסגעוויזן, אַז אַפילו זייערע מאָלצייטן זע־נען געוואָרן בעסער און געשמאַקער צוגעגרייט. זיי האָבן דערפילט אַ דער־

הויבונג און עס איז זיי גרינגער געוואָרן זייער שווער לעבן אין זייערע קבֿרים־קעמערלעך.

לעסטער ווייסט, אַז ער האָט אויפֿגעטרייסלט די טורמע־וועלט, נאָר ער מאַכט זיך ניט־וויסנדיק, גלייך ווי עס האָט גאָרניט פּאַסירט לעבן דער ציגלנער וואַנט. זיין באַשיידנקייט פֿאַרגרעסערט צו אים נאָך מער דעם רעספּעקט פֿון די אַרעסטאַנטן.

אַ שטיק פֿון לעסטערס לעבן האָט די טורמע־חיה פֿאַרשלונגען, אָבער באַלד־באַלד . . . וואָס נעענטער עס רוקט זיך אָן דער טאָג פֿון זיין באַפרייאונג, אַלץ אומגעדולדיקער איז ער געוואָרן. יעדער טאָג — אַ יאָר, און יעדע נאַכט — אַן אייביקייט. אַ לעכצנדיקע בענקשאַפֿט נאָך ווייב און קינדער האָט אים געגנאָגט. אַ פֿייערדיקער דאָרשט נאָך פֿרייהייט האָט זיך צעברענט אין זיינע גלידער. ווי די ערשטע טעג אין טורמע, האָט זיך ווידער צעפֿלאַקערט אין אים אַ צאָרנדיקער פּראָטעסט קעגן דער היפּאָקריטישער און ברוטאַלער מאַכט, וואָס האָט אים, און אַ סך אַנדערע מלחמה־קעגנער, פֿאַרשפּאַרט אונטער אייזערנע גראַטעס. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַרואיקן דעם שטורעם וואָס האָט אויפֿגעברויזט אין אים, אָבער עס איז אים ניט געלונגען. אַ מאַכטלאָזער פֿלעגט ער זיך אונטערגעבן זיינע צעכוואַליעטע געדאַנקען און געפֿילן, וואָס האָבן אים ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געשלעפּט איבער אַלע געשלענגלטע שטעגן און וועגן פֿון זיין באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ לעבן, און האָבן אים צוריקגעבראַכט אין זיין ענגן קעמערל — אַ קבֿר מיט גראַטעס . . .

לאַנגע טעג אָנגעזאַפּט מיט פּיין. נאָך ערגער זענען געווען זיינע שלאָפֿלאָזע נעכט. אַרעסטאַנטן קרעכצן פֿון שלאָף. איייניקע וויינען פֿון שלאָף, און אַנדערע שרייען פֿון שלאָף מיט באַנומענע, היסטערישע קולות. לעסטער ליגט אַ וואַכער אויף זיין שמאָלן אייזערנעם בעטל. אַ געדאַנק בליצט־אויף אין זיין מוח: וויפֿל טויזנטער סאָלדאַטן אָן הענט און אָן פֿיס, מיט פֿאַרגאַזטע לונגען, מיט צעשמעטערטע נערוון, זייערע יונגע קערפּערס צעלעכערט פֿון קוילן און צעריסן פֿון באַיאָנעטן, ליגן איצט אין די שפּיטאָלן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע און זיי קרעכצן און שרייען און וויינען פֿון ווייטיק און פֿאַרצווייפֿלונג — ווער ווייסט וויפֿל: טויזנטער? הונדערטער טויזנטער? אפֿשר גאָר מיליאָנען? . . .

און וויפֿל טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער ליגן איצט אין זייערע בעטן און קרעכצן און וויינען און באַוויינען זייערע אייגענע, זייער בלוט און פֿלייש, די צעקריפּלטע, די אומגעבראַכטע, און ווייסן אַליין ניט פֿאַר־

וואָס און צוליב וואָס און וועד עס איז שולדיק פאַר דעם מאַסנמאָרד פון די אומשולדיקע מיליאָנען יונגע לעבנס.

ווען וועט די שוידערלעכע שחיטה זיך ענדיקן? יעדן טאָג האַפּט מען און יעדן טאָג פאַרזיכערט מען, אַז אָט־אָט, דער סוף איז נאָענט . . . דער־וויל שעכט מען! — לעסטער ווישט זיך דעם קאַלטן שווייס פון זיין פּנים. עגבערס בויערן אין זיינע שלייפן. ער פילט אַז ענגשאַפט אין האַלדז, און אַ טריקעניש אין מויל. ער ציטערט פון קעלט. אין עטלעכע מינוט אַרום ברענט זיין קערפּער פון היץ און אין זיין היציקן מוח דערזעט ער דעם ווילדן דזשימס אויסגעשטרעקטע האַנט מיט אַ מעסער, געצילט אין זיין האַרץ... אַ גרויסע מעכטיקע גאָרילע מיט אַ פלאַש אין האַנט פאַרמעסט זיך איבער זיין קאָפּ, און דער אַנגעכמורעטער ריכטער, אין זיין לאַנגן, שוואַרצן כאַלאַט, טייטלט אויף אים מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם פינגער, ווי אַ שפּיז — — — און מאַטיע די „קוקלע" מיט זיין פאַרגעלט און צעפּאַלדרעוועט מאַלפּע־פּנים שטשירעט זיינע גרויסע ציין און שפרינגט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ . . . און פּלוצים דערפילט ער, ווי די גאַנצע טורמע וואַקלט זיך ווי אַ שיכור . . . זיין אייזערן בעטל וויגט זיך. די ווענט רוקן זיך צוזאַמען. באַלד־באַלד וועט ער צעקוועטשט ווערן צווישן די שטיינערנע ווענט . . .

— גאַרד! גאַרד! ביל! וואו ביזטו, ביל?

אַ סנאָפּ ליכט פון דעם עלעקטרישן לאָמפּ אין דעם וועכטערס אויסגעשטרעקטער האַנט האָט אַרומגעכאַפּט לעסטערס, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער פאַרשלאָסענער טיר פון זיין קעמערל. די אייזערנע גראַטעס איינגעקלעמט אין זיינע הענט.

— וואָס שרייסטו, לעסטער? — האָט דער וועכטער אַן איבערראַשונג און מיט געוויינטלעכער רואיקייט אים געפרעגט, — אַ בייזער חלום, האַ? באַרואיק זיך. גיי צוריק שלאָפן, האָב ניט מורא. אונדזער האָטעל איז גוט באַוואַכט. גיי שלאָפן און חלום ניט מער!

—יאָ, ביל, — האָט לעסטער אַרויסגעמורמלט, — אַ בייזער חלום, זייער אַ בייזער חלום . . . — האָט ער געמורמלט און געווישט מיט זיין האַנט זיין פאַרשוויצט פּנים.

— נו, לעסטער, ביזט דאָך אַ געלערנטער, לייענסט גראָבע ביכער, דאַרפסטו דאָך וויסן, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון אַ מענטשן איז ניט מער ווי אַ בייזער חלום, — האָט דער וועכטער כמעט ווי זיך באַקלאָגט פאַר לעסטערן. — דו, לעסטער, ביזט ברוגז וואָס דו ביזט פאַרשפּאַרט דאָ אין דעם האָטעל. מענטש! אינגיכן וועסטו אַרויסשפּאַנען פון דאַנען און וועסט

זיין פריי גלייך מיט אַלע מענטשן, אָבער מיין זון? לעסטער, מאָרגן קומט ער אַ היים פון דאָרטן, אָבער בלויז מיט איין פוס . . . און דאַנקען גאָט, וואָס ער איז כאָטש געבליבן לעבן, — האָט דער וועכטער פרום צוגעגעבן און זיך איבערגעצלמט.

— וואָס רעדסטו, ביל?

— דאָס וואָס דו הערסט, לעסטער, מיט איין פוס . . . נו, גענוג גע־פּלאַפּלט. גיי שלאָפן. עס וועט שוין באַלד אָנהויבן צו טאָגן.

לעסטער האָט געציילט די טעג, די האַלבע טעג און אויסגערעכנט די שעהן וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ביז דעם טאָג פון זיין באַפרייאונג.

נאָך פינף לאַנגע טעג און פינף שלאָפלאָזע נעכט . . . נאָך פיר . . . דריי . . . צוויי . . . ענדלעך! נאָך איין טאָג און איין נאַכט . . . און מאָרגן אינדערפרי — אַן אַנדערער לעסטער! אַ אומרואיקער, אַ געזונטער, אַ פריי־שער און פול מיט וואַרעמער פרייד.

— איט וואָנט בי לאָנג, לעסטער, — באַגריסן אים פריינטלעך די אַרעסטאַנטן.

— קום ניט צוריק אין דעם גאָט־פאַרדאַמטן האָטעל, לעסטער! האָב שכל, לעסטער, פאַרמאַך דיין מויל, וועסטו זיין אַ פרייער מענטש!

— לעסטער, זיי ניט קיין יאָלד. זוך ניט קיין יושר אויף דער וועלט! אונדזער גאָט דזשיזוס האָט געפּרעדיקט יושר, האָבן זיי אים געקרייציקט. ס'איז בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער באַנקיר איידער אַ טויטער גאָט!

— יעסערי, לעסטער מאַי באַי „פינגערס" ווייסט וואָס ער רעדט: געלט איז יושר! געלט איז מאַכט! געלט איז חכמה! געלט איז פרייהייט! ביזט אַ קבצן זיצסטו הינטער גראַטעס!

— אַ דאַנק אייך, באַיעס, פאַר אייערע קלוגע עצות. איר זענט שכלדיקע מענטשן, — ענטפערט זיי לעסטער מיט אַ שמייכל.

— יאָ, נאָר קיין מזל, לעסטער, האָבן מיר ניט.

— גוד באַי, באַיעס, עס טוט מיר לייד וואָס איך פאַרלאָז אייך, אָבער מען וואַרט אויף מיר אינדרויסן.

— גוד באַי ענד גוד לאַק, לעסטער!

אַרויס פון טורמע

כמעט א גאַנצע נאַכט האָט געגאָסן אַ רעגן. אינדערפרי איז אָן אויס־געוואַשענער ליכטיקער בלויער הימל געהאַנגען הויך איבער דער ערד. בלויז אין מערב זענען געהאַנגען שטיקער באַוועגלעכע ווייסע כמאַרעס, צעריסענע און צעשפּרייטע איבער אַ שטיק הימל. די זון האָט געשיינט און געוואַרעמט. די לופט איז געווען ריין און דערפרישנדיק.

אינדרויסן, ביי דעם ברייטן טויער פון דער הויכער און מאַסיווער ציגל־נער וואַנט, האָט רבקה געוואַרט אויף לעסטערן.

ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דעם טויער, האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין זיינע אויסגעשטרעקטע אָרעמס. זי האָט אים אַרומגעכאַפּט, איינגע־קלעמט און געקושט און באַנעצט זיין פּנים מיט אירע טרערן.

— רבקהלע, אויב דו הערסט ניט אויף וויינען, גיי איך גלייך צוריק, — האָט לעסטער זי שפּאַסיק געוואָרנט.

— דאָס מאָל גיי איך מיט דיר. קיינמאָל וועל איך זיך מיט דיר מער ניט צעשיידן. וואוהין דו גייסט גיי איך אויך.

— אַזוי האָט געזאָגט רות צו נעמין.

— יאָ, און אַזוי זאָג איך, רבקה, צו איר געליבטן לעסטער!

— רבקהלע, דאַרט אינעווייניק איז ניט זייער באַקוועם.

—מיט דיר, לעסטער, וועט מיר אומעטום זיין גוט.

אין אַ דערבייאיקן שטעטל איז לעסטער אַוועק אין אַ שוויצבאָד.

— איך וויל אָפּוואַשן די טורמע־לופט פון זיך, רבקהלע.

— גיי, לעסטער, איך וועל וואַרטן אויף דיר אין האָטעל, אָבער לאָז מיך לאַנג ניט וואַרטן, כ'האָב גענוג געוואַרט אויף דיר.

ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין דעם בלויען גאַרניטור, מיט אַ ווייס העמד, און אַ קאַלירפולן שניפּס, וואָס רבקה האָט אים געבראַכט. זיי זענען אַוועק אין דעם שענסטן רעסטאָראַן פון שטאָט. זיי האָבן פאַרנומען אַ באַזונדער טישל און האָבן באַשטעלט מאָלצייטן און אַ פלאַש וויין.

רבקה האָט ניט אַרונטערגענומען אירע אויגן פון לעסטערן. איר שמייכל איז ניט אַרונטער פון אירע ליפּן. אירע בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— מעדעס, דוכט זיך, אַז איך האָב זיך אַמאָל דערקלערט אין ליבע צו איך, — האָט לעסטער אין אַ געמישכטן ערנסטן טאָן אַ זאָג געטאָן צו רבקהן.

— איך הייב ניט אָן צו געדענקען, — האָט רבקה שפּאַסיק זיך באַקלאָגט.

— מעדעם, איר געפעלט מיר. ווען איך וואָלט ניט געהאַט קיין טורמע־רעקאָרד אויף זיך, וואָלט איך מיט אייך חתונה געהאַט, — האָט לעסטער אַנגעהאַלטן דעם שפּילעוודיקן טאָן.

— יונגערמאַן, איר געפעלט מיר אויך. אייער רעקאָרד איז אַ גאָלדענער מעדאַל, און ווען איר וואָלט מיט מיר חתונה געהאַט וואָלט איך אייך אונטערגעטראָגן דעם שענסטן און רייכסטן נדן אין דער וועלט, — האָט רבקה ווייטער געצויגן די שפּיל.

— מיין הויכגעשעצטע דאַמע, אייער אָנבאָט פאַראינטריגירט מיך. וואָס פאַר אַ רייכן נדן פאַרמאָגט איר? — האָט לעסטער אויף איר געקוקט מיט פריילעכע אויגן.

— מיסטער גאָרדאָן, איך פאַרמאָג צוויי שיינע און געראָטענע קינדער און זייער טאַטע איז דער שענסטער, קלוגסטער און נאָבלסטער מאַן אין דער גאַנצער וועלט! — האָבן רבקהס אויגן געשטראַלט און געקוקט אויף לעסטערן מיט גרויס ליבשאַפט.

— מאַדאַם, איר האָט געפאַנגען מיין האַרץ. איך בין אייערער אויף אייביק און אפשר אויף נאָך לענגער, און לאָמיר טרינקען וויין לחיים! — האָט לעסטער אַ פריידיקער אויפגעהויבן זיין גלאָז.

לעסטער און רבקה האָבן געיום־טובט. זיי זענען געגאַנגען אין טעאַטער און צו קאָנצערטן. זיי האָבן באַזוכט פריינט און געלאַדן פריינט צו זיך אהיים, וואו מען האָט געגעסן, געטרונקען און פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט אין די פּאַרקן, לעבן ים און איבער די טומלדיקע גאַסן פון ניו־יאָרק.

רבקה איז געווען פאַרשיכורט פון פרייד. איר נאָגנדיקע בענקשאַפט און ווייטיקדיקע זאָרג ווען לעסטער איז געווען אין טורמע, זענען פאַרשוואונדן. לעסטער איז פריי! לעסטער איז אינדערהיים מיט איר און מיט זייערע קינדער! יעדן פרימאָרגן, ווען זי פלעגט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, פלעגט אַ געזאַנג אויפגיין אין איר האַרץ און אַ ליכטיקע פרייד פלעגט זיך צעטאַנצן אין אירע גלידער. זי האָט זיך צעבליט און צעשיינט און די ליכטיקע, איבערשוימענדיקע פרייד האָט אַרויסגעהעלט פון איר.

רבקהס פרייד האָט זיך באַהעפט מיט לעסטערס טיפע צופרידנקייט מיט זיין פרייהייט. פרישע, ריינע לופט, ליכטיקער דרויסן. אַ דערקוויקנדיקע וואַרעמע זון, אַ בלויער הימל. פינקלדיקע שטערן, און די אַלט־באַקאַנטע לבנה. ווייכע, סאַמעטענע גרינע גראָז און צעבליטע ביימער, אַ צעכוואַליעטער, רוישנדיקער ים. עס איז ניטאָ, איז לעסטער זיכער, קיין טייערערס

אויף דער וועלט, וואָס איז בכוח צו דערפרייען און דערהויבן דעם מענטשן ווי צו זיין פריי.

— — — — — — — — — —

עפּעס אַ צעווילדעוועטער כוח, פון עפּעס אַן אומריינעם קוואַל צעשטערט לעסטערס און רבקהס גרויסן יום־טוב. זיי האָבן פּלוצים באַמערקט, אַז די אַטמאָספערע אַרום זיי, אין זייער גאַס, איז עפּעס פאַרסמט מיט אומ־פריינטלעכקייט קעגן זיי.

לעסטערן פאַרדריסט עס, נאָר ער מאַכט דעם אָנשטעל אַז ס'אַרט אים ניט און ער שמועסט זיך איין, אַז עס איז בלויז אַן איבערלויף.

שכנים, וואָס פּלעגן לעסטערן און רבקהן באַגעגענען מיט שיינענדיקע פּנימער און זיי אָנטקעגנטראָגן דעם גוטמאָרגן, מיידן זיי איצט אויס און קערן אָפּ זייערע קעפּ, ווען זיי באַגעגענען זיי צופעליק אין גאַס.

און — — — יעדן טאָג קומען אַן בריוו צו די גאָרדאָנס, אָנגעפילט מיט וואולגאַרע זידלערייען און ווילדע וואָרענונגען. יעדן טאָג, און גאַנץ אָפט ביינאַכט, קלינגט זייער טעלעפאָן. ווילדע שיכורע שטימען רעווען אַריין אין דעם טעלעפאָן־טרייבל:

— פאַררעטער, פאַרנעמט זיך פון אונדזער גאַס!

כמעט יעדן פרימאָרגן מוזן די גאָרדאָנס וואַשן זייער טראָטואַר מיט טערפּענטין אָפּצוואַשן די ביינאַכטיקע אויסגעפאַרבטע זידל־ווערטער — „פאַררעטער", „שפּיאָן".

רבקה האָט מער ניט געקאָנט באַהאַלטן אירע יסורים. זי האָט געבעטן לעסטערן, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסציען פון דער גאַס, אָבער לעסטער האָט זי באַרואיקט, אַז זייערע שונאים וועלן מיד ווערן.

רבקה האָט זיך איבערהויפּט באַקלאָגט פאַר לעסטערן אויף זייערע אַמאָ־ליקע פריינט, די אויפגעקומענע מלחמה־גבירים, און קעגן זייערע צעלאָ־זענע זינדלער און טעכטער, וועלכע סמ'ען די לופט קעגן דער גאָרדאָן־פאַמיליע מיט זייערע רכילות און אָפּילו העצעס.

לעסטער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער לאַכט זיך אויס פון דער פאַרשוועּ־רונג קעגן אים. — „זאָלן זיי וואַיען, רבקהלע. זיי וועלן מיד ווערן", באַרו־איקט ער זי, כאָטש עס ברענט אין אים דער צאָרן קעגן זיינע שונאים.

— ווייסט דאָך, רבקהלע, אַז דער געזונטער מענטשלעכער פאַרשטאַנד און די מענטשלעכע געפילן זענען די ערשטע מלחמה־קרבנות אין דער אָנגעגליטער מלחמה־אַטמאָספערע, פון דעם אויפגעבלאָזענעם, היסטערישן פּאַטריאָטיזם.

— יאָ, לעסטער, איך ווייס וועגן דעם אומגליק, אָבער, לעסטער, דיינע

געוועזענע פריינט, וועמען דו פלעגסט העלפן מיט עצות און מיט געלט־הלוואות, צו ראַטעווען זייערע קראַנקע געשעפטן, דיינע געוועזענע פריינט, וועלכע פלעגן דיר זינגען לויב־געזאַנגען, אַז דו ביזט איינער פון די בעסטע מענטשן אין דער וועלט, פאַרוואָס זענען זיי געוואָרן דיינע שונאים?

— אומזיכערקייט, רבקהלע, שרעק. די מענטשן ווערן געפּייניקט פון אַ שטענדיקער מורא פאַר די מיליאָנען אָרעמע און באַרויבטע. ווילדע העצעס און ברוטאַלע פאַרפאָלגונגען זענען אַ טייל פון זייערע וואָפן צו פאַרטיליקן די וועמען זיי פאַרדעכטיקן אַלס זייערע קעגנער און שונאים.

רבקהס פאַרוואונדעטע געפילן לאָזן זיך ניט באַרואיקן פון לעסטערס דערקלערונגען. איר אויפרעגונג כוואַליעט אַרויס פון איר. אַ צערייצטע האָגלט זי אַרויס מיט ווייטיקדיקן פאַרדרוס אירע טענות קעגן זייערע אַמאָליקע פריינט, וועלכע זענען איצט זייערע אָפענע פאַרפאָלגער.

— און איך זאָג דיר, לעסטער, אַז אונדזערע געוועזענע פריינט זענען שטענדיק געווען געוויסנלאָזע, פאַרדאָרבענע מענטשן. זיי האָבן דיך גע־חנפעט און דיך געליבט, ווייל זיי האָבן זיך געניייטיקט אין דיין הילף. איצט, ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטאָפּט מיט ריזיקע רייכטימער פון די בלו־טיקע מלחמה־פּראָפיטן און זיי נייטיקן זיך מער ניט אין קיינעמס הילף, איז אַראָפּ מיט זייערע מאַסקעס. איצט אַנטפּלעקן זיי זייערע אמתע אינ־סטינקטן. ווילדע חיות זענען זיי. בלוטדורשטיקע וועלף זענען זיי. זיי האָבן הנאה פון פייניקן מענטשן. פריער, ווען זיי זענען געווען קבצנים, האָבן זיי זיך ניט געקאָנט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס; איצט האָבן זיי געלט און מאַכט, קאָנען זיי זיך פאַרגינען צו באַגיין אַלערליי פאַרברעכנס. ווייסט וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגן, לעסטער, מיין מיינונג איז, אַז די אַלע חיות, די מיליאָנערן, בענקען נאָך דער מלחמה ניט נאָר צוליב זייערע ריזיקע פּראָ־פיטן, נאָר אויך צו באַפרידיקן זייערע חיהשע אינסטינקטן. מלחמות, שחי־טות, מאַסנמאָרד איז ביי זיי אַ מין ספּאָרט. זיי האָבן הנאה פון בלוט־פאַרגיסונגען, ווי די רוימישע הערשער און נאָבל־לייט האָבן הנאה געהאַט פון די פאַרשטעלונגען, ביי וועלכע די גלאַדיאַטאָרן האָבן געקוילעט איינער דעם צווייטן, צו באַפרידיקן דעם פאַרגעניגן פון די רייכע דעגענערירטע, נאָבעלע חיות.

— יאָ, רבקהלע, דאָס איז אמת. געלט, רייכטום קאָרופּטירט און מלחמה ברוטאַליזירט און אַ ווילד לוקסוס־לעבן דעגענערירט. אונדזערע געוועזענע פריינט האָבן אָנגעזאַמלט גרויסע רייכטימער פון די מלחמה־פּראָפיטן און זענען מער ניט אונדזערע פריינט. זיי געהערן שוין איצט צום קלאַס מל־חמה־מיליאָנערן.

לעסטער האָט פאַרדעכטיקט, אַז דער אָנפירער פון די העצעס קעגן אים איז זיין שכן, ענדריו וויליאַמס, מיט וועמען ער האָט מיט אַ לאַנגער צייט צוריק געהאַט אַ שאַרפן דורכרייד. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין באַווייזן וואָס זאָלן באַשטעטיקן זיין פאַרדאַכט. און סיי־ווי וואָלט ער גאָרניט געקאָנט טאָן אַפילו ווען ער וואָלט געהאַט זיכערע באַווייזן, אַז ענדריו איז דער הויפּט־אָנפירער פון די געמיינע העצעס קעגן אים. ער האָט זיך געטרייסט, אַז זיינע פאַרפאָלגער וועלן מיד ווערן און וועלן אים צורו לאָזן, אָבער זיין האָפענונג איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

ענדריו וויליאַמס

ענדריו וויליאַמס מיט זיין פרוי און צוויי קינדער האָבן געוואוינט אין דער זעלבער גאַס וואו די גאַרדאַנס האָבן געוואוינט. די פירמע „גאַרדאַן און לעווין" האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אויפגעבויט דאָס פּראַכטפולע הויז, אין וועלכער די וויליאַמס־פאַמיליע וואוינט.

פאַר דער מלחמה פלעגט ענדריו וויליאַמס פאַבריצירן קליינע שיפלעך. ער האָט באַשעפטיקט עטלעכע אַרבעטער אין זיין פאַבריק לעבן וואסער, אין שיפּסהעד בעי.

די וויליאַמס־פאַמיליע איז אין גאַס פאַררעכנט פאַר אַ שטילער און בכבודיקער פאַמיליע. מיסטער וויליאַמס איז זעלטן געווען אין דער היים. ער איז געווען פאַרנומען אין זיין קליינער פאַבריק פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט. אין די זונטיקן פלעגט די גאַנצע פאַמיליע גיין אין קלויסטער.

פלוצים איז די גאַס אויפגעשטורעמט געוואָרן פון דער נייעס, אַז ענדריו וויליאַמס איז אַרעסטירט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דער סענסאַציאָנע־לער רויבעריי אין איינעם פון די רייכע צירונג־קראָמען אין ניו־יאָרק. די צייטונגען האָבן ברייט צעשמירט די נייעס, אַז אין שיפלעך אין ענדריוס פאַבריק, וואָס זענען געווען פאַרקלאַפּט און פאַרשטעלט מיט ברעטער, האָבן די דעטעקטיוון געפונען ניט נאָר דאָס אַנגערויבטע צירונג פון יענער קראָם, נאָר אויך רעשטלעך פון פאַרשידענע אַנדערע סחורות פון אַ צאָל רויבערייען.

ענדריוס פאַרטיידיקונג איז געווען, אַז ער האָט ניט קיין שייכות מיט די רויבערייען, אַז ער ווייסט ניט ווי אַזוי די געגנבעטע סחורות זענען גע־בראַכט געוואָרן אין זיינע שיפלעך, און ער האָט ניט דעם מינדסטן באַגריף ווער עס האָט די סחורות דאָרט באַהאַלטן. נאָך מער, ער וועט, האָט ער פאַרזיכערט, באַווייזן אַז שוועריקייטן, אַז די נאַכט, ווען יענע קראָם איז באַרויבט געוואָרן, איז ער מיט זיין פרוי געווען אין אַן אַנדער פּלאַץ, ווייט פון דער קראָם, וואו די רויבעריי איז פאָרגעקומען.

ענדריו וויליאַמס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף „בעיל". ערב דעם פּראָצעס איז ענדריו געקומען צו לעסטער גאַרדאַן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים העלפן אין זיין פאַרטיידיקונג. לעסטער האָט אָוועקגעלייגט זיין אַרבעט און איז מיט אים אַריינגעגאַנגען אין זיין גאַסט־צימער.

— ווי אַזוי און מיט וואָס קאָן איך דיר העלפן, ענדריו? — האָט לעסטער אים געפרעגט פריינטלעך, אָבער ניט אָן דערשטוינונג.

— דו, לעסטער, קאָנסט מיך, — האָט ענדריו אַנגעהויבן, — דו, לעסטער,

האסט געבויט מיין הויז און דו מיט דיין שיינער פרוי זענען געווען אין מיין הויז ביי דער פארטי, ווען איך האב זיך אהין אריינגעקליבן. איך בין דיין שכן און דיין פריינט. דו, לעסטער, קאנסט מיך ראטעווען פון גיין אין טורמע און אויך ראטעווען מיין פאמיליע פון ליידן און פון א שווארצן פלעק אויף מיינע קינדער.

לעסטער איז גערירט געווארן פון ענדריוס רייד און האט ווי מיט אומגע־דולד א זאג געטאן: — ענדריו, זאג מיר מיט וואס איך קאן דיר העלפן. אויב דו נייטיקסט זיך אין געלט, דארפסטו זיך ניט שעמען. וויפל דו דארפסט וועל איך דיר לייען, און ווען דו וועסט קאנען וועסטו מיר צוריק־צאלן.

— ניין, לעסטער, קיין געלט פעלט מיר ניט. עפעס אנדערש וויל איך פון דיר. ווייסט מסתם אז דו, לעסטער, ביזט באוואוסט אין דער ביזנעס־וועלט און אויך צווישן וויכטיקע פאליטישנס, אלס אן ערלעכער און ערנהאפטער מענטש, וויל איך, אז דו זאלסט זיין מיין עדות. דיר וועט דער ריכטער גלויבן, און די דזשורי וועט דיר גלויבן. אייער פירמע „גארדאן און לעווין" האט א גוטן נאמען, וויל איך, אז דו זאלסט עדות זאגן ביי מיין פראצעס, אז יענע נאכט ווען עס איז פארגעקומען די רויבעריי אין דער צירונג־קראם, בין איך מיט מיין פרוי געווען ביי דיר אין הויז ביז שפעט ביינאכט.

— אבער, ענדריו, ביזט דאך ביי מיר אין הויז קיינמאל ניט געווען, וועל איך דאך מוזן שווערן פאלש. ניין, דאס קאן איך ניט.

ענדריו האט זיך צעלאכט. — נו, איז וואס אז דו וועסט שווערן פאלש? — האט ער גלאטיק א זאג געטאן, — וואס ביזטו, א הייליקער? האסט אויף דיין לעבן קיינמאל קיין ליגן ניט געזאגט אין דיינע ביזנעס? צוליב פראפיט און צוליב דיין פאמיליע זאגסטו געווים קליינע און אפט גאנץ היפשע ליגנס יעדן טאג. נאר צו ראטעווען מיין פאמיליע מאכסטו דעם אנשטעל פון א הייליקן, ווען דער געוויסן דערלויבט ניט צו שווערן פאלש. לעסטער, דו מאכסט פון מיר חוזק, צי וואס?

— ענדריו, איך וועל דיר אויסזאגן א וויכטיקן סוד, — האט לעסטער ערנסט געזאגט, — טאקע צוליב דעם וואוילזיין פון מיין פאמיליע, און צו־ליב דעם דערפאלג פון מיינע ביזנעס און טאקע צוליב מיין אייגענעם גע־וויסן, נאר איך קיינעם ניט, באשווינדל ניט קיינעם און זאג ניט קיין ליגן.

ענדריו האט נערוועז געביסן זיין גראבן ציגאר. זיינע בייזע בליקן האבן געשטאכן לעסטערן.

ווען לעסטער האט געענדיקט, האט ער ארויסגענומען דעם ציגאר פון מויל און האט מיט בייסנדיקן סארקאזם א זאג געטאן:

— ווייסט וואָס, לעסטער, דו געפֿין מיר אַ יידישן געשעפֿטסמאַן, וואָס שווינדלט ניט און זאָגט ניט קיין ליגנס צום ווייניקסטנס צען מאָל אַ טאָג, וועל איך דיר געבן טויזנט דאָלער פֿאַר טשאַריטי.

לעסטער האָט דערפֿילט דעם גיפֿטיקן שטאָך. ער האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן זיין כעס וואָס האָט אין אים אַ פֿלאַקער געטאָן.

— גוט, מיסטער וויליאַמס, איך נעם אָן דיין „טשאַלענדזש" און איך בין גרייט איינצוליייגן צוויי טויזנט דאָלער קעגן דיינע טויזנט, אויב דו וועסט צושטעלן באַווייזן, אַז סעמיועל לעווין און לעסטער גאַרדאַן האָבן ווען עס איז באַשווינדלט עמיצן, אָדער עמיצן אָפּגענאַרט. אָבער איין זאַך נעם איך אויס מיט דיר: דו וועסט אויך מוזן באַווייזן, אַז די טויזנט דאָלער וואָס דו וועסט איינלייגן איז ערלעך־פֿאַרדינט געלט, פֿאַרשטייסט, ענדריו?

ענדריוס מויל איז פּלוצים ווי אויסגעקרימט געוואָרן אויף אַ זייט. אויף זיינע בלאַסע באַקן האָבן זיך באַוויזן קיילעכדיקע רויטע פֿלעקן. זיינע גרין־גרויע אויגן האָבן געפֿינקלט. זיינע בלאַסע ליפּן האָבן געציטערט, און מיט אַ פֿאַרשטיקטן כעס האָט ער אַרויסגעכריפּעט:

— לעסטער גאַרדאַן, איך בין געקומען צו דיר ווי אַ פֿריינט דיך בעטן אַ טובה, און דו באַליידיקסט מיר גאָר. געדענק, לעסטער, וועסט חרטה האָבן. ענדריו וויליאַמס פֿאַרגעסט ניט און שלינגט ניט אַראָפּ קיין באַליידיקונגען. געדענק דאָס, לעסטער. דיין צייט וועט אַמאָל אויך קומען, און איך וועל דיר אָפּצאָלן דעם חוב כפֿל־כפֿלים.

צוויי אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין ענדריו וויליאַמס שיפֿל־פֿאַבריק, האָבן אין געריכט געגומען אויף זיך די שולד. זיי האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן דורכגעפֿירט די גניבות און באַהאַלטן די אַרטיקלען אין די שיפֿלעך אָן דעם וויסן פֿון זייער באַס, מיסטער וויליאַמס. די צוויי אַרבעטער זענען פֿאַרשיקט געוואָרן אין טורמע.

ענדריו וויליאַמס איז באַפֿרייט געוואָרן, ניט געקוקט דערויף וואָס אַלע אין געריכט און די וואָס זענען געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם פּראָצעס האָבן ניט געצווייפֿלט, אַז וויליאַמס איז דער הויפּט־אָנפֿירער פֿון די גנבים, און אַז די צוויי אַרבעטער וואָס האָבן אויף זיך גענומען די גאַנצע שולד, האָבן דאָס געטאָן, כדי צו ראַטעווען זייער באַס און אָנפֿירער.

ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דערקלערט קריג קעגן דייטשלאַנד, האָט ענדריו אויפֿגעבויט אַ גרויסע שיף־פֿאַבריק מיט די נייטיקע מאָדערנע מאַשינען.

מיט דער הילף פֿון באַצאָלטן פּאָליטישן איינפֿלוס, האָט ער געקראָגן אַ קאָנטראַקט פֿון דער רעגירונג צו בויען האַנדלס־שיפֿן. אין אַ קורצער צייט

אַרום האָט ער שוין באַשעפטיקט איבער הונדערט אַרבעטער אין זיין פאַבריק.

די ערשטע עטלעכע שיפן, וואָס די „ענדרוס שיף־קאָמפּאַני" האָט פּראָדוצירט, האָבן אויסגעהאַלטן די פּראָבע. דערנאָך זענען זיינע שיפן קוים דערקראָכן צום ענגלישן ברעג. אַ רעגירונגס־אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט גענוצט ביליקן מאַטעריאַל און ביליקע אַרבעט, און דעמאָלט האָט די רעגירונג אָפּגעבראָכן איר קאָנטראַקט מיט זיין קאָמפּאַני.

נאָר ביז די רעגירונג האָט צוריקגעצויגן איר קאָנטראַקט פון דער ענדרוס שיף־קאָמפּאַני האָט ענדריו אָנגעזאַמלט אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס ער האָט אינוועסטירט אין אַנדערע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן אים אַריינגעבראַכט היפּשן פּראָפיט.

זיין רייכטום האָט פאַר ענדריון געעפנט די טירן פון וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און איינפלוסרייכע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „אַמעריקע פאָר אַמעריקאַנס ליג". ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון אַ מושב זקנים, און דער וויצעפּרעזידענט פון דעם „ביג בראָדערס קלוב", וועמענס הויפּט־אויפגאַבע עס איז געווען צו העלפן מיט ראַט און טאַט די יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט און זענען אַרונטער פון דעם גלייכן וועג.

צוליב אַ ריי אורזאַכן, הויפּטזאַכלעך צוליב זיין קראַנקער יאָגעניש נאָך מער רייכטום, האָט ער אָנגעהאַלטן זיין פאַרבינדונג מיט די קאַרפּנקעפּ פון דער אונטערוועלט, מיט וועמען ער איז געווען אַ „שטילער" שותּף אין גאַנץ „פעטע" אונטערנעמונגען.

ווען לעסטער איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע, האָט ענדריו זיך אָנגעשיכורט פון גרויס שמחה. ווען לעסטער איז אַהיימגעקומען, האָט זיין דאָרשט נאָך נקמה זיך צעפלאַקערט. עס איז געווען ניט בלויז זיין דאָרשט נאָך נקמה, ער האָט אויך געטראַכט, אַז לעסטער וועט אפשר ביי אַ געלעגנהייט אַרויספּלאַפּלען די געשיכטע, אַז ער, ענדריו, האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל פאַר אים פאַלש עדות־זאָגן אין געריכט. און דאָס וואָלט אים, ענדריון, זיכער פאַרשאַפט צרות צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט דער אונטערוועלט.

ענדריו האָט ניט פאַרלאָרן קיין צייט. אין אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואו ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד, האָט ער געהעצט קעגן די „פאַררעטער און שונאים פון אונדזער גרויס לאַנד", און באַזונדערס קעגן לעסטער גאָרדאָן מיט זיינע פאַרבינדעטע. ער האָט אַרויסגעשיקט בריוו צו די איינ־

וואוינער פון דער גאַס און פון אַרומיקע גאַסן און זיי אויפגעפאָדערט אַרויסצויאָגן דעם פּאַררעטער פון זייער גאַס.

ענדריו האָט באַשטעלט זיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן טעלעפאָנירן לעסטערן שפּעט ביי נאַכט און אים און זיין פרוי באַליידיקן מיט די ערגסטע זידלע־רייען. ער האָט באַשטעלט זיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן ביינאַכט אויספאַרבן מיט רויטער פאַרב גרויסע בוכשטאַבן: „פּאַררעטער", „שפּיאָן" אויפן טראָ־טואַר לעבן לעסטערס הויז.

ווען ענדריו האָט דערפילט, אַז די אַטמאָספערע אין גאַס איז שוין גוט אָנגעגליט קעגן דעם „פּאַררעטער", האָט ער טעלעפאָנירט לעסטערן:

— העלאָ, לעסטער, דו ווייסט ווער עס רעדט? ענדריו וויליאַמס. געדענקסט מיך? — האָט ער וואויל־יונגעריש אַריינגערעדט אין טעלעפאָן־טרייבל.

— יאָ, געווים ווייס איך ווער דו ביזט ... אוודאי געדענק איך דיך ... איך פאַרמאָג אַ גוטן זכרון, — האָט לעסטער געענטפערט.

לעסטערס צווייִדייטיקער ענטפער האָט ענדריון אַ ברען געטאָן און ער האָט אַריינגעדונערט אין טרייבל:

— דו ווייסט ווער איך בין, זאָגסטו! געדענקסט־מיך, הייסט עס? און דו געדענקסט מסתם אויך, אַז איך האָב דיך געוואָרנט, אַז ענדריו וויליאַמס פאַרגעסט ניט ...

— איז וואָס ווילסטו איצט, מיסטער וויליאַמס? נייטיקסט זיך אפשר ווידער אין אַן עדות? — האָט לעסטער מיט אייז־קאַלטער רואיקייט אים געפרעגט.

ענדריו וויליאַמס כעס איז געשטיגן.

— וואָס איך וויל, פרעגסטו? איך וויל ניט וואוינען מיט דיר אויף איין גאַס! — האָט ער אַריינגעשריען אין טרייבל.

— נו, ווער צווינגט דיך צו וואוינען דאָ? קיינער פאַרווערט דיר ניט זיך אַרויסצוציען פון דאַנען און וואוינען אויף אַן אַנדערער גאַס, אָדער אפילו אין אַן אַנדערער שטאָט, — האָט לעסטער מיט אים איינגעטענהט מיט דער זעלבער קאַלטער רואיקייט.

— ניין, איך האָב ניט בדעה זיך אַרויסצוציען פון מיין הויז, וואָס איז זייער מזלדיק פאַר מיר. איך וויל אַז דו, לעסטער, זאָלסט וואָס־גיכער זיך אָפּטראָגן פון דאַנעט ...

— נו, ווילסטו! דו מעגסט וועלן! און איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר מער ניט טעלעפאָנירן. עס איז אונטער מיין ווירדע צו רעדן מיט אַזאַ פּאַרשוין

ווי דו, — האָט לעסטער קאַלט און האַרט אויסגעצײלט זײנע װערטער, און האָט אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן־טרײבל.

ענדריו װיליאַמס האָט געציטערט פון כעס. װי אַ צערײצטע חיה האָט ער געביסן זײנע ליפּן ביז װײטיק און מיט ציטערדיקע הענט האָט ער גע־װישט זײן צעהיצט פּנים.

— דו שמוציקער ייד! — האָט ער אַרױסגעכאַרכלט, — דאָס איז שוין דאָס צװײטע מאָל, װאָס דו שפּײסט מיר אין פּנים. פֿאַר באַליידיקן ענדריו װיליאַמס װעסטו טײער באַצאָלן, דו מערדער פון דזשיזוס קראַיסט! מיט דײן בלוט װעסט באַצאָלן פאַר דײן נידערטרעכטיקער יידישער חוצפּה! איך שװער ביי גאָט: מיט דײן בלוט װעסטו באַצאָלן!

פּאַנטש דראָנק מעק

אַרום צען יאָר איז מעק מעקאַרטי געווען אַ דערפאַלגרייכער פּרייז־פּאַיטער. פון זיינע איבער הונדערט פויסט־פּאַרמעסטן האָט מעק געוואונען אַכציק, מער ווי אַ העלפט האָט ער געוואונען מיט „נאָק־אאוטס". איבער פיר־צענדליק, ווי אייניקע באַוואוסטע, געשולטע, אויסגעפּרובירטע פויסט־העלדן האָט מעק מיט זיינע מעכטיקע פויסטן אַוועקגעלייגט אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד, ביי דער דריטער, אָדער פערטער „הקפה" (ראָונד).

געלט האָט מעק פאַרדינט אַ סך, אָבער זיינע גרויסע פאַרדינסטן פלעגט ער פאַרשווענדן אויף זיין לוקסוסדיק לעבן, אויף זיינע קליידער, צירונג, און איבערהויפּט אויף די פערד־רעיסעס.

פּלוצים, ווען ער האָט דערגרייכט אַ גאָר הויכע מדרגה פון באַרימטקייט, איז זיין גליקלעך לעבן פאַרענדיקט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין לעצטן אומגליקלעכן פויסטן־פּאַרמעסט. אין מיטן פון געפעכט האָט ער פּלוצים דערפילט אַ שניידנדיקן קאָפּ־ווייטיק, כאָטש זיין קעגנער האָט אַפילו ניט אָנגערירט זיין קאָפּ. עס האָט אים געשווינדלט אין די אויגן. זיינע שטאַרקע, פלינקע פיס זענען פּלוצים פאַרשטייפט געוואָרן און זיינע מעכטיקע אָרעמס זענען געוואָרן שווער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. ער האָט ניט געקאָנט זען זיין קעגנערס פויסטן, וואָס האָבן געהאָגלט איבער זיין קאָפּ, פּנים און איבער זיינע אָנגעווייטיקטע ריפּן. ער האָט ניט געקאָנט באַנוצן זיינע פיס פאַר אַ סטראַטעגישן צוריק־טריט, און ער האָט ניט געקאָנט באַנוצן זיינע הענט צון פאַרהאַלטן זיין קעגנערס פויסטן, וואָס האָבן געהאָגלט אויף אים מיט קלעפּ און ער האָט ניט געהאַט דעם נייטיקן כוח צו באַנוצן זייערע פויסטן צוריקצושלאָגן זיין קעגנער. ער האָט אין זיין פאַרצווייפלונג אַרומגעכאַפּט זיין קעגנער און מיט זיין גאַנצן כוח פּרובירט אים איינהאַלטן, נאָר יענער האָט זיך אַרויס־געגליטשט פלינק פון זיינע מאַכטלאָזע הענט און אים ווידער געקלאַפּט.

די טויזנטער פאַרזאַמלטע, וואָס פלעגן אים ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירן ווען ער פלעגט אַוועקלייגן זיין קעגנער, האָבן איצט אים געבוקעט און אים גע־זידלט מיט פאַרשידענע חוזק־אויסגעשרייען.

מעק האָט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט און זיך געוואַקלט ווי אַ שיכור. פּלוצים איז שטיל געוואָרן אין דעם ריזיקן זאַל. זיין קעגנער האָט אויפ־געהערט צו האַמערן איבער אים. דערנאָך איז פינצטער געוואָרן אין זאַל . . . מער געדענקט ער גאָרניט . . .

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגן אין בעט אין זיין גרויסן

שלאָפּצימער. ער האָט זיך ניט געקאָנט אויפזעצן. זיין קערפּער איז געווען צעווייטיקט, זיין פאַרשוואָלן פּנים, און איבערהויפּט זיינע געשוואָלענע אויערן האָבן געברענט ווי פייער.

— ווי אַזוי פילסטו, מעק? — האָט ער געהערט די באַקאַנטע שטים פון זיין מענעדזשער, פרענקי.

—קראַנק, פרענקי. איך פיל זייער קראַנק, — האָט מעק אַרויסגע־מורמלט און טרערן זענען גערונען פון זיינע פאַרשוואָלענע אויגן.

דאָס איז געווען מעקס לעצטער פויסטן־פאַרמעסט.

אַ לאַנגע צייט איז ער געווען קראַנק. ער האָט געליטן פון שאַרפע קאָפּ־ווייטיקן און פון אַ שניידנדיקן ווייטיק אין זיינע געשוואָלענע „קאַלי־פלאָוער" אויערן. זיינע מוסקולן האָבן אָנגעוואָרן זייער עלאַסטישקייט און זיין גאַנג איז געווען וואַקלדיק. זיין שפּראַך איז געוואָרן צוגעלעגערט. צוליב זיין שטענדיקער מידקייט האָט ער געמוזט ליגן אין בעט.

קיין סך אָפּגעשפּאָרט געלט האָט ער ניט פאַרמאָגט. זיין פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ רייט־פערד, עטלעכע דימענטענע קראַוואַט־שפּילקעס, אַ דימענטענעם סיגנעט, אַ גאָלדענער זייגער, באַזעצט מיט בריליאַנטן, אַ שווערע גאָלדענע קייט, פופציק גאַרניטורס, צוואַנציק מאַנטלען, פופציק העמדער פון אימפּאָרטירטע זיידנס. ער האָט אויך פאַרמאָגט זילבערנע סטאַטועס פון זיין אייגענער פיגור אין עטלעכע פּאָזעס, און אַ זילבערנע סטאַטוע פון זיין פערד. די אַלע זאַכן האָט ער געמוזט פאַרקויפן, כדי צו באַצאָלן דעם דאָקטאָר, פאַר די רפואות און פאַר זיינע מאָלצייטן.

זיינע אַמאָליקע פריינט האָבן זיך דערווייטערט פון אים. מעק מעקאַרטי, דער געוועזענער באַרימטער פויסטן־העלד, וואָס איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט פריינט און באַוואונדערער, איז נאָך זיין ירידה גע־בליבן עלנט און איינזאַם און איז געוואָרן באַוואוסט אונטערן נאָמען „פּאַנטש דראַנק מעק".

ביסלעכווייז האָט זיך מעקס געזונט פאַרבעסערט. ער האָט אָבער אפילו ניט געוואָגט צו טראַכטן צו פאַרדינען זיין ברויט מיט דער הילף פון זיינע פויסטן. ער האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַ צוגעפּאַסטער פאַר אים אַרבעט. אָבער צוערשט האָט ער ערגעץ געמוזט קריגן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט צו באַצאָלן אַ גענייטן פּלאַסטישן כירורג, וואָס זאָל פאַרריכטן זיין צעבראָ־כענע איינגעפּלעטשטע נאָז און זיינע געשוואָלענע „קאַליפלאָוער" אויערן, אַז ער זאָל מער ניט אויסזען ווי עפּעס אַ פאַרזעעניש.

מעק איז געגאַנגען יעדן טאָג אין קלויסטער, ווי ער פלעגט דאָס אַלעמאָל טאָן ערב זיינע פויסט־פאַרמעסטן. ער האָט איצט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל

אים העלפֿן ערגעץ קריגן די עטלעכע הונדערט דאָלער צו פֿאַרריכטן זיין פּנים, כּדי ער זאָל אויסזען ווי אַ נאָרמאַלער מענטש און קאָנען קריגן אַרבעט.

און גאָט האָט פֿאַרנומען מעקס געבעט און אים צוגעשיקט „דזשאַני דהי ספֿינקס", וואָס האָט אויסגעשטרעקט מעקן אַ פֿריינטלעכע האַנט.

אין זיין שיף־פֿאַבריק און אין זיין גרויסער סטים־וועשעריי און אין זיין גרויסער „דראַי קלינִיק"־פֿאַבריק באַשעפֿטיקט ענדריו וויליאַמס נאָר גוט־שטייענדיקע יוניאָן־מיטגלידער. אויף זיין באַפֿעל נעמען זיינע בוכהאַל־טערס אַרונטער צוויי פּראָצענט פֿון יעדן אַרבעטערס וועכנטלעכע שכירות פֿאַר יוניאָן־דיוס.

לויט זיין אויסגעאַרבעטן פּלאַן, און אויף זיין באַפֿעל, האָט זיין רעכטע האַנט, „דזשאַני דהי ספֿינקס", מיט ענדריוס הילף, אָרגאַניזירט די אַרבע־טער, וואָס זענען באַשעפֿטיקט אין די פֿאַבריקן פֿון „ענדריו וויליאַמס ענד קאָמפּאַני" אין אַ „יוניאָן", די „אינדעפּענדענט יוניאָן און אַמעריקען לייַ־באָר".

דער פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן איז געווען דזשאַני דהי ספֿינקס; דער סעקרעטאַר פֿון דער יוניאָן איז געווען דזשאַני דהי ספֿינקס, און דער טרעזשורער פֿון דער יוניאָן — אויך דזשאַני דהי ספֿינקס.

אין ענדריו וויליאַמס פֿאַבריקן קומען קיינמאָל ניט פֿאָר קיין סטרייקס אָדער סטאָפּעדזשעס, און די אַרבעטער באַקלאָגן זיך קיינמאָל ניט. ווען אַ נייער אַרבעטער, וואָס איז ניט באַקאַנט מיט די „רולס", אָדער איז גלאַט אַ אומוויסנדיקער, אַן איינגעשפּאַרטער, און וויל זיך ניט אונטערוואַרפֿן די „רולס" פֿון דער יוניאָן; אויב אַזאַ אַרבעטער וואָגט צו בורטשען וועגן העכערע שכירות, קירצערע אַרבעט־שטונדן און איז קעגן דער יאָג־סיסטעם, וואָס הערשט אין ענדריוס פֿאַבריקן, ווערט ער „באַהאַנדלט" פֿון דזשאַנים „געזעץ און אָרדענונג־קאָמיטע" פֿון „זיין" יוניאָן און דער אַרבעטער ווערט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער פֿאַבריק.

צוויי מאָל אַ יאָר פֿאַרזאַמלען זיך די מיטגלידער פֿון דער „אינדעפּענדענט יוניאָן" ביי די אָפֿיציעלע יוניאָן־מיטינגען. איין מאָל, אין חודש יאַנואַר, צו פֿייערן דעם געבורטסטאָג פֿון זייער באָס, ענדריו וויליאַמס, דער רע־ספּעקטירטער אַמעריקאַנער בירגער, פֿילאַנטראָפּ און אַקטיווער טוער אין אַ צאָל טשאַריטי־אינסטיטוציעס. דער צווייטער יוניאָן־מיטינג ווערט אָפּ־געהאַלטן אין חודש סעפּטעמבער, צו פֿייערן דעם געבורטסטאָג פֿון דעם פּרעזידענט־סעקרעטאַר־טרעזשורער פֿון דער יוניאָן, דזשאַני דהי ספֿינקס. אַ חוץ די גאָר קראַנקע, קומען אַלע יוניאָן־מיטגלידער צו די „וויכטיקע" יוניאָן־מיטינגען.

אין אַ שיינעם, העל־באַלויכטענעם זאַל, ביי די געדעקטע טישן, זיצן די אַרבעטער. אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, אויסגעפּוצט אין אַ קאָסטבאַרן בלויען גאַרניטור, אַ זיידן אויבער־העמד מיט אַ זיידענעם, קאָלירפולן קראַוואַט, פלעגט דזשאַני דהי ספינקס פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין מיטן פון „אויבנאַן”־טיש, וואו עס זענען געזעסן די וויכטיקע געסט: מיסטער און מיסעס וויליאַמס.

דזשאַנים שוואַרצע, געדיכטע האָר, גלאַט פאַרקעמט, האָבן געגלאַנצט אין ליכטיקן זאַל. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַרומגעטאַפּט זיינע מיטגלידער. זיין בלייך פּנים פלעגט ווערן נאָך בלייכער צוליב דער אָנשטרענגונג. בלויז דער לאַנגער, רויטער שניט אויף זיין רעכטער באַק האָט ניט געביטן זיין קאָליר.

מיט זיין שווערן גאָלדענעם סיגנעט אויף דעם מיטלסטן פינגער פון זיין רעכטער האַנט, קלאַפּט דזשאַני אין אַ ליידיקער גלאָז. אין זאַל ווערט שטיל. דזשאַנים קלאָרע שטים קלינגט אין זאַל. ער דערלאַנגט זיין רעדע.

— מיר, די מיטגלידער פון אונדזער יוניאָן, האָבן זיך היינט אַוונט פאַרזאַמלט צו פייערן ביי אונדזער מיטינג, דעם געבוירנטאָג פון אונדזער באָס און אונדזער אמתער פריינט, דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און גרויסער פילאַנטראָפּ, דער גרויסער מענטשן־פריינט און גאָטפאַרכטיקער גרויסער מענטש, מיסטער ענדריו וויליאַמס. זאָל גאָט אים באַלוינען מיט לאַנגע, לאַנגע און גליקלעכע יאָרן, און זאָל ער מיט זיין באַליבטער, גוטהאַרציקער ווייב דערלעבן שמחות ביי זייערע קינדער.

דזשאַני כאַפּט־אָפּ דעם אָטעם פון דער אָנשטרענגונג צו „דעליווערן” זיין איינגעשטודירטע לאַנגע רעדע און וואַרט ביז די אַפּלאָדיסמענטן וועלן זיך איינשטילן, און ער פאַרענדיקט זיין רעדע:

— אַלס דער פּרעזידענט פון אונדזער יוניאָן, דערקלער איך דעם מיטינג געזעצלעך דערעפנט. עסט, טרינקט וויפל איר ווילט. עס איז דאָ גענוג בראַנפן און ביר פאַר אַלעמען, און די סטעיקס וועלן קיינעם ניט פאַרשאַטן, און לאָמיר עפענען דעם יום־טוב מיט אַ טאָוסט צו אונדזערע גרויסע געסט, מיסטער און מיסעס וויליאַמס.

ווען די יוניאָן האָט געפייערט דזשאַנים געבוירנטאָג, פלעגט ער, דזשאַני, דערקלערן דעם מיטינג געזעצלעך דערעפנט, און פאַרשטעלן דעם פאַרמאַן פון דער שיף־בוי פאַבריק, ביל סאָרנסאָן, „דער גיגאַנט”, ווי די אַרבעטער האָבן אים גערופן.

ביל, דער ריז, פלעגט אַ גאַנצע וואָך שטודירן זיין רעדע, אָבער אַזוי גיך ווי ער פלעגט זיך אויפשטעלן צו דערלאַנגען זיין רעדע, פלעגט זיין פּנים

רויט ווערן ווי פייער און אפגעגאסן ווערן מיט שוויים, און ער פלעגט פארגעסן זיין רעדע. ער פלעגט אריינגיסן אין זיין האלדז איין גלאז וואסער נאך דער צווייטער, אויפקנעפלען און צוריק פארקנעפלען זיין רעקל, און ענדלעך ארויסברומען אויף זיין טיפער באריטאן־שטים:

— נו, באיעס, איך בין ניט אזא רעדנער ווי אונדזער דזשאני. ביי אים גייט עס גלאט, ווי געשמירט, אבער איך... מיר פעלן אוים ווערטער... איז וואס איך וויל אייך זאגן איז, אז דזשאני איז א פיינער יאט, א פרינץ, מיט א גאלדן הארץ און א פריינט פון ארבעטער. הורא פאר אונדזער דזשאניין! העפי בוירטדעי, דזשאני! און איצט, עסט און טרינקט און האט א גוד־טאים!

די בוכהאלטערס אין ענדריו וויליאמס פאבריקן פלעגן ארונטעררעכענען פינף דאלער פון יעדן ארבעטערס שכירות צו דעקן די אויסגאבן פאר יעדן וויכטיקן יוניאן־מיטינג. די ארבעטער זענען געווען צופרידן וואס מען נעמט ארונטער פון זייערע שכירות בלויז פינף דאלער.

דזשאני ספינקס און מעק זענען א לאנגע צייט געווען פריינט. אפילו נאך מעקס ירידה, און אויך אין פארלויף פון די לאנגע חדשים, וואס מעק איז געווען קראנק, האט דזשאני אים ארויסגעוויזן ווארימע פריינטלעכקייט. ווען דזשאני פלעגט אים באגעגענען אין דעם גרויסן רעסטאראן וואס האט באלאנגט צו דעם געוועזענעם בייזבאל־שפילער, מיקי מאלרוני, האט ער זיך נאכגעפרעגט אויף זיין געזונט, און פון צייט־צו־צייט אריינגעשטופט אין מעקס קעשענע עטלעכע צענערלעך.

מעק פלעגט אויפריכטיק פראטעסטירן צוליב זיין באליידיקטן שטאלץ, אבער דזשאני פלעגט אים באַרואיקן, — „א פריינט אין נויט איז אן אמתער פריינט", פלעגט אים דזשאני גוט־ברודעריש א זאג טאן. א חוץ דעם פלעגט אים דזשאני דערקלערן, אז פון יעדן געוועזענעם פאיט וואס ער, מעק, האט פארצייכנט, פלעגט ער, דזשאני, פארדינען א סך געלט, ווייל ער פלעגט שטענדיק וועטן אויף אים, אויף מעקן, און אז אין דער אמתן איז דאס גאר מעקס געלט, וואס ער, דזשאני, שטופט אים איצט אין קעשענע.

מעק, אדער ווי מען האט אים איצטער גערופן, פאנטש דראנק מעק, פלעגט אנקוועלן פון דזשאנים דערקלערונג. זיין שטאלץ איז שוין איצט ניט געווען באליידיקט, און ער פלעגט מיט א שמייכל איינשטימען צו נעמען די עטלעכע דאלער וואס דזשאני האט גוט־ברודעריש אריינגעשטופט אין זיין קעשענע.

מעקס געזונט איז פארבעסערט געווארן. יעדן טאג האט ער געפילט קרעפטיקער און מונטערער. זיינע מוסקולן זענען ווידער געווארן שטייף

און עלאַסטיש, און ער האָט זיך מער ניט געוואַקלט, אַפילו ווען ער איז געגאַנגען גיך און מיט ברייטע שפּאַן.

ער האָט געוואוסט, אַז אַלס פּרייז־פאַיטער איז ער אויסגעשפּילט. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס בעסטע פאַר אים וואָלט געווען צו ווערן אַ טעקסי־טרייבער, אָדער טרייבן אַ טראָק. אָבער צוערשט מוז ער פאַרריכטן זיין צעפּלעטשטשטער נאָז און זיינע קראַנקע „קאָליפּלאַוער" אויערן. ער מוז ערגעץ קריגן אַ הלוואה צו באַצאָלן דעם דאָקטאָר שטיינהאַרט, וואָס איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף דעם געביט.

זיין אַמאָליק מזל האָט ווידער אויפגעשיינט. זיין פריינט דזשאַני ספּינקס האָט אים צופעליק באַגעגנט און אים איינגעלאַדן צו עסן סאַפּער מיט אים אין „מיקים" רעסטאָראַן.

פּאַנטשי האָט געשלונגען גרויסע שטיקער פון זיין עקסטראַ־ספּעשל גרויסן סטעיק און דערביי באַמערקט, אַז ביי „מיקין" קריגט מען די בעסטע סטעיקס. ער האָט געזופּט פון גלאָז דעם רויטן וויין און ווידער באַמערקט, אַז ביי מיקין קריגט מען דעם בעסטן וויין אין שטאָט.

דזשאַני האָט געגעסן זיין סטעיק מיט איידעלע מאַניערן און געזופּט זיין וויין מיט געמאָסטענע זופּן.

ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט זייערע סטעיקס, האָבן זיי פאַרביסן מיט שטיקער עפּל־פּאַי און פאַרטרונקען מיט שוואַרצער קאַווע.

דזשאַני האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר. ער האָט געדרייט דעם ציגאַר עטלעכע מאָל צווישן זיינע ליפּן, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל און מיט צופרידנקייט באַטראַכט דעם צווייטן עק פון דעם ציגאַר, וואָס האָט זיך צעברענט מיט גלייכער קיילעכדיקייט אַרום דעם שפּיץ פון ציגאַר, ווי ער האָט ליב, און ער האָט אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף מעקן.

פּאַנטשי מעק האָט געווישט מיטן ווייסן פיר־עקעכדיקן האַנטעכל זיינע ליפּן און זיין פאַרשוויצט פּנים.

— מעק, דענקסט אַז דו ביזט שוין געזונט? — האָט דזשאַני דהי ספּינקס שטיל אַ פרעג געטאָן פּאַנטשין.

— דזשאַני, — האָט פּאַנטשי געענטפערט, — כ'האָב געהאַט אַ שווערן קאַמף, זייער אַ שווערן קאַמף, אָבער כ'האָב געוואונען מיט אַ „נאַק־אַאוט".

דזשאַני האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט און אים ווידער אַ פרעג געטאָן:

— מעק, ווילסט פאַרדינען עטלעכע הונדערט דאָלער?

— פאַר עטלעכע הונדערט דאָלער וועל איך דיר ברענגען די ברוקלינער

בריק אין הויז אריין, — האט מעק געענטפערט און געהירזשעט פון גע־לעכטער פון זיין חכמה.

— גלויבסט, אז דו פארמאגסט גענוג כוח פאר אזא אונטערנעמונג, מעק?

— מיין פריינט, איך עס מיט וואלפישן אפעטיט און שלאף ווי א „טשעמפ”, און יעדן טאג מאך איך איבונגען און שפאציר שעהן לאנג. איך פיל אז איך קאן איינשלעפערן א בער מיט איין זעץ פון מיין גאט־געבענטש־טער לינקער האנט.

— מעק, פינף הונדערט דאלער און א נייעם מאנטל פאר פארמאכן דאס מויל פון א פאררעטער.

— א פאררעטער? מיט פארגעניגן. ווער, וואו און ווען?

— מ'וועט דיר אים ווייזן און מ'וועט דיר לאזן וויסן וואו און ווען.

מעק האט זיך דערפרייט. זיין צעפלעטשטע נאז און זיינע „קאליפלאוער” אויערן וועלן שוין זיכער פארריכט ווערן; אויף אזא גליק האט ער זיך ניט געריכט. ער האט אויסגעליידיקט די פליסיקייט פון דער פלאש.

מעק פירט דורך זיין אויפגאַבע

שפּעט ביינאַכט. די גאַס, וואו לעסטער מיט זיין פאַמיליע וואוינען, איז איינגעוויקלט אין ביינאַכטיקער סודותדיקער שטילקייט. כמעט אַלע הייזער אויף דער גאַס שטייען פינצטער און קוקן מיט זייערע בלינדע פענצטער־אויגן אין דער ביינאַכטיקער פינצטערניש. בלויז דאָ און דאָרטן שיינט אַרויס פון אַ פענצטער אַ שוואַכע ליכט־שיין. די עטלעכע אָפּגעזונדערטע גאַסן־לאָמפּן באַמיען זיך מיט אַלע זייערע עלעקטרישע כוחות אַריינצוגיסן און אויסשפּרייטן זייערע געלבלעכע ליכט־שטראַלן איבער דער גאַס, און זיי בלייבן הילפלאָז קעגן דעם ים פינצטערניש.

הויך איבער דער שלאָפנדיקער גאַס הענגט אַ ברוגזער פינצטערער הימל. שוואַרצע, ווייכע כמאַרע־בערג גליטשן זיך פויל איבער דער ריזיקער, וויי־טער, ליידיקער הויכקייט. צייטנווייז בלויט אַרויס צווישן די שוואַרצע בערג בלויז אויף איין קורצער רגע, אַ טיפער טאָל אָנגעפילט מיט סאַמעט־גלאַטער, ווייכער, טיפער בלויקייט, פון וועלכער עס פינקלט שוואַך אַרויס אַ שוואַך, פאַראיינזאַמט שטערנדל און ווערט גיך פאַרשוואונדן אונטער די כמאַרע־בערג.

פון ערגעץ־ווייט רעוועט אַ שיף אַריין אין דער פינצטערער ביינאַכטיקער שטילקייט, אַ גאַרגלדיקן, כריפּענדיקן, יאָמערדיקן, חיהשן געשריי, וואָס ווערט גיך פאַרשלונגען און פאַרשטומט פון דער מעכטיקער שטילקייט.

אין ענדריו וויליאַמס הויז איז ליכטיק בלויז אין איין צימער, וואו ענדריו מיט זיין רעכטער האַנט שפּילן אין קאָרטן. מיסעס וויליאַמס און די קינ־דער שלאָפן שוין.

צום צווייטן מאָל פרעגט ענדריו דזשאַנין דיזעלבע פראַגן און ער קריגט דיזעלבע ענטפערס.

— ביזט זיכער, דזשאַני, אַז ער איז אין ניו־יאָרק?

— יאָ, ענדריו, ס'איז זיכער. אַ „שאָטן" וואָס האָט אים באַגלייט, האָט געלאָזט וויסן.

— ווען וועט ער קומען אַהיים?

— מסתם שפּעט. דערווייל איז ער נאָך אין ניו־יאָרק, און אפשר איז ער שוין אויפן וועג.

— און מעק וועט אים דערקענען?

— זיכער. ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל אָנגעקוקט.

— האָסטו אָנגעזאָגט מעקן, אַז ער זאָל מאַכן אַ גוטן דזשאָב?

— ענדריו, אויב ער וועט אַרוים אַ לעבעדיקער פון מעקס פויסטן, וועט ער זיין אַ גליקלעכער. אָבער ער וועט שוין קרענקען זיין גאַנץ לעבן.

— ביזט זיכער, אַז מעק איז שוין געזונט?

— ווי אַן אַקס.

— דזשאַני, מען וואָלט באַדאַרפט אויסשניידן די צונג ביי דעם גאָט־פאַרדאַמטן יידן.

— ענדריו, קיין ציין וועט ער זיכער מער ניט האָבן.

פאַנטשי מעק ליגט פאַרשטעקט אונטער די נידעריקע ביימלעך, ניט ווייט פון לעסטערס הויז און וואַרט — אָבער אַן איבעריקן חשק . . . ער טראַכט, אַז עס איז קעגן די „רולס" וואָס ער האָט אָפּגעהיט זיין גאַנץ לעבן אַלס פּרייז־פאַיטער. עס איז קעגן די „רולס" צו דערלאַנגען איינעם וואָס איז ניט געשולט און ווייסט ניט ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן, און עס איז קעגן די „רולס" צו באַפאַלן עמיצן אָן אַ וואָרענונג, איידער דער סיגנאַל ווערט געגעבן . . . ער נייטיקט זיך אָבער אין געלט. און חוץ דעם איז דזשאַני זיין פריינט און ער האָט אים ניט געקאַנט אָפּזאָגן אַזאַ נישטיקע טובה . . . און ווייטער: יענער איז דאָך אַ פאַררעטער און איז דזשאַנים אַ שונא.

און וואו איז דער פאַררעטער? ווי לאַנג וועט ער דאַרפן וואַרטן אויף אים? וואָס לענגער ער וואַרט, אַלץ מער ווערט ער אומגעדולדיק און דער־צאַרנט קעגן דעם פאַררעטער. אויב ער וועט אים צווינגען צו וואַרטן צו לאַנג וועט ער אים . . .

לעסטערס פעסטע טריט אויף דעם האַרטן, צעמענטענעם טראָטואַר האָבן אַריינגעהילכט אין דער שטילקייט פון דער גאַס. איינס, צוויי, איינס, צוויי.

פאַנטשי מעק האָט אים דערקענט. פונדערווייטנס האָט ער אים געזען און גוט באַטראַכט און אָפּגעמאָסטן ניט איין מאָל . . . יאָ, דאָס איז ער, דער פאַרדאַמטער פאַררעטער.

לעסטערס טריט הערן זיך שוין פון גאַנץ נאָענט. אָט באַלד און ער איז שוין לעבן זיין הויז, פונקט דאָרט וואו פאַנטשי ליגט פאַרשטעקט אונטער די ביימלעך.

ווי אַ שטאַלענער האַמער האָט פאַנטשיס לינקער פויסט אַ זעץ געטאָן איבער לעסטערס קאָפּ, און מיט זיין רעכטן פויסט אין לעסטערס ריפּן; און ווידער האָט זיין לינקער פויסט אַ האַמער געטאָן איבער לעסטערס קאָפּ און איבער זיין פּנים.

די אומגעריכטע ווייטיקדיקע קלעפּ האָבן צעטומלט און אָפּגעשוואַכט לעסטערן. ער איז געפאַלן אויף די קני און דערנאָך אויף זיין פּלייצע. בלוט

האָט זיך געגאָסן פון זיין מויל און נאָז און ער איז געבליבן ליגן אין א האלב־באוואוסטלאָזן צושטאַנד.

דער שטרענגער געבאָט ניט צו שלאָגן אַז אומגעפאַלענעם קעגנער, וואָס מעק פלעגט אויספאָלגן די אַלע יאָרן פון זיינע פויסט־פּאַרמעסטן, האָט אים באַהערשט אויך אין זיין איצטיקן אַנפאַל אויף לעסטערן. ער איז געבליבן שטיין מיט שטייפע פויסטן, געגרייט צו באַנייען זיין אַנגריף אַזוי גיך ווי לעסטער וועט פּרובירן זיך אויפהויבן, אָבער לעסטער איז געבליבן ליגן דאָרט וואו ער איז אַוועקגעפאַלן, אַ פאַרחלשטער.

מעק האָט אַ שפּיי געטאָן אויף לעסטערן, אַ ברום געטאָן „פאַררעטער". ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרונטערגעלאָזט זיינע פויסטן און זיך גע־לאָזט אַוועקגיין. ער האָט זיך באַלד אומגעקערט און זיך גענומען אויס־ליידיקן לעסטערס קעשענעס.

ער האָט אויסגעליידיקט אַלע לעסטערס קעשענעס. דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגן לעסטערס דימענטענע שפּילקע און זי אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע. ער האָט אויך פּרובירט אַראָפּנעמען לעסטערס גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, וואָס איז אים אַנגעקומען אַביסל שווערלעך. די גאָלדענע קייט איז געווען דורכגעצויגן דורך דער פּעטלקע פון לעסטערס זשילעט, און די ענד פון דער קייט, וואָס איז געווען אַריינגעטאָן אין דער קליי־נער זשילעט־קעשענע איז געווען פאַרשפּיליעט מיט אַ שפּילקע.

דורך דער צייט וואָס פּאָנטשי האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם זייגער מיט דער קייט, האָט זיך לעסטער אויסגעטשוכעט פון זיין פאַרחלשטקייט. ער האָט דערפילט אַ ווייטיק אין קאָפּ און אין זיין פּנים, אָבער אין איין אויגנבליק האָט זיין מוח זיך אויסגעקלאָרט.

לעסטער האָט באַמערקט ווי איינער שטייט איבער אים אויף די קני און שלעפּט זיין זייגער מיט דער קייט און ער האָט בליץ־שנעל באַשלאָסן וואָס ער דאַרף טאָן. מיט זיינע ווי שטאָל־פאַרהאַרטעוועטע דלאָניעס האָט ער ווי מיט טאַצן אַ פּראַסק געטאָן איבער פּאָנטשיס אויערן. מעק האָט דערפילט אַ מוראַדיקן ווייטיק, ווי אַז אַנגעגליטער שפּיז וואָלט דורכגעשטאָכן זיינע קראַנקע „קאַליפלאַוער" אויערן. ער האָט אַ רעווע געטאָן ווי אַ ווילדע חיה, איז אויפגעשפּרונגען און מיט ביידע הענט פאַרדעקט זיינע צעוויייטיקטע אויערן.

לעסטער האָט זיך שנעל אַ הייב־געטאָן. זיינע פויסטן האָבן געהאַמערט איבער מעקס קאָפּ, פּנים, אויערן און ריפּן. מעק האָט געברעוועט פון ווייטיק. לעסטער האָט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך: ער האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט איינהאַלטן זיינע פויסטן, וועלכע האָבן גע־

האַמערט זיין קראַנקן און הילפלאָזן אָנגרייפער. מעק איז אַוועקגעפאַלן ווי אַ שטיין.

מעקס רעוועז האָט אויפגעוועקט די גאַס. פענצטער זענען ליכטיק געוואָרן. טירן האָבן זיך געעפנט. עמעץ האָט טעלעפאָנירט דער פּאָליציי. אַן אמבולאַנס איז אָנגעלאָפן מיט אַ יאָמערדיקער קוויטשעריי.

לעסטער און מעק זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

לעסטער איז יענע נאַכט געשלאָפן אין דער היים, אָבער מעק איז געבליבן אין שפּיטאָל, אַ קראַנקער, באַוואַכט פון צוויי פּאָליסלייט, אונטער אַרעסט פאר אָנגריף און רויבעריי.

דער פּראָצעס

בלויז אין איין וואָך אַרום איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס. דאָס גע־ריכט־הויז איז געווען אָנגעפילט מיט נייגעריקע צושויער. ביי אַ באַזונדערן טיש זענען געזעסן מעק מיט זיין לאָיער. צוויי פּאָליסלייט זענען געזעסן ניט ווייט פון מעקן און געהיט זיינע באַוועגונגען. מעק איז געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטער. ער האָט געקוקט אויף דעם ריכטער, אויף דעם דיס־טריקט־אַטוירני, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די אָנקלאַגע קעגן אים, און ער האָט פון צייט־צו־צייט געווישט זיין פאַרשוויצט פּנים.

ווען דער דיסטריקט־אַטוירני האָט געענדיקט זיין אָנקלאַגע און די צוויי פּאָליסלייט, וועלכע האָבן אַרעסטירט מעקן זענען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער עדות־זאָגן, האָט דער דיסטריקט־אַטוירני גערופן לעסטערן צום עדות־שטול.

אויפן עדות־שטול איז לעסטער געזעסן רואיק, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַ־סירט מיט אים. אויף זיין פּנים איז ניט געבליבן קיין איין צייכן פון מעקס קלעפּ. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיינעם גרויען, פלאַנעלן גאַרניטור, זיין פּנים גלאַט־ראַזירט, זיינע האָר גלאַט־פאַרקעמט און זיין גאַנצע האַלטונג האָט באַלד אַרויסגערופן רעספּעקט ביים עולם אין געריכט, און אפילו ביים ריכטער.

דער דיסטריקט־אַטוירני האָט לעסטערן געפרעגט די ערשטע עטלעכע פראַגן אין אַ זאַכלעכן און פריינטלעכן טאָן. שפּעטער צו האָט מען אָבער זייער גרינג געקאָנט באַמערקן, אַז לעסטערס ענטפערס הייבן אים אָן אויפצורעגן.

עס זענען געקומען די געוויינלעכע פראַגן:

— וואָס איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז לעסטער גאָרדאָן.

— וואו וואוינט איר, מיסטער גאָרדאָן?

— איך וואוין אין צוואַנציק „דזשיי" סטריט.

— איר וואוינט אַליין?

— ניין, איך וואוין מיט מיין ווייב און מיט אונדזערע צוויי קינדער.

— מיסטער גאָרדאָן, וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך מאָנטיק אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט, דעם צענטן פון היינטיקן חודש?

— איך בין געקומען פון ניו־יאָרק. לעבן מיין הויז איז אַ מאַן מיך באַ־פאַלן און מיך צעשלאָגן.

— קאָנט איר דערקענען אייער אָנגרייפער?

— ניין. איך קאָן אים ניט דערקענען. עס איז געווען אַ פינצטערע נאַכט און איך האָב דאָס פּנים פון מיין אָנגרייפער ניט געזען.

אַ טויטע שטילקייט איז שווער געפאַלן אויף אַלעמען אין געריכט. דער דיסטריקט־אַטוירני איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

— איר האָט זיך געשלאָגן מיט אייער אָנגרייפער, מיסטער גאָרדאָן?

— האָט די שטים פון דעם דיסטריקט־אַטוירני געהילכט אין געריכט־זאַל.

— יאָ, איך האָב זיך פאַרטיידיקט קעגן מיין אָנגרייפער מיט אַלע מיינע כוחות, אָבער זען זיין פּנים האָב איך ניט געקאָנט.

מעקס אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין לעסטערן. אויף זיין פאַרשוויצט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ ביסל לעבן.

דער דיסטריקט־אַטוירני איז צוגעגאַנגען צו זיין שרייב־טיש און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ קראַוואַט־שפּילקע אין זיין האַנט.

— אָט־די קראַוואַט־שפּילקע, וואָס איך ווייז אייך, מיסטער גאָרדאָן, האָט איר ווען עס איז געזען?

— די שפּילקע, — האָט לעסטער ווידער רואיק געענטפערט, — קוקט אויס ווי מיינע, אָבער באַשטימט קאָן איך ניט זאָגן, אַז דאָס איז טאַקע מיין שפּילקע; עס זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע שפּילקעס אין ניו־יאָרק.

דער דיסטריקט־אַטוירני האָט איינגעהאַלטן זיין כעס. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער מיסטער גאָרדאָן מאַכט חוזק פון אים, און מיט אַן אָנשטעל פון איבערטריבענער רואיקייט האָט ער פאַרגעזעצט זיין קרייץ־פאַרהער:

— מיסטער עדות, די שפּילקע וואָס איך האַלט אין מיינע הענט קוקט אויס ווי אייער שפּילקע, האָט איר געזאָגט, ריכטיק?

—יעס סער, ריכטיק!

— און פאַרשטענדלעך, אַז איר האָט אייער שפּילקע דאָ אין געריכט, אָדער אין דער היים.

— ענדלעך, — האָט דיסטריקט־אַטוירני געטראַכט, — איז דער כיטרער און גליטשיקער מיסטער גאָרדאָן, אין דער נעץ, וואָס איך האָב פאַר אים אויסגעשפּרייט.

— ניין, — האָט לעסטער רואיק געזאָגט, — מיין שפּילקע האָב איך ניט דאָ אין געריכט און ניט אין דער היים.

— געפּאַקט! — האָט דער דיסטריקט־אַטוירני געטראַכט מיט צופרידנקייט.

— מיסטער גאָרדאָן, ווען איר זענט געפאָרן קיין ניו־יאָרק מאָנטיק, דעם צענטן היינטיקן חודש, האָט איר יאָ געהאַט אייער קראַוואַט־שפּילקע?

— יעם סער, יענעם טאָג האָב איך געהאַט מיין שפּילקע.

— און נאָך דעם געשלעג מיט אייער אַנגרייפער האָט איר נאָך אַלץ געהאַט אייער שפּילקע?

— ניין. עס קאָן זיין, אַז איך האָב מיין שפּילקע פאַרלוירן ערגעץ אין ניו־יאָרק, אָדער אויפן וועג און אפשר גאָר אין דעם געראַנגל מיט מיין אַנגרייפער.

— פאַרלוירן! — האָט דיסטריקט־אַטורני מער ניט געקאָנט איינהאַלטן זיין כעס. — איר פאַרלירט אַ סך זאַכן, מיסטער גאַרדאַן?

— וועל, איך האָב אין מיין לעבן שוין פאַרלוירן מער ווי איין קראַוואַט־שפּילקע, און איך בין מסתמא ניט קיין אויסנאַם. אַ סך מענטשן פאַרלירן זייערע שפּילקעס.

דער ריכטער האָט גוטמוטיק געשמייכלט פון דעם פאַרמעסט צווישן לעסטערן און דעם דיסטריקט־אַטורני און באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער שפּיל.

— מיסטער גאַרדאַן, — האָט דער ריכטער געזאָגט מיט אַ טאָן, וואָס האָט געקלונגען ווייך, אָבער אויך מיט אויטאָריטעט, — אייער געוויסנהאַפטע פּאָרזיכטיקייט ניט צונויפצומישן אומשטאַנד־באַווייזן מיט אמתע פאַקטן, איז זייער לויבנסווערט. וואָס איך וויל אָבער וויסן: זענט איר באַקאַנט מיט דעם אָנגעקלאָגטן, מעק מעקאַרטי?

—ניין, הער ריכטער, איך קאָן אים ניט. דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען איז געווען אין שפּיטאָל.

— נו, און עמיצן פון זיינע פריינט קענט איר, מיסטער גאַרדאַן?

—— הער ריכטער, איך האָב ניט דעם מינדסטן באַגריף ווער עס זענען די פריינט, אָדער די שונאים פון מעק מעקאַרטי.

ווען מעק האָט דערהערט פון דעם ריכטערס מויל אַז ער איז באַפרייט, איז ער געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט. טרערן זענען גערונען פון זיינע געשוואָלענע אויגן.

לעסטער, רבקה און סעם לעווין זענען געשטאַנען אין אַ זייט אין דעם געריכט־זאַל און געוואַרט, אַז דער גרויסער עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט צו דעם אַרויסגאַנג זאָל צוערשט אַרויסגיין.

מעק איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ. ער איז צוגעלאָפן צו לעסטערן:

— מיסטער גאַרדאַן, דו ביזט אַ גרויסער מענטש! . . . ביזט דער גרעסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען־עס־איז באַגעגנט אין מיין גאַנץ לעבן! איך וועל דאָס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . . איך וועל דיר אָפּדינען! איך שווער ביי גאָט! — און ער האָט זיך צעכליפּעט.

לעסטערס דערקלערונג

סעם לעווין האָט ליב געהאַט זיין איידעם, ווי זיין אייגענעם זון. ער איז געווען איבערצייגט, אַז לעסטער איז אַן אויפריכטיקער אידעאַליסט, וואָס זוכט ניט קיין כבוד; אַ מענטש מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד און מוט און וועלכער איז גרייט צו קעמפן פאַר זיינע איבערצייגונגען. און כאָטש ער האָט אָפט געטראַכט, אַז לעסטער גייט אַביסל צו ווייט מיט זיין קאַמף פאַר זיינע אידעאַלן און באַצאָלט א צו הויכן פּרייז פאַר זיין עקשנותדיקן און ריזיקאַלישן קאַמף פאַר אמת און יושר, האָט סעם לעווין דאָך ניט ארויסגערעדט קיין איין וואָרט פון פּראָטעסט קעגן לעסטערס אויפפירונג און טעטיקייט. ער האָט גאַנץ אָפט געטראַכט, אַז ווען ער, סעם לעווין, וואָלט געווען יינגער און וואָלט פאַרמאָגט אזא שטאַרקן כאַראַקטער, אזוי פיל מוט און אזוי פיל פיזישן און גייסטיקן כוח ווי לעסטער, וואָלט ער אפשר פונקט ווי לעסטער אויך געקראָכן אין פייער אריין. ניט איין מאָל האָט ער געטראַכט, אַז אזעלכע ערנסטע און אויפריכטיקע אידעאַליסטן ווי לעסטער, ווערן דאָמינירט און קאָנטראָלירט פון אינערלעכע מעכטיקע, גייס־טיקע כוחות, וואָס שטופּן, פירן, באַגייסטערן און קרעפטיקן די לעסטערס אין זייערע ריזיקאַלישע קאַמפן פאַר א יושרדיקער מענטשלעכער וועלט. קיינער קאָן ניט איבעראַנדערשן די לעסטערס: זיי זענען די מעכטיקע שטים פון דעם אמתן אמת. זיי זענען די ליכטיקע פלאַקערדיקע פייערן אין דער קאַלטער, פינצטערער וועלט פון קנאה, שנאה, רויב און מלחמות. ער האָט געטראַכט, אַז גאָט אַליין האָט די לעסטערס באַשאַפן מיט א באַ־שטימטן צוועק . . . אָט צוליב דעם אַלעמען האָט סעם לעווין זיך באַצויגן צו זיין איידעם לעסטער מיט אַ שטילן, טיפן דרך־ארץ און וואַרעמער ליבע.

אָבער די פּאַסירונג אין געריכט האָט לעווינען צעטומלט און פאַרדראָסן. ער קאָט ניט געקענט פאַרשטיין דעם ווידערשפּרוך: ער, לעסטער, וואָס קעמפט קעגן רויב און ברוטאַליטעט און מלחמות, פאַרטיידיקט גאָר אַן אַנגרייפער, אַ רויבער און אַ מערדער! נייז, ער מוז זיך ווענן דעם גאַנץ ערנסט דורכריידן מיט לעסטערן.

אין לעסטערס היים איז רבקה מיט איר מאַמען געווען פאַרנומען איז קיך מיט צוגרייטן דעם אָנבייסן. סעם לעווין און לעסטער זענען געזעסן ביים טיש אין גרויסן עס־צימער. לעסטער האָט אָנגעגאָסן גלעזלעך בראָנפן. ער האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל מיט בראָנפן און שפּאַסיק געזאָגט:

— סעם, לאָמיר טרינקען פאַר דעם געזונט פון מעק מעקאַרטי און אים ווינטשן אַז ער זאָל מער ניט געשטרויכלט ווערן.

סעם לעווין האָט געקוקט אויף לעסטערן מיט ערנסטער שטוינונג. ער האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין גלעזל און האָט אַ וואָרף געטאָן לעסטערן אַ סאַר־קאַסטישן ענטפער:

— לעסטער, איך האָב מורא, אַז איך האָב נאָך ניט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה צו בעטן גאָט פאַר דעם געזונט און הצלחה פון אַ גענגסטער און רויבער.

— ביזט אין כעס, סעם! ווי קומט דאָס צו דיר? — האָט לעסטער אים געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— ניין, לעסטער, אין כעס בין איך ניט, נאָר איך קאָן ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס דו האָסט זיך אַזוי שטאַרק באַמיט צו ראַטעווען יענעם פאַר־שוין פון טורמע, וואו ער באַלאַנגט.

— סעם, איך בין דאָרט געווען, — האָט לעסטער גערעדט מיט טיפן ערנסט. — סעם, די טורמע איז אַ גיהנום. דאָס איז אַ גרויסער, שטיינער־נער קבר, וואו מען באַגראָבט לעבעדיקע מענטשן. אוודאי האָב איך בלויז מיט איין וואָרט געקאָנט אים פאַרפּאַקן אין טורמע אויף עטלעכע יאָר. אָבער, סעם, קיין פאַרגעניגן וואָלט איך פון דעם ניט געהאַט. זעסטו, האַרצ־ווייטיק — דאָס וואָלט איך יאָ געהאַט.

סעם לעווין איז איבעראַשט געוואָרן פון לעסטערס טיף־מענטשלעכן ענטפער, אָבער ער איז דאָך געבליבן ניט אינגאַנצן צופרידן.

— אָבער, לעסטער, דער פאַרשוין האָט דאָך פאַרדינט אַ שטראָף. איצט, יעז ער איז ווידער פריי, וועט ער דאָך מסתם באַפאַלן און באַרויבן אַנדע־רע מענטשן; וועגן דעם האָסטו גאָרניט געטראַכט?

לעסטער האָט האַרציק געלאַכט.

— גלויב מיר, סעם, — האָט לעסטער כמעט ווי באַרימעריש געזאָגט, — אַז ער האָט געקראָגן אַ גוטע „באַלוינונג”. ער האָט גערעוועט ווי אַ פאַר־וואונדעטע חיה. אַ גאַנצע וואָך איז ער געלעגן אַ קראַנקער אין שפּיטאָל. אינגאַנצן געזונט איז ער נאָך דערוויייל ניט. ער האָט אָפּגעשפּאָרט עטלע־כע אויסגעהאַקטע ציין און אַ פּאָר צעבראָכענע ריפּן פון זיין באַגעגעניש מיט מיר . . . ער וועט מיך געדענקען אַ לאַנגע צייט. האָסט דאָך גע־הערסט, סעם, ווי ער האָט געשריען אין געריכט, אַז ער וועט מיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . . — האָט לעסטער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

סעם לעווין האָט לאַנגזאַם אַנגעפּילט די אויסגעליידיקטע גלעזלעך און שטיל באַמערקט:

— מילא, נו, זאָל זיין אַזוי . . . אפשר ביזטו גערעכט! אַבי דו ביזט אַרויס אומבאַשעדיקט. און יענער — ווער ווייסט. אפשר וועלן דיינע קלעפּ זיין א רפואה פאַר אים . . . און איצט, לעסטער, לאָמיר רעדן וועגן פּריי־לעכערע זאַכן.

— וועגן וואָס, למשל, רעב שמואל לעווין?

—וועגן וואָס פרעגסטו? וועגן דיר, לעסטער, וואָס אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָסטו שוין גענוג געהוליעט. די מלחמה האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. די וועלט האָט זיך צוריק אומגעקערט צום נאָרמאַלן און פריד־לעכן לעבן. איז אפשר, לעסטער, זאָלן מיר צוריק אויפלעבן די „גאָרדאָן און לעווין"־פירמע? ניט פליען אין די הימלען, נאָר אויף אַ באַשיידענעם אופן. פאַרשטייסט, לעסטער, איך יאָג זיך ניט נאָך די פאַרדינסטן, נאָר מיר מוזן דאָך עפּעס טאָן. גלאַט אַרומגיין אָן ארבעט און אָן פאַראַנט־וואָרטלעכקייט איז עפּעס א פוסט לעבן. סיידן, לעסטער, דו האָסט אפשר אַנדערע פּלענער.

— ניין, סעם, איך האָב ניט קיין אַנדערע פּלענער און איך האָב טאַקע געהאַט בדעה צו רעדן מיט דיר וועגן דעם.

— נו, גוט. אָבער דו ווייסט מסתם, אַז אונדזער בשותפותדיק לאַנד און דיין גאַנץ פאַרמעגן איז אויף דיין ווייבס נאָמען.

— געוויס ווייס איך. האָסט פאַרגעסן, אַז איך האָב אונטערגעשריבן די לאַנגע געזעצלעכע מגילות ביים לאָיער. איז אָט וואָס, סעם: זאָל די פירמע באַלאַנגען צו סעם לעווין און רבקה גאָרדאָן, און איך וועל אַרויסנעמען א יוניאָן־ביכל און וועל פאַר אייך ארבעטן אַלס פאָרמאַן . . . איך דערוואַרט, אַז איר וועט מיך גוט באַהאַנדלען און מיר צאָלן אָנשטענדיקע שכירות . . .

— וועגן די הויכע שכירות וואָס דו פאָדערסט, מוז איך מיך באַראַטן מיט מיין שותף, מיסעס רבקה גאָרדאָן. איך האָב א חשד, אַז זי וועט איינשטימען . . . ווייל עס דאַכט זיך מיר, ביזטו איר געפעלן און זי שאַצט זייער הויך דיין אַרבעט.

— נו, און איך, סעם, האָב גרויס הנאה פון מיינע באָסעס, און איך בין גרייט צו שליסן מיט אייך א קאָנטראַקט אויף לאַנגע יאָרן.

— אויב אַזוי, לעסטער, איז דער שידוך געשלאָסן און לאָמיר אויסליידיקן די גלעזלעך אין א מזלדיקער שעה. איז ווען הייבן מיר אָן, לעסטער?

— מאָרגן, סעם, וועל איך גיין אין דער יוניאָן און כאַפּן אַ שמועס מיט דעם הויפּט יוניאָן־באָס, פּעט אָ׳ברייען.

— לעסטער, נעם מיט זיך גענוג „שמיר־געלט״.

— ניין, סעם, פּעט נעמט ניט. די קלענערע באַאַמטע, זיי זענען שטענדיק הונגעריק, און זיי, ווי דו ווייסט, האָב איך גענוג געשמירט. זאָרג זיך ניט, סעם, איך וועל קריגן אַ יוניאָן־ביכל אָן שוועריקייטן . . . איך פאַרמאָג דאָרט עטלעכע פריינט.

פערטער
טייל

פעט אָ'ברייען

פּעט אָ'ברייען איז דער הויפּט־פירער פון אַ וויכטיקער יוניאָן. פּעט איז דער „באָס" אין זיין יוניאָן. זיין וואָרט איז געזעץ. די ביזנעס־אַגענטן און אַלע אַנגעשטעלטע, וועלכע אַרבעטן אין דער יוניאָן, פירן דורך זיין יעדן באַפעל. קיינער ווידערשפּעניקט אים ניט.

פּעט טייטשט אויס די קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן ווי אים געפעלט. ער באַשליסט ווען די מיטינגען זאָלן פאַררופן ווערן און וואָס עס זאָל פאַרהאַנדלט ווערן ביי די מיטינגען. ער איז דער פאָרזיצער ביי די יוניאָן־מיטינגען. אויב אַן אַרבעטער רעדט ביי אַ מיטינג עפּעס וואָס ס'געפעלט ניט דעם באָס, קריגט ער אַ באַפעל, אַז ער איז „אויסער אָרדענונג" און דער אַרבעטער פאַרשטייט שוין, אַז ער דאַרף פאַרמאַכן זיין מויל.

אויב אַן אַרבעטער פּלאַפּלט קעגן יוניאָן־באַאַמטע, קריגט ער אַ וואָרע־נונג; אויב ער פּלאַפּלט ווידער, ווערט ער דיסציפּלינירט פון דער „אָר־גאַניזאַציאָנס־קאָמיטע", וואָס באַשטייט פון שלעגער און מעסער־העלדן.

חוץ זיינע וועכנטלעכע שכירות, איז פּעט באַפולמעכטיקט צו מאַכן אַלע נייטיקע פינאַנציעלע אויסגאַבן פאַר דעם וואוילזיין פון דער יוניאָן און ער דאַרף קיינעם ניט אָפּגעבן קיין רעכענונג.

פּעט אָ'ברייען איז אַן אָנגעזעענער מענטש אין דעם שטעטל וואו ער וואוינט מיט זיין פאַמיליע אין אַ באַשיידן צוויי־שטאָקיק הויז. פּעט איז אַ מיטגליד אין קלויסטער, אַ וויכטיקער מענטש אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַ בכבודיקער מיטגליד אין צדקה־אַנשטאַלט און דער פּרעזידענט פון דעם קלוב „די לאָיאַלע אַמעריקאַנער זין".

פּעט אָ'ברייען איז איבער זעקס פוס הויך. ער איז שטענדיק אויסגעפּוצט לויט דער לעצטער מאָדע. זיינע קורצע געדיכטע שוואַרצע האָר פּאַרקעמט אויף אַ זייט, זיינע גרויסע ברוינע אויגן שטענדיק אויף דער וואַך, זיין לאַנג פּנים — כמעט שטענדיק פאַרגליווערט, און זיין שטייפע האַלטונג און גע־מאָסטענע קאַלטע באַנעמונג רופן אַפילו ביי זיינע נאָענטע ארויס אַ גע־מישט געפיל פון רעספּעקט און אומהיימלעכקייט.

פּעט אָ'ברייען האָט געטרונקען, אָבער קיינמאָל ניט ביז שיכרות. ער האָט געשפּילט אין קאָרטן, געוועט אויף פערד־רעיסעס, און אויף פּרייז־פייטס, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט איינגעשטעלט קיין גרויסע סומען געלט.

די באָסעס און די אַרבעטער האָבן געוואוסט, אַז פּעט אָ'ברייען „נעמט ניט", אַז זיין פילאָסאָפיע איז „לעבן און לאָזן יענעם אויך לעבן" . . . מיט די באָסעס האַנדלט פּעט ווי אַ פּראַקטישער געשעפטסמאַן. ער „רייסט ניט

איבער דאָס שטריקל". ער פֿאָדערט קיינמאָל ניט פֿון די באָסעס פֿאַר די אַרבעטער דאָס „אוממעגלעכע". ער איז שטענדיק גרייט אָנצונעמען אַ שכלדיקן קאָמפּראָמיס מיט די באָסעס. ער איז אַ קעגנער פֿון סטרייקס. דאָס וואָרט „קלאַסנקאַמף" איז ביי פּעטן אַ שמוציק וואָרט, וואָס שטאַמט פֿון אַ צעשטערערישער פֿילאָסאָפֿיע, וואָס איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן קיין אַמעריקע פֿון ווילדע ראַדיקאַלן פֿון די קראַנקע אייראָפּעאישע לענדער. אַרבעטער וואָס זענען אומצופֿרידן מיט זייערע נידעריקע שכירות אָדער האָבן צופֿיל קריוודעס קעגן זייערע באָסעס, אָדער איבערהויפּט די אַרבעטער וואָס קריטיקירן יוניאָן־באַאַמטע, ווערן פֿון פּעטן געשטעמפּלט אַלס קראַנקע, וואָס זענען אָנגעשטעקט מיט דער „פּלאָג פֿון ראַדיקאַליזם".

פּעט אָ'בריען איז צופֿרידן מיט זיך, מיט דער דערוואָרבענער פּאָזיציע אין זיין לעבן, און האָט געוואַלדיק הנאה פֿון זיין מאַכט און איינפֿלוס, און פֿון דעם גרויסן כּבֿוד וואָס מען טיילט אים צו אין אַלע קרייזן פֿון דער געזעלשאַפֿט אין וועלכער ער פֿאַרקערט. ער שטאָלצירט מיט זיין בילד־שיינער וויב קעטרין און מיט זיינע געראָטענע פֿינף קינדער, וואָס זיין קעטרין האָט אים געבאָרן. פּעט איז זיכער, אַז זיינע צוויי יינגלעך זענען געראָטן אין אים, און די דריי טעכטערלעך זענען געראָטן אין זייער שיינער מאַמען, און ער איז צופֿרידן מיט דער איינטיילונג.

בלויז איין ניט־רעאַליזירטע שטרעבונג זיינע באַאומרויִקט אים און עגבערט זיין מוח טאָג און נאַכט. ער האָט שוין לאַנג באַשלאָסן, אַז ווען ער וועט פֿייערן זיין פֿופֿציק־יאָריקן געבורטסטאָג, וועט ער אומבאַדינגט מוזן פֿאַרמאָגן גענוג געלט וואָס זאָל אים מיט זיין פֿאַמיליע פֿאַרזיכערן מיט אַ בכּבֿודיקן און זאָרגלאָזן לעבן. צוליב דעם האָט ער אינוועסטירט זיין גאַנץ אָפּגעשפּאָרט פֿאַרמעגן אין עטלעכע קליינע אונטערנעמונגען, וואָס וואַקסן יערלעך, נאָר ניט גענוג צו באַפֿרידיקן זיין האָפֿענונג. פּעט איז שוין פֿינף און פֿערציק יאָר אַלט. בלויז פֿינף יאָר איז אים געבליבן צו דערגרייכן זיין ציל. טאָג און נאַכט איז פּעטס מוח באַשעפֿטיקט מיט איין געדאַנק און־נאָגנדיקן פֿאַרלאַנג: וואָס גיכער צו ווערן אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש. אָבער ווי אַזוי? פֿון וועלכע קוואַלן? וואו קאָן ער געפֿינען דעם כּישוף־שליסל צום דערפֿאָלג אין די פֿאַרבליבענע פֿינף יאָר?

צייטנווייז פֿלעגט פּעט טראַכטן, אַז ער וואָלט זיך אפֿשר געדאַרפֿט באַראַטן מיט זיינע פֿריינט, צווישן די דערפֿאָלגרייכע פֿינאַנציעלע ספּעקולאַנטן, אָדער גאָר מיט זיין פֿריינט דיק מאָרגאַן, דער באַרימטער קאָרפּאָרעישאָן־אַדוואָקאַט. ער איז אָבער אַלעמאָל געקומען צום באַשלוס, אַז מען קאָן קיינעם ניט געטרויען מיט אַזאַ וויכטיקן עניין. ער ווייסט, אַז אַלע, אָן

אויסנאָם, זענען פאַראינטערעסירט אין זייער אייגענעם וואוילזיין. בלויז איין מענטש קאָן ער געטרויען, און דער איינער איז פּעט אַ'ברייען. ער אַליין, און בלויז ער אַליין מוז ערגעץ אָנכאַפּן דעם גאָלדענעם פאָדעם, און וואָס גיכער.

פּעט איז געזעסן אין זיין פּראַכטפולן קאַבינעט פּאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען וואָס גיכער אָנצוהויבן מיט אַלע זיינע פייאיקייטן דעם קאַמף צו דערגרייכן זיין ציל, צו באַזאָרגן פּעט אַ'ברייען מיט אַ באַדייטנדיקן פּאַרמעגן. ער טאָר מער ניט אַפּלייגן. עס ווערט שפּעט. בלויז אין פינף יאָר אַרום ווערט ער אַ פּופּציקער. ווער ווייסט צי נאָכדעם ווי ער וועט אַריבערשפּאַנען די פופציקער, וועט ער נאָך אַלץ זיין דערזעלבער פּעט, מיט די זעלבע אייגנשאַפטן, מיט דער זעלבער טרייב־קראַפט, אונטערנעמונגסגייסט און מוט ווי אין די יינגע יאָרן. ער מוז זיך צואײַלן. ער האָט שוין גענוג געטראַכט וועגן דעם ענין. שוין צייט צוצוטרעטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט, שמועסן וואָס אָפטער מיט באַקאַנטע פאַבריקאַנטן, ריעל־עסטייט מענטשן, מיט זיינע באַקאַנטע וואָל־סטריט מענטשן, און איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו פאַרקאַטשען די אַרבל פאַרן גרויסן פאַרמעסט.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. פּעט איז ביין געוואָרן אויפן טעלעפאָן, וואָס שטערט אים פונקט דעמאָלט ווען ער איז פאַרנומען מיט וויכטיקע געדאַנקען, און ער האָט אַ ברום געטאָן צום טעלעפאָן — „שאַראַפּ!" — און גלייכצייטיק אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרייבל און אַריינגעברומט: — „יעס! ווער רופט עס?"

זיין סעקרעטאַרין האָט געענטפערט מיט אַ מעלאָדיש קלינגענדיקער שטים, — מיסטער אַ'ברייען, מיסטער דזשאָן באָלדער איז אויפן טעלעפאָן.

— האָ, דזשאָני דהי ספינקס? מסתּם עפּעס וויכטיקס, פאַרבינד אים מיט מיר.

—האָ, דזשאָני, שוין לאַנג דיך ניט געזען! וואו באַהאַלטסטו זיך? — האָט פּעטס שטים אַריינגעברומט אין טעלעפאָן היימיש און פריינטלעך.

— פאַרנומען, פּעט, מיט אַלערליי וויכטיקע נאַרישקייטן, — האָט דזשאָני געענטפערט מיט באַשיידנקייט.

— מיט וויכטיקע נאַרישקייטן? בלאָנדע, צי ברונעטע?

— רויטע, פּעט.

—רויטע? פאַרזיכטיק, דזשאָני, רויטע פאַרמאָגן ניט קיין הערצער.

— פאַר מיר, פּעט, זענען רויטע דווקא מזלדיק.

— אויב אַזוי, דזשאָני, מוזטו פאַרמאָגן אַ גאַנצן האַרעם מיט רויטע.

— יאָ, פּעט, גענוג פאַר דיר אויך.

— ניט פאר מיר, דזשאַני, איך בין אַ בכבודיקער פאַרהייראַטער מאַן מיט פינף קינדער.

— נו, אויב אַזוי נייטיקסטו זיך אין אַ פּולן וואַגן מיט מזל.

— כאַ, כאַ, דזשאַני, ביזט אַ ממזר! און וואָס פּלוצים טעלעפאָנירסטו מיר?

—פּעט, געדענקסט מעק מעקאַרטי?

— געוויס, דזשאַני, געדענק אים אים. ער לעבט נאָך? אין זיין לעצטן פּאַיט האָט מען דאָך איבּ אַרויסגעטראָגן אַ האַלב־טויטן. כ'בין דאָרטן געווען, דזשאַני.

— יאָ, פּעט, ער לעבט און איז געזונט און שטאַרק ווי אַן אָקס, לאַיאַל ווי אַ הונט, און שטום ווי אַ זשיראַף. אפשר קאָנסטו אים נוצן אין דיין „אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע”?

בליץ־שנעל האָט פּעט אַ'ברייען באַשלאָסן. אַז דזשאַני דהי ספּינקס האָט עפּעס וויכטיקס אין זינען, און אַז מעק מעקאַרטי איז בלויז אַן אויסרייד זיך צו באַגעגענען מיט אים, מיט פּעטן. דערצו איז דזשאַני די רעכטע האַנט ביי ענדריו וויליאַמס, דער קלוגסטער און דערפאָלגרייכסטער אינדוסטריאַליסט און געשעפטסמאַן, און אַט־דאָס פּאָרל, דזשאַני און ענדריו, זענען שטענדיק פאַרנומען מיט פּלענער צו זוכן נייע הכנסה־קוואַלן...

— נו, פּעט, וואָס טראַכסטו דאָרט, קענסט ניט באַשליסן וועגן מעקן? דאַרפסט פאַררופן אַ קאָנווענשאַן וועגן דעם?

—דזשאַני, דיר קאָן איך ניט אָפּזאָגן, איבערהויפּט ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַזאַ קלייניקייט. ס'איז אָבער נייטיק אַרומצורעדן די קוואַליפיקאַציעס פון דיין קאַנדידאַט. ווייסט דאָך, דזשאַני, אין מיין אָרגאַניזאַציע־קאָמיטע איז „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם”. ווילסט אפשר היינט עסן אָנבייסן מיט מיר, וועלן מיר זיך דורכשמועסן וועגן דעם.

— פיין, פּעט. איינס אַזייגער אין בילס רעסטאָראַן.

— אָפּגעמאַכט, דזשאַני.

פּעט אַ'ברייען האָט ריכטיק אויסגערעכנט די סטראַטעגיע פון זיין כיטרען פריינט, דזשאַני דהי ספּינקס. געוויס האָט דזשאַני געוואָלט, אַז פּעט זאָל באַשעפטיקן מעק מעקאַרטי אין פּעטס יוניאָן „אָרגאַניזאַציע־קאָמיטע”, אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד און אַן אומוויכטיקע קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דעם גרויסן פּלאַן פון אַ ברייטן פאַרנעם, וואָס דזשאַני האָט צעוויקלט פאַר פּעטן אין פאַרלויף פון די צוויי שעה, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט ביי זייער מאָלצייט אין בילס רעסטאָראַן.

פּעט האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט וואָס זיין פריינט דזשאַני האָט

אויספירלעך ארומגערעדט און קלאר געמאכט יעדע וויכטיקע איינצלהייט און ער האט מיט גוטברודערישער פריינטלעכקייט א זאג געטאן:

— דזשאני, איך האב גארניט געוואוסט, אז דו קענסט רעדן אזוי לאנג און אזוי פיל. רעד, רעד, לאז זיך וואוילגיין. אמעריקע איז א פריי לאנד. דו וואלסט אבער געמעגט וויסן, אז איך הער דיך אוים בלויז צוליב העפלעכקייט. דער אמת איז, אז דיינע רייד גייען מיר אריין אין איין אויער און פון דעם צווייטן אויער פליען זיי גלייך ארוים. דו פארשטייסט עס, דזשאני?

דאס אלץ האט פעט געזאגט בלויז צו פארדעקן פון דזשאנין, אז אין דער ווירקלעכקייט האט דזשאנים פלאן אין אים אויפגעבליצט ליכטיקע און ווארעמע שטראלן פון א גאזיכערטער מעגלעכקייט . . . ענדלעך וועט ער קאנען פארווירקלעכן זיין לעבצנדיקן טרוים וואס האט אים די לעצטע פאר חדשים איבערוועלטיקט און פארשלונגען. ער האט דערזען דעם צויבערקוואל פון א ריזיקער הכנסה.

דזשאני דהי ספינקס האט געשמייכלט. דער שניט אויף זיין באק האט זיך געדרייטלט און אויסגעזאגט, אז ער, דזשאני, איז אומצופרידן פון פעטס רייד. אבער ער האט ווייטער גערעדט מיט קאנטראלירטער רואיקייט, ווי פעטס רייד וואלטן אויף אים ניט געמאכט דעם מינדסטן איינדרוק.

— וויסטו, מיין פריינט פעט, פארוואס איך רעד אזוי פיל? ווייל איך פיל שוין אין אלע מיינע גלידער דאס ווארעמע ווינטעלע וואס וועט אונדז ברענגען דעם גאלדענעם רעגן . . .

— אזוי, הא? און איך זאג דיר, דזשאני, אז דו שיטסט מיט ווערטער און מיט הונדערטער טויזנטער דאלארן און דו ביזט שיכור פון דעם געשמאקן וויין, וואס דו קוועטשסט אוים פון וויינטרויבן פון א פרעמדן וויינגארטן, וואס געפינט זיך ערגעץ אויף א הויכן בארג. דו האסט געהאט א זיסן חלום, און דו דערציילסט א גאלדענע מעשה פון טויזנט און איין נאכט.

— טויזנט אין איין טאג, פעט! טויזנט יעדן טאג! — האט דזשאני ארויסגעשאסן מיט ענטוזיאזם. — און יעדער דאלער, פעט, כשר און ערלעך פארדינט.

פעט האט געקוקט אויף דזשאנין מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, ווי ער וואלט אים נאר־וואס דערזען.

—גלויבסט מיר ניט, פעט?

— זאג מיר דעם אמת, דזשאני, אבער דעם אמת, — האט פעטס שטים געקלונגען ווייך, אבער אויך מיט פארדאכט און כמעט באפעלעריש, — דו גלויבסט טאקע, אז די הונדערטער טויזנטער דאלארן, וואס דו פלאנעוועסט ארויסצוקוועטשן פון די באסעס, וועלן זיין כשר און ערלעך פארדינט געלט?

דזשאַני האָט זיך צעוואָרעמט: — פּעט, איך וועט דיר אַ פּאַס אימפּאָר־טירטן פראַנצויזישן וויין קעגן דיין איין־און־איינציקער פלאַש געזאַלצענע ים־וואַסער, אַז אויב דו וועסט מיר ענטפערן אמתדיק אויף מיינע עטלעכע פראַגן, וועסטו עס איינזען און דו וועסט צוגעבן, אַז איך בין גערעכט.

— פרעג, דזשאַני, שים! —האָט פּעט אים באַפוילן.

— גוט. מיין ערשטע פראַגע: איז עס ניט אַ פאַקט, אַז דו וועסט ניט געפינען קיין איין באָס, וואָס האָט אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט דיין יוניאָן און וואָס היט אָפּ דעם קאָנטראַקט הונדערט פּראָצענט, אמת, פּעט?

— שים ווייטער מיט דיינע פראַגן, דזשאַני.

— און דו, פּעט, ווייסט זייער גוט, אַז אַ גרויסע צאָל באָסעס צאָלן ניט די אַרבעטער די יוניאָן־שכירות, ווי עס איז פאַרשריבן אין יוניאָן־קאָנ־טראַקט; און דו ווייסט, אַז אַ סך באָסעס צאָלן ניט זייערע אַרבעטער קיין עקסטרא פאַר אָווערטאַים און דיינע יוניאָן־לייט קריגן ניט באַצאָלט פאַר אַלע געזעצלעכע ימים־טובים, וואָס זענען אַריינגעשריבן שוואַרץ־אויף־ווייס אין די יוניאָן־קאָנטראַקטן.

— נו, איז וואָס, דזשאַני? לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס וואָס דו זאָגסט איז אמת, איז צו וואָס און וואוהין צילסטו? — האָט פּעט געפרעגט אומגע־דולדיק.

— וואוהין איך ציל, פרעגסטו? דו, פּעט, ענטפער מיר בעסער: ביי וועמען בלייבט דאָס ערלעך־פאַרדינטע אַרבעטער־געלט, וואָס דיינע יוניאָן־באָסעס גנבענען יעדן טאָג פון דער וואָך ביי דיינע יוניאָן־לייט? ביי די באָסעס! אמת, פּעט?

— נו, איז מיין פּלאַן זייער אַן איינפאַכער. מיר וועלן ביי די באָסעס איינמאָנען אַביסל פון די שווערע טויזנטער דאָלאַרן, וואָס זיי גנבענען ביי די אַרבעטער — פאַר אונדז. דאָס איז ביזנעס, פּעט! ביזנעס! . . .

— און דיר, פּעט, דאַרף איך דאָך ניט דערציילן, אַז די ביזנעס־וועלט איז איין ריזיקער „רעקעט”: די גרויסע אינדוסטריאַליסטן און די קלענערע פאַבריקאַנטן גנבענען איינער ביי דעם אַנדערן; און טויזנטער באָסעס שרייבן אונטער קאָנטראַקטן מיט די יוניאָנס און באַגנבענען די מיליאָנען אַרבעטער און לאַכן זיך אוים פון זייערע יוניאָן־קאָנטראַקטן.

— פּעט, גיי אַריין אין די געריכט־הייזער און הער זיך איין וואָס דאָרט קומט פאָר, וועסטו זען און הערן ווי איין בכבודיקער געשעפטסמאַן־גנב קלאָגט אָן אַ צווייטן געשעפטסמאַן־גנב, וואָס האָט אים באַשווינדלט אין זיינע באַפּ־לאַפּ, קונקל־מונקל געשעפטן.

— פּעט, טויזנטער באַנקראָטן ווערן דורכגעפירט יעדן יאָר און דו ווייסט,

פעט, אַז די גרעסטע טייל פון די באַנקראָטן זענען געזעצלעכע גניבות און איינפאַכער שווינדל.

— און דו ווייסט דאָך, פעט, אַז די פייערדיקע פּאַטריאָטן, די גרויסע און קלענערע אינדוסטריאַליסטן, באַשווינדלען זייער אייגן לאַנד און זייער אייגענע רעגירונג. הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן באַטרעפן זייערע גניבות ווען זיי האַנדלען מיט דער רעגירונג. די שיפן וואָס זיי בויען פאַר דער רעגירונג, די עראָפּלאַנען, די טראָקס און אפילו די מאַשין־ביקסן טויגן אויפן פייער, ווייל זיי ווערן געבויט פון ביליקן מאַטעריאַל און מיט באַפּ־לאַפּ אַרבעט, צוליב זייער גנבישן פּראָפיט. אמת, פעט?

— אַנו, פעט, כאַפּ זיך אומיסטן אַריין אין אַ טורמע. קאָנסט דאָרט זוכן וויפל דו ווילסט, דו וועסט אָבער ניט געפינען אונטער קיין גראַטעס קיין איין גנב, קיין איין שווינדלער פון אָט־דעם ריזיקן רעקעט פון דער ביזנעס־וועלט. ווייסט פאַרוואָס, פעט? ווייל זיי דינגען גרויסע אַדוואָקאַטן, זיי פאַרמאָגן פּאָליטישן איינפלוס, און די דיסטריקט־אַטוירנים און די ריכטער קריגן זייערע שטיקער פון דער פּאַי . . . פעט, דו ווייסט, אַז אַלעס וואָס איך זאָג איז דער ריינער אמת. דו ביזט אַ מענטש מיט שכל און מיט אָפענע אויגן. ביזט גוט באַקאַנט מיט די קונציקע שווינדלערייען פון דעם ריזיקן ביזנעס־וועלט רעקעט. דו, פעט, ביזט ניט קיין שוטה. דו ביזט אַ פּראַק־טישער מענטש, דו ווייסט אַז מען עסט וואָס מען קאָכט, ווייסט זייער גוט אַז די באָסעס באַרויבן די אַרבעטער פון זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע פאַר־דינסטן און לאַכן זיך אויס פון זייערע אונטערגעשריבענע קאָנטראַקטן מיט דער יוניאָן.

פעט אָ׳ברייען האָט אָנגעפילט די אויסגעליידיקטע גלעזער מיט ווייַן און מיט אַ וויסקי, כמעט וואַרעמער שטים, געזאָגט:

— טרינק אַביסל וויַן, דזשאַני, וועסט הייזעריק ווערן פון אַזוי פיל פּלאַפּלען. ביזט שוין איינמאָל אַ פויגל! ביזט אַן אָדלער צווישן דיין מין פייגל. אַלעס ווייסטו. אַלצדינג פאַרשטייסטו. איז אויב דו ביזט יאָ אַזאַ גרויסער חכם און אַזאַ גרויסער ווייסער, קענסטו מיר אפשר דערקלערן פאַרוואָס לאָזן די אַרבעטער, מיינע און אַנדערע יוניאָן־לייט, אַז די באָסעס זאָלן זיי באַגנבענען? פאַרוואָס שווייגן זיי?

דזשאַני האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין גלאָז און מיט אַן אָנשטעל פון דער־שטוינונג געפרעגט פעטן: — דו, פעט אָ׳ברייען, פרעגסט מיך אַזאַ נאַ־איווע פראַגע? דו ווייסט, אַז הונדערטער טויזנטער אַרבעטער זענען אַר־בעטלאָז, און די גליקלעכע באַשעפטיקטע ציטערן פאַרן מאָרגן. דו ווייסט, אַז די אַרבעטער זענען ביטערע קבצנים, פאַרבאָדן אין חובות. זיי לעבן אַז

אָרעם לעבן, און דער באָס האָלט זיי ביים גאָרגל: — „ווילסט ארבעטן פאר די שכירות וואָס איך באַשטים פאר דיר, קענסטו אַרבעטן, אויב דו ווילסט ניט, איז אוים מיט דיין דזשאָב".

— דו שטעלסט זיך פאָר, פּעט, ווי אַזוי אַן אַרבעטלאָזער פילט ווען ער הערט זיין קינדס געוויין: — „פּאַפּאַ, איך בין הונגעריק!" און די אויסגעדאַרטע מאַמע שטייט און באַגיסט זיך מיט טרערן? — אַט דאָס, פּעט, איז מיין ענטפער פאַרוואָס די ארבעטער ליגן איינגעלייגט און שווייגן ווען די באַסעס באַגנבענען זיי. אַ ברירה האָבן זיי?

— אָבער, דזשאָני, פאַראַנען ארבעטער וואָס פאַרמאָגן אביסל אָפּגעשפּאָרט געלט. זיי הונגערן ניט. פאַרוואָס שווייגן זיי?

—פּעט, דאָס ביסל נעבעכדיק פאַרמעגן וואָס די בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער האָבן אָפּגעשפּאָרט פון יאָרן שווערער האָרעוואַניע, און פון היטן יעדע פּעני, האַלטן זיי איין מיט אַלע זייערע כוחות פאר אַ רעגנדיקן טאָג און איבערהויפּט פאר דער צייט ווען זיי וועלן ווערן אַלט, שוואַך און קראַנק.

— אוי, פּעט, ציטערן ארבעטער פאר זייערע אַלטע, הילפלאָזע אָרעמע יאָרן! אוי, פּעט, ציטערן זיי פאר דעם טאָג ווען זיי וועלן מוזן אָנקומען צו זייערע קינדער נאָך שטיצע. אַט פאַרוואָס זיי שווייגן!

פּעט האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַהאַלטן זיין צערודערטקייט. ער האָט האַסטיק געדרויבערט זיין ציגאַר און געבלאָזן וואָלקנס רויך פון זיין מויל. זיין בלוט־דרוק האָט זיך געהויבן. זיין שטענדיקע מורא, אַז ער וועט פּלוצים קראַפּירן פון אַ האַרץ־שלאָג, ווי זיין טאַטע, האָט זיך איינגעביסן אין אים, און ער האָט זיך באַמיט צו פאַרבאַהאַלטן זיין אויפרעגונג.

ביים טיש איז שטיל געוואָרן.

דזשאָני האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דער יוניאָן־באָס, פּעט אָ'ברייען, טראַכט ערנסט וועגן זיין פּלאַן, וואָס ער האָט אויסגעלייגט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויף פּעטס ענטפער. מיט אַן אָנשטעל פון רואיקייט האָט ער געזופּט פון זיין גלאָז וויין און געכאַפּט גיכע בליקן אויף פּעטס פאַרזאָרגטן פּנים.

ענדלעך האָט פּעט געבראָכן די שטילקייט און ער האָט מיט רואיקער געשעפטסמעסיקייט און אויך מיט אָפענער נייגעריקייט געפרעגט:

— און דו, דזשאָני, דענקסט, אַז דו קאָנסט צוריק קריגן פון די באַסעס אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם ערלעך־פאַרדינטן ארבעטער־געלט? דו דענקסט אַז די באַסעס זענען שטומע בהמות און וועלן שווייגן?

דזשאָני האָט זיך דערפרייט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט איז

פעט שוין צוגעטראָטן צו דער פּראַקטישער מעגלעכקייט פון דעם גרויסן פּלאַן.

— דעם ענטפער אויף דיין פראַגע ווייסטו, פּעט, אַזוי גוט ווי איך. אַ באַס איז אַ פּראַקטישע חיה... ער וועט גיך אויסרעכענען, אַז ס'לוינט זיך אים צו צאָלן צו אונדז אַ קליינע מטבע, איידער צו באַצאָלן דער יוניאָן צען מאָל אַזויפיל; און דו מעגסט זיין זיכער, אַז קיין איין באַס וועט ניט קרייען אַזוי לאַנג ווי ער וועט האָבן אַ פרייע האַנט אַנצופילן זיינע קעשענעס מיט דעם גרעסטן טייל פון די גנבות ביי די אַרבעטער. און טאַקע — וועלכער באַס פאַרמאַגט ניט גענוג שכל איינצוהאַנדלען אַ צען דאָלער־ביל פאַר איין דאָלער?

— און איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז דו, פּעט, וועסט גאָרניט האָבן צו טאָן מיט דעם גאַנצן געשעפט. אויב אַ באַס וועט זיך איינעקשנען און די יוניאָן וועט דאַרפן מאַכן אַן אונטערזוכונג וועגן די אַרבעטער־שכירות, — איז דאָך דאָס געזעצלעך. דאָס איז דאָך דיין יוניאָן־פליכט, און די באַסעס ציטערן פאַר אַן אויספאָרשונג פון דער יוניאָן, ווייל זיי ווייסן, אַז זיי באַגנבענען די אַרבעטער.

— און דו האָסט גאָרניט מורא, דזשאַני, אַז דו און דיינע אַרויסהעלפער קאָנען אַריינפאַלן אין די נעגל פון געזעץ?

— וועגן דעם געזעץ קאָן איך דיר בלויז ענטפערן, אַז ערשטנס דאַרף מען האָבן שכל, און דאָס פאַרמאָגן מיר; צווייטנס, מוז מען שטענדיק זיין צו־געגרייט מיט אַ גוטן אַדוואָקאַט — און אַזאַ קאָנאַריק האָבן מיר; דריטנס, מוז מען האָבן פּאָליטישן איינפלוס אין די העכערע פענצטער, און דעם אַר־טיקל קויפט מען. און די קלענערע רעדלעך פון דעם "געזעץ־אַפּאַראַט" מוז מען שטענדיק אונטערשמירן מיט גענוג שמאַלץ. מיר ווייסן, אַז אויף ניסים טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן. און מיר באַוואָרענען זיך דערפאַר מיט אַלע נייטיקע פּראַקטישע, אויסגעפּרובירטע מיטלען, וואָס ווירקן ווי כישוף.

פּעט אָ'בריינען איז איבערגעקומען זיין קריזיס. ער איז געוואָרן מונטערער. ער האָט אַריינגעגאָסן נאָך אַ גלאָז וויין און מיט אַ פריילעכער שטים אַרויס־געדעקלאַמירט:

— דזשאַני, ביזט אַ געניאַלער רעקעטיר! און וויפל, למשל, דענקסטו וועט דיין רעקעט אַריינברענגען?

דזשאַני האָט דערפילט, אַז זיין ציל איז כמעט ווי דערגרייכט און ער האָט גיך באַשלאָסן, אַז דער גינסטיקער מאָמענט איז ענדלעך געקומען אונטערצוטראָגן דעם מעכטיקן יוניאָן־באַס פּעט אָ'בריינען דאָס פולע פּעקל מיט האָניק, וואָס וועט, לויט דזשאַנים אָפּשאַצונג, ווירקן אויף פּעטן צו

פאַרזיגלט דעם „דיל" . . . ער האָט געפילט אַ וואַרעמען שטראָם אין זיין קערפּער און ער האָט פּרייער אָפּגעאָטעמט. זיינע אויגן האָבן זיך אַריינגע־שטאָכן אין פּעטס אויגן און ער האָט געענטפערט מיט אַ פעסטן און זיכערן טאָן:

— פּעט, עס וועט אַריינברענגען אַ גרויסע פעני. אין צוויי וואָכן אַרום וועלן מיר פייערן אונדזער גרויסן יום־טוב, דעם פערטן יולי. אויב דו ווילסט, פּעט, קענסטו האָבן אַ וואַרעמען יום־טוב. אויב דו שטימסט איין, וועסטו קריגן דעם פערטן יולי פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער קעש, אַנקל סעמס בלינצעס און די צווייטע פינף און צוואַנציק טויזנט וועסטו קריגן דעם ערשטן יאַנואַר, — אַ באַגריסונג צום נייעם יאָר. און פופציק טויזנט יעדן יאָר אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען. פופציק טויזנט בלינצעס אַ יאָר איז געלט, פּעט.

פּעט אָ'ברייען האָט דערפילט אַ טריקעניש אין מויל, אַ שווינדלעניש פאַר די אויגן און אַ פייכטקייט אין זיינע הענט. ער האָט געווישט זיינע פייכטע הענט מיטן ווייסן האַנטעכל. שטיל ווי אַ באַזיגטער, כמעט מיט אַ געבעט שטים האָט ער געפרעגט דזשאַנין:

— און דו פאַרזיכערסט מיר, אַז איך וועל ניט זיין פאַרמישט אין דעם געשעפט, און מיין נאָמען וועט ניט דערמאָנט ווערן אין פאַרבינדונג מיט דיין אַרבעט?

— פּעט, איך גיב דיר מיין וואָרט אויף דעם!

— זאָג מיר, דזשאַני, ווער איז דער אַרכיטעקט פון דעם פּלאַן? מיט וועמען וועל איך זיין פאַרבונדן אַ חוץ דיר? ווער נאָך וועט וויסן וועגן דעם גאַנצן געשעפט? פאַרשטייסט דאָך, דזשאַני, אַז אויב איך זאָל באַשליסן אָנצונעמען דיין פּלאַן, מיינט דאָס ריזיקירן מיט מיין נאָמען, מיין רעפּוטאַ־ציע און מיין צוקונפט. דו פאַרשטייסט, דזשאַני, וואָס איך רעד צו דיר?

דזשאַני האָט געשוויגן. ער האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין גלאָז וויין, און נאָך אַ זופּ, דערנאָך האָט ער מיט געמאָסטענע באַוועגונגען פאַררויכערט אַ צי־גאַר און ענדלעך רואיק געענטפערט:

— דו, פּעט, און נאָך איין מענטש וועלן זיין די באַלעבאַטים פון דער אינ־שורענס קאָמפּאַני. איר ביידע וועלן זיין די באָסעס. איך מיט נאָך עטלעכע געקליבענע מענטשן וועלן דורכפירן אייערע באַשלוסן. אייערע נעמען בלייבן אַ סוד. בלויז איך וועל וויסן און מיר דריי וועלן שטאַרבן מיט דעם סוד.

— און ווער איז מיין שותּף, דזשאַני?

— ענדריו וויליאַמס, — האָט דזשאַני גיך געענטפערט מיט פאַרבאָהאַל־

מענעם שטאָלץ. ער האָט געפילט א טיפע הנאה וואָס ער האָט ביז סוף פון זייער געשפּרעך באוויזן צו האַלטן ביי זיך די טרומף־קאָרט.

— ענדריו? ענדריו וויליאַמס? — האָט פּעט אַ דערשטוינטער און א צופרידענער איבערגעפרעגט.

— יאָ, ענדריו וויליאַמס, — האָט דזשאַני צוליב זיין אייגענער צופרידנקייט, און כדי צו פאַרזיגלען דעם אָפּמאַך, ווידער געענטפערט באַטאָנענדיק:

— יאָ, ענדריו וויליאַמס! . . .

— דוכט זיך, אַז אויף ענדריון קאָן איך זיך פאַרלאָזן, — האָט פּעט גערעדט שטיל צו זיך אַליין, — ענדריו וויליאַמס איז אַלראַיט.

— פּעט, איך בין אויפגעוואַקסן אונטער ענדריוס השגחה. איך קאָן אים. אויף ענדריו וויליאַמס וואָרט מעג מען אויפבויען אַ הונדערט־שטאָקיקע געביידע מיט אַ טאַנץ־זאַל אויפן דאַך.

— יאָ, דזשאַני, איך וויים. ענדריו איז אַ געבענטשטער מענטש.

לעסטער איז צוריק ביי זיין אַרבעט

די פירמע „גאַרדאַן און לעווין“, וואָס האָט ווידער אָנגעהויבן פונקציאָנירן, האָט שוין אָנגעהויבן בויען דאָס ערשטע הויז. לעסטער האָט געהאַט אַביסל שוועריקייטן מיט דעם פּלאַן פאַר דעם הויז. צוערשט האָט ער באַשלאָסן צו בויען אַ באַקוועם הויז פון צוויי שטאָק, מיט הויכע און גרויסע צימערן. דערנאָך האָט ער געביטן דעם פּלאַן. ער האָט געטראַכט, אַז די קליינע, ענגע קעמערלעך אין טורמע, וואָס האָבן זיך אים איינגעגעסן אין די ביינער, האָבן אים הפּנים באַאיינפלוסט צו בויען גרויסע צימערן, — דער היפּאָכאָנדריקער עקסטרעם . . . ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו בויען דאָס הויז מיט געוויינלעכע, באַקוועמע צימערן. ער איז אָבער ווידער געבליבן אומצופרידן. אין דער גאַס, וואו ער וועט בויען דאָס הויז, זענען אַלע הייזער ענלעך איינע אויף דער אַנדערער, סיי אין דרויסן און סיי אינעווייניק, פונקט ווי די טורמע־קעמערלעך זענען ענלעך איינס אויפן צווייטן. האָט ער דערפאַר באַשלאָסן, אַז דאָס הויז וואָס ער וועט אויפבויען מוז זיין סיי אינעווייניק און סיי פון דרויסן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אויף דער גאַס.

ווען לעסטער האָט געוויזן דעם פּלאַן פון דעם הויז צו סעם לעווין, האָט לעווין באַמערקט, אַז ער האָט מורא אַז „אונדזער קלאַס־קונים וועלן זיך ניט קאָנען פאַרגינען צו קויפן אַזאַ פּאַלאַץ“.

אָבער לעסטער האָט אים פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיך געפינען אַ מבין אויף דעם הויז און די פאַמיליעס וואָס וועלן וואוינען אין הויז וועלן בענטשן די פירמע, וואָס האָט געבויט אַזאַ באַקוועמע און פּראַכטפולע היים.

— נו, לעסטער, ביזט דאָך דער פאַרמאַן און אַ יוניאָן־מיטגליד, רוף אָפּ די יוניאָן, אַז מ'זאָל דיר שיקן אַרבעטער און נעם זיך אויסבויען דאָס אַריסטאָקראַטישע פּאַלאַץ.

בלויז פינף פון די זיבן אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי דער פירמע „גאַרדאַן און לעווין“ איידער לעסטער איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע, זענען צוריקגעקומען אַרבעטן. פון די צוויי וואָס זענען ניט געקומען אַרבעטן איז געווען טאָני סמיראַלדי, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה, און דער צווייטער, ביל פיניגען, ווייל זיין צווייטע האַרץ־אַטאַקע האָט אים שרעקלעך אָפּגעשוואַכט און דער דאָקטאָר האָט אים שטרענג פאַרבאָטן צו אַרבעטן.

די וואָס זענען צוריק געקומען אַרבעטן פאַר דער פירמע „גאַרדאַן און לעווין“ זענען ניט געווען אַרבעטלאָז. זיי זענען געווען באַשעפטיקט און האָבן דווקא געקראָגן גוט באַצאָלט פאַר זייער גוטער אַרבעט. זיי זענען

צוריק געקומען ארבעטן פאר דער פירמע הויפטזאכלעך דערפאר ווייל זיי זענען געווען לעסטערס איבערגעגעבענע פריינט. זייער פריינטשאפט מיט לעסטערן האט זיך צעוואקסן שוין אין די ערשטע עטלעכע וואכן וואס זיי האבן מיט אים געארבעט ווען די פירמע „גארדאן און לעווין" האט מיט פינף יאר צוריק אנגעהויבן בויען הייזער און באשעפטיקן ארבעטער.

צוערשט האבן די ארבעטער גערעדט צווישן זיך מיט באוואונדערונג וועגן לעסטערס ארבעט. זייער רעספעקט פאר לעסטערס אויסגעצייכנטער אר־בעט איז געוואקסן ביי די ארבעטער פון טאג־צו־טאג. — אלעס קאן ער, — האבן זיי געשמועסט צווישן זיך און אלעס וואס ער מאכט איז אויסגע־צייכנט און אן אנשטרענגונג פראדוצירט ער כמעט באלד אזויפיל ווי צוויי בעל־מלאכהס. זיי האבן אים פאררעכנט אלס דעם בעסטן ארבעטער אין פאך.

דערנאך איז זייער רעספעקט פאר זייער באס לעסטער געוואקסן צוליב זיין פריינטלעכער באציאונג צו זיי. אלע ארבעטער האבן איינגעשטימט, אז לעסטער איז א פריינטלעכער און ליבער מענטש און דער איינציקער באס אין פאך, וואס „פארמאגט א הארץ".

בלויז סלים ווילי, דער „פעסימיסט", האט ניט איינגעשטימט. ער האט געלאכט פון די אנדערע ארבעטער.

— איר זענט אלע בהמות, — האט ער גוטמוטיק זיי געזידלט, — אלע באסעס זענען עקספלואטאטארס. הונגעריקע וועלף זענען זיי אלע. ניטא קיין אויסנאם צווישן באסעס. לעסטער, — האט סלים ווילי געקנעלט מיט זיינע פריינט, — איז א כיטרער בחור און זיין איבערטריבענע פריינטלעכע באציאונג צו אונדז איז א קלוגע און אויסגערעכנטע טאקטיק ארויסצוקריגן פון אונדז וואס מער ארבעט דורך פריינטשאפט. אזא מעטאד צו עקספלוא־טירן ארבעטער איז ניט קיין נייע דערפינדונג, — האט סלים ווילי איינגע־טענהט מיט די ארבעטער.

אבער די ארבעטער האבן זיך געהאלטן פעסט ביי זייער מיינונג.

— געוויס, — האבן זיי געענטפערט ווילין, — באנוצן באסעס אלערליי „טריקס" ארויסצוקריגן וואס מער ארבעט פון די בעל־מלאכהס, אבער זינט מיר ארבעטן פאר אונדזער באס לעסטער, פילן מיר ניט די באסישע בייטש איבער אונדז. לעסטער יאגט אונדז ניט. ער פאדערט פון אונדז ניט מער ארבעט. פון לעסטערן האבן מיר דערווייל נאך ניט געהערט די באריימטע באסישע פאזיע: „ריר זיך!", „גיב זיך א שאקל!", „מאך שנעל, אבי גוט!", אדער די באסישע געשרייען: „פון דיין מלאכה וועל איך ארוים אן הויזן", אדער, „א פלוי פארמאגט מער שכל ווי דו", און אנדערע באסישע חכמות.

— אוי־וואַ! — האָט סלים כמעט אויסגעשריען, — אַ גרויס גליק האָט אונדז געטראָפֿן. אונדזער באָס לעסטער זידלט אונדז ניט, באַליידיקט אונדז ניט און שפּייט ניט אויף אונדז! אָבער, בהמות, איר האָרעוועט און בלייבט ביטערע קבצנים, און ער, אייער גוטהאַרציקער, פֿריינטלעכער באָס, ווערט רייכער יעדע וואָך. ער וואוינט אין אַ פּראַכטפֿולער דירה, און איר וואוינט אין לעכער. זיינע קינדער זענען שוין פֿאַרזאָרגט, אָבער אייערע קינדער וועלן מוזן גיין אַרבעטן, נאָך איידער זיי וועלן אַרויסוואַקסן פֿון זייערע קינדערישע שיכלעך, און איר קוואָקעט: „געלויבט איז גאָט, אונדזער באָס איז אַ מלאך!"

אין דעם געשפּרעך מישט זיך אַריין דער שוין־ניט־יינגער קריסטאָפֿאָר און שטילט איין מיט זיין ווייכער באַריטאָן־שטים דעם צעהיצטן ווילין.

— סלים, — זאָגט ער, איז געווייס גערעכט ווען ער ווייזט אָן אויף דער אָרעמקייט פֿון די אַרבעטער. דאָס איז אַ קללה וואָס מוז אָפּגעשאַפֿט ווערן. די גאַנצע איינשטעלונג וואָס פֿירט צו דעם אַז די באָסעס ווערן אַלץ רייכער און די מיליאָנען אַרבעטער בלייבן ביטערע קבצנים, איז אָן אומערלעכע, אָדער גאָר פּשוט אַ באַרבאַרישע איינפֿירונג וואָס טאָר ניט דערלאָזט ווערן אין אונדזער ציוויליזירטער וועלט. אייביק קאָן אַזאַ פֿאַרשאָלטענע איינשטעלונג ניט עקזיסטירן. פֿריער אָדער שפּעטער וועלן די מיליאָנען אַרבעטער אָנהייבן פֿאַרשטיין, אַז אַזאַ איינטיילונג איז אַן איינפֿאַכער שווינדל. אָבער, סלים, איך זאָג דיר, אַז ביז וואַנען די וועלט וועט קומען צום שכל און איינשטעלן אַ גערעכטע אָרדענונג, וויל איך אַרבעטן ביי סעם לעווין און לעסטער גאָרדאָן. זיי זענען טאַקע באָסעס, נאָר זיי זענען אויך מענטשן. יאָ, און פֿיינע מענטשן. ביי זיי פֿיל איך זיך ווי אַן אַרבעטער און ניט ווי אַ קנעכט.

—— גוט געזאָגט, קרים! — האָבן די אַרבעטער געלויבט קריסטאָפֿאָרן.

— דו, קרים, רעדסט מיט שכל און דאָס וואָס דו זאָגסט איז אמת. דערפֿאַר ביזטו דאָך אונדזער טשערמאַן!

ערב ניי־יאָר האָט לעסטער געמאַכט אַ „פּאַרדי" פֿאַר זיינע אַרבעטער. אין זיין גרויסן גאַסט־צימער, אויף אַ לאַנגן טיש, זענען געשטאַנען גרויסע טעלער, אָנגעפּילט מיט געריכערטע פֿיש, קאָרנד־ביף, געבראָטענע הינער, אַלערליי קעזן און עטלעכע פֿלעשער בראָנפֿן.

סעם לעווין, רבֿקה און מיסעס לעווין, זענען געווען צווישן די געסט. לעסטער האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע. ער האָט געזאָגט, אַז די פֿירמע האָט געהאַט אַ „גוט יאָר" און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די פֿירמע עקזיסטירט בלויז איין יאָר, איז איר פּראָפֿיט גאַנץ צופֿרידנשטעלנדיק. פֿאַרשטייט זיך,

האָט לעסטער באַטאָנט, אַז אַז די אַרבעטער וואָלט דער באַשיידענער דער־פּאָלג פון דער פירמע געווען אוממעגלעך, און ער און סעם לעווין זענען דאַנקבאַר צו זייערע אַרבעטער פאַר זייער געטריישאַפט און ווינטשט זיי אַ גוט יאָר. יעדער אַרבעטער האָט געקראָגן הונדערט דאָלער און דריי פלעשער אימפּאָרטירטן קאָניאַק אַלס מתנה.

דער יוניאָן־טשערמאַן, קריסטאָפער, האָט אין נאָמען פון די אַרבעטער געדאַנקט די באָסעס פאַר דער אומדערוואַרטעטער מתנה און געוואונטשן, אַז דאָס נייע יאָר זאָל זיין נאָך בעסער ווי דאָס פאַרגאַנגענע יאָר.

דער „פּעסימיסט", סלים ווילי, האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט אויף זיין הילכיקער שטים, וואָס האָט געקלונגען איבערן גרויסן צימער, געזאָגט מיט זיין געוויינלעכער אָפנהאַרציקייט, אַז ער קאָן ניט ווינטשן זיי־נע באָסעס אַ בעסער יאָר, ווייל וואָס רייכער באָסעס ווערן, אַלץ געלט־גייציקער ווערן זיי, און וואָס רייכער זיי ווערן, אַלץ ערגערע באָסעס ווערן זיי און זיי פאַרלירן זייערע מענטשלעכע געפילן. דאָס איז אַ מעכטיקער געזעץ אין דער נאַטור און אויך ביי דעם מענטשן, און עס איז דעריבער ניטאָ קיין אויסנאַם צווישן באָסעס . . .

אין גרויסן צימער איז שטיל געוואָרן. די אַרבעטער האָבן זיך איבערגע־קוקט מיט אומרואיקע בליקן. זיי האָבן דערוואַרט, אַז קריסטאָפער זאָל עפּעס זאָגן, וואָס זאָל צונישט־מאַכן סלימס שאַרפע רייד, וואָס האָבן, לויט זייער מיינונג, זיך ניט אַריינגעפּאַסט ביי דער „פּאַרדי".

קריסטאָפער האָט ניט געקענט באַשליסן צי ער זאָל זיך לאָזן פּראָוואָצירן פון ווילין און זיך אַריינלאָזן מיט אים אין אַ דעבאַטע. ס'איז ניט די ריכטי־קע צייט און ניט דאָס ריכטיקע פּלאַץ פאַר אַזעלכע דעבאַטעס, האָט קריס־טאָפער געטראַכט.

סעם לעווין האָט געראַטעוועט קריסטאָפערן פון זיין פאַרלעגנהייט. קורץ און קלאָר זענען געווען לעווינס רייד:

— איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד, ווילי, — האָט סעם לעווין געזאָגט מיט זיין געוויינטלעכער פריינטלעכקייט, — אויב רייכטום וועט האָבן אַ פאַרדאַרבנדיקע ווירקונג אויף מיין פאַמיליע, מעגסטו מיר ווינטשן, אַז איך זאָל קיינמאָל ניט וויסן פון קיין רייכטום, און איך פאַרזיכער דיר, אַז איך וועל בעטן גאָט יעדן טאָג, אַז דיין וואונטש זאָל מקוים ווערן.

סלים ווילי האָט באַמערקט, אַז לעווינס רייד האָבן געמאַכט אַ טיפן איינ־דרוק אויף די אַרבעטער. ער איז גיך געקומען צו זיך פון איבערראַשונג און האָט שפּאַסיק כמעט ווי אויסגעשריגן:

— דוכט זיך, אַז פון מיין ערשטן טרונק בראָנפן זענען מיינע אויערן שיכור געוואָרן.

— ניין, — האָט קריסטאָפאָר זיך אָפּגערופן, — דיינע אויערן זענען ניכטער, נאָר דיין גלויבן אין מענטשן איז זייער וואַקלדיק . . .

— ריכטיק, ריכטיק, קרים! — האָבן די ארבעטער אויסגעדריקט זייער איינשטימיקייט מיט קריסטאָפאָרס סאַרקאַסטישער באַמערקונג.

לעסטער האָט האַלב־ערנסט און האַלב־שפּאַסיק פאַרענדיקט דעם איבער־רייד מיט זיין ווענדונג צו זיינע געסט:

— לאָמיר טרינקען און ווינטשן ווילין ער זאָל וואָס גיכער אויסגעהיילט ווערן פון זיין פּעסימיזם.

סלים האָט געשמייכלט און געטראַכט: — „ווילין וועט איר ניט נאַרן מיט אייערע זיסע רייד און מתנות, און ניי־יאָר 'פּאַרדים'. אַ וואָלף און אַ באָס טאָר מען ניט געטרויען. מירן זען ווער עס איז גערעכט . . . אונדזערע באָסעס וועלן נאָך באַווייזן זייער נעגל. ניטאָ קיין אויסנאָם".

ווען לעסטער איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע צוליב זיינע אָפענע טע־טיקייטן קעגן דער מלחמה, האָבן די ארבעטער גערעדט צווישן זיך אַז ניט אַנדערש ווי דער מענטש איז אײַנפאַך משוגע געוואָרן. וואָס דענקט ער, אַז מיט זיין זיצן אין טורמע וועט ער אָפּשטעלן די מלחמה? ווי גיט מען עס אויף אַזאַ דערפאָלגרייך געשעפט, און מ'ווערט אַ קעסט־קינד ביי אַנקל סעם אין טורמע? און ווען? פונקט אין אַ צייט פון דער מלחמה פּראָספּעריטי, ווען ער וואָלט געקענט ווערן אַ מיליאָנער, ווערט ער אוים בויער פון הייזער, אוים ביזנעסמאַן, און לאָזט זיך אַריינזעצן אין טורמע! ניט אַנדערש, ווי עפּעס אַ שרייפל איז לויז געוואָרן אין זיין מוח.

— איר זענט בהמות, — האָט סלים ווילי זיך געבייזערט אויף זיינע פריינט. — לעסטער האָט זיך ניט געזאָרגט פאַר זיינע ביזנעס, און ניט געטראַכט וועגן דער גאָלדענע מלחמה־פּראָספּעריטי. און פאַרשיקט האָט מען אים אין טורמע ניט ווייל ער איז משוגע, נאָר ווייל דער מענטש פאַר־מאָגט אַ מוח, אַ האַרץ און איבערצייגונגען וואָס זענען אים טייערער ווי פּעסער מיט געלט, און איר מרוקעט דאָ ווי בהמות. איך בין געווען אין געריכט ווען דער ריכטער האָט לעסטערן פאַרשיקט אין טורמע. איך האָב געהערט יעדעס וואָרט וואָס לעסטער האָט געזאָגט אין געריכט, און איך זאָג אייך, אַז איר מעגט אויספאָרן גאַנץ אַמעריקע וועט איר ניט געפינען אַפילו קיין איין באָס וואָס איז גרייט צו פאַרלירן זיינע בליענדיקע גע־שעפטן, און צו ווערן פאַרשפּאַרט אונטער גראַטעס פאַר גרויסע מענטש־לעכע אידעאַלן.

די דערשטוינטע ארבעטער האָבן געקוקט אויף ווילין און זיך ניט געקאָנט גלויבן אַז ווילי רעדט אַזעלכע ווערטער.

— דו, ווילי, זינגסט אַזוי שיין וועגן אונדזער באָס? ביזט אפשר קראַנק ווילי, אָדער ביזט פּלוצים געוואָרן אויס פּעסימיסט? וואָס איז מיט דיר געשען סלים?

קריסטאָפֿאָר האָט פֿאַרזיכערט די ארבעטער, אַז סלים איז ניט קראַנק. סלים איז גערעכט. עס איז שווער, — האָט קריסטאָפֿאָר געזאָגט, — צו געפֿינען מענטשן, איבערהויפּט צווישן באָסעס, וואָס זאָלן מקריב זיין זייער געלט, זייער געשעפֿט, און זייער פֿרייהייט, און אויסשרייען צו דער וועלט: „מלחמה־מאַכער זענען מאַסנמערדער! מאַכט א סוף צו דער מענטשן־שחיטה!“ אָבער לעסטער האָט דאָס באַוויזן. לעסטער האָט געקעמפֿט פֿאַר די לעבנס פֿון אונדזערע קינדער, פֿאַר שלום און פֿאַר גערעכטיקייט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. יאָ, סלים איז גערעכט. לעסטער איז א גרויסער מענטש. איך האָב געוואוסט און איך האָב אייך שטענדיק געזאָגט, אַז לעסטער איז טאַקע אַ באָס, אָבער ער איז אַן אמתער מענטש.

סלים ווילי האָט עטלעכע מאָל באַזוכט לעסטערן אין טורמע. ער האָט אים געבראַכט סיגאַרעטן און אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פֿון די ארבעטער. ווען לעסטער איז אַהיימגעקומען פֿון טורמע, איז סלים געווען פֿון די ערשטע פֿריינט פֿון דער גאָרדאָן־פֿאַמיליע צו באַזוכן דעם באַפֿרייטן לעסטער.

ווען די גאָרדאָן און לעווין פֿירמע האָט ווידער געעפֿנט איר אָפֿיס, און לעסטער האָט געלאָזט וויסן ווילין, אַז די פֿירמע וועט אינגיכן אָנהייבן ווידער בויען הייזער, האָט סלים געלאָזט וויסן וועגן דעם די אַנדערע ארבעטער. אַלע, אַ חוץ טאָנין און בילן, האָבן אויפֿגעגעבן זייערע דזשאָבס און זענען געקומען אַרבעטן מיט לעסטערן.

לעסטער האָט מיט זיינע בעל־מלאכהס פֿאַרבראַכט אַן אָוונט ביי זיך אין גרויסן גאַסט־צימער. זיי האָבן געטרונקען אַביסל בראַנפֿן, צוגעביסן און האָבן אַ סך געשמועסט. לעסטער האָט זיי געדאַנקט, וואָס זיי זענען געקומען צו אים ארבעטן. קריסטאָפֿאָר האָט געזאָגט, אַז די ארבעטער זענען געקומען אַ היים. לעסטער האָט באַמערקט, אַז ער ווייסט ווי גוט עס איז צו קומען אַהיים, און אַלע האָבן האַרציק געלאַכט.

די ארבעטער האָבן געשמועסט, אַז לעסטער איז מער ניט קיין שותף אין דער פֿירמע, אַז ער איז אַ מיטגליד אין דער יוניאָן און איז בלויז דער פֿאָרמאַן. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן דעם און באַשלאָסן, אַז די רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער פֿירמע איז מסתם נייטיק געווען צוליב דעם וואָס לעס־

טערס נאָמען אין דער ביזנעס־וועלט איז ניט כשר צוליב זיין טורמע־רעקאָרד.

די פריינטשאַפט צווישן די אַרבעטער מיט לעסטערן איז ניט נאָר באַנייט געוואָרן, נאָר איז דערהייבן געוואָרן צו אַ נייער הויכער שטופע.

אין טורמע האָט לעסטער געלייענט אַ סך. ער האָט געלייענט ביכער וועגן געשיכטע, און וועגן סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענינים, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן פון אָנערקענטע אויטאָריטעטן. זיין אָנגעזאַמלטער טעאָרעטישער וויסן און זיינע פּראַקטישע דערפאַרונגען האָבן אים באַוואָפנט מיט אַ קלאָרן באַגריף וועגן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט, און די כוחות וואָס ווירקן אויף אַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען.

לעסטער פלעגט שטענדיק עסן זיין מיטיק מיט די אַרבעטער און פאַרברענגען מיט זיי די מיטיק־שעה אין שמועסן וועגן זייער אַרבעט, וועגן זייערע פאַמיליעס, וועגן זייערע באַקאַנטע און אַנדערע וויכטיקע שמועסן.

אָבער זינט לעסטער איז צוריקגעקומען פון טורמע, האָבן זייערע געשפּרעכן זיך אַ קער געטאָן אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג. די יאָרן מלחמה, די אַנטוויקלונגען אין דעם באַזיגטן דייטשלאַנד און די רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש אין רוסלאַנד, און דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע, האָבן אַרויסגערופן און אָנגערעגט דעם פּאָליטישן אינטערעס ביי אַ גרויסער צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן געלייענט די מער־ערנסטע טעגלעכע צייטונגען.

די באַריכטן וואָס די צייטונגען האָבן טעגלעך געשריבן וועגן די געשעענישן אין רוסלאַנד, וואו די אַרבעטער און די פּויערים האָבן איבערגענומען די מאַכט אין דעם ריזיקן לאַנד, און האָבן אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום, און דער צאַר, די פּריצים, און די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן און מינעס האָבן פאַרלאָרן זייער הערשאַפט, — אַט דאָס אַלץ האָט פאַרכאַפּט דעם אינטערעס פון אַ גרויסער צאָל אַרבעטער.

ביי זייערע מיטיק־שעהן האָבן לעסטערס אַרבעטער, ווי אַ סך אַנדערע אַרבעטער, געשמועסט און זיך געאַמפּערט וועגן די אַלע פּראַגן. לעסטער פלעגט געדולדיק אויסהערן די אַרבעטער וואָס פלעגן דערציילן וואָס זיי האָבן געלייענט אין די צייטונגען און אויך אויסדריקן זייערע אייגענע מיינונגען. ווען די אַמפּערייען פלעגן זיך אָנהייבן צוליב אומפאַרמיידלעכע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, דעמאָלט פלעגט לעסטער אַרויסזאָגן זיין מיינונג. ער פלעגט אַלע מאָל אויסברייטערן, פאַרטיפן און אויפקלערן די פּראָבלעמען. די אַרבעטער פלעגן דערנאָך רעדן צווישן זיך, אַז לעסטער פאַרמאָגט אַ זעלטענע פייאיקייט אויסצופלאָנטערן פאַר זיי די סאַמע קאָמפּליצירטע

ענינים, וואָס קוקן אויס אין זייערע אויגן ווי אומקלאָרע פאַרפּלאָנטערטע רעטענישן. לעסטער עפנט נייע וועלטן פאַר די אַרבעטער. לעסטער דערציילט און קלערט פאַר זיי אויף די אורזאַכן פון מלחמות און די געשעענישן אין רוסלאַנד. לעסטער דערציילט זיי וועגן זיין שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און איז דאָרט אויפגעוואַקסן, און די אַרבעטער שטוינען. זיי קאָנען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז מענטשן האָבן דאָרט אַזוי געלעבט.

— אַזאַ לעבן, — זאָגן זיי, — איז דאָך פשוט אומגלויבלעך, ער איז דאָך שרעקלעך, ווילד, באַרבאַריש!

זיי פרעגן איבער: — אין דיין גאַנצן שטעטל איז ניט געווען אפילו קיין איין הויז וואָס האָט פאַרמאָגט אַ טעלעפאָן?

— און קיין וואַסער אינעווייניק אין הויז צו צאַפּן פון אַ קראַן אויך ניט?

— ניין.

— און סטים־היט און אַ וואַנע אויך ניט?

— ניין.

— און קיין הויז האָט ניט פאַרמאָגט קיין עלעקטרישע, אָדער אפילו גאַזבאַלויכטונג?

— ניין.

— זענען דען ניט געווען קיין רייכע מענטשן ביי אייך אין שטעטל?

— יאָ, עס זענען געווען אַ צאָל גבירים. זיי האָבן געוואוינט אין גרויסע, שיינע הייזער, נאָר קיין מאָדערנע איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן זענען ניט געווען אין זייערע היימען.

— לעסטער, דו מיינסט טאַקע ערנסט, צי דו טרייבסט קאַטאָוועס, אַז אין דיין שטעטל זענען געווען פיל היימען, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין „טאָילעטס" ניט אינעווייניק און ניט אין דרויסן? ווי אַזוי האָבן די פאַמיליעס, וואָס האָבן געוואוינט אין יענע הייזער, געקאָנט דאָרט וואוינען?

— אַזוי האָבן זיי געוואוינט. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? אָרעמקייט! גענוג!...

— און אין די דערפער איז ניט געווען קיין איין געפלאַסטערטע גאַס, און עס איז דאָרט ניט געווען קיין דאָקטאָר, קיין שפּיטאָל און קיין אַפּטייק?

— יאָ, ריכטיק.

די און אַנדערע פראַגן האָבן געהאָגלט אויף לעסטערן פון אַלע זייטן.

— וואָס זאָגסטו, לעסטער, אַז אין סך פויערישע הייזער איז מען געשלאָפן אויף דעם אויוון? ווי אַזוי שלאָפט מען אויף אַ אויוון? עס שטייען בעטן אויף די אויוונס?

— איז עס טאַקע אמת, לעסטער, וואָס דו דערציילסט, אַז אין אַ גאַנץ

דאָרף, וואו עס וואוינען עטלעכע הונדערט פאַמיליעס, האָט מען קוים גע־קענט געפינען עטלעכע פּויערים וואָס האָבן געקענט אביסל לייענען און שרייבן, און די קינדער זענען ניט געגאַנגען אין סקול, ווייל עס זענען ניט געווען קיין סקולס אין די דערפער?

— ריכטיק.

— און, לעסטער, איז עס טאַקע אמת וואָס דו זאָגסט, אַז אָפט האָט אַ גאַנצע פּויערישע פאַמיליע פאַרמאָגט בלויז איין פּאָר שטיוול?

— אמת.

— און די פּריצים, זאָגסטו, לעסטער, האָבן פאַרמאָגט ריזיקע שטרעקעס לאַנד, וועלדער, טייכן, און טויזנטער אָקסן און קי, שאָף און פערד און פּראַכטפולע פּאַלאַצן, און די מיליאָנען פּויערים האָבן פאַרמאָגט קדחת...
זיי האָבן געאַרבעט, זאָגסטו, פאַר די פּריצים און זייערע פאַמיליעס האָבן געלעבט אין דחקות און נויט, און די אַרבעטער, זאָגסטו, האָבן פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג געאַרבעט פאַר הונגער־וויידזשעס?

— יאָ, מיינע פריינט, אַזוי איז דאָס געווען.

— און, לעסטער, איז עס טאַקע אמת, וואָס דו דערציילסט, אַז די רעגי־רונג האָט געהאַט אַ האַנט אין די אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען אויף יידן?

—אמת, אמת. עס איז ניטאָ קיין צווייפל אין דעם.

— זעסטו שוין, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז אַנדערש ווי דאָס רוסישע פאָלק. ביי אונדז האָט מען אַרונטערגעוואָרפן דעם יאָך פון דעם ענגלישן מאָנאַרך מיט זיינע משרתים נאָך מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק, און מיט פופציק יאָר צוריק האָבן מיר צעטמאַליעט די פּריצים אין דער סאַוט און באַפרייט די נעגער־שקלאַפן. פאַרוואָס־זשע האָט דאָס רוסי־שע פאָלק געוואַרט אַזוי לאַנג מיט זייער רעוואָלוציע?

לעסטער האָט געשמייכלט.

— די רוסן, מיינע פריינט, האָבן פּרובירט. אין פיל דערפער האָבן פּויע־רים געמאַכט אויפשטאַנדן קעגן די פּריצים, און אין יאָר ניינצן הונדערט און פינף האָבן די אַרבעטער געמאַכט אַ רעוואָלוציע, אָבער די סאָלדאַטן און די קאָזאַקן האָבן דערשטיקט די רעוואָלוציע. די טורמעס זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט רעוואָלוציאָנערן, און טויזנטער זענען פאַרשיקט געוואָרן אין קאַלטן סיביר.

— נו, אָבער איצט, לעסטער, האָבן די אַרבעטער מיט די פּויערים אוועק־געשיקט די צאַרישע און פּריצישע גענגסטערס און רעקעטירס קיין סיביר. איז אפשר וואָלטן מיר אוועקגעשיקט אונדזערע יוניאָן־גענגסטערס און רע־קעטירס קיין סיביר?

—נו, איז וואָס, וועלן אַנדערע רעקעטירס פאַרנומען זייער פּלאַץ.

— אפשר וועלן די לינקע . . .

— ניין, די לינקע האָבן ניט קיין שאַנס. און די לינקע זענען יונג און אומפּראַקטיש.

— נו, — פרעגט לעסטער, — אַז פּעט אַ׳ברייען מיט זיינע לייטענאַנטן זענען עלטערע און פּראַקטישע, זענט איר צופרידן?

די ארבעטער לאַכן.

— ביזט עפּעס אַ מבין, לעסטער, — רופט זיך אָן אַן ארבעטער, דער „שוויגער״, — אַלע טאָג דאָס זעלבע. יעדן טאָג פאַרענדיקן מיר אונדזערע אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס מיט אונדזערע יוניאָן־ביזנעס: געשניטענע ווייִדזשעס, יוניאָן־רעקעטירס, לינקע און רעכטע.

— ווייל דאָס, ברודער־לעבן, איז אונדזער זאַך. דאָס איז אונדזער ברויט־און־פּוטער־פראַגע.

אַן אומדערוואַרטעטער גאַסט

זונטיק אינדערפֿרי. לעסטער מיט זיין פֿאַמיליע האָבן נאָך־וואָס פֿאַרענדיקט זייער פֿרישטיק. לעסטער איז שוין אין אַרבעטס־צימער אויפֿן נידעריקן שטאָק. ער צייכנט אַ פּלאַן פֿאַר דעם צווייטן שכנותדיקן הויז. דאָס ערשטע הויז איז נאָך ניט פֿאַרענדיקט. ער איז זיכער, אַז דאָס ערשטע הויז איז אַ גרויסער אויפֿטו און אַ דערגרייכונג. פֿאַר זיינע אויגן שטייט דאָס נאָך־ניט־פֿאַרענדיקטע הויז אַ פּאַרטיקס, שיין און געשמאַקפֿול אויפֿגעבויט. און אינעווייניק — אַ פּראַכט! יעדער צימער — אַ זאַל. יעדער צימער פֿול מיט ליכט און זונשיין.

איצט אַרבעט ער שוין אויף דעם פּלאַן פֿאַר דעם צווייטן הויז. פֿאַר קיין פֿאַל קאָן ער ניט איינשטימען, אַז דאָס צווייטע הויז זאָל זיין פֿון קלענערן ווערט. אַנדערש — יאָ, אָבער גוט געבויט. שיין אויסגעפּלאַנירט יעדער צימער — גרויס, ליכטיק און באַקוועם. איין פּלאַן האָט ער שוין לעצטן זונטיק אָנגעצייכנט, וואָס האָט אים ניט צופֿרידנגעשטעלט. איצט אַרבעט ער אויף אַ צווייטן פּלאַן, און גלייך פֿון אָנהייב איז אים שוין קלאָר, אַז אויך די צווייטע צייכענונג וועט אים ניט צופֿרידנשטעלן, און ער טראַכט פֿון אַ מעגלעכער פֿאַראייניקונג פֿון ביידע צייכענונגען אין איין פּלאַן.

פּלוצים האָט דאָס גלעקל פֿון דער דרויסנדיקער טיר זיך צעקלונגען. לעסטער עפֿנט די טיר און ווערט געוואַלדיק איבערראַשט. אַ ריז, וואָס קוקט אים אויס באַקאַנט שטייט אויף יענער זייט טיר און שמייכלט.

— איר דערקענט מיך ניט, מיסטער גאַרדאָן? דער דאָקטאָר האָט פֿאַרלאָטעט מיינע „קאָליפֿלאַוער" אויערן און אויסגעגלייכט מיין נאָז, איז שווער מיך צו דערקענען. איך . . . איך בין מעק מעקאַרטי, — רעדט דער ריז באַשיידן, פֿאַרשעמט און הכנעהדיק.

לעסטער ענטפֿערט ניט. ער קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך פֿון דער איבערראַשונג און ער הערט ווי מעק רעדט ווייטער:

— איך דאַרף אייך דערציילן וואָס איז זייער וויכטיק פֿאַר אייך. עס איז פֿאַר אייער טובה־וועגן, מיסטער גאַרדאָן. מיין לעבן וועט אפֿשר שטיין אין געפֿאַר, אָבער איך מוז עס אייך דערציילן. איר מעגט מיר גלייבן, מיסטער גאַרדאָן, — האָט מעק אים פֿאַרזיכערט.

לעסטער האָט אים איינגעלאַדן אין גאַסט־צימער, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען איבערראַשט און צעטומלט פֿון דעם אומדערוואַרטעטן גאַסט.

אין גאַסט־צימער האָט לעסטער מיט אַן אָנגעשטרענגטער שטים געשטאַמלט, — זעצט זיך, מיסטער מעקאַרטי.

— צוערשט, — האָט מעק געזאָגט שוין אַביסל דרייסטער, — די קראַוואַט־שפּילקע וואָס איך טראָג איז ניט מיינע. כ'בין אונטערן איינדרוק, אַז דאָס איז אייער שפּילקע. — ער האָט אַרויסגעשלעפּט די שפּילקע פון זיין קראַוואַט און זי אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

לעסטער האָט געהיט און נאָכגעפאָלגט מעקס באַוועגונגען.

— יאָ, און די עטלעכע דאָלער, — האָט מעק געשטאַמלט, — וואָס איך... איך האָב אויסגעליען ביי אייך . . . יענעם אָוונט . . . — ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע עטלעכע צונויפגעלייגטע באַנקנאָטן און זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש. — פערציק דאָלער, — האָט ער שטיל געזאָגט.

לעסטער האָט געשוויגן.

— און איצט, מיסטער גאָרדאָן, וועל איך אייך זאָגן צוליב וואָס איך בין געקומען. אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר האָבן געסט. זיי וועלן אייך אָנבאָטן אַן אינשורענס־פּאָליסי . . . איר פאַרשטייט, מיסטער גאָרדאָן, קיינער טאָר ניט וויסן, אַז איך האָב „געקוואָקעט“ . . . איך קאָן טייער באַצאָלן פאַר מיין „קוואָקען“ . . . אָבער אייך קאָן איך געטרויען . . .

לעסטער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זיין גאַסט פּלאַפּלט. ער האָט געטראַכט, אַז מעק איז אביסל „צעדרייט“ און ער האָט אים א פרעג געטאָן:

— אַן אינשורענס פּאָליסי? וואָס מיינט עס?

— יאָ, — האָט מעק געענטפערט, — אַזוי רופן זיי זייער „דיל“. אייך וועט עס מסתם קאָסטן אַ פּאָר הונדערט דאָלער. אַנדערע באָסעס צאָלן מער. וואָס מער ארבעטער א באָס באַשעפטיקט, אַלץ מער צאָלט ער פאַר דער פּאָליסי.

— אַן אינשורענס פּאָליסי פאַר די ארבעטער? — האָט לעסטער געפרעגט.

— ניין, מיסטער גאָרדאָן. דאָס איז א רעקעט. א יוניאָן־רעקעט, וואָס פאַרקויפט „פּראָטעקציע“. ווען א באָס באַצאָלט, מעג ער שניירן די ווייַדזשעס פון זיינע ארבעטער און ניט צאָלן עקסטרע פאַר אָווערטאַים. זיי דאַרפן ניט מורא האָבן פאַר דער יוניאָן. זיי זענען „פּראָטעקטעט“.

— די מענטשן, וואָס פאַרקויפן די פּראָטעקציע־פּאָליסים זענען פון די ריכטיקע קאַנאַריקעס. בין איך געקומען צו דיר זאָגן, אַז דו זאָלסט קויפן זייער פּאָליסי. אויב דו וועסט זיי אָפּזאָגן, וועסטו האָבן צרות. וועסט קומען אינדערפרי צו דער ארבעט וועסטו ניט געפינען קיין ברעטער און קיין שינדלען, וועסט האָבן סטרייקס און „סטאַפּעדזשעס“, און זיי קאָנען אָנווענדן אויך אַנדערע מיטלען. פאַרשטייסט? . . . פאָלג מיך, איך בין דיין פריינט. איך האָב ניט פאַרגעסן . . . גיב זיי די עטלעכע דאָלער. פאַר־

מעסט זיך ניט מיט זיי. ס'איז א ביטערע גענג, פארשטייסט?

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלעס, מעק? — האָט לעסטער אים געפרעגט מיט קאָנטראָלירטער גלייכגילטיקייט.

— איך ווייס, ווייל איך אַרבעט אין דער יוניאָנס „אָרגאַניזיר־קאָמיטע”. חוץ דעם בין איך אויך נאָענט באַפריינדעט מיט דזשאָני דהי ספינקס.

— דזשאָני דהי ספינקס? ווער איז ער, מעק?

— דו ווייסט ניט ווער דזשאָני דהי ספינקס איז?

— ניין.

— זאָגסט מיר דעם אמת, אַז דו קענסט ניט דזשאָנין?

— יאָ, מעק, איך זאָג דיר דער אמת, אַז איך ווייס ניט ווער דער דזשאָני דהי ספינקס איז.

מעקס פּנים האָט זיך פאַררויטלט. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן אַרויס־געזעצט אויף זיין שטערן. ער האָט געקוקט אויף לעסטערן מיט פאַרזשמור־רעטע אויגן. זיינע פינגער האָבן לייכט געפייקלט איבערן טיש און ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— דיר גלויב איך. אַז דו זאָגסט איז עס אמת.

לעסטער האָט געשוויגן.

— נו, און ענדריו וויליאַמס, אים קענסטו? — האָט מעק ווי אַרויסגע־שאָסן זיין פראַגע.

— יאָ, אים קאָן איך, — האָט לעסטער געענטפערט און זיין נייגער איז געוואָרן נאָך גרעסער.

— פירסט מיט אים געשעפטן, מיסטער גאַרדאָן?

— ניין, איך האָב ניט קיין שום געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט ענדריו וויליאַמס, — האָט לעסטער פאַרזיכערט מעקן.

— האָסט אים אַמאָל עפּעס שלעכטס געטאָן, אָדער אפשר באַליידיקט, מיסטער גאַרדאָן?

לעסטער האָט אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן, אַז מעק מעקאַרטי ווייסט עפּעס אַ וויכטיקן סוד, וואָס ער וועט פריער אָדער שפּעטער אַרויספּלאַפּלען. ער האָט באַשלאָסן צו ענטפערן אויף מעקס פראַגן און מיט זיינע ענטפערס אים רואיק דערפירן צום ציל, אַז ער זאָל אַרויספּלאַפּלען וואָס ער ווייסט.

— אויב דו ווילסט וויסן, מיסטער מעקאַרטי, — האָט לעסטער גערעדט רואיק און געלאַסן, — האָב איך דעם מיסטער וויליאַמס קיינמאָל ניט געטאָן קיין שלעכטס. איינמאָל, אָדער אפשר צוויי מאָל איז געקומען צו אַ שאַרפן דורכרייד צווישן מיר און ענדריו וויליאַמס. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיס־טער וויליאַמס האָט זיך באַליידיקט.

מעקס פּנים איז געוואָרן צונטער רויט. ער האָט מיט זיין טיכל געווישט דעם שוויים פון פּנים.

— איצט פאַרשטיי איך שוין, — האָט ער געמורמלט צו זיך, — איצט פאַרשטיי איך אַלעס.

— פאַרשטייסט, — האָט ער זיך געווענדט צו לעסטערן, — דזשאַני איז ענדריוס „באַי“. איך, מיסטער גאַרדאָן, ווי דו ווייסט מסתם, בין געווען אַ פּרייז־פּאַיטער. קיינמאָל, מיסטער גאַרדאָן, האָב איך יענעמס ניט אָנגע־רירט, אַפילו אַ סענט, און קיינעם ניט באַליידיקט. אָבער נאָך מיין לעצטן פּאַיט, מיין ערשטן נאָק־אַאוט אין מיין קאַריערע אַלס פּרייז פּאַיטער, בין איך געווען זייער קראַנק אַ לאַנגע צייט. איך האָב זיך גענייטיקט אין געלט, כ'האָב געוואָלט פאַרריכטן מיינע אויערן און מיין נאָז, האָט דזשאַני מיר געגעבן אַ סך געלט. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן קיינעם ניט געטאָן קיין שלעכטס. איך האָב קיינמאָל ניט . . . עס איז מיר ניט גרינג צו רעדן פון מיין פאַרברעכן קעגן דיר. איך וועל דזשאַנין און זיין באָס ענדריו קיינ־מאָל ניט מוחל זיין וואָס זיי האָבן מיך גענוצט פאַר אַזאַ שרעקלעכער זאַך! פאַרשטייסט, מיסטער גאַרדאָן, איך בין געווען קראַנק, כ'האָב ניט געוואוסט וואָס איך טו . . . איך בין געווען קראַנק . . .

לעסטער האָט געשוויגן. — ענדלעך האָט מעק אַרויסגעפּלאַפּלט, — האָט ער געטראַכט, — אַ טיפער רחמנות האָט זיך אין אים דערוועקט צו דעם ריז, דעם אויסגעשפּילטן פּרייז־פּאַיטער, וואָס זיצט דאָ אַ הילפלאָזער, צע־ווייטיקט פון חרטה אויף זיינע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אים אין יענער נאַכט.

— איצט, מיסטער גאַרדאָן, — האָט מעק ווייטער גערעדט, — אַרבעט איך אין פּעט אַ'ברייענס יוניאָן קאָמיטע. ס'איז אַ פּאַסקודנע אַרבעט . . . ניט פאַר מיר. איך שווער דיר, אַז איך ריר קיינעם ניט אָן, אַפילו מיט אַ פינגער. זאָלן אַנדערע טאָן די שמוציקע אַרבעט. אַזוי גיך ווי איך וועל אָפּשפּאָרן עטלעכע דאָלער איינצוצאָלן אויף אַ טעקסי, וועל איך אַ שפּיי־טאָן אויף זיי מיט זייערע הויכע שכירות וואָס זיי צאָלן מיר. פון יענע אין דער קאָמיטע האָב איך אויסגעפונען, אַז אינגיכן וועלן זיי קומען צו דיר. פּאַלג מיך, מיסטער גאַרדאָן, איך בין דיר אַ פריינט: גיב זיי די עטלעכע דאָלער, פאַרמעסט זיך ניט מיט זיי. עס איז אַ פּאַסקודנע גענג. קויף ביי זיי די אינשורענס־פּאָליסי און זאָלן זיי גיין צום טייוול!

וואָס לענגער מעק מעקאַרטי האָט גערעדט, אַלץ מער האָט זיך צעוואַקסן אין לעסטערן דער רחמנות־געפיל צו דעם ריז, צו דעם אויסגענוצטן פּרייז־פּאַיטער.

—מעק, ווילסט, הייסט עס, טרייבן אַ טעקסי און ניט זיין פאַרבונדן מיט יענע פאַרשווינעז? — האָט אים לעסטער געפרעגט. — וויפל געלט דאַרפסטו איינצוצאָלן אויף אַ טעקסט? איך וועל דיר לייען די נייטיקע סומע. וועסט עס מיר אויסצאָלן, אַז פּראָצענט, און דו קאָנסט דיר קויפן אַ טעקסי אפילו מאָרגן.

מעקס שווערער קערפּער האָט זיך אַ וויג געטאָן. — וואָס? — האָט ער אַרויסגעברומט. — וואָס האָסטו געזאָגט? דו? . . . דו ווילסט מיר לייען געלט צו קויפן אַ טעקסי? דאָס איז אַן אמתער נאָוק־אַאוט! אַ ריינער נאָק־אַאוט!

— ניין, מיסטער גאַרדאָן, אַ דאַנק, א גרויסן דאַנק דיר. איך בין געקומען דיר אומקערן דיין שפּילקע און דיינע פּערציק דאָלער און דיך וואָרענען, — און ער איז גיך כמעט אַרויסגעלאָפן פון לעסטערס הויז, אַז לעסטער זאָל ניט באַמערקן זיינע טרערן.

ווען מעק איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער זיך איבערגעצלמט און ער האָט שטיל און פרום געמורמלט: — דער מאַן לעסטער גאַרדאָן איז אַ הייליקער מאַן . . . גאָט זאָל אים היטן און באַשיצן . . . און אָפּגעדאַרט זאָלן ווערן די פויסטן וואָס וועלן זיך אויפהייבן קעגן אים.

לעסטער איז געבליבן זיצן א צעטומלטער. — הייסט עס, אַז ענדריו וויליאַמס און זיין „באָי" דזשאָני דהי ספינקס האָבן געדונגען דעם קראַנקן פּרייז־פאַיטער פאַר דעם דזשאָב יענע נאַכט . . . און איצט פּלאָגט אים זיין קראַנקער געוויסן . . . און ער האָט מיר געבראַכט מיין שפּילקע און מיינע פּערציק דאָלער און איינגעשטעלט זיין לעבן מיך צו וואָרענען איך זאָל זיך ניט איינרייסן מיט די יוניאָן־דעקעטירס . . . אַ פּרייז־פאַיטער מיט א געוויסן . . .

סטראַטעגיע, ווידערשטאַנד און קאַמף

ביי דער מיטיק־שעה האָט לעסטער דערציילט די ארבעטער, אַז ער דערוואַרט אַ וויזיט פון אַ פּאָר אַגענטן, וואָס ווען אים אָנבאָטן אַ אינשור־רענס־פּאָליסי, און ער האָט זיי דערקלערט די פּריווילעגיעס וואָס א באָס קריגט ווען ער קויפט אַזאַ פּאָליסי.

די ארבעטער האָבן זיך שטום איבערגעקוקט.

סלים ווילי האָט געזאָגט, אַז ער און קריסטאָפאָר האָבן טאַקע גערעדט וועגן דעם וואָס ס'טוט זיך איצט אין דער יוניאָן און אַז די ארבעטער ווייסן וועגן דעם רעקעט.

— נו, — האָט קריסטאָפאָר אַן ערנסטער און פאַרזאָרגטער געזאָגט, — עס איז ריכטיק וואָס סלים האָט איצט געזאָגט.

— און וואָס דענקסטו, קרים, וועט פּאַסירן ווען די פאַרשוינען וועלן קריגן מיין ענטפער? — האָט לעסטער אים געפרעגט. — פאַרשטייסט דאָך, קרים, אז איך וועל בעסער פאַרמאַכן דעם אָפיס פון דער פירמע איידער זיך בייגן פאַר די אונטערוועלט־באַנדיטן.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, לעסטער, אַז איך גלויב ניט די פאַרשיי־דענע קלאַנגען וואָס טראָגן זיך אַרום. איך בין גענייגט צו גלויבן, אַז די לומפּן ווילן אויסמיידן אָפענע סקאַנדאַלן. מיין מיינונג איז, אַז אויב זיי טרעפן אָן אויף א באָס, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו קויפן זייער פּאָליסי, מוזן זיי מאַכן אַ שוויַיג. עס איז אפשר יאָ פאַראַן א ביסל אמת אין די מעשיות וואָס מיינע ארבעטער דערציילן. איך דענק, אַז מיר זאָלן אריינגיין אין דער יוניאָן און דערציילן פּעט אָ'ברייען וועגן דעם.

— קרים ביזט א נאַאיווער מענטש, — האָט סלים ווילי זיך אָפּגערופן, — פּעט ווייסט גאַנץ גוט וואָס עס טוט זיך אַרום אים, און ווייסטו וואָס פּעט וועט ענטפערן? ער וועט אונדז זאָגן, אַז ער וועט מאַכן אַן אויספאָר־שונג וועגן דעם וואָס מיר האָבן אים דערציילט. דו צווייפלסט אין דעם וואָס די ארבעטער דערציילן וועגן די רעקעטירס, און איך זאָג דיר, אַז עס איז אמת, אַז אויב אַ באָס באַצאָלט ניט איז ער אויפן „שוואַרצן צעטל".

— איז וואָס, סלים, דענקסטו דאַרפן מיר טאָן צו באַוואָרענען זיך, אַז די באַנדיטן זאָלן אונדז ניט באַלעסטיקן? — האָט לעסטער געפרעגט.

— מיין מיינונג איז, אַז זאָלסט זיי שיקן צום טייוול און מיר זאָלן זיי אַרויסבאַגלייטן מיט אונדזערע האַמערס.

— אונטערשטיצט! — האָט זיך דער גריך אויסגעשריען, — דאָס איז דער בעסטער ענטפער וואָס מיר דאַרפן געבן די גענגסטערס.

—ניין, דאָס טויג ניט, — האָט לעסטער געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט.
— צוויי פּאַרשוינען וועלן קומען צו מיר און אָנבאָטן זייער סחורה אויף אַ פּריינטלעכן אופן, ווי געשולטע העפלעכע סעילסלייט. וועט איר זיי באַפאַלן מיט אייערע האַמערס? באַגרייפסט כאָטש, סלים, וואָס אייערע פינף האַמערס מיט אַ ביסל ענטוזיאַזם קאָנען אויפטאָן? פונדאַנען וועט מען זיי שווין פירן אין שפּיטאָל, אָדער אויפן בית־עולם, און מיר וועלן זיך אַריינפּלאָנטערן אין פּאָליציייִשן אויספאָרשונגען, און אפשר אויך אַרעסטן, און כ׳וועל זיין פאַרנומען מיט קאָורטס און לאָיערס. ניין, האַמערס טויגן דאָ ניט. מיין מיינונג איז, — האָט לעסטער געזאָגט, — אויב זיי וועלן קומען וועל איך זיי אויסהערן און דערנאָך זיי געבן מיין ענטפער, און מיר וועלן וואַרטן און זען צי זיי זענען טאַקע בכוח מיך צו צווינגען צו קויפן זייער פּאָליסי.
אַלע האָבן צוגעשטימט, אָבער סלים איז געבליבן אומצופרידן.
מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען זיי געקומען. צוויי זענען זיי געווען. ווען די צוויי אויסגעפּוצטע יונגעלייט האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין זיין קליינעם, מיט ברעטער צונויפגעקלאַפּטן, צייטווייליקן אָפיס, אויף דעם באַדן וואו מען האָט געבויט דאָס הויז, האָט לעסטער אַ טראַכט געטאָן, אַז מעק מעקאַרטי האָט געוואוסט וואָס ער רעדט, און אַז ער, מעק, איז טאַקע געקומען אים וואָרענען וועגן דער געפאַר אויב לעסטער וועט, חלילה, פּוגע בכבוד זיין די פאַרשטייער פון דער מעכטיקער פּאַסקודנער גענג.
דער רעדנער האָט העפלעך, זאַכלעך און געשעפטסמעסיק דערקלערט לעסטערן, אַז זיי זענען ניט קיין יוניאָן־באַאַמטע, נאָר זיי האָבן ענגע פאַרבינדונגען. אַז אַן אָפּמאַך מיט זיי איז פּאַקטיש אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן, און זייער אינטערעס איז צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון די באָסעס.
— מיר ווייסן, — האָט דער פּאַרשוין ווייטער גערעדט, — אַז די מלחמה־פּראָספּעריטי איז פאַריבער, און אַז די קאָנקורענץ איז שאַרף, און פּרייזן פאַלן. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז די באָסעס קאָנען ניט צאָלן די אַרבעטער דיזעלבע הויכע ווידזשעס ווי אין דער צייט פון דער מלחמה. מיט אָט־דער אינשורענס־פּאָליסי קאָנען זיי גאַראַנטירן לעסטערן, אַז ער וועט מעגן צופּאַסן די ווידזשעס פון זיינע אַרבעטער לויט דעם ווי זיינע ביזנעס וועלן פאָדערן. און אָט־די דערלויבעניש וועט אים קאָסטן בלויז פינף הונדערט דאָלער אַ יאָר.
לעסטער האָט דערפילט אַן עקל צו די צוויי פּיאָווקעס. ער האָט זיי אָבער געענטפערט מיט אַן אָנשטעל פון העפלעכקייט, אַז זיינע אַרבעטער זענען געשולטע בעל־מלאכהס; אַז זיי פאַרדינען ערלעך זייערע שכירות און אַז

ער האָט, חלילה, ניט בדעה צו שניידן זייערע ווײַדזשעס. פֿאַרקערט: ער וועט גאָר איגניכן העכערן זייערע שכירות. די פֿירמע, — האָט ער זיי פֿאַר־זיכערט, — היט אָפּ איר יוניאָן־קאָנטראַקט און דערפֿאַר נייטיקן מיר זיך ניט אין אייער הילף, און אַ גוטן טאָג אײַך, דזשענטלמען!

דער פֿאַרשוין וואָס איז געווען דער רעדנער, האָט געשמייכלט. ער האָט לעסטערן דערלאַנגט אַ וויזיט־קאַרטל, אויף וועלכן עס איז געווען אָפּגע־דרוקט: „דהי קאָמיטע אָוו לייבאָר רילעישאָנס" און מיט דער זעלבער העפֿ־לעכקייט ווי פֿריער געזאָגט, — אויב דו וועסט האָבן שוועריקייטן, מעגסטו אונדז טעלעפֿאָנירן. קיינער וועט דיר ניט קאָנען העלפֿן חוץ אונדז, — און האָט פֿאַרלאָזט לעסטערס אָפּיס.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט טריקי טשאַרלי, דער ביזנעס־אַגענט פֿון דער יוניאָן, באַזוכט לעסטערן ביי דער ארבעט. ער איז געקומען אויס־צוגעפֿינען פֿאַרוואָס לעסטער באַשעפֿטיקט ניט זיין אַלטן בעל־מלאכה, ביל פֿיניגען, האָט ער געזאָגט לעסטערן.

לעסטער האָט אים דערקלערט, אַז פֿיניגען איז קראַנק און ער קאָן ניט אַרבעטן.

אָבער טריקי טשאַרלי איז באַשטאַנען, אַז ביל פֿיניגען איז שוין געזונט. ער האָט זיך אויך שטאַרק געבייזערט אויף די אַרבעטער. — יוניאָן־ברידער זענט איר? עגאָאיסטן זענט איר! איר האָט אַלעמען אין דער ערד, אַבי אייערע אייגענע מאָגנס זענען פֿול. ביל פֿיניגען האָט איר שוין פֿאַרגעסן. בילס לאַגע אַרט אײַך גאָרניט, אַבי איר קריגט אַלע וואָך אייערע טשעקס. איך האָב אָבער אַ סורפּריז פֿאַר אײַך: איר וועט דאָ ניט אַרבעטן ביז ביל וועט צוריק אָנגעשטעלט ווערן. איך דערקלער אַ סטרייק קעגן דער פֿירמע „גאַרדאָן און לעווין".

— טשאַרלי, ביל איז קראַנק. ער קאָן ניט אַרבעטן, — האָבן די אַרבע־טער געטענהט מיט זייער יוניאָן־פֿירער.

— פּוילע תירוצים! — האָט טשאַרלי בייז געברומט. — אייערע מעשיות קאָנט איר דערציילן דער „סטעטשיו אָוו ליבערטי", ניט מיר. איך קאָן אײַך. מיך קאָנט איר ניט נאַרן. קיינער וועט דאָ ניט אַריינקלאַפּן אַ טשוואָק, ביז ביל וועט אָנגעשטעלט ווערן. און פֿאַרגעס ניט, לעסטער, אַז דו ביזט דאָ מער ניט דער באָס, ביזט אַ יוניאָן־מיטגליד, וועסטו סטרייקן מיט אַלע אַר־בעטער, קלאָר?

לעסטער, קריסטאָפֿאַר און סלים האָבן באַזוכט בילן. ביל האָט זיך דער־פֿרייט מיט זיינע געסט. ער האָט געאָטעמט שווער, גערעדט שטיל, און זיך אָפּגערוט פֿון איין וואָרט צום צווייטן. ער איז געווען אָפּגעצערט. זיינע

ווייטיקן אין ברוסטקאַסטן האָבן אויפגעהערט, — האָט ער זיי דערציילט, — אָבער ער מוז זיין פאָרזיכטיק זיך ניט אָנצושטרענגען און די הויפּט־זאַך: רוען, רוען.

—ביל, וואָס הערט זיך מיט דיין פינאַנציעלער לאַגע? — האָט אים לעסטער געפרעגט.

פיניגען האָט דערציילט, אַז אין די מלחמה־יאָרן האָט ער געאַרבעט זייער שווער און לאַנגע שטונדן, און ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, אַ קראַנק האַרץ, אַ הויכן בלוט־דרוק און דערצו אַרטרייטיס אין זיין רוקן־ביין.

אויף קריסטאָפאָרס פראַגע, ווען ער וועט ווידער קאָנען אַרבעטן, האָט פיניגען געענטפערט, אַז אויף דער וועלט וועט ער שוין ניט קאָנען אַרבעטן; אויף יענער וועלט— אפשר, אויב ער וועט דאָרט ניט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער ווי דאָ אויף דער היגער וועלט, און אויב דאָרט איז פאַראַן אַן ער־לעכע יוניאַן.

די אַרבעטער זענען דערנאָך אַוועק אין דער יוניאָן. דער ביזנעס־אַגענט טריקי טשאַרלי איז ניט געווען אין זיין אָפיס. זיי האָבן געוואַרט ביז דער אָפיס איז צוגעמאַכט געוואָרן. טשאַרלי איז ניט געקומען.

גאַנץ פרי זענען די סטרייקערס ווידער געקומען אין דער יוניאָן. לעסטער איז ניט געווען מיט זיי. ווען טשאַרלי איז ענדלעך געקומען, האָבן זיי אים דערציילט וועגן זייער באַזוך ביי ביל פיניגען. טריקי טשאַרלי האָט זיי יאָ און ניט געהערט. די סטרייקערס האָבן גערעדט און ער האָט געלייענט בריוו, גערעדט אויפן טעלעפאָן און דערנאָך אָנגעשטאָפּט זיין ליולקע מיט טאַבאַק, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, פאַררויכערט און נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס די רויך־רינגען, וואָס ער האָט קונציק אַרויסגעבלאָזן פון מויל.

ענדלעך האָט טשאַרלי אַוועקגעלייגט די ליולקע און זיי געלאָזט וויסן, אַז די מעשה, אַז ביל איז קראַנק האָבן זיי אים שוין פריער אויך דערציילט, און עס איז ניט וויכטיק צי ער גלויבט זיי יאָ, אָדער ניט, זיין פליכט אַלס געוויסנהאַפטער יוניאָן־פירער איז צו באַזוכן פיניגען און זיך אַליין איבער־צייגן צי ער איז קראַנק.

טאָג־נאָך־טאָג זענען די סטרייקערס געקומען אין יוניאָן־אָפיס, אָבער טשאַרלי איז דאָרט ניט געווען. ענדלעך איז ער אַריינגעקומען אין גרויסן וואַרט־צימער וואו די סטרייקערס זענען געזעסן. ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, אַוועקגעשפּאַנט צו זיין אָפיס, אויפגעשלאָסן די טיר, איז אַריין אינע־ווייניק און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

קריסטאָפאָר האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אָפיס. טשאַרלי האָט

זיך געמאַכט ווי ער הערט ניט. קריסטאָפער האָט געקלאַפּט שטאַרקער.

ענדלעך האָט טשאַרלי געעפנט די טיר און האָט אַ וואָרטשע געטאָן:

— קום מאָרגן, קרים, וועל איך האָבן אַן ענטפער פאַר אייך.

מאָרגן, און איבערמאָרגן . . . די זעלבע געשיכטע, ביז דאָס געדולד פון די סטרייקנדיקע אַרבעטער האָט געפּלאַצט און זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין טשאַרלים אָפיס.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ באַציאונג צו אַרבעטער! וואָס דענקסטו, מיר זענען דיינע שקלאַפן? — האָט קריסטאָפער מיט כעס געפרעגט טשאַרלין.

— וואָס בייזערסטו זיך, קרים? איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. דו, קרים, ווייסט, אַז מיר ביזנעס־אַגענטן זענען אַלעמאָל פאַרלייגט מיט אַר־בעט. קום אַריין מאָרגן.

— מאָרגן, מאָרגן, יעדן טאָג זינגסטו אונדז דאָס זעלבע לידל, — דונערט סלימס שטים, — טשאַרלי, וואָס פאַר אַ גיים שפּילסטו מיט אונדז? ווע־מען דינסטו?

טריקי טשאַרלי איז געזעסן אין זיין באַקוועמען שטול לעבן זיין שרייב־טיש. ער האָט שאַרף געוואָרנט ווילין, אַז ביי אים אין אָפיס שרייט מען ניט; ער וועט זיי געבן זיין ענטפער וועגן ביל פיניגען ווען ער וועט האָבן גענוג צייט צו באַזוכן בילן אין זיין הויז. און דערווייל איז ער פאַרנומען מיט וויכטיקע זאַכן.

ניק דער גריך האָט שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן זיין כעס. דאָס בלוט האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אָדערן. ער האָט געציטערט פון אויפ־רעגונג און זיך צעשריען אויף די העכסטע קולות:

— טשאַרלי, דו דענקסט, אַז דו האַנדלסט מיט אידיאָטן? מיינסט אַז מיר ווייסן ניט, אַז דו אַרבעטסט האַנט־אין־האַנט מיט די רעקעטירס? אַלע זענט איר אַ באַנדע גרעפטערס!

די טיר פון טשאַרלים אָפיס איז געווען אָפן. די אַרבעטער וואָס האָבן זיך געפונען אין גרויסן וואַרט־צימער און געהערט די געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון טריקי טשאַרלים אָפיס, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער אָפענער טיר, און ווען זיי האָבן דערהערט ניקס אויסגעשריי: „אַלע, אַלע ביזנעס־אַגענטן זענען גרעפטערס“, — האָבן זיי הילכיק אַפּלאָדירט. אַן אַר־בעטער האָט אַריינגעשריגן אין אָפיס: — „זיי זענען גרעפטערס און פאַר־רעטער!“

אַ צווייטער אַרבעטער האָט צוגעלייגט:

— טריקי טשאַרלי איז דער גרעסטער גרעפטער אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן.

טשאַרלי האָט זיך דערשראָקן. ער האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל אויף זיין שרייבטיש. אין אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטמענט האָט אַ גלעקל זיך צע־קלונגען. לעבן דעם נומער פינף האָט אַ רויט לעמפּל זיך צעצונדן. די פיר קאָמיטע־יונגען האָבן געוואוסט דעם סיגנאַל. אין איין מינוט זענען זיי אויסגעוואַקסן אין טשאַרלים אָפיס און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף ניקן, וואָס האָט אָן אויפהער געשריען.

די געדונגענע שלעגער האָבן קיינמאָל פריער ניט געהאַט קיין דערפאַרונג מיט אויפגעבראַכטע, פאַרראַטענע אַרבעטער, וועלכע ווערן פאַראייניקט און געקרעפטיקט פון זייער לאַנג־אָנגעזאַמלטן צאָרן, וואָס פּלאַקערט אויף אין זיי אין קאַמף מיט פאַררעטער און פאַרפירער. די פאַרזאַמלטע אַרבעטער האָבן געזען ווי די געדונגענע שלעגער, וועמען זיי האָבן גוט געקענט, האָבן געהאַנגלט מיט מערדערלעכע קלעפּ איבער ניקס קאָפּ און איבער זיין פאַר־בלוטיקט פּנים.

— אַרבעטער־בלוט! אונדזער בלוט! מערדער! — האָבן די פאַרזאַמל־טע אַרבעטער געשריען.

אַ ווילדער שטורעם האָט אויסגעבראָכן. בענקלעך זענען צעשמעטערט געוואָרן. דרייסיק אויפגעשטורעמטע אַרבעטער, באַוואָפנט מיט פיסלעך פון די צעשמעטערטע בענקלעך, האָבן זיך געוואָרפן אין דער שלאַכט קעגן די גענגסטערס, וועלכע זענען געווען באַוואָפנט מיט מעסערס און בלעך־דזשעקס אין אַ בלוטיקן פאַרמעסט אויף לעבן און טויט.

פאַרקנוילט אין אַנטשלאָסענעם קאַמף, איינגעשלאָסן אין דער שטאָל־ און צעמענט־פעסטונג, און אָפּגעזונדערט פון דער דרויסנדיקער וועלט, ווילדע־וועט דער בלוטיקער געראַנגל אומגעשטערט, אָן אָפּשטעל.

יעדער אַרבעטער באַזונדער און אַלע צוזאַמען זענען פאַרוויקלט אין דעם אומגעצוימטן, מערדערלעכן געשלעג צו פאַרטיידיקן זייערע אייגענע לעבנס און די לעבנס פון זייערע אייגענע...

אַן אָפּיס־סעקרעטאַרשע האָט טעלעפאָנירט אין דער פּאָליציי־סטאַנציע. זי האָט געשריען היסטעריש און געבעטן הילף. ווען די פּאָליציי איז אָנגע־לאָפן איז שוין געווען נאָך אַלעמען...

אַמבולאַנסן האָבן אַוועקגעפירט די פאַרוואונדעטע אַרבעטער אין שפּי־טאָל. איניקע מיט טיפע מעסער־שניט וואונדן. די פיר גענגסטערס — אין אַ קריטישן צושטאַנד. טשאַרלי איז אויך געווען צווישן די פאַרוואונדעטע.

דער פראָטעסט

ווי אַ וואַלד־פייער האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס וועגן דעם בלוטיקן געשלעג אין דער יוניאָן. אַרבעטער האָבן באַלאַגערט דעם שפּיטאָל און גע־געבן בלוט פאַר זייערע יוניאָן־ברידער, וועלכע האָבן פאַרלוירן צופיל בלוט פון די גענגסטערישע מעסער־שניט.

„ניק דער גריך" איז געשטאָרבן מיט צוויי טעג שפּעטער.

טויזנטער אַרבעטער זענען געקומען צו ניקס לוויה. קראַנצן בלומען, גע־שיקט פון די אַרבעטער, האָבן באַדעקט ניקס אָרון מיט אויפשריפטן:

— אַ קרבן פון קאָרופּטע יוניאָן־באָסעס.

— געשטאָרבן ווי אַ העלד פאַר אַרבעטער־רעכט.

— דיין טויט וועט ניט זיין אומזיסט.

— מיר וועלן פאָרזעצן דעם קאַמף.

אַרבעטער האָבן געטרויערט. אַרבעטער האָבן געצאָרנט און געשאָלטן זייערע יוניאָן־פירער. אַ פייער האָט זיך צעגליט צווישן די אַרבעטער.

דער אָפּיס פון דער יוניאָן איז געווען פאַרשלאָסן. דער יוניאָן־באָס, פּעט אָ'בריין, די ביזנעס־אַגענטן, די אָרגאַניזאַציע־קאָמיטע האָבן מורא געהאַט צו קומען אין דער יוניאָן.

אַ צירקולאַר איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אַרבעטער:

„ברידער יוניאָן־מיטגלידער.

„ווער האָט געדונגען די גענגסטערס וואָס האָבן דערמאָרדעט אונדזער ברודער ניק פּאַפּאַס?

„ווער האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו די מערדער וואָס זענען געזעסן אין יוניאָן־אָפּיס און געוואַרט אויפן סיגנאַל?

„פאַרוואָס האָבן זיי דערמאָרדעט אונדזער ברודער ניק? פאַרוואָס האָבן די מערדער צעשניטן און צעבוטשערט די אַרבעטער? קעגן וועמען האָבן די מערדער זיך באַוואָפנט מיט מעסערס און בלעקדזשעקס?

„ווער האָט באַצאָלט די גענגסטערס פאַר זייערע מערדערייען? מיט וועמענס געלט האָט מען געצאָלט די מערדער?

„ברידער יוניאָן־מיטגלידער, מיר טאָרן ניט פאַרשווייגן די שוידערלעכע פאַרברעכנס קעגן אומשולדיקע אַרבעטער.

„קומט צום מיטינג מאָרגן אָוונט אין ט. פּאַין האָל.

רענק און פאַיל קאָמיטע".

איבער צוויי טויזנט ארבעטער האָבן אָנגעפּאַקט דעם זאַל. אויף דער פּלאַטפאָרם זיצן די פאַרבאַנדאַזשירטע ארבעטער.

קריסטאָפאָר עפנט דעם מיטינג און ער רופט די פאַרזאַמלטע זיך אויפ־שטעלן צו ערן דעם אָנדענק פון אונדזער געפאַלענעם ברודער און מאַרטי־רער ניק.

איבער צוויי טויזנט מענטשן שטייען מיט געבויגענע קעפּ. אַ פאַרגלי־ווערטע טויטע שטילקייט, אָנגעלאָדן מיט שווערן טרויער כאַפּט אַרום יעדן איינעם. אַ פאַרגליווערטער, לעבנלאָזער, אָטעמלאָזער מענטשן־וואַלד . . .

שטיל, שטיל, און שטילער קלאַפּן הערצער: ניק. ניק. ניק . . . די טויטע שטילקייט דריקט. טיפער טרויער פּייניקט. פּחד כוואַליעט אַריין אין זאַל. איין מינוט — אַ שעה. צוויי מינוט — אַן אייביקייט. אומדערטרעג־לעך . . . עפּעס וועט באַלד געשען . . .

האַרט, בייז און הילכיק פאַלט דאָס העמערל אין קריסטאָפאָרס האַנט אויף דעם הילצערנעם טיש. אַ ליידיקער עכאָ פון דעם האַמער־קלאַפּ ברומט אַריין אין שטילן זאַל, און לעבן האָט אויפגעוואַכט. הונדערטער פּיס שאַרן איבערן הילצערנעם דיל. בענקלעך רוקן זיך טומלדיק. מאַסן מענטשלעכע באַוועגונגען צעשטויסן די טויטע שטילקייט, פאַריאָגן דעם אָנגעוואַקסענעם פּחד, און שטופּן אָפּ דעם טרויער. אין זאַל האָט דאָס צאַפּלדיקע, פאָדערנ־דיקע און מוטיקע לעבן אויפגעוואַכט.

קריסטאָפאָרס שטים הילכט איבערן זאַל.

קריסטאָפאָר דערציילט די פאַרזאַמלטע ארבעטער וועגן דעם באַזוך פון די רעקעטירס און זייער אָנבאָט צו לעסטער גאָרדאָן, אַז פאַר פינף הונדערט דאָלער וועלן זיי אים לאָזן שניידן די ווייִדזשעס פון די ארבעטער, און אַז לעסטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פאַררעטערישן און קויטיקן „דיל".

קריסטאָפאָר דערציילט וועגן דעם סטרייק, וואָס טשאַרלי האָט דער־קלערט. ער דערציילט די פּיניגען־געשיכטע, און ווי אַזוי טריקי־טשאַרלי האָט זיי אָפּגעשלעפּט פון טאָג־צו־טאָג, כדי צו פאַרציען דעם סטרייק.

די אַרבעטער שטוינען. די שטילקייט אין זאַל ווערט איבערגעריסן פון אויסגעשרייען: — „גרעפּטערס! לומפּן! פאַררעטער!"

קריסטאָפאָר דערציילט ווייטער וועגן דעם מערדערלעכן אָנפאַל אויף די סטרייקערס, און ווי ער האָט באַמערקט ווי טשאַרלי האָט אַ דריק געטאָן דאָס רויטע קנעפּל אויף זיין שרייבט־טיש, און ער האָט האָט געזען, — דערציילט קריסטאָפאָר, — ווי דער גענגסטער „מיקי דער האָן" האָט מיט זיין בלעקדזשעק אַ זעץ געטאָן ניקן איבערן קאָפּ. „איך האָב אויסגעשריען פון ווייטיק און פּרובירט באַשיצן ניקן, אָבער איך בין געפאַלן באַוואוסט־

לאָז פון די קלעפּ וואָס די גענגסטערס האָבן געהאַגלט אויף מיר".

ווידער דונערן גאַליקע אויסגעשרייען אין זאַל:

— מערדער! מערדער!

קריסטאָפאָר רעדט ווייטער:

— מיר האָבן פאַררופן דעם איצטיקן מיטינג, אַז מיר זאָלן אָננעמען די נייטיקע מיטלען קעגן דעם פאַרראַט און גענגסטעריזם אין אונדזער יוניאָן. מיר טאָרן ניט שווייגן!

דער זאַל שטורעמט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און צאָרנדיקע אויסגעשרייען:

— שוין צייט! שוין צייט! מיר מוזן זיי פאַרטרייבן פון דער יוניאָן!

עס ווערט שטיל און קריסטאָפאָר שטעלט פאָר סלים ווילי. אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן באַגעגנט סלים ווילי. זיין קאָפּ איז נאָך פאַרבאַנדאַזשירט ביז די אויגן. ער איז בלאַס און אָפּגעצערט, אָבער זיין שטים קלינגט קלאָר און קרעפטיק.

— אַ סך פון אייך, — זאָגט סלים, — רופן מיך „פּעסימיסט". אונדזער פריינט ניק האָט מיך געקרוינט מיט דעם נאָמען. און איך וויל אייך זאָגן דעם אמת, אַז ניק איז ניט געווען אומגערעכט. איך האָב קיינעם ניט געגלויבט, און קיינעם ניט געטרויעט. איך האָב געזען אַ האָפענונגסלאָזע, שלעכטע פאַרדאָרבענע וועלט, — אַ וועלט באַהערשט פון געוויסנלאָזע פאַרשווינען, גנבים, ליגנער און היפּאָקריטן. עס האָט מיך געקרענקט וואָס מיליאָנען שקלאָפן מיט שטאַרקע מוסקולן, נאָר מיט שוואַכן שכל האָרעווען און פאַרצעווען און פילן אַז די וועלט מיט ריזיקע רייכטימער, ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַ באַנדע באָסעס; באָסעס אַרבעטס־געבער, באָסעס אין די טרייד יוניאָנס, הייליקע באָסעס אין דער רעליגיעזער וועלט, — אַלע באָסעווען איבער מיליאָנען קנעכט וואָס גלויבן, אַז דאָס איז גאָטס ווילן, און אַזוי מוז דאָס זיין. נו, האָט אַ קראַנקער פּעסימיזם זיך באַזעצט אין מיין האַרץ. אָבער ניט מער! — האָט סלים אויסגערופן, — פאַר מיינע אויגן זענען וואונדער געשען! איך האָב אַנטדעקט אַ נייע וועלט. איך האָב באַגעגנט אַ מענטשן וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פעטע מלחמה־פּראָפיטן, און איז געזעסן פאַרשפּאַרט אונטער גראַטעס פאַר זיינע פּרינציפּיעלע איבערצייגונגען קעגן מלחמה. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ באָס וואָס וויל ניט שניידן די ווידזשעס פון זיינע אַרבעטער, און איך האָב געזען אַרבעטער ריזיקירן זייערע אייגענע לעבנס צו באַשיצן זייערע ברידער.

— איך האָב געזען אַרבעטער קעמפן ווי לייבן קעגן זייערע שונאים, וואָס זענען באַוואָפנט מיט מעסערס און בלעקדזשעקס. איך האָב געזען אונטער־

טעניקע קנעכט וואָס זענען אין איין אויגנבליק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין העלדן. איך האָב קיינמאָל פריער ניט געגלויבט, אַז ארבעטער זענען פעאיק צו ריזיקירן זייערע אייגענע לעבנס פאַר זייערע ברידער, אָבער כ'האָב גע־קראָגן אַ גוטע לעקציע וועגן דעם מוט און גרויסקייט פון דעם ארבעטער־מענטש. כ'האָב געזען הונדערטער ארבעטער שטיין אין אַ ריי צו געבן זייער בלוט פאַר זייערע פאַרוואונדעטע ברידער.

— כ'בין געלעגן אין שפּיטאָל צוזאַמען מיט די פאַרוואונדעטע ארבעטער, וואָס זיצן דאָ אויף דער פּלאַטפאָרמע. זיי האָבן ניט געקרעכצט און ניט אויסגעדריקט קיין סימן פון חרטה פאַר זייער אָנטייל אין דעם קאַמף, ניט געקוקט אויף זייערע וואונדן; כ'האָב דערזען אַ נייע וועלט.

— עס נאָגט מיך איצטער מער ניט דער קראַנקער פעסימיזם. אַ געפיל פון פרייד און האָפענונג וואַרעמט און דערהייבט מיך און קרעפטיקט מיין גלויבן אין דעם ארבעטער־מענטש. איך גלויב אין דעם אומבאַזיגבאַרן כוח פון די ארבעטער־מאַסן, וואָס וועלן אָפּראַמען אַלע שטערונגען אויף דעם לאַנגן און שווערן וועג צו דעם ליכטיקן, פרייען און צוזאָגנדיקן מאָרגן.

— איך גלויב, אַז מיר, פאַרזאַמלטע דאָ, וועלן מאַכן דעם אָנהייב און וועלן אויסרייניקן אונדזער יוניאָן פון אומריינקייטן. מיר וועלן פאַריאָגן די פאַררעטערישע פירער און לאָזן וויסן אונדזערע באַסעס, אַז מיר זענען מענטשן מיט זעלבסט־ווירדע, וואָס וועלן קעמפן פאַר אונדזער רעכט.

דער זאַל האָט געקראַכט מיט אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען:

— הוראַ פאַר סלים ווילי!

קריסטאָפער שטילט איין דעם גערויש.

— מיינע פריינט, איר ווייסט שוין, — זאָגט קריסטאָפער, — אַז דער מענעדזשער פון דער פירמע „גאַרדאָן און לעווין" האָט געענטפערט די רע־קעטירס אויף זייער אָנבאָט, אַז ער וויל ניט שניידן די ווידזשעס פון די ארבעטער, און ער נייטיקט זיך ניט אין זייער פּראָטעקציע. איר ווייסט מסתּם, אַז דער מענעדזשער פון דער פירמע, לעסטער גאַרדאָן, איז אַ מיט־גליד פון אונדזער יוניאָן. איך האָב דעם פאַרגעניגן צו בעטן ברודער גאַר־דאָן צו אַדרעסירן די פאַרזאַמלונג.

— די ארבעטער ווייסן, אַז לעסטער איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע פאַר זיין קאַמף קעגן דער מלחמה. ביי אַ סך פון די פאַרזאַמלטע האָט לעס־טערס טעטיקייט קעגן דער מלחמה ארויסגערופן פאַרדראָס און פאַרדאַמונג. בלויז אַ קליינע צאָל, מער פּראָגרעסיווע ארבעטער, האָבן אָפן און געוואָגט אים געלויבט אַלס אַן אמתן אידעאַליסט. לעסטערס מוטיקע שטעלונג און טשאַלענדזש צו די רעקעטירס האָט ארויסגערופן רעספּעקט ביי אַלע ארבע־

טער, אפילו ביי די וואָס האָבן אים פאַרדאַמט אין דער צייט פון דער מל־מה.

איצט זעען די פאַרזאַמלטע ארבעטער לעסטער גאָרדאָן צום ערשטן מאָל. זיין אויסזען, זיין גוטמוטיקער פּנים, זיין הויכע קרעפטיקע פיגור און זיין קלאָרע, קרעפטיקע שטים מאַכן אַ טיפן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע. שטיל און אויפמערקזאַם הערן זיי זיך איין צו לעסטערס רייד:

— ברודער פאָרזיצער און ברידער אַרבעטער, — טראָגט זיך לעסטערס קלאָרע שטים איבערן זאַל, — קריסטאָפאָר און ווילי האָבן אייך דערציילט כמעט אַלץ וועגן דער טראַגישער פּאַסירונג אין טשאַרלים יוניאָן־אָפיס. איר מוזט פאַרשטיין, אַז אַזעלכע און אפילו נאָך ערגערע טראַגעדיעס זע־נען די אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן פון דער שענדלעכער קאָמבינאַציע פון פּרינציפּנלאָזע, געוויסנלאָזע און קאָרופּטע יוניאָן־פירער מיט רעקע־טירס און גענגסטערס און מיט באָסעס, מיטן צוועק זיך איינצוטיילן מיט די גנבות און רויב, וואָס זיי קריגן אַרויס פון דער ערלעכער און שווערער פּראַצע פון די אַרבעטער. אַרבעטער־רעכט, אַרבעטער ווירדע ווערט פון די פאַרשוועכער געטראָטן מיט די פיס. אַרבעטער־בלוט, אַרבעטער לעבנס זענען ביי דער פאַראייניקטער רויב־און־מאָרד באַנדע הפקר. וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי זיי ניקס לעבן? גאָרניט! וואָס אַרן זיי די ווייטיקן און ליידן פון ניקס אַלמנה און ניקס יתומים? זייערע גנבות און רויב זענען ביי זיי וויכטיקער ווי די לעבנס פון צען, פון הונדערט ניקס.

— עס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט צו גלויבן, אַז טשאַרלי און די אַנדערע יוניאָן־אַגענטן האָבן געאַרבעט מיט די רעקעטירס און מיט די באָסעס אָן דער גוטהייסונג פון דעם הויפּט יוניאָן־באָס, פּעט אַ׳ברייען.

לעסטער האָט געוואַרט ביז עס האָבן זיך איינגעשטילט די אַפּלאָדיס־מענטן און ער האָט פאָרגעזעצט:

— און ווער זענען די אָנפירער פון די רעקעטירס וואָס האָבן מיט פּעט אַ׳ברייען אָרגאַניזירט דעם פאַרברעכערישן רעקעט? פּעט וועט זיכער ניט אויסזאָגן ווער זיינע שותפים זענען. פּעט וועט שווערן, אַז ער איז אומ־שולדיק. אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז עס וועט ניט בלייבן קיין סוד. פּעטס שותפים אין דער פאַרשווערונג צו טעראָריזירן, פאַרראַטן און באַ־רויבן די אַרבעטער וועלן אויפגעדעקט ווערן. זיי געפינען זיך אין דעם געגנט. איך פאַרזיכער אייך, אַז זייערע נעמען וועלן אויפגעדעקט ווערן ווען די צייט וועט קומען. די האַנט פון אַרבעטער־גערעכטיקייט וועט זיי גרייכן.

לעסטער האָט דערפילט די וואַרעמע פאַרבינדונג צווישן אים מיט די

אַרבעטער. זיין אייגענע באַגייסטערונג איז געשטיגן. זיין שטים האָט זיך געטראָגן איבערן זאַל קרעפּטיק־קלאָר און דרייסט.

— איז אָט־וואָס, מיינע פריינט, דאָ אין זאַל געפינען זיך, לויט מיין אָפּשאַצונג, די מיליטאַנטסטע, די סאַמע אַקטיווסטע און באַוואוסטזיניקע יוניאָן־מיטגלידער. אייערע געוויסנס האָבן אייך געבראַכט אַהער. אייער דריקנדיקער פּראָטעסט קעגן אומרעכט, קעגן פאַרברעכנס, קעגן די גענג־סטערס און יוניאָן־רעקעטירס האָט אייך פאַראייניקט. עס איז ביי מיר ג׳יטאָ דער קלענסטער צווייפל, אַז איר פאַרמאָגט דעם כּוח און די פּייאַ־קייטן צו באַוועגן די גאַנצע יוניאָן־מיטגלידערשאַפט אין אַן אַנטשלאָסע־נעם קאַמף צו פאַריאָגן פון דער יוניאָן די פּעט אַ׳ברייענס און די טשאַרליס און זייער באַנדע שלעגערס פון דער אַזוי־גערופענער „אָרגאַניזאַציע־קאָ־מיטע”. לייגט ניט אָפּ! הייבט אָן! שוין! היינט! דערוויילט אַ קאָ־מיטעט פון הונדערט יוניאָן־מיטגלידער און הייבט באַלד אָן צו דערלאַנ־גען אייערע ווירקזאַמסטע קלעפּ אין דעם שוואַכסטן פּונקט פון די פאַרשווערער. הייבט אויף אַ מאַסן־באַוועגונג צו פאָדערן פון די באָסעס זיי זאָלן צוריקציִען דעם שניט אויף די אַרבעטער־ווייִדזשעס. פאָדערט יוניאָן־ווייִדזשעס! איצט איז דער גינסטיקער מאָמענט. פאַרנאַכלעסיקט ניט!

— די באַרויבטע און דערצאָרנטע אַרבעטער וואַרטן אויף ערלעכער און מוטיקער פירערשאַפט; זיי וואַרטן אויף אייער הילף, אויף אייער פי־רערשאַפט, אויף אייער רוף צום קאַמף. אַנטוישט זיי ניט. און דער עיקר — לייגט ניט אָפּ. ניקס יונג־פאַרשניטן לעבן און דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די אומשולדיקע אַרבעטער שרייט צו אונדז: מאַכט אַ סוף! מאַכט אַ סוף צו דער פּאַראַזיטן־סיסטעם פון ליגן, פאַרראַט, רויב, געוואַלדטאַט און מאָרד! מאַכט אַ סוף!

ווען דער רויש פון די לאַנג־דויערנדיקע און הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך איינגעשטילט, האָט קריסטאָפער געמאַכט אַ קורצע באַמערקונג, ניט פאַרבאָרגנדיק דערביי זיין געפיל פון שטאָלץ:

— ווען איך האָב פאַרגעשטעלט פאַר אייך לעסטער גאַרדאָן, האָבן פיל פון אייך מסתּם געטראַכט, אַז איך איבערטרייב אפשר די הויך־מענטש־לעכע מעלות מיט וועלכע ברודער לעסטער איז געבענטשט. נו, אייערע אַפּלאָדיסמענטן רעדן העכער פון מיינע רייד. איך בין צופרידן וואָס איר האָט זיך באַקענט מיט לעסטער גאַרדאָן, און איר ווייסט שוין, אַז מיר פאַרמאָגן אַ פּרינציפּיעלן און איבערגעגעבענעם פריינט אין אונדזערע רייען..

און ווידער האָט דער זאַל זיך געוויגט פון הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

די פאַרזאַמלטע האָבן איינשטימיק באַשלאָסן אָנצונעמען לעסטערס רעקאָמענדאַציע צו דערוויילן א קאָמיטעט פון הונדערט וואָס זאָל מאָביליזירן די ארבעטער צו פאָדערן פון די באָסעס זיי זאָלן צאָלן די ארבעטער ווייִדזשעס לויט דעם יוניאָן־קאָנטראַקט און מאַכן א סוף צו דער עפּידעמיע פון שניידן ארבעטער־ווייִדזשעס און אויסצורייניקן די יוניאָן פון די פאַררעטערישע יוניאָן־פירער.

קריסטאָפּאָרס אַפּיל, אַז פּרייוווילּיקע זאָלן זיך אָנשליסן אין דעם קאָמיטעט, איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן פון די ארבעטער.

סלים ווילי האָט געלייענט אין דער הויך די נעמען פון די ארבעטער וואָס האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דעם קאָמיטעט. לעסטער האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אין דעם קאָמיטעט.

פון אַלע ווינקלען פון דעם זאַל האָבן זיך צעטראָגן אויסרופן:

— לעסטער גאָרדאָן! פאַרוואָס שליסט זיך ברודער גאָרדאָן ניט אָן אין דעם קאָמיטעט?

— זאָל ברודער גאָרדאָן דערקלערן פאַרוואָס ער שליסט זיך ניט אָן אין דעם קאָמיטעט?

לעסטער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט מיט פאַרגעניגן אָפּגעגעבן זיין צייט און ענערגיע צו דערפילן זיינע פליכטן אין דעם קאָמיטעט, נאָר עס איז ניט קיין סוד, אַז ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע פאַר זיין אַקטיווער קעגנערשאַפט קעגן דער מלחמה, און די שונאים פון די ארבעטער וועלן זיכער דאָס נוצן אין זייערע אַטאַקעס קעגן די טעטיקייטן פון דעם קאָמיטעט. דערפאַר האָט ער ניט אָנגעגעבן זיין נאָמען אַלס איינער פון דעם קאָמיטעט.

— טו העל וויט דהעם! מיר האָבן זיי אין דער ערד! זאָלן זיי וואָיען ווי די הינט, — האָבן ארבעטער אויסגערופן פון אַלע זייטן פון זאַל.

— ברודער גאָרדאָן, איך וועל דיר אָפּגעבן מיינע מלחמה־מעדאַלן, — האָט אַ יונגער בחור אויסגעשריען, — דו האָסט זיי פאַרדינט מער ווי איך!

— איך וועל דיר אָפּגעבן מיינע מעדאַלן אויך, — האָט א צווייטער געשריען.

— נעם אָן, לעסטער! נעם אָן! — האָבן הונדערטער ארבעטער געפאָדערט.

דער מיטינג האָט זיך פאַרענדיקט. דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט, אין וועלכן לעסטער איז שוין געווען אָנגעשלאָסן, איז פאַרבליבן אויסצואַרבעטן די נייטיקע פּלענער פאַר אַקציע און איינטיילן דעם קאָמיטעט אין צען סובקאָמיסיעס, וואָס לעסטער האָט פאָרגעשלאָגן.

לעסטער שפּאַצירט אַהיים

שפּעט ביינאַכט. לעסטער שפּאַצירט אַהיים פון דעם מיטינג. לעבן דעם ט. פּאַין זאָל שטייען ,טעקסים, גרייט אויפצונעמען פּאַסאַזשירן, כאָטש ער ווייסט, אַז צו זיין היים איז א היפּשער מהלך. ער וויל זיין אליין מיט זיינע געדאַנקען און געפילן וואָס איבערוועלטיקן אים. ביים מיטינג האָט ער געמוזט אָנשטרענגען אַלע זיינע פעיאיקייטן, איינצוימען און קאָנטראָלירן זיין אינערלעכע ברויזנדיקע אויפרעגונג. אפילו איצט, ווען דער מיטינג איז שוין פאַראיבער, קאָן ער זיך אַלץ ניט באַרואיקן. עפּעס א נייער געפיל פון טיפער פרייד קוועלט אין אים און זינגט און טאַנצט אין אַלע זיינע גלי־דער. עפּעס א מאָדנע גרינגקייט באַוועגט זיין קערפּער. ער גייט ניט, — ער שוועבט. שוין עטלעכע מאָל ווי ער האָט זיך געכאַפּט שמייכלען, מיט א טיף הנאהדיקן שמייכל. ער שפּאַצירט אויפן וועג אהיים, און זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן זעען פאַר זיך נאָך אַלץ דעם מיטינג. ער זעט הונ־דערטער פנימער איינגעגליווערט אין ערנסטער אויפמערקזאַמקייט. ער הערט די שווערע אָנגעשטרענגטע שטילקייט וואָס הערשט אין זאַל. און מיטאַמאָל — אויפגעלעבטע, צעשטראַלטע און שיינענדיקע פּנימער . . . ער הערט דעם הילכיקן געוויש פון אַפּלאָדיסמענטן, און ער הערט די אויס־רופן פון די פאַרזאַמלטע. באַזונדערס איין אויסגעשריי לאָזט אים ניט רוען . . . ווער איז דער יונגער בחור, וואָס האָט אריינגעהילכט אין זאַל אריין: „איך וועל דיר אָפּגעבן מיינע מעדאַלן, דו האָסט זיי פאַרדינט מער ווי איך”.

לעסטער הערט דעם דונער פון אַפּלאָדיסמענטן פון די פאַרזאַמלטע, וואָס האָבן באַגריסט די ווערטער פון דעם צוריקגעקומענעם סאָלדאַט מיט די מעדאַלן און ער טראַכט: „א שלל מיט געדאַנקען און געפילן זענען פאַר־קערפּערט אין דעם בחורס אויסגעשריי: ׳איך גיב דיר מיינע מעדאַלן׳... עס איז, אַן צווייפל, א פּראָטעסט־געשריי קעגן מלחמה, ביטערע דער־פאַרונגען, אַנטוישונגען און — יאָ, דערוואַכונג . . . א מוטיקער בחור!

„און סלים ווילי, —א פייערדיקער רעדנער. לעסטער באַוואונדערט סלים ווילים אָפּנהאַרציקע רייד ביים מיטינג, ווען ער, סלים, האָט געזאָגט: ׳כ׳בין געווען אַ פּחדן, אָבער ניט מער. כ׳האָב איצט מער ניט קיין מורא פאַר קיינעם׳.

„געוויס, ווילי, דיין מורא איז איצט פאַרשוואונדן, — מורמלט לעסטער, — דער כוח פון די ארבעטער־מאַסן איז אָנשטעקנדיק, רייסט־מיט, דער־

הייבט, דערמוטיקט און קרעפטיקט: שוואַכע ווערן גיבורים. פּחדנים ווערן העלדן.

„און קריסטאָפאָר, — ער איז אַ געבוירענער פירער, — באַשליסט לעס־טער, — אַ רואיקער, שכלדיקער מענטש, און די ארבעטער האָבן אים ליב".

די נאַכט איז ליכטיק און קאַלט. דער האַרבסט האָט געבראַכט רעגנס. צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד האָט יעדן טאָג גערעגנט. דערנאָך זענען געקומען קאַלטע, ווינטיקע טעג. אָבער דער אינדיאַנער־זומער האָט זיך אריינגע־שלייכט מיט ווייכע טריט. ליכטיקע, וואַרעמע, זוניקע טעג, און קילע, ליכטיקע נעכט. די היינטיקע נאַכט איז קעלטער, ווי די פריערדיקע נעכט. זייער הויך איבער דער ערד, אין בלויען הימל, פינקלען מיליאָנען שטערנדלעך. לויזע, כמעט־דורכזיכטיקע שטיקלעך ווייסע כמאַרעס ציען זיך פויל, ווי צעבלאָזענער רויך איבערן הימל און פאַרשווינדן פאַרמאַטער־טע און אויסגעשעפּטע פון אָנשטרענגונג צו דערגרייכן די שטערן און די האַלבע לבנה.

אין די גאַסן איז שטיל. די גאַסן רוען זיך אָפּ פון דעם בייטאָגעדיקן טומל, געפּילדער און בראַזגעריי פון די טויזנטער מענטשן, אויטאָמאָבילן, לאַסט־וואָגנס, געשרייען, פייפערייען און פּאָנאָגראַף־זינגערייען. די גאַסן כאַפּן אָפּ דעם אָטעם און קוויקן זיך שטיל מיט דער קילער, ריינער לופט, וואָס שטופּט ביסלעכווייז אַרויס דעם בייטאָגעדיקן רויך פון די קוימענס און דעם געזאָלין־טשאַד פון די אויטאָמאָבילן. בלויז דאָ און דאָרט זעט מען אַ פאַרבייגייער, אַ טונקל־גרויען פלעק, וואָס שוועבט פאַרביי ווי אַ שאָטן און פאַרשווינדט ערגעץ אין דער סודותדיקער, שטילער ביינאַכטיקער באַ־העלטעניש..

לעסטער פאַרגיכערט זיינע טריט. ער איילט זיך אַהיים. רבקה וועט איבערטראַכטן. און מאָרגן דאַרף ער אויפשטיין פרי צו דערפילן וויכטיקע אויפגאַבן. מאָרגן עפנט זיך פאַר אים אַ נייע וועלט . . .

ווי לאַנג איז עס, טראַכט ער, אַז ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין פינצ־טערע נעכט, אויף אומעטיקע גאַסן, אייגזאַם, הונגעריק, שלעפעריק, און האַלב־פאַרפרוירן . . . לעסטער האָט פלוצים דערפילט די ביינאַכטיקע קעלט . . . ער דערמאָנט זיך איצט אין יענע ביטערע טעג, ווען ער האָט נאָך געהייסן לעיזקע, ניט לעסטער, און עס שווימען אויף אין זיין זכרון איין טרויעריק בילד נאָכן צווייטן. ער זעט זיין ערשטן, ענגן, פינצטערן צימער אין שמוציקן טענעמענט־הויז, זיין באַנק־בעט אין פּאַרק. ער זעט זיך שטיין אין דער ריי פון די הונגעריקע, פאַרמאַטערטע און האָפענונגס־לאָזע צו קריגן אַ טעפּעלע קאַווע.

און ער זעט פאַר זיך אָרטשאַרד סטריט, דעם פּעדלער מיט דעם צעבראָ־כענעם פּושקאַרט. ער דערמאָנט זיך זיין ערשטע באַשעפטיקונג אין אַמע־ריקע, סקול אין די אָוונטן, און ענדלעך, ענדלעך אוים הונגער, דריי מאָל־צייטן יעדן טאָג, א ליכטיקער און באַקוועמער צימער, מיט א ריין בעט, און דערנאָך . . .

— וואו בין איך? — גיט זיך לעסטער אַ כאַפּ. — עפּעס פרעמדע, אומ־באַקאַנטע גאַסן. לעסטער שמייכלט: — פאַרבלאָנדזשעט. עס האָט פּלוצים זיך פאַרגלוסט זיין זכרון אויפצומישן בלעטלעך פון זיין אומעטיקער פאַר־גאַנגענהייט, און אים אַראָפּגעפירט פון וועג. געוויס וויל ער ניט פאַרגעסן יענע פינצטערע טעג, אָבער ניט איצט, ניט איצט איז די צייט אָפּצו־פרישן אין זיין זכרון די געשיכטע פון זיין פאַרגאַנגענהייט, באַשליסט לעס־טער. איצט האָט ער וויכטיקערע פּראָבלעמען, ווי צו טראַכטן וועגן זיינע אַמאָליקע הונגעריקע טעג . . . מאָרגן! מאָרגן וועט זיך אָנהייבן א נייער ליכטיקער טאָג אין זיין לעבן . . . דער מיטינג היינט ביינאַכט — איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין זיין לעבן . . . „לאָמיר דערוויילן לעסטערן פאַר פּרעזידענט פון אונדזער יוניאָן!" — האָט איינער ביים מיטינג אויסגעשריען, און א גרויסע צאָל פון די פאַרזאַמלטע האָבן הילכיק אַפּלאָ־דירט . . . ווארום ניט? . . .

אפשר? . . . ער נייטיקט זיך ניט אין דעם פּראָפיט פון דער פירמע „גאָרדאָן און לעווין". אַ פירער פון ארבעטער! — דאָס איז די העכסטע דערגרייכונג! אויפקלערן, פאַראייניקן און פירן טויזנטער ארבעטער אין קאַמף קעגן דער באַנדע פאַררעטער . . . אויסקעמפן פאר די ארבעטער בע־סערע ארבעטס- און לעבנס-באַדינגונגען. דערהייבן די זעלבסט-ווירדע פון די ארבעטער . . . מיט די ארבעטער און צווישן די ארבעטער . . . דאָס איז זיין וועלט. די ניקס, די סלים ווילים און די קריסטאָפאָרס, — אזעלכע וואונדערלעכע מענטשן קאָן מען געפינען בלויז אין די רייען פון ארבעטער. מאָרגן, לויפט דורך א לייכטער ציטער איבער לעסטערס קערפּער.

דער ערשטער טאָג טעטיקייטן פון די רענק און פאַיל־קאָמיטעטן

צען קאָמיטעטן פון דעם עקשאַן־קאָמיטעט האָבן אָנגעהויבן זייער אַר־בעט. יעדער קאָמיטעט אונטער דער פירערשאַפט פון זיין דערוויילטן קעפּטן האָט זיך פאַרזאַמלט אין דעם פאָראויס־באַשטימטן פּלאַץ פונקט זעקס אַזייגער פאַרטאָג. יעדער קאָמיטעט האָט געהאַט זיין באַשטימטן געגנט דורכצופירן זיינע אויפגאַבן.

אומעטום זענען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט וואַרעמע און פריינט־לעכע באַמערקונגען: „מיר וואַרטן אויף אייך". „אין אַ מזלדיקער שעה!"

קורץ, שאַרף, כמעט ווי אַ באַפעל, קלינגען דעם קעפּטנס ווערטער:

— קיין ארבעט ביז דער באָס וועט נאָכגעבן אונדזערע פאָדערונגען!

באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן איז אומעטום דער ענטפער פון די אַר־בעטער.

די פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים העפלעך, אָבער פעסט און אַנט־שלאָסן: „פון היינט אָן יוניאָן־ווייִדזשעס, ווי עס איז פאַרשריבן אין יוניאָן־קאָנטראַקט, אויב ניט וועלן די ארבעטער סטרייקן, און די ארבעטער וועלן קריגן באַצאָלט פאַר יעדער שעה וואָס זיי וועלן זיין געצוואונגען צו סטרייקן. אַ חוץ דעם וועט מען אויך דורכן געריכט פאָדערן, אַז די באַ־לעבאַטים זאָלן באַצאָלן די ארבעטער יעדן דאָלער וואָס איז ביז איצט גע־שניטן געוואָרן פון זייערע שכירות. אין געריכט וועט אויך אויפגעדעקט ווערן די פאַרשווערונג צווישן די באַלעבאַטים מיט די רעקעטירס צו באַ־רויבן די ארבעטער".

באַריכטן ביי די רענק און פאַיל קאָמיטע מיטינגען

רעזולטאַטן פון דעם ערשטן טאָג טעטיקייט פון די קאָמיטעטן:

באַזוכט ניין און פופציק ארבעטס־פּלעצער.

דריי און פופציק געסעטלט. די באָסעס האָבן איינגעשטימט צו צאָלן יוניאָן־ווייִדזשעס. די ארבעטער וועלן קריגן אַ העכערונג פון צען און פופצן דאָלער אַ וואָך.

זעקס באָסעס האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן זיך באַראַטן מיט זייערע לאָיערס. די ארבעטער סטרייקן און פּיקעטן די ארבעטס־פּלעצער.

עס ווערט באַשלאָסן: צו אָרגאַניזירן צוואַנציק סוב־קאָמיטעס צו פינף אין אַ קאָמיטע, כדי צו דערגרייכן מער ארבעטער.

מאָביליזירן די ארבעטסלאָזע צו העלפן פּיקעטן די ארבעטס־פּלעצער, וואו די ארבעטער סטרייקן.

די קאָמיטעטן זאָלן פאָדערן ארבעט פאַר די ארבעטלאָזע.

באַריכטן פון צווייטן טאָג אַקטיוויטעטן פון דער עקשאָן־קאָמיטע

ניינציק באַלעבאַטים האָבן איינגעשטימט צו צאָלן די ארבעטער יוניאָן־ווייִדזשעס. די באַלעבאַטים וואָס האָבן געצוואונגען די ארבעטער צו סטרייקן, האָבן נאָכגעגעבן די פאָדערונגען און באַצאָלט די סטרייקערס פאַר דעם טאָג וואָס זיי האָבן געסטרייקט.

צוואַנציק ארבעטלאָזע האָבן געקראָגן ארבעט אַדאַנק די באַמיאונגען פון די קאָמיסיעס.

קאָמיטעטן באַריכטן אויך, אַז כמעט אַלע באַלעבאַטים טעלעפאָנירן צו דער יוניאָן זיך צו באַראַטן מיט די יוניאָן־פירער, אָבער אַלעמאָל קומט פון יוניאָן־אָפּיס דער זעלבער ענטפער, אַז „פּעט אָ׳ברייען און אַלע ביזנעס־אַגענטן זענען ביי א וויכטיקער קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן און מ׳ווייסט ניט ווען זיי וועלן צוריקקומען”.

עטלעכע קאָמיטעטן באַריכטן, אַז עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די ארבעטער, אַז די עקשאָן־קאָמיטע וועט אינגיכן אָרגאַניזירן אַ נייע יוניאָן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ מאַסנפאַרזאַמלונג צו באַריכטן צו די ארבעטער וועגן דעם דערפאָלג פון דעם עקשאָן־קאָמיטעט, און אַז די סוב־קאָמיסיעס זאָלן פאָרזעצן זייער טעטיקייט, צו דערגרייכן יעדן באַ־לעבאָס אין פאַך, און צו פאַרזיכערן יעדן ארבעטער מיט יוניאָן־ווייִדזשעס, ווי עס לויטעט דער יוניאָן־קאָנטראַקט.

דער מאַסנמיטינג

פֿאַיז האָל איז קיינמאָל פֿריער ניט געווען אַזוי אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, און האָט קיינמאָל פֿריער ניט געשטורעמט מיט אַזאַ מענטשלעכער באַגייסטערונג. יעדעס בענקל איז געווען פֿאַרנומען. יעדער ווינקל איז אָנגעפּאַקט מיט שטייענדיקע אַרבעטער. אין זאַל איז טומלדיק. אַרבעטער באַגריסן איינער דעם צווייטן הויך אויפֿן קול. מען שמועסט און מען וויצלט זיך. געלעכטער צעקלינגט זיך איבער דעם זאַל.

אויף דער גרויסער פּלאַטפֿאָרם — אַ פֿיר־עקעכדיקער טיש, און איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פֿון דער פּלאַטפֿאָרם — רייען בענקלעך, איין בענקל האַרט לעבן צווייטן.

קריסטאָפֿער, מיט אַ העמערל אין דער האַנט, שפּאַנט ענערגיש אַרויף אויף די טרעפּ, וואָס פֿירן צו דער פּלאַטפֿאָרם. ווען ער דערגרייכט דעם טיש, וואָס שטייט אין מיטן דער פּלאַטפֿאָרם, באַגעגנט אים אַ דונער פֿון אַפּלאָדיסמענטן.

לאָמפּן בליצן פֿלוצים אויף ווי פֿון זיך אַליין. דער זאַל ווערט אָנגעגאָסן מיט ליכטיקייט.

דער עכאָ פֿון קריסטאָפֿאָרס האַמער־קלאַפּ אויפֿן טיש דערגרייכט קוים אַ האַלבן זאַל און ווערט פֿאַרשלונגען פֿון דעם גערודער. אַ צווייטער עכאָ פֿון קריסטאָפֿאָרס האַמער־קלאַפּ ברומט דרייסט און קרעפֿטיק אַריין אין זאַל און צעררייסט דעם גערודער אויף אָפּגעהאַקטע פּיצלעך און ברעקלעך שושקעריי.

אַ דריטער עכאָ פֿון קריסטאָפֿאָרס האַמער־קלאַפּ צעכוואַליעט זיך איבער דעם זאַל און ווערט איינגעזאַפּט אין דער מעכטיקער שטילקייט וואָס האָט פֿלוצים איינגעהילט די טויזנטער פֿאַרזאַמלטע.

קריסטאָפֿאָרס טיפֿע ברוסט שטים רייסט זיך אַריין אין דער שטילקייט :

— אין נאָמען פֿון דער רענק און פֿאַיל עקשאָן־קאָמיטע האָב איך דעם כבוד צו דערקלערן דעם מיטינג דערעפֿנט.

דער זאַל שטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן.

קריסטאָפֿאָרס האַמער־קלאַפּ אין טיש שטילט איין דעם עולם.

— און איצט, — הילכט קריסטאָפֿאָרס שטים קלאָר און שטאָלץ, — האָב איך דעם פֿאַרגעניגן צו בעטן די מיטגלידער פֿון דער עקשאָן־קאָמיטע צו פֿאַרנעמען פּלעצער אויף דער פּלאַטפֿאָרם.

דער זאַל וויגט זיך פֿון אַפּלאָדיסמענטן און הילכיקן פּייפֿעריי.

איינער נאָכן צווייטן קומען אַרויף די מיטגלידער פֿון דער עקשאָן־קאָמי־

טע אויף דער פּלאַטפאָרם און פאַרנעמען זייערע פּלעצער.

די אַפּלאַדיסמענטן הערן ניט אויף ביז די פּראָצעסיע פון דער רענק און פאַיל קאָמיטע איז געענדיקט און ביז דאָס לעצטע בענקל אויף דער פּלאַט־פאָרם ווערט פאַרנומען.

קריסטאָפאָרם שטים הילכט ווידער. ער רופט דעם סעקרעטאַר פון דער קאָמיטע, סלים ווילי, צו באַריכטן וועגן דער טעטיקייט און דערגרייכונגען פון דעם קאָמיטעט.

ווילי לייענט דעם באַריכט ווי אַ פּאָעמע. ער באַטאָנט יעדעס וואָרט, יעדן זאַץ און יעדן ציפער. דער זאַל איז אָנגעפילט מיט שטילער אויפ־מערקזאַמקייט פון די איבער צוויי טויזנט פאַרזאַמלטע. קיינער באַוועגט זיך ניט. קיינער רירט ניט מיט קיין אבר. אויגן זענען אָנגעשטעלט אויף ווילין, און די אויערן זענען אָנגעשטרענגט ניט צו פאַרפעלן אַ וואָרט.

— און איצט, צולעצט, — קלינגט ווילים שטים פריש און שטאָלץ, — דריקט דער קאָמיטעט אויס איר טיפע דאַנקבאַרקייט צו אייך, ברידער־אַרבעטער, פאַר אייער אומשעצבאַרער קאָאָפּעראַציע וואָס האָט מעגלעך געמאַכט אונדזער גרויסן זיג. און באַזונדערס דריקט דער קאָמיטעט אויס איר אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צו לעסטער גאָרדאָן פאַר זיין אומ־דערמידלעכער אַרבעט און פייאיקער פירערשאַפט.

קריסטאָפאָר מאַכט אפילו ניט קיין פּרווו איינצושטילן דעם אויפברויז פון דעם באַגייסטערטן עולם, וואָס ווערט ניט מיד צו שרייען:

— הוראַ פאַר קריסטאָפאָר! טרי טשירס פאַר לעסטער גאָרדאָן! הוראַ פאַר ווילין! הוראַ פאַר דער עקשאָן־קאָמיטע! — און אַפּלאַדיסמענטן הילכן, דונערן און גליען אַז די לופט אין זאַל.

נאָך איידער די לעצטע אָפּגעשוואַכטע און פאַרהילכטע אַפּלאַדיסמענטן זענען שטיל געוואָרן, איז שוין קוירלי געשטאַנען אויפן דיל, זיין לאַנגער מעכטיקער אָרעם אויסגעצויגן צו דער פּלאַטפאָרם און געברומט אויף זיין טיפער באַריטאָן־שטים:

קוירלי איז באַליבט ביי די אַרבעטער. זיי ווייסן, אַז דער הויכער, ברייט־פּלייציקער שיינער קוירלי, וואָס ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז שוין לאַנג אַריבער די פופציק, איז ער נאָך אַלץ געזונט, שטאַרק און זיין גרויסער קיילעכדיקער קאָפּ איז נאָך אַלץ באַדעקט מיט געדיכטע, שוואַרצע געקרייזלטע האָר — איז געווען איינער פון די פינף וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער צייט און אָפּט זייער געלט צו אָרגאַניזירן די יוניאָן.

— טשערמאַן, קרים, איך וויל אַ וואָרט!

קריסטאָפער האָט דערקענט דעם ריז. ער האָט דערקענט די שטים פון זיין אַלטן פריינט.

— קום אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם, קוירלי, — האָט קריסטאָפער אים כמעט ווי געבעטן, — שוין אַ לאַנגע צייט אַז איך האָב דיך ניט געהערט ריידן ביי אַ מיטינג.

ווען קוירלי איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם איז ער באַגריסט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן פון די פאַרזאַמלטע. זיין קרעפטיקע שטים שטילט איין די אַפּלאָדיסמענטן:

— קריס, דו און אַלע אונדזערע פריינט געדענקען געוויס, אַז אין יענע טעג ווען מיר האָבן אָרגאַניזירט די יוניאָן, האָב איך ביי יעדער געלעגנ־הייט געזאָגט, אַז דאָס זענען די גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן. אָבער אונדזערע גליקלעכע טעג האָבן זיך גיך געענדיקט, — האָט קוירלי אויסגע־רופן מיט פאַרשטיקטן פאַרדראָס.

— זיי, די פּרינציפּלאָזע, געוויסנלאָזע און ברוטאַלע יוניאָן־באָסעס, האָבן פאַראומרייניקט אונדזער טעמפּל, האָבן פאַרקויפט אונדזערע עקאָ־נאָמישע געווינסן, וואָס מיר האָבן אויסגעקעמפט אויף די פּיקעטינג־ליינס. זיי נוצן אונדזער יוניאָן פאַר זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן, און האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט די באָסעס און מיט אונטערוועלט־באַנדיטן, צו טע־ראָריזירן און באַרויבן די אַרבעטער. איך האָב אָפט געטראַכט, אַז בלויז עפּעס אַ נס פון הימל קאָן אונדז אַרויסראַטעווען פון דער פּעט אָ'ברייען־גענג. האָב איך ענדלעך דערלעבט דעם נס. איך בין ממש איבערראַשט פון דעם גרויסן דערפאָלג פון דער עקשאָן־קאָמיטע. אין געציילטע טעג האָבן די אַרבעטער פאַרצייכנט אַ ריזיקן זיג אונטער אייער פירערשאַפט.

— נו, איצט וואָס ווייטער? ווער וועט באַשיצן און פאַרטיידיקן די אַרבעטער און זייערע עקאָנאָמישע געווינסן? פּעטס יוניאָן איז אַ באַנקראָ־טירט אונטערוועלט־געשעפט. זיי ליגן ערגעץ באַהאַלטן, אויסצומיידן אַן אַרעסט צוליב ניקס מאָרד. אַרבעטער קומען מער ניט אַהין, זאָג איך אייך, — האָבן קוירלים קרעפטיקע ווערטער געהילכט כמעט באַפעלעריש, — אַז איר מוזט איצט אויפבויען אַ נייע, ריינע, אמת־ערלעכע יוניאָן. איצט איז אונדזער גרויסע געלעגנהייט דאָס צו טאָן. אָט־דאָ, אין דעם זאַל. נאָך היינט אָוונט זאָל די אַרבעטער־יוניאָן געבוירן ווערן!

ווי אַ באָמבע וואָלט געקראַכט אין מיטן זאַל. דער אויפריים האָט אַ טרייסל געטאָן די געביידע. פייערפונקען זענען אַריינגעשאָסן געוואָרן אין אַלע ווינקלען פון זאַל און צעצונדן אַ פייער. אין שטורעם פון הילכי־קע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך געטראָגן געשרייען:

— מיר ווילן אַ יוניאָן! מיר פאָדערן אַ יוניאָן!

פיל פון די פאַרזאַמלטע זענען אַרויסגעשפּרונגען אויף די בענקלעך און געשריען:

—מיר ווילן אַן אמתע יוניאָן! אַ יוניאָן! אַ יוניאָן!

אויף דער פּלאַטפאָרם האָבן קריסטאָפער, לעסטער און ווילי און עטלעכע פון דער עקשאָן־קאָמיטע אָפּגעהאַלטן אַ קורצע באַראַטונג.

ווען עס איז ענדלעך געלונגען קריסטאָפערן איינצושטילן דעם צע־היצטן עולם, האָט ער געלאָזט וויסן, אַז לעסטער גאָרדאָן וועט מאַכן אַ וויכטיקע דערקלערונג וועגן דער פראַגע פון אָרגאַניזירן אַ נייע יוניאָן.

אין זאַל איז שטיל געוואָרן. לעסטער ווייסט, אַז קוירלים רעדע האָט אַריינגעדרונגען טיף אין די הערצער און אין די מוחות פון די פאַר־זאַמלטע. ער פילט בחוש, אַז אין דער אָנגעגליטער לופט הענגט אַ נערוועזע אָנשטרענגונג, וואָס קאָן אויפרייסן ווי אַ וואולקאַן און זיך צעגיסן ווי אַ פייערדיקע לאַווע וואָס קאָן אַלעמען אָנטאָן שאָדן. ער פילט, אַז עס איז איצט נייטיק אָפּצוקילן די לופט, איינשטילן די צעהיצטע געמיטער און פאַרמיידן אַן אויפרייס.

לעסטער צוימט זיין אינערלעכע אויפרעגונג. זיין שטים איז רואיק, שטיל אָבער אויך קלאָר און זיכער.

— בלויז איר אַליין האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט פאַסן באַשלוסן וועגן פּראָבלעמען וואָס זענען נוגע דעם וואוילזיין פון אייערע פאַמיליעס. איך מעגט זיין זיכער, אַז אייער באַשלוס וועט פּינקטלעך דורכגעפירט ווערן פון דער עקשאָן־קאָמיטע.

די פאַרזאַמלטע נעמען אויף זיינע רייד מיט צופרידנקייט און ענטו־זיאַזם. די אָנשטרענגונג און נערוועזיטעט ווערן צערונען. די שטימונג אין זאַל ווערט אויסגעגלייטערט.

— און איצט, — רעדט לעסטער ווייטער, — וויל איך אייך איבער־געבן אונדזער מיינונג, די מיינונג פון די קעפּטנס פון דער עקשאָן־קאָמיטע: מיר זענען כמעט ווי זיכער, אַז טשאַרלי און די דריי אַרעסטירטע גענג־סטערס וועלן געפונען ווערן שולדיק אין דעם מאָרד פון אונדזער ברודער ניק. ביים פּראָצעס וועלן אויפגעדעקט ווערן די שטינענדיקע פאַקטן וועגן דער קאָרופּציע פון די יוניאָן־פירער. פעט אַ׳בריין און זיינע שותפים וועלן שטיין פאַר דער גאַנצער עפנטלעכקייט דיסקרעדיטירט און צע־מאַלן אויף שטויב. אונטער אַט־די אומשטענדן וועלן וואָלן פאַר אַנדערע יוניאָן־פירער זיין אַ באַלדיקע נויטווענדיקייט און איר וועט קאָנען דער־

ווײַלן ערלעכע און געטרײַע פירער. דאָס איז אונדזער מיינונג, — האָט לעסטער פאַרענדיקט.

אַן אומצופרידנקייט האָט זיך צעווינטיקט אין זאַל. אַ שושקערײַ האָט זיך הויך צעזשומעט. אין זאַל פּראַסטיקט.

קוירלי איז שוין ווידער אויף דער פּלאַטפאָרם. זיין שטים איז אָנגעלאָדן מיט בייזקייט. זיינע ווערטער — הייסע קוילן.

— וואַלן ? ! זיי מיר מוחל, ברודער לעסטער, איך מוז דיר זאָגן, אַז דו ביזט אַ נאַאיווער מענטש. און דו, קריסטאָפער, מיט אַלע דיינע דערפאַרונגען ביזטו נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ האָפענונגסלאָזער אָפּטימיסט.

— געדענקט וואָס איך זאָג אײַך, — האָט קוירלים שטים געדונערט, — פּעט אָ׳ברייען מיט זיינע באַנדיטן וועלן ניט געפונען ווערן שולדיק. און אויב זיי וועלן יאָ געפונען ווערן שולדיק וועלן זיי ניט פאַרשיקט ווערן אין טורמע. זיי וועלן אָנשטעלן, פאַר יוניאָן־געלט, פּיפיקע אַדוואָקאַטן מיט גרויסן פּאָליטישן איינפלוס און די באָסעס וועלן עדות זאָגן, אַז פּעט אָ׳ברייען איז אַ צדיק, און די ביזנעס־אַגענטן זענען מלאכים. דער פּראָצעס וועט אָפּגעלייגט ווערן אויף לאַנגע חדשים און וועט ווידער אָפּגעלייגט ווערן ביז אַלעס וועט פאַרגעסן ווערן.

— יאָ, און וועגן וואַלן, זאָג איך אײַך, אַז פּעט אָ׳ברייען וועט באַשליסן, אַז צוליב דעם אומגליק אין דער יוניאָן, מוזן די וואַלן אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. און ווען פּעט וועט ענדלעך באַשליסן דורכצופירן וואַלן, וועט ער אײַך אַרונטערנעמען פון דעם באַלאָט, ווייל איר האָט אינסטיגירט און אָנגעפירט אומגעזעצלעכע סטרייקס, אַן דעם וויסן און אַן דער גוטהייסונג פון דער יוניאָן, וואָס איז אויסדריקלעך פאַרבאָטן לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן. און אויב עמיצן פון אײַך חלומט זיך, אַז איר וועט קאָנען מאָביליזירן די אַרבעטער צו שטימען קעגן פּעט אָ׳ברייען מיט זיין קליקע, דאַרפט איר ניט פאַרגעסן, אַז פּעטס באַיעס וועלן דורכפירן די וואַלן און זיי וועלן ציילן די שטימען, און לויט זייער חשבון וועלן פּעט מיט זיינע אַרויסהעלפער דערוויילט ווערן מיט אַ ריזיקער מאַיאָריטעט . . .

— ערשט דערנאָך וועלן זיך אָנהייבן אייערע ריכטיקע צרות: באַוואָפנט מיט דעם מאַנדאַט פון פאָלק, וועט פּעט אײַך פאַרפאָלגן אויף שריט און טריט. איר וואָס זיצט אויף דער פּלאַטפאָרם וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער יוניאָן. אַנדערע וועלן פאַרלירן די דזשאָבס. ער וועט אויסהונגערן אייערע פרויען און קינדער. איר וועט מוזן פאַרלאָזן די טרייד. אַזעלכע יוניאָן־פירער, ווען זיי קעמפן פאַר זייער מאַכט און פאַר זייער

גרעפט און גנבות, זענען ערגער פון צערייצטע ווילדע חיות.

קוירלי האט פארענדיקט זיין רעדע און זיך געלאזט גיין צו די טרעפ, וואס פירן אראפ פון דער פלאטפארם אין זאל אריין. ער האט זיך אבער גלייך אומגעקערט און זיך ווידער געווענדט צום עולם:

— איך האב שוין היינט גערעדט גענוג, אבער מיין פליכט איז פאר אייך אויסצולייגן מיין פראגראם און דערנאך טוט ווי איר פארשטייט. מיין פראגראם איז — א באלדיקע אפשטימונג צו ארגאניזירן א נייע יוניאן, היינט אוונט. אויב דער פארשלאג וועט אנגענומען ווערן פון א גרויסער מאיאריטעט, זאלן מיר דא דערוויילן יוניאן־פירער אויף זעקס חדשים, און דערנאך דורכפירן וואלן דורך א געהיימען באלאט.

— מיין מיינונג איז, אז מיר זאלן דערוויילן לעסטער גארדאן אלס דעם מענעדזשער פון דער יוניאן. קריסטאפאר — יוניאן־פרעזידענט. סלים ווילי — סעקרעטאר־טרעזשורער, און די צוואנציק קעפטנס פון דער עק־שאן־קאמיטע — אלס די עקזעקוטיוו־באארד, וואס זאל האבן דאס רעכט אנצושטעלן ביזנעס־אגענטן. מיר, די אלע פארזאמלטע דא ביים מיטינג, זאלן פרייוויליק מאכן פינאנציעלעביישטייערונגען, אז אונדזערע פירער זאלן באלד קאנען דינגען יוניאן־אפיסעס, קויפן מעבל, אנשטעלן אפיס־הילף און אנפירן די יוניאן־טעטיקייטן. פון מארגן אן זאלן מיר אנהייבן צאלן דיוס צוויי דאלער א חודש, ווי מיר האבן געצאלט אין דער געוועזע־נער יוניאן. אט דאס, מיינע פריינט, איז מיין פראגראם, און איצט בא־שליסט ווי איר ווילט.

אין זאל איז שטיל. ערנסטע פנימער און פרעגנדיקע אויגן זענען גע־ווענדט צו דער פלאטפארם, וואו לעסטער, קריסטאפאר און ווילי זיצן צוזאמענגערוקט פארטיפט אין א באראטונג. קיינער וואגט ניט צו שטערן. אלעווארטן מיט דורשטיקער נייגעריקייט אויף דעם באשלוס פון דער באראטונג פון די אנערקענטע פירער.

ענדלעך . . . קריסטאפאר ווענדט זיך צום עולם:

— וויל נאך עמיצער זיך באטייליקן אין דער דיסקוסיע, צי איר ווילט מיר זאלן צוטרעטן שטימען?

— שטימען! אפשטימען! אפשטימען! — ווערט דער זאל פאר־פלייצט מיט אויסגעשרייען.

דער האמער אין קריסטאפארס האנט שטילט איין דעם עולם, און קריס־טאפאר זעצט פאר:

— איידער מיר גייען איבער צום שטימען וויל איך, אז איר זאלט וויסן לעסטערס און ווילים און אויך מיין מיינונג. בלויז אן איבערוועגנדיקע

מערהייט שטימען וועט באשטימען צי א נייע יוניאן זאל ארגאניזירט ווערן, און מיר זאלן אונטערנעמען אזא גרויסע פאראנטווארטלעכקייט. אויב א באדייטנדיקע מינאריטעט וועט שטימען קעגן, וועלן מיר זיך מוזן אפזאגן פון אזא שריט. און איצט וועלן מיר צוטרעטן צום שטימען.

— אלע די וואס זענען מיט דער מיינונג, אז מיר זאלן היינט אוונט ארגאניזירן א נייע יוניאן, זאלן אויפהייבן די רעכטע האנט.

א וואלד פון הענט האט פלוצים אויסגעוואקסן אין זאל.

קריסטאפאר קוקט אויף דעם וואלד מיט הענט און שמייכלט.

אין הונדערטער אויפגעהויבענע הענט פלאטערן, ווי זומער־פייגעלעך, קאלירפולע פאפירלעך. קריסטאפאר דערקענט דעם קאליר. ער ווייסט די ווערט פון די פאפירלעך, און ער פארשטייט די באדייטונג פון די פאפירלעך אין די הענט פון די הארעפאשניקעס, וואס שטיקן זיך שוין א לאנגע צייט מיט צארנדיקן פראטעסט קעגן דעם פארראט פון זייערע קארופטע יוניאן־פירער. ער ווייסט, אז זיי ביישטייערן איצט זייער שווער־פארהארעוועט געלט מיט טיפן פארגעניגן און מיט פעסטן גלויבן, אז זיי הייבן אן בויען אן ערלעכע, ריינע יוניאן, וואס זאל דינען זייערע לעבנס־אינטערעסן. דער שטענדיק־רואיקער קריסטאפאר דערפילט א ווארעמען, נערוועזן ציטער אין זיין קערפער און ער מורמלט שטיל — אמן . . .

— אלע די וואס זענען קעגן ארגאניזירן א נייע יוניאן, הייבט אויף די הענט!

פון די ווינקלען אין זאל הייבן זיך אויף דא און דארט א פאר צענדליק הענט און פאלן שוואך און פארשעמט ארונטער, נאך איידער קריסטאפאר און די פארזאמלטע קאנען זיי איבערציילן.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

פון זיין באהעלטעניש האט פעט א'ברייען ארויסגעלאזט א רוף צו די ארבעטער:

„טייערע ברידער,

„איך פיל פאר נייטיק אייך צו ווארענען קעגן דער פארשווערונג פון די קאמוניסטן צו פארניכטן אונדזער יוניאן.

„זיי, די קאמוניסטן, זענען פאראנטווארטלעך פאר דעם בלוטיקן געשלעג אין אונדזער יוניאן, אין וועלכן צוויי אומשולדיקע ארבעטער האבן פארלארן זייערע לעבנס.

„אויף דעם באפעל פון מאסקווע האבן זיי ארגאניזירט דאס בלוטיקע געשלעג אין אונדזער יוניאן.

„אויף דעם באַפעל פון מאָסקווע רופן זיי מיטינגען און פּאַקן אָן די האַלס מיט זייערע קאַמעראַדן און סקול־יינגלעך, — מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער ליג, צו שימפן און באַשמוצן אונדזער יוניאָן.

„אויף דעם באַפעל פון מאָסקווע האָבן זיי אָרגאַניזירט אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן, מיט דעם צוועק צו צעברעכן אונדזער יוניאָן.

„יוניאָן מיטגלידער, לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון די קאָמוניסטישע אַגענטן פון מאָסקווע. זיי זענען שונאים פון אונדזער לאַנד.

„ווי אמתע פּאַטריאָטן מוזן מיר פאַרטיידיקן אונדזער גרויס לאַנד, אונ־דזערע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, אונדזערע פאַמיליעס, אונדזער פרייהייט און אונדזער רעכט פריי צו דינען גאָט, און אַלע אונדזערע דע־מאָקראַטישע רעכטן, וואָס זענען גאַראַנטירט דורך אונדזער קאָנסטיטוציע.

„איך רוף אייך צו קעמפן קעגן די קאָמוניסטישע פאַרשווערער, — די שונאים פון אַמעריקע.

פּעט אָ׳ברייען, יוניאָן־מענעדזשער״.

די אַרבעטער האָבן געלייענט פּעטס רוף און האָבן געברענט פון צאָרן. זיי האָבן געהאַגלט גאַליקע זידלערייען אויף פּעט אָ׳ברייען:

— אַ חוצפּהדיקער דעמאַגאָג! אַ געווויסנלאָזער פּאָליטישן!

— אַ דעגענערירטער פאַרשוין! אַ פּירער פון אַ רעקעטיר־באַנדע!

אַרבעטער לאַכן מיט גאַליקן געלעכטער:

— פּעט וויקלט זיך איין אין דער אַמעריקאַנער פאָן... פּעט בילט וועגן דעמאָקראַטיע... ער, וואָס האָט איינגעפירט אין דער יוניאָן די בלעק־דזשעק דעמאָקראַטיע... ער וואָס האָט אָנגעהאַלטן זיין מאַכט מיט דער הילף פון געדונגענע גענגסטערס, וואָס האָבן דערמאָרדעט ניקן... ער וואָס האָט אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן פון פאַרראַטן און פאַרקויפן די אַרבע־טער — אזא לומפּ וויקלט זיך אין דער אַמעריקאַנער פאָן?!

אַרבעטער פאַרברענען פּעטס אויפרוף. זיי צערייסן זייערע יוניאָן־ביכלעך, אויף וועלכע עס געפינט זיך פּעט אָ׳ברייענס חתימה, און זיי שווערן, אַז זיי וועלן בעסער הונגערן, איידער באַלאַנגען צו אַ יוניאָן, וואָס ווערט דאָמינירט פון די פּעט אָ׳ברייענס.

עס רייסט אויף אַ באָמבע

דער פרימאָרגן ליכטיקט נאָך ניט אַריין אין די פענצטער. אין דרויסן איז קאַלט. א פייכטער ווינט באַפאַלט די פאַרבייגייער און יאָגט זיי פון די גאַסן, און יאָגט די שוואַרצע מיט פייכטקייט־אָנגעלאָדענע כמאַרעס, וואָס פאַרדעקן דעם הימל און פאַרטונקלען די ליכטיקייט פון אָנקומענדיקן טאָג.

לעסטער שפּרינגט האַסטיק ארויס פון בעט. ער טוט אויף גיך אָן זיינע קליידער. ער איילט זיך. היינט איז א גרויסער טאָג. אַלץ איז פאַרטיק: די באַזונדערע אָפיסעס פאַר די ביזנעס־אַגענטן, דאָס גרויסע צימער וואו די עקזעקוטיוו באָארד וועט אָפּהאַלטן אירע מיטינגען, און דער פינאַנץ־דע־פּאַרטמענט פון דער יוניאָן, — פּראַקטיש אויסגעבויט מיט גענוג פּלאַץ פאַר דעם בוכהאַלטער און פאַר אַלע זיינע אַרויסהעלפער. אַלץ איז ניי־אויסגעפאַרבט. אויף ביידע שטאָקן איז דאָ גענוג פּלאַץ אפילו פאַר עט־לעכע הונדערט אַרבעטער.

און היינט וועט מען אַריינברענגען אַלע שרייב־טישן, די בענקלעך, די גרויסע פייער־קאַסע, די שרייב־מאַשינען, — און די אַרבעט וועט אָנהייבן זינגען אין די יוניאָן־אָפיסעס; און היינט, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט, וועלן קומען אַרבעטער; צוערשט די אַרבעטלאָזע, און דערנאָך די באַשעפטיקטע, אַרויסצונעמען זייערע יוניאָן־ביכלעך פון זייער אייגענער, אמתער יוניאָן.

לעסטער איילט זיך וואָס גיכער אויפצושליסן די טירן פון דעם יוניאָן־אָפיס. ער קאָן קוים איינהאַלטן די נערוועזיטעט וואָס באַהערשט אים.

יעדן פרימאָרגן פירט לעסטער אין זיין אויטאָמאָביל זיינע צוויי קינדער אין סקול. דאָס איז זיין טיפער פאַרגעניגן, מיט וועלכן ער הייבט אָן זיין טאָג אַרבעט.

אין די פרימאָרגנס, ווען ער פירט זיינע קינדער אין סקול, בליצן אויף אין זיין מוח דיזעלבע געדאַנקען. ניט ער רופט זיי אַרויס, נאָר זיי בליצן אויף פון זיך אַליין. ער פאַרטרייבט זיי ניט, און ער לאָזט זיך פון זיי וואַרעמען און צערטלען: אים האָט זיין טאַטע ניט געפירט אין אַן אויטאָ־מאָביל אין סקול אַריין. אין שניי, און אין רעגן האָט אים זיין גוטע באָבע געטריבן אין דער תלמוד־תורה, אין דער לאַנגער, ניט־איבעריק ריינער, קאַלטער שטוב.

אַמאָל, שפּעטער, אויב ער וועט דערלעבן א טיפע עלטער, וועט ער דער־ציילן זיינע קינדער די געשיכטע פון זיינע קינדער־יאָרן... וועלן זיי אים גלייבן? מסתמא וועלן זיי טראַכטן, אַז דער „אַלטער" דערציילט זיי אומ־

גלויבלעכע, פאַנטאַסטישע מעשיות. און זיין טייערע, ליבע און געטרייע רבקה וועט אַ געקריוודעטע אים פאַרוואַרפן: „לעסטער, מיר האָסטו גאָר־ניט דערציילן וועגן דעם. שעמען מעגסטו זיך, לעסטער, אָפּגעלעבט אַ לעבן מיט אים, און מיר גאָרניט דערציילט וועגן דיינע קינדער־יאָרן, פאַרוואָס, לעסטער?"

נאָר היינטיקן פרימאָרגן מוז ער זיך אָפּזאָגן פון זיין גרויסן פאַר־געניגן צו פירן זיינע קינדער אין סקול אַריין. היינט הייבט ער אָן זיין פּאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, אַלס דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. היינט איז איינער פון די גליקלעכסטע טעג, דער טאָג, וואָס וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אַ גרויסער מיוחס, אַ ליכטיקער שטערן אין דער כמעט־אומ־גלויבלעכער געשיכטע פון זיין לעבן.

ער ווייסט, אַז ער פאַרמאָגט ניט די נייטיקע דערפאַרונג, און אַז די אַר־בעטער דערוואַרטן פון אים פיל, פיל מער ווי פון די אַנדערע יוניאָן־פירער. אָבער גרויסע פּלענער קלאָרן זיך אויס אין זיין מוח יעדן טאָג זינט ער איז דערוויילט געוואָרן צו זיין אַמט. יעדער פּלאַן איז געצילט צו נוצן די פאַר־איייניקטע מאַכט פון די אַרבעטער פאַר דעם איינציקן צוועק: צו פאַרבע־סערן די אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער און דערהייבן זיי גייסטיק. ער איז זיכער מיט זיין דערפאָלג.

רבקה און די קינדער פאַרשטייען אים. זיין טייערע, קלוגע און געטרייע רבקה איז צופרידן מיט זיין נייער פּאָזיציע אין זיין לעבן. זי וועט היינט אָפּפירן די קינדער אין סקול אַריין. ער מוז זיין אין אָפּיס פרי. ער מוז זיך איילן און ער וועט מוזן נוצן דעם אויטאָמאָביל.

שטיל און גיך גליטשט זיך לעסטער אַרויס פון הויז, ניט צו שטערן דעם זיסן מאָרגן־שלאָף פון זיינע גראָטענע קינדער. דער פייכטער קאַל־טער ווינט כאַפּט אים אַרום מיט קאַלטער, בייסנדיקער בייזקייט. די פרי־מאָרגנדיקע ליכטיקייט רייסט שוואַך דורך די גערדיכטע טונקעלע כמאַרעס, וואָס פאַרדעקן דעם הימל. מיט ענערגישע און איילנדיקע טריט שפּאַנט לעסטער צום גאַראַדזש.

לעבן דעם גאַראַדזש בלייבט ער אויף אַ מינוט שטיין. די טיר פון דעם גאַראַדזש איז אַביסל צעעפנט. — צופיל צוטראָגן די לעצטע עטלעכע טעג, דאָס טויג ניט, — מאַכט ער זיך אַ פאַרוואורף. — צוליב זיין איילעניש די לעצטע עטלעכע טעג פאַרגעסט ער קלייניקייטן. אָט האָט ער פאַרגעסן צו נעמען דעם רעגנמאַנטל, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער נעכטן ביינאַכט געלאָזט די טיר פון גאַראַדזש אַביסל אָפן. אָבער — טרייסט ער זיך, — מאָרגן וועט שוין אַלץ זיין אין אָרדענונג. אויס מיטן אַרומלויפן איינצור־

קויפֿן שרייב־טישן, פּייער־קאַסעס, און דערנאָך אויף גיך צוריקלויפֿן אויפֿ־צופּאַסן אויף די בעל־מלאכהס, אַז אַלץ זאָל געטאָן ווערן ריכטיק, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און ער דאַרף אויך רעדן מיט די אַרבעטער, וואָס קומען באַזוכן זייער נאָך־ניט־איינגעשטעלטן יוניאָן־אָפּיס. מאָרגן, מאָרגן וועט ער שוין ווידער זיין דער רואיקער לעסטער.

אינעווייניק אין אויטאָמאָביל. ער שטעקט אריין דאָס שליסעלע אין נעסט. אַ דריי דאָס שליסעלע מיט דער רעכטער האַנט, אַ קוועטש דאָס קנעפּל מיט דער לינקער האַנט און גלייכצייטיק אַ דריק מיטן פוס דאָס שטאָלענע פּיסעלע צו שפּייזן דעם מאָטאָר מיט גאַז און — אַ מוראדיקער קראַד !

די באָמבע וואָס איז קונציק צוגעפּעסטיקט געוואָרן צום מאָטאָר פון דעם אויטאָמאָביל האָט אויפגעריסן אין דער רגע ווען דער מאָטאָר איז געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג.

די צוויי פענצטער און די טיר פון דעם גאַראַדזש זענען צעשמעטערט געוואָרן פון דעם אויפרייס. אינעווייניק אין דעם צעשמעטערטן אויטאָ־מאָביל ליגט לעסטער אין אַ טייך בלוט אַ טויטער, — צעריסן און צעשניטן פון די שטיקער גלאָז פון די צעשמעטערטע פענצטער פון דעם אויטאָמאָביל, און פון די אָפּגעריסענע אברים פון דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָבן געהאָגלט אויף אים מיט מערדערלעכער ווילדער קראַפט.

— — — — — — — — — — —

דעם זעלבן פרימאָרגן האָט קריסטאָפער אויפגעשלאָסן די פאָדערשטע טיר פון דעם יוניאָן־אָפּיס. דער שאַרפער גערוך פון דער פרישער פאַרב האָט אַ זעץ געטאָן אין זיינע נאָזלעכער. ער האָט געלאָזט די טיר ברייט צעעפנט און זיך געאיילט צו עפענען די פענצטער. נאָר איידער ער האָט באַוויזן צו עפענען דאָס ערשטע פענצטער, איז ער באַפאַלן געוואָרן פון צוויי באַנדיטן, באַוואָפנט מיט בלייענע רערן. ער איז געבליבן ליגן אויפן דיל אין אַ טייך בלוט.

אייניקע מינוט שפּעטער איז סלים ווילי געקומען אין יוניאָן־אָפּיס און געפונען דעם צעשלאָגענעם קריסטאָפער אין אַ האַלב־באַוואוסטלאָזן צו־שטאַנד און ער האָט טעלעפאָנירט אין שפּיטאָל נאָך אַן אַמבולאַנס.

דער יונגער דאָקטאָר האָט אויף גיך פאַרבאַנדאזשירט קריסטאָפערס וואונדן. ווען קריסטאָפער איז געקומען צו זיך, האָט אים דער דאָקטאָר גע־פרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים.

קריסטאָפער האָט געענטפערט :

— פּעט אָ'ברייען מיט זיינע אַדיוטאַנטן האָבן פּאַרטיידיקט די „פרייע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע".

דער יונגער דאָקטאָר האָט געטראַכט: — די וואונדן אין זיין פּאַציענטס קאָפּ וועלן זיך גיך פאַרהיילן, נאָר זיין פּלאָפּלעריי איז געווים דער רעזול־טאַט פון אַ שאַרפער נערוון־צעטרייסלונג. דאָס קאָן זיין ערנסט.

נקמה

שוין די דריטע וואָך אַז מעק מעקאַרטי טרייבט אַ טעקסי. מעק און זיין פריינט דינאַ זאַנעלי האָבן געקויפט די טעקסי בשותפות. זיי זענען ביידע אויפגעוואָקסן צוזאַמען אין וואָטער סטריט, אין נידעריקסטן טייל פון דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד. זיי זענען געגאַנגען אין סקול צוזאַמען און געשפילט בעיסבאָל צוזאַמען מיט די יינגלעך פון זייער גאַס — זייער גענג. זיי זענען געווען שותפים מיט זייערע פאַרדינסטן דורך פאַרקויפן צייטונגען אין זייערע קינדער־יאָרן. זיי זענען געבליבן פריינט, כאָטש זייערע וועגן אין לעבן האָבן זיי צעשיידט. מעק איז געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער פרייז־פאַיטער. דינאַ האָט געאַרבעט פון דרייצן יאָר אָן אויף א טראָק פאַר דער „בעל פייפער באַקס קאָמפּאַני". צוערשט איז דינאַ געווען דער אַרויסהעלפער אויף דעם טראָק. עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער דערהויבן געוואָרן. די פירמע האָט פאַרגרעסערט אירע געשעפטן. אַ צווייטער טראָק איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. דינאַ איז געוואָרן אַ טראָק־טרייבער, און א גוטער פאַרדינער. ער האָט חתונה געהאַט. זיין ווייב האָט אים געבאָרן דריי קינדער. פופצן יאָר האָט ער געאַרבעט פאַר דער פירמע. פלוצים האָט די פירמע באַנקראָטירט און פאַרמאַכט איר פאַבריק. דינאַ איז געבליבן אָן אַ דזשאַב א לאַנגע צייט.

מעק און דינאַ האָבן אָפּגעקויפט אַ געניצטע טעקסי. דינאַ האָט געטריבן די טעקסי בייטאָג, פון ניין אַזייגער אין דער פרי ביז זעקס אַזייגער אין אָוונט. מעק האָט געטריבן די טעקסי פון ניין אזייגער אָוונט ביז זעקס אַזייגער פאַרטאָג. זיי האָבן פאַרדינט גוט און האָבן זיך געטיילט מיט די פאַרדינסטן גלייך אויף גלייך.

מעק פלעגט וואַרטן מיט זיין טעקסי לעבן רייכע רעסטאָראַנען, נאַכט־קלובן און לעבן מעדיסאָן סקווער גאַרדן, וועז פרייז־פאַיטס פלעגן פאָרקומען. זיינע פאַסאַזשירן האָבן אים געקענט און פלעגן אים באַלוינען מיט א ברייטער האַנט.

מעק איז געווען צופרידן מיט זיין ארבעט, מיט זיין שותף און מיט זיינע פאַרדינסטן. יעדן פאַרטאָג, זעקס אַזייגער, נאָך זיין נאַכט־אַרבעט, פלעגט ער אריינפירן די טעקסי אין גאַראַזש. דערנאָך פלעגט ער מאכן א לאַנגן שפּאַציר אויסצוגלייכן זיינע ביינער. צולעצט פלעגט ער אַריינגיין אין דער גרויסער, ריינער העל־באַלויכטענער „דע־לוקס קאַפעטעריע" און באַשטעלן זיין פרישטיק — „העם" און אייער און אַ טעפּעלע קאַווע.

טעדי, דער צען־יאָריקער צייטונגס־פאַרקויפער, פלעגט אויסוואַקסן לעבן

מעקס טיש, אים באַגריסן מיט אַ באַגייסטערטן אויסרוף: „האַי, טשעמפּ!" מיט זיין רעכטער האַנט פּלעגט טעדי אַרויסשלעפּן איין ציישונג פון דעם פּאַק צייטונגען, וואָס פּלעגן ליגן אין אָרדענונג, איינגעגאַרטלט אונטער זיין לינקן אָרעם, און פאַרזיכטיק זי אַוועקלייגן אויפן טיש, וואו זיין "טשעמפּ" איז געזעסן און געשלונגען זיין פרישטיק.

מעק פלעגט ענטפערן אויף טעדיס באַגריסונג מיט אַ ברייטן שמייכל. מיט אַ באַפרייטער האַנט פלעגט ער גוט־ברודעריש צעשויבערן טעדיס געדיכטע, שוואַרצע האָר און אים אַ פרעג טאָן: „האָ איז ביזנעס, מאַי פרענד ?" אַ צען סענט שטיק פלעגט ליגן אויפן טיש אָנגעגרייט פאַר טעדין, דעם צייטונגס־פאַרקויפער.

ניט וואַרטנדיק אויף טעדיס ענטפער פלעגט מעק אַ וואַרף טאָן דעם דאַים הויך אין דער לופט. טעדי פלעגט כאַפּן דעם פליענדיקן דאַים פון דער לופט און מיט אַ פריילעכן „טהענקס טשעמפּ" פאַרשווינדן צווישן די אַנ־דערע קונים אין דער קאַפעטעריע.

פאַרטיק מיט זיינע „העם ענד עגס", אויסגעזופּט ביז דעם לעצטן טראָפּן זיין קאַווע פון דעם גרויסן און שווערן טעפּל, נעמט זיך מעק צו דער צייטונג. אויף גיך לייענט ער צוערשט די גרויסע קעפּ פון די פאַרשידענע נייעסן. דערנאָך די קליינע קעפּלעך.

מיט הנאהדיקן אינטערעס לייענט ער אַלע איינצלהייטן פון די גנט־פראַצעסן אין די געריכט־הייזער, וואו די רייכע פאַרלעך קעמפן טאָג־טעג־לעך אויס זייער געזעצלעכע באַפרייאונג. דערנאָך — וועגן די נעכטיקע גניבות, איבערפאַלן, מאָרדן און אַרעסטן. און צולעצט — די נייעס פון דער ספּאָרט־וועלט.

די באַריכטן וועגן די פּרייז־פאַיטס לייענט מעק מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. פאַרזיכטיק, ניט געאיילט לייענט ער דורך הקפה נאָך הקפה (ראַונד נאָך ראַונד). זיין בלוט פליסט האַסטיק אין זיינע אָדערן. זיינע מוסקולן ווערן אָנגעשטאָלט, זיינע פויסטן — פאַרקלעמט ווי האַמערס. ער זעט קיינעם ניט. ער הערט ניט דעם טומל אין רעסטאָראַן. ער איז פאַרטיפט אין דעם גאַנג פון דעם פויסטן־געפעכט מיט אַלע זיינע חושים. זיינע אַקסלען באַ־וועגן זיך אויטאָמאַטיש הין און צוריק. זיינע פיס אונטערן טיש טאַנצן הין און צוריק, פונקט ווי ער וואָלט געווען אין דעם „רינג" און באַדאַרפט דער־לאַנגען זיין קעגנער אַן איינדרוקספולן בוכטשע. אָפט פלעגט ער שטיל מורמלען : „דערלאַנג אים ! גיך ! וואַרט ניט ! איצט, שויז, און פאַרענ־דיק אים, דו מייזל !" און זיך ברייט צעשמייכלען ווען זיין „באַי" פלעגט

—לויט דעם צייטונגס־באַריכט, דערלאַנגען זיין קעגנער דעם בליץ־שנעלן נאָקאוט כמאָל.

פאַרשוויצט, פאַרפּלאָנטערט און אויסגעשעפּט פון א לאַנגן צען־הקפהדיקן פאַיט, פּלעגט ער אַ מידער, אָבער אַ צופרידענער פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן און זיך לאָזן אהיים גיין שלאָפן.

יענעם פרימאָרגן האָט מעק געליִיענט בלויז איין שטיקל נייעס, ניט מער. אַזוי גיך ווי ער האָט צעעפנט די צייטונג איז זיין אויג געפאַלן אויף אַ נייעס: — „לעסטער גאַרדאַן, יוניאַן־פּירער, געטויט פון א באָמבע".

די צייטונג איז איינגעקלאַמערט געוואָרן אין מעקס פאַרשטייפטע הענט. א היץ־כוואַליע האָט א זעץ געטאָן אויף אים. שווייס איז געוונען איבער זיין פּנים. דערנאָך איז א פראָסט דורכגעלאָפן זיין גרויסן קערפּער. ער האָט געציטערט פון קעלט, און פּלוצים איז א שוואַכקייט אים באַפאַלן. די צייטונג איז ארויסגעפאַלן פון זיינע פּלוצים־אָפּגעשוואַכטע הענט. די עלעקטרישע לאָמפּן אין דער גרויסער קאַפעטעריע זענען פּלוצים טונקל געוואָרן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער ליגט אויף דעם גראָבן גרויען לייוונט וואָס פאַרדעקט דעם דיל פון דעם פאַיטינג־רינג, און דער רעפערי שטייט לעבן אים און ציילט: איינס! . . . צוויי! . . . דריי! . . .

און — מעק מעקאַרטי האָט געוויינט. די שטאַרקע מידקייט האָט אָנגעלאָדן זיין גרויסן קערפּער מיט אזא שווערקייט, ווי נאָך א לאַנגער קראַנקהייט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און מיט שוואַכע טריט, ווי אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער מאַן, האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פון דער טומלדיקער קאַפעטעריע.

אין זיין גרויסן, לופטיקן צימער האָט מעק אויסגעטרונקען אַ גלאָז בראָנפן, אַרונטערגעצויגן זיינע קליידער און זיינע שיך און זיך אַריינגעוואַלגערט אין בעט אריין.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען טונקל אין צימער. ער איז אַרויס פון בעט, אָפּגעגאָלט זיין שטעכיקע באָרד, זיך אַריינגעזעצט אין דער וואַנע און געלאָזט לויפן הייסע, כמעט־קאָכעדיקע וואַסער איבער זיין גרויסן קערפּער. דערנאָך האָט ער אויף זיין צעהיצטן קערפּער געלאָזט לויפן דאָס אייז־קאַלטע וואַסער.

ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע יום־טובדיקע קליידער. פון אַ טיש־שופלאָד האָט ער אַרויסגענומען זיין אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און אים אַריינגעלייגט אין זיין הינטערשטער הויזן־קעשענע.

אין דרויסן איז געווען קיל און לופטיק. דער בלויער הימל איז דאָ און דאָרטן געווען פאַרלאָטעט מיט קליינע טונקעלע כמאַרע־לאַטעס. אַ האַלבע

פארגעלטע לבנה האט זיך געגליטשט איבער דעם בלויען הימל און זיך באַ־האלטן אויף קורצע רגעס אונטער די כמארע־לאַטעס, זיך ווידער אַרויס־געגליטשט און איז ווידער געשוואומען איבער דער הימלשער בלויקייט.

מעק האָט אַריינגעצויגן די קילע, פרישע לופט אין זיינע לונגען. זיין ברייטער ברוסטקאַסטן, אָנגעגאָסן מיט לופט, האָט זיך צעשפּרייט ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּוכיר און איז צוריק איינגעשרומפּן געוואָרן ווען ער האָט אַרויסגעאָטעמט די איינגעצויגענע לופט. מעק האָט זיך דערפילט דער־פרישט. ער האָט איינגעצוימט זיין גוט־באַקאַנטע נערוועזע אויפרעגונג, ווי אין דעם מאָמענט ווען ער פלעגט מאַכן זיינע לעצטע הכנות אין די לעצטע מינוטן פאַר זיין פּויסטן־פאַרמעסט אין דעם „רינג״.

מיט געמאָסטענע טריט האָט ער געשפּאַנט צו אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן. אין רעסטאָראַן האָט דער קעלנער אים פריינטלעך באַגריסט. מעק האָט באַשטעלט אַ סטעיק. דער וואַנט־זייגער האָט גלעקלדיק געקלונגען ניין מאָל.

נאָך איידער ער האָט פאַרשלונגען דעם סטעיק, האָט ער באַשטעלט עפּל־פּאַי און קאַווע.

פאַרענדיקט מיט זיין געשמאַקן מאָלצייט, רוקט מעק אַריין זיין גרויסן קערפּער אין קליינעם טעלעפאָן־שטיבעלע. ער רופט ענדריו וויליאַמס.

עס ענטפערט מיסעס וויליאַמס. מעק דערקענט איר שטים.

— יעס, — האָט מיסעס וויליאַמס שטים אַ קלונג געטאָן אין מעקס אויער.

— דאָס איז מעק, מיסעס וויליאַמס, מעק מעקאַרטי. איז דזשאַני דאָ ביי אייך ?

—האַ, מעק ! וואָס מאַכסטו ? פאַרוואָס זעט מען דיך ניט ? ניין, מעק, דזשאַני איז ניטאָ. דזשאַני און ענדריו זענען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שעה צוריק.

— ווען וועלן זיי צוריקקומען, מיסעס וויליאַמס ?

— ענדריו האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיין אינדערהיים אַרום עלף אַזייגער. כ׳בין ניט זיכער צי דזשאַני וועט קומען צו אונדז מיט ענדריון.

— אַ דאַנק, מיסעס וויליאַמס, כ׳וועל טעלעפאָנירן מאָרגן. אַ גוטע נאַכט, מיסעס וויליאַמס.

מעקס צופרידנקייט איז צעגאָסן איבער זיין רויט־צעפלאַמטן פּנים. מיסעס וויליאַמס האָט אים געגעבן די נייטיקע אינפאָרמאַציע.

האַלב נאָך צען איז מעקס טעקסי געשטאַנען ניט ווייט פון ענדריו ווי־ליאַמסעס הויז. מעק איז געזעסן אינעווייניק. זיין „קעפּ״ אַרונטערגערוקט

ביז די אויגן. ער האָט געוואָרט און געהיט יעדן פאַרבייגייער. זיין טעקסי איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש.

ער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע און געכאַפּט א קוק אויף זיין זייגער. באַלד עלף! אין יעדן אבער האָט ער דערפילט זיין אויפרעגונג. ער האָט געעפנט די טיר פון דער טעקסי און געלאָזט אָפן א ברייטערע עפענונג ווי פריער. דער רעוואָלווער ליגט גרייט אויף זיין שויס.

אין גאַס איז פינצטער און שטיל. פון פענצטער שיינט אַרויס אויף דער גאַס געל־רויטלעכע ליכט. די לאַמטערנס אויף דער גאַס זענען ניט בכוח צו פאַרטרייבן די פינצטערניש.

מעקס אויגן, אויערן און אַלע זיינע חושים זענען אָנגעשטרענגט. פון דער וויטנס הילכן עכאָס פון טריט. ער צעעפנט די טיר פון דער טעקסי אביסל ברייטער. — ניין, ניט זיי! מעק איז אַנטוישט. זיין אויפרעגונג שטייגט. נאָך א פאַרבייגייער. — ניין! א פרעמדער. דער פרעמדער פאַרשווינדט אין א דערבייאיקן הויז. מעק באַלעקט מיט דער צונג זיינע טרוקענע ליפּן . . .

ער דערהערט ווי שווערע טריט הילכן אַריין אין דער שטילקייט. דאַכט זיך . . . יאָ! . . . דאָס זענען זיי! דער גרויסער, ברייט־פּלייציקער, אין לייכטן גרויען מאַנטל, איז ענדריו, און דזשאַני — הויך און שטאַלטנע, אָן א מאַנטל. זיי זענען פאַרטיפט אין א געשפּרעך.

— ענדלער! איצט! גיך!

ער האָט שטיל געעפנט די טיר פון דער טעקסי און זיך שטיל אַרויסגע־שאַרט אין גאַס אַריין. אין בלויז געציילטע סעקונדן איז ער געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט זיינע אַלטע גוטע פריינט — ענדריו וויליאַמס און דזשאַני דהי ספינקס. זיי זענען פאַרגליווערט געוואָרן פון איבעראַשונג.

—מעק! ביזט משוגע געוואָרן? — האָט דזשאַני אַרויסגעכריפּעט.

— ניין, כ'בין ניט משוגע! דאָס איז פאַר לעסטער גאַרדאָן, — האָט מעק געברומט.

מעקס רעוואָלווער האָט געקראַכט. די ערשטע קויל האָט געטראָפן און דורכגעלעכערט ענדריוס האַרץ. ער האָט א כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט דאָרט וואו די קויל האָט געטראָפן און איז געפאַלן אויפן טראָטואַר אָן א קרעכץ.

דזשאַנים האַנט האָט גיך געפונען דעם רעוואָלווער אין זיין הויזן־קעשע־נע. עס איז אָבער געווען צו שפּעט. מעקס רעוואָלווער האָט געהאָגלט הייסע, פייערדיקע קוילן אויף אים און ער איז געפאַלן אויף דעם טויטן קערפּער פון זיין באָס, ענדריו וויליאַמס.

אין זיין טעקסי, אויפן וועג צוריק קיין ניו־יאָרק, האָט מעק געמורמלט:

— נאָך איינעם! דעם פרומען מערדער פעט אַ׳ברעיין! דעם פאַררעטערישן יוניאָן־באָס! דערנאָך קענען זיי אים אפילו אָפּבראָטן אויפן „הייסן בענקל״. ער איז גרייט, — האָט ער געטראַכט.

אין זיין צעהיצטן מוח האָבן בילדער אויפגעטויכט. ער האָט זיך געזען שטיין אין געריכט אַנגעקלאָגט אין מאָרד, און ער הערט קלאָר ווי דער ריכטער זאָגט: „מעק מעקאַרטי, דו האָסט ניט קיין לאַיער, וועט דער געריכט באַשטימען אַ לאַיער דיך צו פאַרטיידיקן״.

מעק טראַכט, אַז דער קלוגער לאַיער וועט טענהן, אַז דער אַנגעקלאָגטער מעק מעקאַרטי איז יאָרן־לאַנג געווען אַ פּרייז־פּאַיטער, און די קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגן פון זיינע קעגנער אין איבער הונדערט פאַיטס, איז ער גערירט געוואָרן פון זינען, און דערפאַר . . .

און מעק באַשליסט, אַז ער וועט אויסשרייען אין געריכט צום לאַיער:

— איך בין דיר מוחל דיינע טובות, מיסטער לאַיער! — און ער וועט פאַרזיכערן דעם ריכטער און דער דזשורי, אַז זיין פאַרשטאַנד איז איצט, און איז געווען, לויטער און קלאָר, און ער האָט זייער גוט געוואוסט וואָס ער האָט פּלאַנירט צו טאָן יענע נאַכט, — און אַלץ, אַלץ וועט ער זיי דערציילן.

ער וועט זיי דערציילן, אַז ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל געקומען צו ענדריו וויליאַמס אין הויז אַריין, זענען ענדריו און זיין „באָי״ דזשאָני געזעסן און געשפּילט אין קאָרטן, און ער, מעק, האָט אים געזאָגט: „דזשאָני, איך זוך דיך אַרום. איך האָב רעזיגנירט פון פּעטס יוניאָן־קאָמיטע. איך האָב באַשלאָסן צו קויפן אַ גענוצטע טעקסי און ווערן אַ טעקסי־טרייבער״.

און ער וועט אין אָפענעם געריכט דערציילן, אַז ענדריו וויליאַמס האָט אים, מעקן, געזאָגט, אַז ער וועט אים קויפן אַ נייע טעקסי, אויב ער, מעק, וועט אַריינשיסן עטלעכע קוילן אין דעם גאָט־פאַרדאַמטן יידן לעסטער גאָרדאָן.

ער וועט אויך דערציילן, אַז ער, מעק, האָט געענטפערט:

— לעסטער גאָרדאָן איז אַ מזלדיקער ייד, און עס איז אַ געפאַר צו פּרובירן אים אָפּצורייניקן.

און אַז דזשאָני דהי ספינקס האָט זיך צעלאַכט און האָט געזאָגט, אַז ער, מעק, האָט פאַרלאָרן זיינע קישקעס און איז געוואָרן אַ צעשראָקענער האָז, — אַ פייגלינג.

און נאָך עפּעס וועט ער דערציילן דעם ריכטער און דער דזשורי: ער ווייסט, אַז ענדריו וויליאַמס, דזשאָני דהי ספינקס און דער יוניאָן־באָס פּעט

אַ׳ברייען — די אָנפירער פון אַ רעקעט, — האָבן אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן און האָבן געדונגען די באָמבע־ספּעציאַליסטן, — די דזשאָנסאָן ברידער, אונטערצוליייגן די באָמבע אין לעסטער גאָרדאָנס אויטאָמאָביל, צו דער־הרגענען דעם הייליקן מאַן, און אַז גאָט אַליין האָט אים, מעק מעקאַרטין, געהאָלפן נקמה נעמען פאַר דעם שווידערלעכן מאָרד פון זיין פריינט לעס־טער גאָרדאָן, און אַז ער האָט ניט קיין חרטה אויף דעם וואָס ער האָט גע־טאָן און ער איז גרייט פאַר דעם „עלעקטרישן בענקל״.

אָבער איידער ער ווערט אַרעסטירט און געמשפּט, מוז ער געפינען פּעט אַ׳ברייען!

— לעסטער, מיין איין און איינציקער פריינט, איך שווער, אַז איך וועל ניט רוען ביז איך וועל אים געפינען.

הייסע טרערן זענען גערונען פון זיינע אויגן און זיך געקייקלט איבער זיינע באַקן. ער האָט אָפּגעשטעלט די טעקסי אין אַ זייטיקער, שטילער און פינצטערער גאַס און זיך גוט אויסגעוויינט.

מעק האָט זיך דערפילט דערפרישט און באַרואיקט. ער האָט באַשלאָסן, אַז ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס וועט אים אָנקומען זייער שווער צו טרייבן די טעקסי היינטיקע נאַכט, וועט ער זיך אָנשטרענגען און אַרבעטן די גאַנצע נאַכט, כדי אויסצומיידן זיין שותפס פראַגן, פאַרוואָס ער האָט ניט געטריבן די טעקסי, און וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט אים.

אויף צולהכעיס האָט ער געהאַט אַ שפּעדיקע נאַכט. ווי נאָר איין פּאַסאַ־זשיר איז אַרויס פון זיין טעקסי, האָט אַ צווייטער באַלד פאַרנומען זיין פּלאַץ. און איינער פון זיינע פּאַסאַזשירן האָט אים דערקענט, און מיט אים פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן די היינטיקע פרייז־פאַיטערס, און פאַרוואָס ער גייט ניט צוריק אין רינג, און ענלעכע פראַגן. מעק איז געווען צופרידן וואָס ער איז פון אים ענדלעך פּטור געוואָרן. זיין קאָפּ איז געווען אָנגעפילט מיט אַנדערע געדאַנקען, — ניט מיט פרייז־פאַיטס . . .

ער האָט זיך דערפרייט ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. ער האָט אַריינ־געפירט די טעקסי אין גאַראַדזש, אַריינגעגאַנגען אין קאַפּעטעריע, געקויפט אַ מאָרגן־צייטונג ביי זיין יונגן פריינט טעדי, איינגעשלונגען זיין פרישטיק און איז היימגעגאַנגען מיט גיכע גרויסע שפּאַן.

געקומען אַהיים, האָט ער זיך אויסגעטאָן און זיך אַריינגעוואַלגערט אין בעט אַריין. ער איז געווען מיד און שלעפעריק, ער האָט אָבער ניט גע־קענט איינשלאָפן. ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן. ער האָט געוואָלט שלאָפן, שלאָפן, פאַרגעסן . . . כאָטש אויף עטלעכע שטונדן, נאָר

ער האָט ניט געקענט אָפּשטעלן זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן קעגן זיין ווילן אַרומגעטאַנצט אין זיין מוח.

— באַלד, באַלד, — האָט זיין מוח אים דערציילט, — וועט אין דער אונטערוועלט זיך צעטראָגן די נייעס, אַז ענדריו און דזשאַני זענען דער־שאָסן געוואָרן. ווי אַ דונער וועט די נייעס אַ קראַך טאָן דאָרט אין יענעם לאַגער פון געמבלערס, גנבים, אָפּיום־שמוגלער, גענגסטערס און אַלערליי שווינדלער. ווי פּאַרסמטע מייז וועלן זיי אַרומלויפן און פרעגן איינער דעם צווייטן:

— ווער? ווער האָט געמאַכט די ברכה איבער די צוויי פּייאיקע, כיטרע און דערפאַלגרייכע קאַרפּן־קעפּ?

— זיי וועלן אָבער קיינמאָל ניט טרעפן, — האָט אים זיין מוח פאַר־זיכערט. — יענע פאַרשווינען וועלן פאַרדעכטיקן, אַז די צוויי רעקעטירס און מערדער האָבן געקראָגן זייער שטראָף צוליב עפּעס אַ „דאָבל־קראָס" אין אַ גאָר גרויסן און פעטן „ביזנעס־דיל". עס וועט זיי קיינמאָל ניט איינפאַלן, אַז ער, מעק . . .

— אָבער גענוג! פאַרוואָס קאָן ער ניט איינשלאָפן? ער איז אַזוי מיד. ער מוז שלאָפן . . .

מעק איז אַרונטער פון בעט, האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַ פלאַש בראָנפן, אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז און אויסגעטרונקען. דער בראָנפן האָט אַ ברען געטאָן זיינע קישקעס און אָנגעלאָדן זיין קערפּער ווי מיט בליי. ער איז כמעט אַריינגעפאַלן אין בעט אַריין און גיך איינגעדרעמלט און דרימ־לענדיק האָט ער געמורמלט:

— נאָך איינעם! נאָך איינעם!

אינהאַלט:

בוד־קאַמיטעט

בילד פון בען גאָלד

ווידמונג

כבוד זייער אָנדענק!

ערשטער טייל

גאָדל נאָטע־באַנצעס — 13
לעיזקע — 23
צוריק פון סלאָושבע — 32
אברהם כאַנצעס — 40
מען מאַכט שלום — 57
שלום — 66
לעיזקע געניסט פון זיין פרייהייט — 70
לעיזקעס ערשטע ליבע — 73
לעיזקע צוריק ביי דער אַרבעט — 82
לעיזקעס באַגעגעניש מיט גאָדל־נאָטע־באַנצעס — 85
לעיזקע מוז אַנטלויפן פון שטעטל — 92

צווייטער טייל

לעיזקע אין אמעריקע — 105
הונגער — 108
ארטשארד סטריט — 114
לעיזקע ביי דער ארבעט — 125
לעיזקע זוכט א דזשאב — 133
זיין מזלדיקער רעגן — 138
די פירמע „גארדאן און לעווין" — 153

דריטער טייל

דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה — 161
לעסטער אין טורמע — 167
לעסטער ווידער ארעסטירט — 173
ארויס פון טורמע — 184
ענדריו וויליאמס — 189
פאנטש דראנק מעק — 195
מעק פירט דורך זיין אויפגאבע — 202
דער פראצעס — 206
לעסטערס דערקלערונג — 209

פערטער טייל

פעט אַ׳ברייען — 215
לעסטער איז צוריק ביי זיין ארבעט — 226
אַז אומדערוואַרטער גאַסט — 236
סטראַטעגיע, ווידערשטאַנד און קאַמף — 241
דער פּראָטעסט — 247
לעסטער שפּאַצירט אַהיים — 254
דער ערשטער טאָג טעטיקייטן פון די
רענק און פאַיל־קאַמיטעטן — 257
דער מאַסנמיטינג — 259
עם רייסט אויף אַ באָמבע — 267
נקמה — 271